NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08969

ARBETS-KINDER

Y. Bakst

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארבעטס-קינדער

כרעסטאָמאַטיע און ארבעטס־בוך

פארן 4־טן לערן־יאָר

צונויפגעשטעלט פון

י. באקסט און י. גרינבערג

אונטער דער רעדאקציע

פון ה. פּאָליאק

צווייטע פאַרבעסערטע אויפלאגע

פארלאג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1928

Типография „Эмес“
Москва, Покровка 9.
Тираж 10.000 экз.
Главлит № А.411

א. אונזער קאַנט

י. שווארץ

א שטילע פרייד

א שטילע פרייד ליגט גאָלדיק אף די פעלדער—
די טעג, זיי זיינען אזוי זוניק־ליכטיק.
פארנאכטן פורפורנע מיט טיפע הימלען—
די אלטע דארפס־הייזלעך אזוי ציכטיק.

אין גארבן גאָלדענע טריקנט זיך די שעפע
פון נייע, פרישע, שמעקנדיקע ברויטן.
עס צייטיקן אף זון די געלע קירבעס,
און שווארצע טרויבן קרייזלען זיך אף פלויטן.

די רויטע ווינטער-עפל אף די בוימער,
זיי לויכטן פריש־באהויכט דער זון אנטקעגן.
און ס'ציען זיך, פארדעקט מיט ברוינע בלעטער,
די אלטע, רויטע, גרין-פארגראזטע וועגן.

באמערקט די אייגנשאפטס-ווערטער פון דער ליד און דערקלערט די מער אינ-
טערעסאנטע: פורפורנע פארנאכטן, טיפע הימלען א. א. וו.

שאָלעם אש

אין דאָרף

און קענסטו די פעלדער אין וואָלין? שאָען-לאַנג קאָנסטו פאָרן, איינ-
געטאָפּיעט צווישן הויכע זאַנגען. קיין הייזל, קיין בוימל וועט זיך דיר אין
די אויגן ניט ווארפן. נאָר אַ כוואַליע בייטן באוואַקסן מיט טוואוע. איין אומ-
ענדלעכע כוואליע גיט זיך אַ לאָז אַרויף אין דער הויך,—באַלד גיסט זיך א
צווייטע כוואַליע הויכע, פולע זאַנגען אַף די וויאָרסטן לאַנג אראָפּ אין טאָל.

פון טאָל זעסטו — א שנור-וועגל ציט זיך אוועק און פאַרבלאָנדזשעט זיך ערגעץ אין וואַלד אַריין. שפּען-לאַנג גיי איך צווישן די זאַנגען — און די פעלדער ציען זיך פאַר מיינע אויגן אוועק, און איך באַגעגן ניט קיין לעבעדיקן נפש.

קעגן פאַרנאַכט ווייזן זיך אַרויס פון מיטן די זאַנגען איינציקע רויטע דעכער. איך קום אָן אַפן וועג, וואָס פירט לינקס אין דאָרף אַריין. דער ערשטער מענטש, וואָס איך באַגעגן אַפן וועג, איז אַ איד, אַן אַלטער, מיט א שיטערער, לאַנגער, ווייסער באָרד. זיצט זיך אונטער א בוים. דאָס פּעקל, וואס ער האָט ערשט געהאַט אפּגעלייגט פון זיין רוקן, ליגט אים צופוסן און ער זיצט זיך איינער אליין. עס גייט אים גאָרניט און קיינער ניט אָן.

א לאַנגער שמאָלער וועג, פוןביידע זייטן מיט קליינע הייזלעך באַשמעלט, פענסטערלעך קוקן אַרויס פון צווישן צווייגן און בלעטער; פאַר דער טיר אף די טרעפּלעך זיצן די באַלעבאָסטעס און שמועסן צווישן זיך-איינע, מיט אַ רויט טיכל אַפן קאָפּ, שטייט און קוקט ווייט אין פעלד אַריין. פאַרשטעלנדיק מיט דער האַנט פאַר דער זון, קוקט זי ווען אויס אין פעלד. און אין וועג, אין זאַמד, שפּילן זיך קינדערלעך קליינע, איינגעברודיקטע. און פון פעלד אַהיים לאָזט זיך איבערן וועג מיט אַ גאַלאָפּ אַ סטאַדע, אויסגעמישט פויערשע שעפּסן מיט די נאַרישע אויגן, ציגן, קי און פערד צוזאמען, און זייערע פאַסטוכער, די קינדער מיט די בייטשלעך, מיט באָרוועסע פיס, אין די טאַטעס וועסטן, הענדום-פּענדום אין איין גאַלאָפּ, אַזוי אַז עס האָט זיך געדאַכט, אז דאָס אַלץ איז איין סטאַדע. אַלץ איז אויסגעמישט און לעבט אינאיינעם, שעפּעלעך מיט מענטשלעכע קינדער, ציגן, כאַזיירים מיט הינט—אַלץ לעבט אין שאָלעם. די כעוורע האָבן מיך געגעבן א נעם אריין אין מיטן און איך בין צווישן זיי פאַרטרונקען געוואָרן... פאַר יעדן הויז איז געשטאַנען די באלעבאָסטע און האָט אָפּגעשיידט איר סטאַדע, אירע צוויי-דריי שעפּעלעך מיט די ציגן און כאַזיירים און האָט זיי אַריינגענומען אין איר הויף אריין. טייל גייען מיט גוטן, עס הייסט, גייען זיך פּלוצלונג אַרויס פון דער סטאַדע און לאָזן זיך אין הויף אַריין; אַ טייל אָבער לאָזן זיך נאָך דער סטאַדע, און די באַלעבאָסטעס לויפן זיי נאָך, זיי אָפּצושיידן פון די איבעריקע און אַריינברענגען אין הויף.

פאַר אַ קליין הייזל, וואָס די שוועל פון דער טיר איז באלד שוין אזוי הויך, ווי דאָס פענסטער, איז געשטאַנען א הויכע, דאַרע אידענע, אין א ווייס טיכל איינגעהילט דעם קאָפּ, און זי האָט אויך אָפּגעוואַרט איר טשערעדע — אַן אָרימע, מאָגערע קו. זי איז זיך געגאַנגען אָן אַ זייט, פּאַמעלעך, מיט רואיקע טריט אַריין אין הויפל, און אויסגעשטעלט איר אייטער פאַר דער אידענע מיט דעם קריגל, וואָס איז געקומען אָפּנעמען פון דער קו די מילך.

דערזעענדיק אַ איד זיצט פאַר דער טיר פון זיין הויז און קוקט זיך צו אלעס צו, בין איך צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט מיך אויפגענומען, און מיר זיינען ביידע געזעסן און געענטער באַקאַנט געוואָרן.

אזוי ווי מיר זיצן און ריידן איינער צום אנדערן, הערן מיר פון דער־ווייטנס א געזאַנג. עס איז שוין געוואָרן טונקל. באלד האָט זיך פון דער־ווייטנס געלאָזט הערן א וואָגן סקריפּען. פאַר אונז איז דורכגעפאָרן א פור פול אָנגעפּאַקט מיט זאַנגען, און פויערשע טעכטער מיט די קאָסעס אין די הענט זיינען נאָכגעגאנגען און האָבן באַגלייט די אָפּגעשניטענע זאנגען פון פעלד אהיים אין שפּייכלער אריין מיט געזאַנג, אַזוי איינע, אַזוי צוויי און אַזוי דריי.

פּרוּאווט איר זיך באשרייבן אַ בילד פון דאָרף פּארנאכט.

פּ. ראמאנאוו

גוטע ערד

אַז מע האָט צעטיילט די פּריצישע ערד און ס'איז אוועקגעגאנגען אַ שטיקל צייט, האָבן די פּויערים ווידער זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אַז ערד איז ווייניק.

— נאָר ווערליק פריער, האָט איר דאָך אסאַך מערער? — האָט גע־פרעגט דער פאַרוואלטער פון ערד־אָפּטיילונג.

— נו, אז מערער איז וואָס... אונזער אָרט איז זייער א שלעכטס.

— דאָס איז אַן אָרט, — האָט געזאָגט דער שמיד, — אז פון די ראָוון אליין בין איך שוין פארמוטשעט געוואָרן. פאַראיאָרן איז אף מיין פעלד געווען א קליין ראוול, אַ גלייכס און האָט גאָר ניט געשטערט צום אַקערן. און היינטיקס יאָר האָבן אים די ניטגוטע אַזוי צעפּערעט, אַז מע קאָן שוין אים אפילע ניט איבערשפּרינגען. און צו די צאָרעס גייט ער נאָך געדריידלט. דרייסט זיך, דרייסט זיך ארום אים, אָן קויכעס קען מען בלייבן.

— די ערד איז אויך ניט די, וואָס אמאָל, — האָט געזאָגט דער אלטער סאפראָן, וואָס האָט געהאלטן נאָר פון אמאָל און אלעס נייעס האָט ער אוועק־געמאכט מיט דער האַנט. — אמאָל זיינען דאָס געווען לאָנקעס, וועלדער — א מעכאַיע. און איצט, דער רועך זאָל זיי נעמען, זיינען בערגלעך געוואָרן. ראָוון ווערן וואָס א יאָר מערער — פון וואַנען האָבן זיך פּלוצים גענומען ראָוון אף אונזער קאָפּ?

— באַ די דייטשן זיינען קיין ראָוון עפּעס ניטאָ, — האָט זיך אָפּגערופן פיליפּ, וועלכער איז געווען אין מילכאָמע־צייט באַ די דייטשן אין גע־פענגעניש.

אַלע האבן צו אים אויסגעדרייט די קעפּ.

— ניטאָ, זאָגסטו?

— קיין סימען ניט.

— מאשמאָעס, אז באַ זיי זיינען גוטע ערטער, — האָט געזאָגט סאפראָן, — אף גוטע ערטער האָבן זיי אָנגעטראָפן.

— זיי וואָלטן באַדאַרפט א פּראָוו טאָן בא אונז! איך וואָלט אויך א באַלן געוועזן צו זעען, ווי וואָלטן זיי זיך דאָ אויסגעדרייט,—האָט דער שמיד אונטערגעהאַלטן.—יאָ, זיי, די גוטע ערטער, הייסט עס, האַלטן זיך ניט בּא אונז עפּעס. לאָמיר. אשטייגער, נעמען די ערד פון גלאַזגאַלעוו. געוועזן, זאָג איך אייך, בּרידערלעך, ניט קיין ערד, נאָר א פּוטער. האָבּן זי גענומען די אנדראסאווער פּויערים. צוויי יאָר האָבּן זיי פון איר געהאַט גוטע געראַטע-נישן, אָן מיסט, אָן גאָרניט. און איצט איז זי עפּעס געוואָרן דאָסיק. אינגאַנצן איבערגעקערט געוואָרן.

— פאַרוואָס זשע איז דאָס?..

— שפּעט פאַרכאַפּט, — האָט סאַפּראָן גענטפערט, — דעריבּער האָט זי אָנגעהויבּן קאַליע ווערן. לאָמיר נעמען, אשטייגער, א פּאָר שטיוול, ווערן אָפּגעטראָגן — די ערד אויך אַזוי.

— עך, ווען מיר זאָלן אף גוטע ערטער אָנטרעפן, — האָט דער שמיד געזיפצט.

— אָ, וואָלטן מיר וועלטן געקערט!

— די גוטע ערטער האַלטן עפּעס ניט פונם פאַלק און פאַרוקן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, וואו מענטשן זיינען ניטאָ. ס׳איז פּאַשעט אַ ווייטיק. נעמט, אשטייגער, אונזער געגנט. וואו איר טוט נאָר א קוק, איז שלעק מיט צאָרעס: קאָרן פאַרדאַרטע, לאָנקעס נאַקעטע. בּעהיימעס נאָר אף דער פעל, קיין וועלדער ניט געבּליבּן. דאָרטן אַבּער, וואו קיין מענטשן זיינען נאָך ניטא, זיינען גוטע ערטער.

— דאָס איז עמעס. אָט, אַשטייגער, האָבּן זיך אונזערע אוועקגעלאָזט מיט א יאָר 5 צוריק אהין, קיין סיביר... האָבּן זיי געשריבּן פון דאָרטן, אז דאָס קאָרן וואַקסט דאָרטן, ווי א וואַלד.

— א וואַלד... הערט אַ מאַיסע.

— קאַרטאָפּל אין די טויזנטער.

— טויזנטער?

— און אַרבּעט, זאָג איך אייך — אַ גאָרניט. אַקערן אַקערט מען ניט, נאָר מע צעדראַפּעט די ערד מיט שטעקענעס און פּאָטער — וואַרים זיך א גאַנצן ווינטער אַפן אויוון.

— אָט אַ מאַזל, — האָבּן געענטפערט עטלעכע שטימען מיטאַמאָל.

— יאָ, הערט זשע ווייטער. האָבּן זיי, הייסט עס, אָפּגעלעבּט אַזוי א יאָר דריי, און פּלוצים, ווידער די אייגענע מאַיסע, מיט דער פּוטער אַראָפּ. אויפגעהערט געראָטן און אַן עק.

— ס׳איז דער ערד, אַפּאָנים, ניט געפעלן; וואָס מענטשן זיינען צו איר געקומען.

— איצטער ווייסט מען שוין ניט, וואו זיינען עס די גוטע ערטער,— האָט סאַפּראָן געקרעכצט.

— מע זאָגט, אַז זיי האָבן זיך אַהין אוועקגעלאָזט,—האָט געזאָגט דער שמיד, און אָנגעוויזן מיטן גראָבן פינגער הינטער זיין פלייצע, ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אין דער זייט אַריין, וואו ער האט געוויזן, און געזעען האָט מען נאָר דעם וואַלד, וואָס האָט אַפן האָריזאָנט נאָך די קאָרענע פעלדער געגרויט זיך אין נעפּל.

— וואוהין זאָלסט זיך ניט וואַרפן, איז, אפּאָנים, אַלצייגס.

— אָט האָט מען אונז געגעבן נייע ערד, — האָט סאַפּראָן געזאָגט,— נאָר ס'איז דאָך טאַקע היגע ערד. ווען מע זאָל געבן פון אַ נייעם אָרט, דאָס פאַרשטיי איך. אָדער מע זאָל געווען געבן פריער מיט א יאָר צוואָנציק, וואָלטן מיר זיך געווען אַ יאָר צוואַנציק מיט גוטער ערד באַנוצט. איצט וועסטו אף איר קענען אַרבעטן ניט מער, ווי אַ יאָר דריי.

— דריי אויך ניט, —האָט דער שמיד צוגעגעבן. — אָט האָבן טשוכאָנצעס געקויפט דאָ ניט ווייט ערד, ווערט זי באַ זיי ניט קאַליע.

— זיי ווייסן, מינאסטאַם, אזאַ שפּרוך, ווערט זי באַ זיי ניט קאַליע.

— דאָס איז טאַקע עמעס. פאַר דער גערעטעניש און פאַר דער ערד דאַרף מען האָבן אַזא שפּרוך. און ווער קען איצט שפּרעכן? זעסט דאָך, וואָס פאַר א דאָר ס'איז איצט געוואָרן — ניט צו גאָט, ניט צו לייט.

— דערפאַר ווערט טאַקע אלץ קאַליע.

— מע וואָלט באדארפט זיך א לאָז טאָן אף די גוטע ערטער.

— יאָ, וועסט זיי אָניאָגן. די גוטע ערטער! ווי נאָר דו קומסט צו זיי, ווערן זיי אויס גוטע.

— כאָטשבי איין יאָר אף אַזאַ ערד, וואָס גיט א גערעטעניש פון זיך אַליין, אָן אַרבעט, מע זאל ניט דאַרפן דעם רוקן בויגן,—האָט דער שמיד געזאָגט.

— אָדער דעם שפּרוך זיך דערוויסן. אַמאָליקע יאָרן האָבן מענטשן געוואוסט שפּרוכן: שפּרעכסט אָפּ און פאַרטיק, וואָס דיין האַרץ געלוסט.

— יאָ, אָבער ניט טאָמיד קאָן מען נאָר מיט א שפּרוך טרעפן, — האָט געזאָגט פיליפּ.—אָט ווען מע נעמט צו בא די דייטשן א שטיקל גוטע ערטער, אָט דאָס וואָלט געווען אַ זאך.

— סאי ווי וועט סטאַיען מער ניט, ווי אף צוויי יאָר, און ווידער קאַליע ווערן.

— אָט ווען מע זאָל אָנטרעפן אף גוטע ערטער און דערוויסן זיך די שפּרוכן, — האָט געזאָגט דער שמיד און זיך פאַרטראַכט.

אַלע האָבן טרויעריק געשוויגן: די שפּרוכן האָט מען פאַרגעסן, און די גוטע ערטער ווערן אויס גוטע.

---

1) פאַרוואָס פלעגט די ערד באַ די פויערים קאַליע ווערן?

2) מיט וואָס האָבן די פויערים דערקלערט דאָס קאַליע ווערן פון דער ערד? רעכנט אויס אלע פויערשע אבערגלויבענישן פון דער דערציילונג.

3) וואָס טוט די ראַטנמאַכט אַף אויפקלערן די פויערים?

4) שטעלט פאַר אין פאַרזאַגען דעם שמועס פון די פויערים וועגן דער ערד.

לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַכשירים

פריער האָט מען געאַקערט מיט אַ סאָכע, נאָכדעם איז אויפגעקומען דער פלוג. פאַרצייטנס, ווען מע האָט נאָך פון קיין אייזן ניט געוואוסט, פלעגט מען באַאַרבעטן די ערד מיט אַ הילצערנער סאָכע. שפּעטער האָט מען די הילצערנע סאָכע פאַרביטן אָף אַן אייזערנער. די סאָכע פלעגט צעאַקערן די ערד נאָר אויבנויף און לאָזן די אויפגעגראַבענע שטיקער אַזוי, ווי זיי זיינען. דער פלוג אָבער האָט שוין אויפגעאַקערט די טיף פון דער ערד, און דערצו איבערגעקערט די אויפגעגראָבענע פּאַסן אַרויפצו. דאָס איז זייער נייטיק פאַרן פעלד, ווייל די מיסטגראָזן ווערן דערביי אויסגעריסן, קומען אַריין אינעווייניק אי דער ערד און, ווי פוילעכץ, מאַכן זיי פעט די ערד; די אונטערשטע איבערגעקערטע שטיקער ווערן אַזוי אַרום אויך דורכגעלופטערט און פון זון אויסגעוואָרימט.

צוליב אונזער אָפּגעשטאַנענקייט איז די סאָכע נאָך ניט אומעטום אַרויס פון דער אַרבעט באַ אונז. דערפאַר אָבער האָבן מיר שוין אין פיל ערטער ניט נאָר דעם פלוג, נאָר דעם שטאָלענעם באַוועגער, דער טראַקטאָר, וואָס שלעפּט אַליין נאָך זיך אַ 15—30 צוגעלאַדעטע פלוגן!

איין מענטש מיט אַ פלוג פאַראַקערט אין אַ טאָג ניט מער, ווי אַ האַלבע דעסיאַטין. דרייען מאַכן איינע און אַ האַלבע דעסיאַטין און האָרעווען זיך גוט ן. מיט אַ טראַקטאָר קאָנען דיזעלביקע דריי מענטשן פאַראַקערן פאַרן טאָג 30 דעסיאַטין, אויפאַקערן טיף די ערד און זיך ווייניקער אָנהאָרעווען.

II

אַז מע זייט מיט די הענט, פאַלן די זוימען אין איין אָרט געדיכטער, אין אַן אַנדער אָרט שיטערער, אָדער זיי ווערן גאָר פאַרטראָגן ניט אַהין, וואו מע באַדאַרף. באַם אַרויסוואַקס שטייען די געדיכט פאַרזייטע זוימען ענג, די שיטער אויפגעגאַנגענע ווידער ברעכן זיך פון אַ ליאַדע ווינטל. די זייעלקע פאַרזייט די זוימען אָף איין טיף, אין גלייכע רייען, אָף אַ געוויסער ווייט איינס פונם אַנדערן. קיין קערנער גייען דערביי ניט פאַרלוירן, און די אַרבעט גופא גייט אין 5—6 מאָל גיכער. אויב פאַר אַ טאָג קאָן מען פאַרזייען מיט די הענט און פאַרבאַראַנעווען ניט מער, ווי 1 און אַ האַלבע דעסיאַטין, פאַרגייט מען מיט דער ריי-זייעלקע גאַנצע 8—9 דעסיאַטין פאַרן טאָג.

III

דאָס ברויט איז צייטיק, מע דאַרף עס אַראָפּנעמען, און טאַקע וואָס גיכער, ווייל די זאַנגען קאָנען זיך נאָך אויסשיטן. מע דאַרף אויסנוצן דעם שיינעם וועטער. אָבער מיט אַ טערפּ קאָנען דריי שניטערס מאַכן פאַרן טאָג אַ דעסיאַטין. קומט צו הילף די שניידמאַשין. איין מאַשין אַזאַ שניידט אָפּ

3 דעסיאטין פארן טאָג. און ניט נאָר זי שניידט, די מאשין, זי בינדט אויך די
טוואָרע גארבנווייז.



IV

די זוימען פון דער טוואוע באקומט דער פויער אַרויס מיט אַ דרעש-שטעקן. אָבער ס׳איז ניט געגליכן צו אַ דרעשלקע. מיט דער האנט קלאפט איין מענטש אויס באַ 60 סנאָפּעס פארן טאָג. מיט דער פערדישער דרעשלקע קאָן 1 מענטש אויסדרעשן 6—7 מאָל אַזוי פיל פארן טאָג. ס׳איז איצט פאראַן אין גרויסע ווירטשאפטן דאמף-דרעשלקעס, וואָס דרעשן אויס ביז 200 סנאָפּעס אַ טאָג. דרייען זיך אין דער דרעשמאשין די געצינדלטע וואלצן. די זאַנגען פאלן אַריין צווישן די וואלצן, און די צײנדלעך נעמען פון זיי ארויס די קערנער. אין דערדאָזיקער מאשין ווערן די קערנער אויך דורכגעזיפּט, עס פארהאלטן זיך די שטרויעלעך אין די זיפּן, און די קערנער פאלן ארויס שוין ריינע קימאַט.

V

קעדיי אָפּקלייבן, אָפּסארטירן די בעסערע, שווערערע קערנער באזונדער און די מאָגערע, דינערע באזונדער, באדארף מען איבערווייען די זוימען, איז פריער אויסגעקומען נאָר אַרויסקוקן אַף אַ טרוקענעם ווינטיקן דרויסן. ס׳איז אמאָל אויסגעקומען גאנץ לאנג צוווארטן. אַדאנק אָבער דער סאָרטיר-מאשין קאָן מען מאכן אַ ווינט אין אַ פארמאכטער געביידע, ווען מע וויל.

אין אייניקע לענדער, אין אַמעריקע, אַשטייגער, שפּאנט מען איין אין טראַקטאָר אַ גאנצע מאַשינעריע: אי די שנייַדמאשין, אי די דרעשמאשין, אי די סאָרטיר-מאשין. שניידט זיך פאריינס אָפּ די טוואוע, ווערן גארבן אויסגע-בונדן, דרעשן זיך אויס, ווייען זיך איבער די זוימען און ווערן אָנגעשאָטן אין די זעק.

לייענט איבער אין יאכינסאָנס ביכל „באַ דער ערד״ וועגן דער געשיכטע פון ערד-ארבעט.

סאָרטן־אָפּקלייב

1) וואָסערע סאָרטן פון לאנדווירטשאפטלעכע קולטורן האָט איר געזייט אף אייער גאָרטן? אויב איר האָט געזייט פארשיידענע סאָרטן, ווייזט אָן די אייגנשאפטן פון יעדן סאָרט: וועלכער ווערט פריער פארטיק, וועלכער איז געשמאקער, וועלכער גיט אַ בעסערע גערעטעניש, וועלכן קויפט מען גיכער אָפּן מארק. פירט דורך אַ פארגלייך צווישן פארשיידענע סאָרטן פון איין און דערזעלבער קולטור און מאכט אַן אויספיר, וועלכע פון זיי לוינט גיכער פאר אייער ראַיאָן.

2) באקענט זיך אַף די פויערשע ווירטשאפטן, וואָסערע סאָרטן פון די מער פארשפרייטע קולטורן ווערן באנוצט אין אייער ראַיאָן. דערוויסט זיך, וואָסערע סאָרטן באנוצט מען אין די ראטן-ווירטשאפטן. אויב ס׳איז דאָ אין אייער אָרט אַ זוימען-ווירטשאפט, מאכט אַהין אַן עקסקורסיע און באקענט זיך מיטן אויפן פון אַרויסבאקומען זוימען און זייערע סאָרטן.

3) פירט דורך אַ פאַרגלייך צווישן פאַרשיידענע סאָרטן פּרוכטן.
4) לייענט איבער אין זשורנאַל „פרייד״ נומ. 5 און אין זשורנאַל „יונגוואַלד״ נומ. (12) 1 וועגן לוטער בערבאַנק און וועגן מיטשורינען.
5) געפינט אין אייער אָרט ווילדע געוויקסן, וועלכע זיינען נאָענט צו די קולטורעלע געוויקסן.

ד. האָפשטיין

לעצטע טעג

אויב ניט דער לעצטער איז ער שוין, דער טאָג דער בלאַסער,
ער ראַמט ווי אויס די מינדסטע שפּור פון שיין —
אַ ווינט קומט אָן און קנייטשט דאָס שטאָל פון וואַסער
און יאָגט געשווינד אין העלן וואַלד אַריין.

נאָר אָט אַ לאָנקעלע—דעם אָטעם האַלט עס איין —
ווי קליינע קינדערלעך אַרום אַ פולער מולטער,
דאָרט שטייען רויטע דעמבעלעך אין העלער שיין...
דער ווינט, ער קוקט און ווערט אַלץ מילדער, מילדער.

און פאַר פאַרגייען שוין בלייבט די זון אַביסל שטיין,
מיט לאָנקעלעך אין וואַלד האָט זי זיך ניט געזעגנט,
ס׳איז נאָך אַ טאָג געשענקט פאַר אונזער געגנט,
ס׳האָט נאָך אַ שטילער טאָג געלאָזט זיין העל געביין!..

---

1. פאַרוואָס הייסט די ליד „לעצטע טעג״?
2. וועלכע אויסדריקן באַווייזן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן די לעצטע טעג פון גאָלדענעם האַרבסט?
3. וואָס ווערט געזאָגט וועגן טאָג? וועגן ווינט? וועגן דער זון?
4. קוקט זיך צו אין אַ בלאַסן טאָג צום טייכל, ווען אַ קליין ווינטל בלאָזט אַף אים, און דערקלערט דעם באַטייט פון דער שורע: „אַ ווינט קומט אָן און קנייטשט דאָס שטאָל פון וואַסער״.

שאָלעם אַש

דער יאָרמאַרק

(פון אַמאָל)

עס איז געווען דער גרויסער יאָרמאַרק אין שטעטל, וואָס ציט צו די אַרומיקע סאָכרים פון דער גאַנצער געגנט.

עס איז נאָך דעם שניט. שוין האָבן די פויערים זייער ביסל טוואָרע אין די שפּייכלער אַריינגעבראַכט און קומען זיך איצט צוזאַמען צו פאַרקויפן די טוואָרע; ווער עס קויפט דערפאַר אַ קו, ווער אַ כאַזער אָף אויסצופּאַשען איבערן ווינטער און אָפן פרילינג צו פאַרקויפן, וועלכער פויער ברענגט זיין אייגן פערדל צו פאַרקויפן, וואָס ער דאַרף עס ניט מער נאָכן שניט, און וויל דאָס אָף אַ גוטן פעלץ אויסבייטן.

פון פרימאָרגן אָן הערט זיך קעסיידער דאָס רעדער-קלאַפּן איבער דעם ברוק פון שטעטל. דאָס קומען אָן צו פאָרן די סאָכרים פון די נאָענטע שטעט-לעך אַרום. אויפגעפּאַקט אָף די גרויסע פורן די קאַסטנס סכוירע מיט די שטעקנס און דרענגער, די שטעלן אויפצושטעלן. קומען אַריינצופאָרן אין שטעטל אַריין טאַנדעט-שניידער *), טאַנדעט-שוסטער, היטל-מאַכער, פעלצן-פּלי-קער מיט זייערע סכוירעס, וואָס זיי האָבן פאָרן גאַנצן זומער אָף דעם יאַריד אָנגעאַרבעט.

מע לויפט פלינק אַ שטעלע צו פאַרכאַפּן און מע שלאָגט אויף אַ קראָם. די שטעטישע האָבן שוין פאַרכאַפּט די בעסטע קראָמען אין מיטן מארק און האָבן די פרעמדע אַרויסגעשטופּט צום פערד-מאַרק, צום כאַזער-מאַרק.

ס'איז אָנגעקומען די גאָמבינער כעוורע. דאָס זיינען די סעדער-אידן, וועלכע האַנדלען אויך מיט פיש פון די גרויסע טייכן. עס שמעקט פון אַזאַ אידן דער פיינער עפּל-געשמאַק, מיט וועלכן ער גייט אום אַ גאַנץ יאָר. דאָס זיינען פון יענע אידן, וועלכע זיינען דאָס גאַנצע לעבן מיט דער ערד איניינעם אויפגעצויגן געוואָרן, אין די טונקעלע טייכן באַם פיש כאַפּן, אין די פייכטע סעדער באַם אויבס געוואַקסן. אָפּגעברענט פון דער זון זיינען זייערע פּענימער און זייערע הענט, אַז עס דאַכט זיך, אַז זיי זיינען פון בראָנזע געגאָסן.

עס זיינען געקומען אָנצופאָרן די גאַסטיניער „ווייבער". ווייבער האָט מען זיי גערופן דערפאַר, ווייל די מענער זיינען טאַנדעט-שניידער און היטל-מאַכער, זיצן אַ גאַנצע וואָך באַ די אַלטע מאַשינעס, וועלכע ווילן ניט אַנדערש ניין, סאַידן נאָר מע טרינקט זיי גוט אָן מיט אייל, אַזוי אַז די הויזן און די מאַרינאַרקעס, וואָס קומען אַרויס פון דער מאַשין, זיינען ווי דורכגענעצט אין אייל; און ווייל די מענער זיינען פאַרנומען, פירן די ווייבער די שטאָט.

עס קומען אָן די זשאַכלינער קאַצאָווים-יונגען, וועלכע קויפן אויף די בעהיימעס אָף די מערק צו פירן זיי אין די גרויסע שטעט. מיט זיי קאָנקורירן די קראַשעניוויצער פערד-יונגען, וואָס קומען צו פאָרן אָפן יאַריד פערד איינקויפן.

---

*) טאַנדעט—אַרבעט פאַרן מאַרק, ניט לויט אַ באַשטעלונג.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען די וועגענער אין שטעטל געפאָרן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די פּויערים מיט די בעהיימעס פון די אַרומיקע ערטער אָנגעצויגן, און פון פרימאָרגן אָן איז געשטאַנען אַזאַ הו-האַ, איז געוועזן אַזאַ געפילדער, געשריי און ליאַרעם אין די גאַסן פון שטעטל: דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיט איין מאָל אָן אַנדער פּנים באַקומען—ניט צו דערקענען. אָנגעשטאָפּט זיינען די גאַסן, די מערק מיט פורן. רויטע, קאָלירטע טיכער איבער די פּויערטעס רוקנס ברענען זיך אין דער וואַרימער זון, און דאָס קירכן-געזאַנג פון די בעטלערס, אויסגעמישט איינעם מיט דעם שרייען פון די יונגע פערד, דעם קוויטשען פון די כאַזיירים, קרייען און שרייען פון אַלערליי אויפעס, האָט אָנגעפילט די לופט. אויסגעמישט זיינען שוין די שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די ווייסגרויע רעק פון די פּויערים, די פאַטשיילעס פון די אידישע ווייבער מיט די העל-קאָלירטע טיכער פון די פּויערטעס—און קאָכט זיך איינעם צונויף.

געכאַפּט האָבן די גאַסטינינער ווייבער אַ פּויער צו אַ שטעל, אויסגעטאָן אים ביזן העמד און מעסטן אים אָן אַלע רעק מיט אַלע היטלען. דער פּויער, מיט דער בייטש אין דער האַנט, שטייט אין אַ צו קורץ יאַקעלע מיט אויסגעשטאַרטע הענט, און די ווייבער האַלטן אים אַ שפּיגעלע פאַר די אויגן: נאַ, זע, ווי שיין דו ביסט!

דאָרט שלעפּט אַ איד אַ זעקל טוואָוע פון אַ פּויערס אַ פור אַראָפּ, דער פּויער וואַרפט צוריק דאָס געלט. עס הערט זיך געלט קלינגען, העבער שרייען, פּויערים שילטן, אידן דינגען זיך—און אַלץ איז איינעם אויסגעמישט. מיטאַמאָל קומט אָן אַ פּויער צו לויפן מיט אַ יונג פערד. פּראַוווט עס אויס און קוקט ניט, ווער עס שטייט—לאָזט זיך מיט זיין פערדל אין פולן, אנגעשטאָפּטן מארק אריין.

אין מיטן דעם יאַם פורן, אידן, פּויערים, כאַזיירים און פערד האָבן ווייבער אויסגעשטעלט זייערע קראָמען מיט די קאָלירטע בענדער.

עס שטייען אַרום באַ די בענדער-קראָמען יונגע דאָרפס-מיידלעך מיט די גראָבע צעפּ און רויטע שטאַרקע הענט, קוקן מיט לייכטנדיקע פרעסנדיקע אויגן אָף דעם אויצער פון די סטענגעס. עס שפּילט אויף די קאַטערינקע. באַלד, אין מיטן טאַראַראַם, ווערט אַרום איר אַן אוילאַם, און דער בלאָער פויגל הויבט אָן אַרומצוטיילן מיט זיין שנאָבל קוויטלעך מיט יעדנס גורל. און דאָס זינגען פון די בעטלערס מיט דעם געשריי פון די פּויערים, דאָס קוויטשען פון די קאַטשקעס און דאָס כריוקען פון די כאַזיירים, די קאָלירן פון די בענדער, דאָס רויטע ליכט פון די טיכער שרייען מיט אין דער זון אַריין—און די אַלע געוואַלדן, ברומען און געשרייען קאָכן זיך צונויף, און דאָס איז דאָס ברומען פון דעם גרויסן יאַרמאַרק.

---

1) צו וואָסער צייט געהערט אַשס באַשרייבונג?

2) באַשרייבט דעם יאַרמאַרק אין אייער אָרט. פאַרגלייכט אייער אַרבעט מיט אַשס באַשרייבונג.

3) וואָסערע מעלוכישע און קאָאָפּעראַטיווע האַנדלס-אַנשטאַלטן זיינען פאַראַן באַ אייך?

ריווקין

די פּענקע

די טויערן זיינען געווען אָפן. גרויסע וועגענער מיט סכוירע, וואָס זיינען געשטאַנען אַף יענער זייט טויער, האָבן אָנגעהויבן אַרויפצופאָרן אַפן הויף איינער נאָכן צווייטן. דאָ איז געווען פלאַקס, לייַן, אייל-זוימען, וואָס פלעגן אָנפילן ביז אין דער הויך דריי-גאָרנדיקע שפּייכלער, וואָס האָבן זיך געצויגן אין צוויי שורעס אַפן צווייטן הויף; דאָ פלעגט מען עס אויסארבעטן, איבער-פּאַקן, טיילן און צוריקפירן פון טויער.

אין הארבסט און זומער, בעשאַס דער טייך פלעגט זיך עפענען, פלעגט די סכוירע גיין אַפן וואסער מיטן טייך דווינע קיין ריגע. און גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט פלעגן דאָ רוישן די זוימען-שיטער, און דער אָפּקלאנג פון דעם גערויש פלעגט הויך און ווייט שטיין אַרום און אַרום. הונדערטער אַרבעטער האָבן פון איינדערפרי ביז אפדערנאכט געטרעפּלעט דעם פלאַקס מיט גרויסע הילצערנע מעסערס,—און געדיכטע וואָלקנס שטויב זיינען געשטאַנען הויך איבער זייערע קעפּ, אַראָפּגעפאַלן אַף זייערע האָר, אַף זייערע פּענימער, אַף די הארטע אויסגעטריקנטע ליפּן, אַף דער פּאָדלאָגע, אַף די ווענט, אַפן באַלקן, אַף די שפּינוועבס אין די ווינקלעך, אַף די טירן, פענסטער און העכער, העכער אַף די קוימענס, אַף די שטאַנגען, אַפן רוקן פון דאַך.

גאנצע בערג מיט קלאָטשע פלעגט יעדע וואָך באַדעקן דעם הויף און יעדע וואָך אַראָפּגעפּידט ווערן צום ברעג טייך, קעדיי אָפּצורייניקן אַפן הויף אַן אָרט פאר נייע בערג. די אַרבעטער פלעגן איבערגיין פון איין שפּייכלער אין צווייטן, אומעטום געפינען וואָס צו טאָן, אומעטום געפינען אַרבעט. יעדער האָט געטאָן זיינס, איינער האָט ניט געשטערט דעם צווייטן.

וואָסערע סכוירעס ווערן אויפגעקויפט אין אייער אָרט אף אַרויסצופירן קיין אויסלאנד? ווער קויפט אויף די סכוירעס?

אויפגאבן

1) דערוויסט זיך, וועלכע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן ווערן גע-ברויכט אין אייער געגנט אַף דערנערונג, וועלכע דינען אַלס רוּוואַרג?

באמערקונג: אַזעלכע קולטורן, וועלכע דינען אלס רוּוואַרג, רופן זיך אָן טעכנישע געוויקסן (צום ביישפּיל: צוקער-בוריקעס, לייַן, טאַבאַק).

2) וואָסערע אונטערנעמונגען זיינען פאַראַן אין אייער געגנט אַף צו איבעראַרבעטן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן (מילן, צוקער-זאַוואָדן, טאַ-באַק-פאַבריקן, אייל-זאַוואָדן און אַנד.)?

3) מערקט אָן אַף דער קאַרטע פון אייער ראַיאָן די ערטער, וואו ס'געפינען זיך די מילן, פאבריקן, זאַוואָדן.

4) וואָסערע לאנדווירטשאפטלעכע קולטורן ווערן אַרויסגעפירט פון אייער ראַיאָן און וואוהין?

5) ווער קויפט אויף די לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן אין אייער ראַיאָן: פּריוואטע הענדלער, מעלוכישע אָדער קאָאָפּעראַטיווע ארגאניזאַציעס?

6) פון די סכוירעס, וואָס ווערן פאַרקויפט אין אייער אָרט, דערוויסט זיך, וועלכע פון זיי ווערן אַרויסבאַקומען און איבערגעארבעט אין אייער געגנט און וועלכע ווערן געבראַכט פון אנדערע ערטער, לויט אַזאַ טאַבעלע:

שפייז		קליידונג און זאכן פוןברייטן געברויך		הייצונג-מאטע-ריאלן		בוי-מאטעריאלן		געצייג	
ארטיקע	פרעמדע	ארטיקע	פרעמדע	ארטיקע	פרעמדע	ארטיקע	פרעמדע	ארטיקע	פרעמדע

7) מאכט אַן אויספיר: וואָס פאַרמאָגט אייער געגנט, וואָס פעלט איר.

האַנדל און קאָאָפּעראַציע

I

באַ וועמען אין די הענט געפינט זיך דער האַנדל באַ אונז אין לאַנד? באַ דער מעלוכע, באַ דער קאָאָפּעראַציע און באַם פּריוואטן הענדלער.

דער פּריוואטער הענדלער טראַכט נאָר וועגן דעם, ווי אנצושטאָפּן זיין קעשענע. דער רעווח, וואָס ער באַקומט פון האַנדלען, איז זיין אייגנס.

דער רעווח, וואָס די מעלוכע באַקומט פונם האנדל, גייט אַף צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון אלע ארבעטנדיקע. דאָס געלט גייט אף שולן, שפּיטאָלן און אנד.

דאָסזעלבע איז מיט די קאָאָפּעראַטיוון: דער רעווח גייט פאַר די מיטגלידער פונם קאָאָפּעראַטיוו.

דער פּריוואטער הענדלער האָט א ציל, וואָס מערער צו פאַרדינען. דער מעלוכישער און קאָאָפּעראַטיווער האַנדל — צו געבן וואָס בעסערע און וואָס ביליקערע סכוירע.

דאַרף מען מאַכן אַזוי, אַז די גאַנצע באַפּעלקערונג זאָל קויפן אַלע סכוירעס אין די מעלוכישע אָדער אין די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען. מע דאַרף מאַכן אַזוי, אַז יעדער פּויער אָדער קוסטאַר זאָל פאַרקויפן זיינע פּראָדוקטן דורך דעם מעלוכישן אָדער קאָאָפּעראַטיוון האַנדל.

דערווייל איז נאָך ניט אַזוי: ניט די גאַנצע באַפּעלקערונג גייט אריין אין דער קאָאָפּעראַציע, און א גרויסער טייל פונם קליינעם האַנדל געפינט זיך אין די הענט פון פּריוואַטע הענדלער. דערפאַר אָבער געפינט זיך דער גרויסער האַנדל אין די הענט פון דער מעלוכע און קאָאָפּעראַציע. פאַרן יאָר 1925—1926 האָבן די פּויערים געהאַט קימאַט א מיליארד פּוד ברויט-מויסרעס*), האָט די מעלוכע דערפון צונויפגעקויפט מער ווי 700 מיליאָן פּוד, וועלכע זי האָט פאַרקויפט קיין אויסלאַנד און פאַר אונזערע גרויסע שטעט און ארבעטער-ראַיאָנען. און אין אַלגעמיין אַלץ, וואָס ווערט ארויסגעפירט קיין אויסלאַנד אדער אריינגעפירט פון דאָרטן, גייט דורך דעם מעלוכישן און קאאפּע-ראַטיוון האַנדל.

א גרויסע באדייטונג פאַר אונזער לאַנד האָט די דאָרפס-קאָאָפּעראַציע.

אָט האָט איר אייך א ביישפּיל, ווי אַזוי ס'ארבעט א גוטער קאָאָפּערא-טיוו אין א ווייסרוסישן דאָרף.

דער קאָאָפּעראַטיוו האָט 700 מיטגלידער. ווען זיינע געשעפטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרבעסערן, האָט ער געעפנט אין די שכיינעסדיקע דערפער נאָך 2 אָפּטיילונגען. באַ זיך אין דאָרף האָט ער געעפנט א טיי-הויז, וואו די פּויערים קאָנען אַריינקומען, אויסטרינקען פאַר צוויי קאָפּיקעס א גלאָז טיי און דערביי לייענען א צייטונג, אָדער גלאָט זיך דערוויסן נייס,— אין דאָרף איז עס א מין קלוב, וואָס ציט אָפּ דעם פּויער פון שיקרעס און געוואוינט אים צו פאַרברענגען מער קולטורעל זיין צייט.

דריי וויאָרסט פונם דאָרף האָט דער קאָאָפּעראַטיוו געעפנט א סמאָלע-זאַוואָד. וואו ס'ווערט אויסגעאַרבעט טערפּענטין, קוילן, סמאָלע, רעדער-שמי-רעכץ. די רעדער-שמירעכץ צעשיקן זיי אין 18 קאָאָפּעראַטיוון לויט ביליקע פּרייזן, דעם טערפּענטין פאַרקויפן זיי דעם מעלוכע-האַנדל, די קוילן—די אָר-טיקע שמידן.

דער קאָאָפּעראטיוו האָט אויסגעבויט באַם טייך א מיל אף דריי שטיי-נער. ער האָט געמאַכט א מילך-זאַוואָד, וואוהין די פּויערים ברענגען זייער מילך יעדן טאָג און באקומען פאַרויס געלט אף קויפן בעסערע בעהיימעס און פאַרגרייטן פאַר זיי פּיטערונג. פריער פלעגן די פּויערים זיך דארפן טראָגן פאר עטלעכע וויאָרסט אין שטאָט אריין יעדן טאָג מיט א קריגל מילך.

דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויך געעפנט א פּונקט אָף סארטירן און ריי-ניקן די קערנער: פאַר גערייניקטע און סארטירטע קערנער צאָלט מען בע-סערע פּרייזן, און ווען מע פאַרזייט מיט זיי דאָס פעלד, גיבן זיי א בעסערע גערעטעניש. אויך האָט ער געעפנט א פּראָקאַט-פּונקט אף אויסצולייען די פּויערים פאַרשיידענע מאַשינעס, וועלכע זיינען פאַרן פּויער נויטיק און ער איז זיי ניט בעקויעך צו קויפן אליין.

*) מויסרעס—וואָס ס'בלייבט איבער.

אין איין האַרבסט האָט דער קאָאָפעראַטיוו צונויפגעקויפט בא די פויע-רים 15.000 פוד ברויט. אָנגעהויבן האָט דער קאָאָפעראַטיוו מיט א קאפיטאל פון 600 רובל און איצט פאַרמאָגט ער שוין 6.000 רובל, און זיין אומזאַץ באַ-טרעפט 8.000 רובל א כוידעש. פון זיין רעווועך גיט דער קאָאפעראַטיוו שטיצע דער שול, דעם שפיטאָל, האַלט אויס א לייען-שטיבל. איצט קלייבט ער זיך נאָך אויסבויען א קראכמאל-זאַוואָד, א טשוכראלניע*) און אן עלעקטרישע סטאנציע. אינגיכן וועט אין אלע דאָרפישע הייזער און אף די דאָרפישע גאַסן לייכטן דאָס עלעקטרישע לעמפעלע.

אָט אַזא מין קאָאָפעראַציע דערנעענטערט אונז צום סאָציאַליזם, ווי ס'האָט אונז געלערנט לענין.

II

ניט קיין קלענערע באדייטונג האָט פאַר אונזער לאנד אויך די קו-סטאר-קאָאָפעראַציע.

די פויערים באקומען די נויטיקע סכוירעס ניט נאָר פון גרויסע פא-בריקן און זאוואָדן, נאָר אויך פון די קוסטארן. די קוסטארן ארבעטן אויס, צענדליקער זאַכן פון פויערשן געברויך: טעפ, מעסער, גאָפלען, העק, וועגע-נער, רעדער, שיך, קליידער, שטריק, מעבל, שטוב-מאכשירים א. א. וו. דאָס אַלץ קויפן די פויערים און אויך די ארבעטער מערסטנטייל בא די קוסטארן, וועלכע אַרבעטן אין קליינע ווארשטאטן בא זיך אינדערהיים. אָפטמאָל אר-בעט די גאנצע מישפאָכע פון קליין ביז גרויס.

לענין האָט זייער אויפמערקזאַם דערלערנט דאָס לעבן פון די קוסטארן. ער האָט געזען, ווי פון צווישן זיי טיילן זיך אויס פון איין זייט די פאַר-מעגלעכערע, וועלכע ווערן אליין אונטערנעמער און הענדלער, און פון דער אנדערער זייט די ארימערע, וועלכע קענען מיט זיי ניט קאָנקורירן און מוזן זיך פאַרדינגען צו זיי,—פונקט אזוי ווי צווישן די פויערים טיילן זיך אויס פון איין זייט רייכע קולאקעס און פון דער אנדערער זייט באטראַקעס. פאר דער קוסטאַרן-מאסע איז די בעסטע זאַך קאָאָפערירן זיך: ניט פארקויפן זייערע סכוירעס די אויפקויפער, נאָר דורך דעם מעלוכישן און קאָאָפעראַטיוון האנדל. די מעלוכע וועט זיי געבן מאטעריאלן צו דער ארבעט און אויסלייען געלט פאר קליינע פראָצענטן דורך די בענק.

ביז דער רעוואָלוציע, בא דער הערשאַפט פון די פריצים און קאַפיטא-ליסטן, האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן דעם, אז די קוסטאַרן זאָלן מיט-העלפן בויען דעם סאָציאליזם: יעדער איינער פלעגט טראַכטן, ווי אזוי זיך ארויפאַרבעטן און ווערן אליין א באלעבעס. מיר ווילן, אז דער קוסטאר זאָל אַרבעטן פאר דער מעלוכע, זאָל פאַרבעסערן זיין לעבן, זאָל זיך פאַראייניקן אין אַרטעלן אַף צו פאַרקויפן זיינע אויסגעאַרבעטונגען און באַקומען מאטעריאלן צו דער ארבעט און קרעדיט דורך דער מעלוכע און די קאָאָפעראַטיוון. בא

*) א ווערקשטעל צו קעמען וואָל.

דער ראָטן-מאכט קאָנען די קוסטאַרן איבערגיין פון קליינער, צעברעקלטער פּראָדוקציע צו גרויסער, פאַראייניקטער.

---

1) וואָסערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען זיינען פאַראַן אין אייער אָרט?

2) גאַקאַנט זיך מיט דער ארבעט פון א קוסטאַרן-קאָאָפּעראַטיוו, פון א ליי- און שפּאָר-געזעלשאַפט.

י. ל. פּערעץ

דאָס שטריימל*)

זיין בין איך א קירזשנער, נאָר דעריקער — א שטריימל-מאַכער. עמעס איז, אז דאָס ראָוו פאַרנאָסע האָב איך פון פּויערשע סערמיאַגעס און טרעגער-פּעלצלעך... עס פאַלט אויך אמאָל אריין לייב מילנער מיטן שאָפּן-פּעלץ... עמעס איז, אז א שטריימל טרעפט זיך זעלטן, זייער זעלטן; וואָרום — ווער טראָגט היינט א שטריימל? א ראָוו! און א שטריימל לעבט אים שטענדיק איבער... אויך איז עמעס, ווען עס טרעפט זיך שוין א שטריימל, מאַך איך עס ערשט אומזיסט, אָדער האלב אומזיסט, וויינִיקסטנס — לייג איך מיין ארבעט צו. און דאָך בין איך דעריקער א שטריימל-מאכער, ווייל אַ שטריימל האָב איך ליב צו מאכן! אַז עס קומט מיר אין די הענט אריין, פּיל איך ערשט, וואָס איך קען און ווער בין איך. פון וואָס דען, זאָגט אליין, זאָל איך האַנאָע האָבן? איך פלעג אמאָל נאַכעס האָבן פון פּויערשע סערמיאַגעס...

ערשטנס, פאַרוואָס ניט? צווייטנס, האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פּויערל גיט אונז ברויט, ער ארבעט זומער אזוי שווער און ביטער, און איך קאָן אים ניט שיצן פאר דער זון, וועל איך כאָטש ווינטער, ווען ער רוט, אים אָפּהיטן פון קעלט!" און, דריטנס, האָב איך געהאט א לידל דערצו! א יונגערמאן בין איך געווען, א קאָל האָב איך געהאַט, ווי א גלאָק, און איך פלעג נייען און זינגען:

„שטעך, נאָדל, שטעך,
א לעדער, ווי א בלעך,
א פוטער, ווי א בארשט,
ס'מאכט זיך א סערמיאַגע פיין,
ס'וועט דעם פּויערל ווארים זיין"...

אויך בין איך געוואָר געוואָרן, אז ערד איז דאָ ווייניק און פּויערים אַסאַך... מע זאָגט „צו פיל"... אַז די איבעריקע פּויערים ליידן הונגער; אַז

---

*) א שטריימל — דאָס איז אזא היטל פון פוטער, וואָס ראַבאָנים און „גוטע אידן" פלעגן טראָגן.

אַפילע פון זעקס מארג *) ערד קאָן מען אויך ניט לעבן, אז ווינטער, דעריבער, רוט דאָס פויערל ניט, עס גייט ערשט א „זוואזקע״!

א שיינע רו האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג און נעכט פירט ער ווייץ אין לייבלס מיל אַריין! וואָס קלערט איר? איך קאָן אַסאַך נאַכעס האָבן, אז מיין סערמיאגע, מיין פראַצע, ווערט א גאַנצן ווינטער אויסגעווייקט, נאַכקריכנדיק פעגירישע פערד, וואָס שלעפּן לייבל מילנערס טוואוע פאַר 13 גראָשן פון זאַק פאר 5 מייל וועגס! און וואָס האָב איך פאַר נאכעס פון א טרעגער-פעלצל? א גאַנצן ווינטער טראָגט ער זעק מיט מעל אין לייבל מילנערס מיל אריין און א גאַנצן זומער ליגט עס פאַרזעצט.

און אז לייבל מילנערס שאָפּן-פעלץ פאלט מיר אין די הענט אַריין, ווי מיינט איר, האָב איך נאַכעס דערפון? עס איז טאַקע א שאָפּן-פעלץ, עס איז טאַקע א קאָחעד, מע האָט טאַקע דערפאַר דערעכערעץ אין שטעטל, נאָר מיר קומט דערפון קיין גוטס ניט ארויס. איך האָב א מיעסע טעווע געקראָגן: איבער וואָס איך זע, האָב איך ליב צו קלערן, פון וואנען עס קומט? פאַרוואָס עס איז אזוי? צי קאָן ניט אַנדערש זיין? און אַזוי ווי איך קריג לייבל מילנערס פעלץ אריין אין די הענט, הויב איך אָן צו קלערן: נאָך וואָס זיינען דאָ אַזוי פיל מינים פעלצן? פאַרוואָס האָט איינער א שאָפּן-פעלץ, דער צווייטער—א טרעגער-פעלצל, און דער דריטער—א סערמיאגע, און א פערטער גאָרניט? און קוים הויב איך אָן קלערן, פארטראכט איך מיך, די נאָדל בלייבט שטיין, און מיין ווייב, זאָל לעבן, גיט מיר אָנצוהערן, אז מע דאַרף ווייניקער קלערן און מער אַרבעטן... נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אז איך מוז קלערן! אז איך ווייס פאָרט, אַז לייבל מילנער לאָזט זיך ניט פריער איבערשטרייכן דעם שאָפּן-פעלץ, ביז ער רייסט ניט אָפּ א גראָשן פון זאַק בא דער סערמיאגע, און נאָך א גראָשן פונם פעלצל... נו, זאָל איך פון דעם נאַכעס האָבן?

אז איך האָב ניט קיין שטריימל, איז מיר אַלץ נימעס! וואָרום וואָס? אַף וואס ארבעט איך אַלץ, די קישקע אָנצולייגן? און מיט וואָס? מיט וואָס? מיט ברויט און קארטאָפל, מיט ברויט אָן קארטאָפל און גאַנץ אָפּט מיט קאַרטאָפל אָן ברויט! קעדאַי? גלויבט מיר, אז א מענטש ארבעט 50 יאָר און עסט 50 יאָר טאָגטעגלעך קארטאָפל, מוז אים נימעס ווערן דאָס לעבן, מוז אים דאָך אַמאָל איינפאלן—זיך אָדער לייבל מילנער א מאיסע אָנטאָן **)! און אויב איך עס ווייטער רואיק מיינע קאַרטאָפל און ארבעט ווייטער, האָב איך עס נאָר דעם שטריימל צו פאַרדאנקען.

מאכנדיק דאָס שטריימל, פיל איך, אז איך האַלט א פויגל אין דער האַנט, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דער פויגל ארויספליען הויך, הויך! קוים מיטן אויג צו דערזעען! און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מיין פויגל, איך האָב געמאַכט, איך האָב אים ארויסגעשלאָגן אין דער הויך! אין שטאָט האָב איך קיין דייע ניט, צו קיין אסיפע רופט מען מיך ניט,

*) א שטעטך ערד עטוואָס מערער פון אַ האלבן דעסיאטין.

**) א מאיסע אָנטאָן—א טויט מאכן.

איך האָב אַף גאָר ניט, איך ערגעץ ניט צו שאפן. נו, וואָס בין איך? א גאָר־ניט! און דאָך לאָז איך ארויס אַמאָל א שטריימל אַף קאָהאָל — בויגט זיך קאָהאָל אין דרייען. און אז איך דערמאָן זיך אַן דער גדולע, וואקסט מיר טאַקע דאָס האַרץ... איר מיינט עפּשער, אז די גוואורע שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטערן שטריימל? אסער. איר ווייסט עפּשער ניט, וואָס דערונטער שטעקט?

איך ווייס! די בריע איז געווען א שלימאַזל, וואָס די וועלט פאַרמאָגט ניט, מיט קליינע, פארלאָשענע, דערשראָקענע אויגן... גאָר וואָס דען? ניט מער, וואָס איך האָב אים א שטריימל געמאַכט... איך בין מודע, אז ניט מיין אייצע איז עס געווען! מיר וואָלט עס גאר ניט איינגעפאלן! קאָהאל האָט באשטעלט, און איך האָב געמאכט. נאָר קוים איז דאָס אייגענע קאָהאָל געוואר געוואָרן, אז דאָס שטריימל, וואָס זיי האָבן בא מיר באשטעלט, קומט צו פאָרן און איז שוין אַ וויאָרסט הינטער דער שטאָט, איז עס ארויסגעלאָפן מיט א סימכע, מיט א גדולע! קינד־און־קייט איז ארויסגעלאָפן, קראַנקע זיינען פון די בעטן אַרויס! מע האָט אויסגעשפּאנט דאָס פערד, און גאַנץ קאָהאל האָט זיך אַף איין מאָל געוואָלט איינשפּאַנען און שלעפּן מיין שטריימל! ווער ווייסט, וואָס ס'וואָלט דערפון ארויסגעקומען, ווען ניט וואָס א כאָכעם האָט אַן אייצע געגעבן: מע זאָל מאכן „טאָרגעס״! און לייבל מילנער האָט געגעבן ח״י *) מאָל ח״י גילדן, און ער איז געווען דאָס ערשטע פערד!

נו, שטעקט ניט א גוואורע אין מיין שטריימל?

---

1) פון וואָס איז לייבל מילנער רייך געוואָרן?

2) שרייבט אויס די ערטער, וואו דער קירזשנער שפּאָט אפּ פון לייבל מילנער און פונעם שטריימל.

3) וואָס טראַכט דער קירזשנער באַ דער אַרבעט וועגן פויער? וועגן זיך אַליין? געפינט די ערטער אין דער דערציילונג און לייענט זיי איבער הויך, ווי מע דערציילט.

צוויי וועלטן

(א מאַיסע)

I. די קליינע מענטשעלעך

א

דאָס לעבן פון די קליינע מענטשעלעך איז ניט אזוי זיס און פריילעך. די נעגידים פארנעמען זיך דאָס רוב מיט האַנדלען, דאָס הייסט זיי דרייען און דרייען אזוי לאַנג, ביז זיי פארדרייען גאַנץ אָפּט אי זיך, אי יענעם. בעסער פון זיי מאַכן די „וואָכערניקעס״: דאָס זיינען יונגעלייטלעך, וואָס דרייען זיך אַרום אין גאַס מיט שאַבעסדיקע קאַפּאָטקעלעך איינדערוואָכן, שמעקן און נישטערן, וועמען מע מעג און וועמען מע טאָר ניט. דאָס זיינען קליינע פּיאווקעלעך, וואָס אז זיי נעמען זיך אָן, איז זיי שווער אָפּצורייסן, ביז זיי

---

*) ח״י — 18.

טויגן זיך אָן פולע בייכלעך... ניט שלעכט לעבן זיך דאָרטן די ראַבאָנים. דאַיאָנים, שאָכטים, כאַזאָנים, שיינע אידן. און יענע, וואָס טויגן ניט צו קיין זאַך, פאַרשטעלן זיך פאַר מעלאמדים, האָרעווען מיטן ביטערן שווייס, „קנעלן" מיט זייערע טאַלמידים, דאָס הייסט זיי זיצן אין ענגע, פינסטערע, פאַראיפּעשטעטע כאַדאָרים און שרייען פון פרי ביז נאַכט, שלאָגן, קאַטעווען, קאַליעטשען אידישע קינדער...

א גרויסער טייל פון די קליינע מענטשעלעך זייגען אָרימע באַלמעלאָכעס, וואָס ארבעטן זייער גאַנץ לעבן איבער א שטיקל טרוקן ברויט; און די אַיבעריקע האָבן ניט וואָס צו טאָן, שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט, פאַרנעמען זיך קלוימערשט מיט מעקלעריי, דרייען זיך אום אין מאַרק און טראַכטן: וואו נעמט מען אָף ברויט?

ב

קיין פלייש עסן זיי קימאַט קיינמאָל ניט, — ניט מאַכמעס זיי זייגען „וועגעטאַריאַנער". ניין! זיי עסן ניט קיין פלייש דערפאַר, ווייל מע האָט בא זיי ארויפגעוואָרפן א טאַקסע*) אָף אַלצדינג, איז דאָס ניט פאַר זייער בייטל. פונדעסטוועגן זייגען זייערע מאַיכאָלים זייער פאַרשיידן, מע קאָן פון זיי מאַכן א בוך. אָט האָט איר א צעטל פון זייערע פאַטראַוועס: א קרופּניק, א וואַלכישער באָרשטש, טייגלעך מיט פאַסאָליעס, א מאַהינע, א מאַמאַליגע, א טייגעכץ, א קאַשע מיט האָניק, וואַרגיטשקעס מיט שמאַלץ, פּאַמפּעשקעס מיט קנאָבל, קאָרוש מיט קעז, בעריעסקעס מיט פלוימען און נאָך אַזעלכע מאַיכאָלים, וואָס מע פאַרשפּאָרט צו זיי פלייש. פון קוגלען איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידן.

אויך צימעסן איז באַ זיי פאַראַן אַלערליי: א פלוימען-צימעס, א מערן-צימעס, א צימעס פון ראָזינקעס, א פאַסטערנאַק-צימעס, א צימעס פון באַרלעך, אַן עפּל-צימעס, א צימעס פון געווירצן מיט לאָרבער-בלעטער... נאָר מערער פון אַלץ האָבן זיי ליב ביטערע קרייטעכער. דהאַינו: פעפער זאָל זיין אַסאַך, כריין, רעטעך דאָפּקע שוואַרצן, און ציבעלע אין פאַרשיידענע אויפאַנים: א ציבעלקע מיט שמאַלץ, א ציבעלקע מיט רעטעך, א ציבעלקע מיט אייער, א ציבעלקע מיט הערינג, א ציבעלקע מיט לעבערלעך, אַ ציבעלקע מיט גריוון און גלאַט ציבעלעס... דערפאַר טאַקע האָבן זיי אַזאַ שיין פּאָנים.

ג

די קליינע מענטשעלעך האָבן א טעווע ריידן פאַרשטעלט, אָנרופן איטלעכע זאַך קאַפּויר. אָף יעדן איינציקן האָבן זיי איין א צונעמעניש, אַזוי אַז פונם צונעמעניש באַדאַרפט איר לערנען פונקט דעם הייפּעך, לעמאָשל: אַז איר וועט דאָרט באַגעגענען א מענטשן, וואָס מע רופט אים דער „כאָכעם", מעגט איר שוין זיכער זיין, אַז ער איז א טיפּעש, כאָטש בראָך אים אין

*) א באַזונדערער אָפּצאָל אָף פלייש באַ אידן.

קרויט אריין; א „וואָרטסמאַן“ איז מיסטאָמע א ליגנער. היינט האָבן זיי ליב מעגאַזועם *) צו זיין יעדע זאַך צען מאָל אזוי פיל. צום ביישפּיל: אז זיי ווילן זאָגן אָף עמיצן, אז ער איז א גוטער מענטש, זאָגן זיי: „א דימענט, א בריליאנט! א מענטש אָן א גאַל!“ און פאַרקערט, אָף ניט אזא גוטן זאָגן זיי: „א ראָשע-מערושע! א האָמען! א רויצייעך“.

א נאָגיד איז בא זיי: „פּס! איר שפּילט זיך מיט אים! אָנגעשטאָפּט!“ און א געמיינער מאַן—איז „א קאַפּצן, א דאַלפן, א קאַסריעל, וואָס שטאַרבט זיבן און זיבעציק מאָל אין טאָג פאַר הונגער אַכוץ וועטשערע!“...

ד

די גאַסן זיינען צום מייסטן בלאָטיקע, קויטיקע, פאַרברודיקטע. איין גאַס איז דאָרט פאַראַן אַזעלכע, וואָס מע רופט זי „די טרוקענע“. זי איז דער שפּיגל, דער בולוואַר פון שטאָט. פאַרוואָס עפּעס רופט מען דידאָזיקע גאַס „די טרוקענע“, אַז אַלע ווייסן, אַז בעשאַס אַ בלאָטע איז דאָרט די אייגענע בלאָטע, וואָס אומעטום? איך האָב גערעדט מיט מענטשן, געטראַכט, צי שטעקט ניט דרינען עפּעס א האמצאָעלע **) און איך בין געוואָר געוואָרן אזא מאַיסע: אַמאָל, פאַרציַיטנס נאָך, איז ארויס א באַפעל, מע זאָל דידאָזיקע גאַס אויספלאַסטערן מיט שטיינער. געוויינלעך, איז געווען „טאָרגעס“. פאָדריאַטשיקעס האָבן געמאַכט יאַדאַכעס***): גענומען געלט, און וואָס איז געווען נאָכדעם—ווייס איך ניט. אַלטע באלעבאַטים זאָגן, אַז אַמאָל איז דאָס געווען ניט קיין גאַס, נאָר א צאַצקעלע. „גלאַט—זאָגן זיי—איז זי געווען, ווי א לאָקשנברעט, טרוקן ווי פעפער, ריין ווי א טעלערל, כאָטש נעם שפּיגל זיך!“... אזוי דערציילן „אַלטע באלעבאַטים“, נאָר איך מיט מיין סייכל קאָן דאָס ניט פאַרשטיין. איך פרעג נאָר איין קאָשע: זאָלט דאָס אנדערש זיין, אז דאָס איז אַמאָל געווען געפלאַסטערט מיט שטיינער, ווי אזוי, פרעג איך אייך, וואָלט זיך ניט פאַרוואַלגערט אין דער בלאָטע כאָטש איין שטיינדעלע, ווי מע זאָגט, אף א רעפוע?

וואָס זשע דען? מוזן מיר אַפּאָנים זאָגן: געלט האָט מען טאקע גענומען, און די גאַס האָט מען ניט געפלאסטערט... בעקיצער, אַז מע רופט זי אזוי, לאָז זיין אזוי. איז זי, די „טרוקענע“ הייסט דאָס, די שענסטע אין קאַסרילעווקע. דאָרט זיצן די רייכסטע נעגידים, די פיינסטע באלעבאַטים. דאָרט, אַף דער גאַט, געפינט איר שוין מויערן צווייגאָרנדיקע, מיט בלעך געדעקט, מיט שיינע געשניצטע גאנקעס און מיט באַלקאָנעס און מיט רויטע, געלע, גרינע לאָדן. נאָר די ארכיטעקטור ****) פון די הייזער איז א מעשונע-מאָדנע ארכיטעקטור. די מויערן דאָרטן זיינען, ווי אף צעלאָכעס—דער אריין, דער ארויס. איינער א הויכער, איינער א קורצער, און אלע שטאַרק צונויפגע-

---

*) איבערטרייבן, גרעסער מאַכן.

**) אַן איינפאַל.

***) איין האנט. מ'זאָל זיך ניט קאָנקורירן.

****) קונסט פון בויען.

קוועטשט, גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן אָפּשטופּן איינס דאָס אנדערע, ארויסבאווייזן זיך אַף צופריער, ווי איינער רעדט: „שאַ, לאָז מיך״!... די פּענסטער מיט די באַלקאָנעס קוקן אַלע גלייך אין דער בלאָטע אריין, נאָר עס מאַכט ניט אויס; עס האָט באַ זיי דאַפּקע דעם זיבעטן כיין. אַי, דער רייעך? דער רייעך איז זיך אַ רייעך, וואָס זאָל מען טאָן?

די קליינע מענטשעלעך זיינען ניט כאָלילע פון די געבאַלעוועטע, וואָס גייען אויס נאָך לופט; „וואָזדוך-שמאָזדוך״, זאָגן זיי... דער כוש האַרייעך באַ זיי איז בעמיילע שטאַרק געשלאָגן.

ה

האָט זיך געטראָפן אַ מאַיסע. עפּעס איינער פון זיי, אַ גייציק אידל, ניט קיין פּראָמאַך, מיטן נאָמען מוישע, איז פּלוצים, אין אַ שיינעם פרימאָרגן ארויסגעגאַנגען מיטן שטעקעלע אין מאַרק אריין און איז שוין מער צוריק ניט געקומען; מע האָט אים אויסגעזוכט אין אַלע מייזנלעכער, וואו ערגעץ אַ בוידים, וואו ערגעץ אַ קעלער; מע האָט אים געזוכט נעבן דעם באָד, באַם טייך—ניטאָ; פאַרפאַלן, ווי אין וואַסער אריין! אינדערהיים האָט ער איבערגעלאָזט געבעך אַ ווייַב מיט קינדער, אָן אַ שטיקל ברויט. דער עוילאָם האָט שטאַרק ראַכמאָנעס געהאַט, מע האָט געאַרבעט, מע האָט ניט אויפגעהערט צו ברעכן זיך דעם קאָפּ: וואו האָט ער געקאָנט אַהינקומען? אַ מענטש איז דאָך ניט קיין שפּילקעלע.

בין די צייט איז געקומען, און דער שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן שטייט מען אויף, מע טוט אַ קוק—ער איז דאָ!..

— שאָלעם-אַלייכעם, פון וואַנען קומט אַ איד? דערציילט, וואָס האָרכט זיך עפּעס אַף דער וועלט? ווי טייער איז קאָרן?

— לאַכט, לאַכט!—מאַכט ער צו זיי,—ווען איר זאָלט וויסן, וואו איך בין ארויסגעוועזן און פון וואַנען איך קום און וואָס איך האָב געזעען, וואָלט איר מיט מיר אנדערש גערעדט.

— דעהאַינע, לאָמיר האָרכן! עפּעשער פון יענער זייט טייך סאַמבאַטיען*)?

— גלייך ווי איר זייט געוועזן דערבייַ. אוי, איז דאָס אַ לאַנד!

— טאַקע בעעמעס, צי דו טרייבסט קאַטאָוועס?

— איך זאָל אזוי לעבן מיט אייך איבייַנעם, ווי איך זאָג אייך עמעס.

— הערסט! הייַנט וואָס זשע שווייגסטו?

— וואָס זשע זאָל איך שרייען?

— אָבער אַז עק זאָל דאָס האָבן! דערצייל אונז עפּעס, דערצייל, ווי אַ מענטש, מיר ווילן וויסן.

*) סאַמבאַטיען—אַ לעגענדאַרישער טייך, וואָס אַ גאַנצע וואָך רוישט ער, וואַרפט שטיינער, און נאָר שאַבעס רוט ער.

II. וואס האָט מוישע דערציילט

א

אָנגעקומען אהין בין איך פונקט פארנאכט, און מאכמעס איך האָב מיך זייער געאיילט, האָב איך גאָר קיין צייט ניט געהאט זיך צוקוקן צו דער שטאָט און צו אירע שיינע, ריינע, ציכטיקע, אויסגעפלאסטערטע גאסן און צו די שיינע, הויכע, ליכטיקע מויערן. עס האָט מיר קעסיידער געבאָמבלט אין קאָפּ: וואו וועל איך דאָ זיין? וואוהין וועל איך מיך דאָ צושלאָגן, אין א פרעמדער מעדינע, און צו וועמען וועל איך מיך דאָ קערן און ווענדן אָן א שום רעקאָמענדאציע?..

דעם ערשטן אידן, וואָס איך האָב באגעגנט, האָב איך אָפּגעשטעלט און א פרעג געטאָן:

— ווייסט איר ניט, פעטער, וואו קאָן מען דאָ נעכטיקן?

— קומט, מאכט ער צו מיר,—איך גיי מיט אייך. פון וואנען איז א איד?

— פון וואנען?—פון ווייטן,—זאָג איך,—פון די „קליינע מענטשעלעך".

— אָך,—מאכט ער צו מיר און נעמט מיך ווידעראמאָל אָן בא דער האַנט.—עס טוט מיר זייער-זייער האנאָע, וואָס איך זע מיך מיט אייך. איר זייט דאָך דאָ, הייסט דאָס, א פרעמדער, אָן אוירעך, איז בעט איך אייך טאָקע צו מיר.

אריינגעקומען צום אידן אין שטוב אריין, האָט מיר מיטאמאָל א זעץ געטאָן אין פּאָנים אריין א מאָדנע מין ליכטיקייט, א פריילעכקייט און א היימלעכקייט, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט באשרייבן.

באַגעגנט האָט אונז טאָקע זיין ווייב, אָנגעטאָן שיין און ציכטיק. נעבן איר זיינען געשטאנען צוויי מיידלעך.

— איך האָב געבראַכט אָן אוירעך,—רופט זיך אָן צו זיי דער איד מיט א געדולע.—איך האָב אייך געבראַכט א אידן, איינעם פון אונזערע ווייטע-ווייטע ברידער, וואָס מע רופט זיי מיטן נאָמען „די קליינע מענטשעלעך".

— שאָלעם-אלייכעם!—רופן זיך אָן צו מיר אלע דריי ווייבער און גיבן מיר די האַנט.

— אלייכעם-שאָלעם,—זאָג איך צו זיי,—דאָס ערשטע מאָל אָף מיין לעבן טרעפט זיך מיר, אז, איך בעט איבער אייער קאָוועד, ווייבער זאָלן גאָר אָפּגעבן שאָלעם!

ס'איז געשטאַנען אָנגעגרייט א טיש מיט אַלדאָס גוטס. מע האָט מיך געבעטן, איך זאָל „פארנעמען א פלאץ".

— האָט קיין פאַריבל ניט,—זאָג איך,—מיין פלאץ וועט מיסטאָמע ניט אנטלויפן. איך מוז זיך פריער וואַשן.

באַנק פיין געוואַשן זיך, זעצן מיר זיך צום טיש.

נאָכן עסן האָט מען מיך אריינגעפירט אין א באזונדער ציכטיק ביידער, וואו ס'איז שוין געווען צוגעגרייט פון מיינעטוועגן א נאכטלעגער מיט אלע שאלעמוריזן.

אזוי ווי איך האָב מיך אריינגעלייגט אין בעטל אריין, אזוי בין איך אנטשלאָפן געוואָרן.

ב

איך כאַפּ מיך אויף. אַהאַ, גרויסער טאָג.

— וואו בין איך?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס עס איז מיר געקומען אַף דער מאַכשאָווע. איך האָב מיך אָנגעהויבן ארומקוקן, וואו בין איך אין דער וועלט? דאָס ליכטיקייט, דאָס ריינקייט, דאָס ציכטיקייט, וואָס באַ זיי איז! איר זאָלט געבן אַ רענדל פאַר אַ וואַנץ...

— וואו גיסט מען דאָ אָפּ נעגלוואַסער?

איך טו אַ קוק נעבן מיין בעטל — שטייט אַ וואַש-קאַסטן אַ ווייסער, אַ שפּיגלדיקער, מיט אַ קראַן: איך טו אַ ריר דעם קראַן — ברענען זאָלן זיי אָפּן פייער! — סע שפּריצט מיט וואַסער פון אַלע זייטן, אַ גאַנץ באָד!..

פּלוצים הער איך, עמיצער קלאַפּט מיר פון יענער זייט טיר.

— ווער איז דאָרטן? ווער קלאַפּט?

— טראַך-טאַראַראַך!

— מיטן קאָפּ אין וואַנט! — זאָג איך און עפן אויף די טיר. — עס שטייט עפּעס אַ גרויסער שוואַרצער באָכערעץ, אָנגעטאָן שאַבעסדיק, און גיט מיר אָפּ שאָלעם-אַלייכעם און פרעגט מיך:

— ווי אזוי זייט איר געשלאָפן?

— ווערעמעס אייסעק איז דאָס? — זאָג איך, — ווער זייט איר?

— איך בין דאָ, — זאָגט ער, — אַן אַרבעטער אין אַ שניידער-פאַבריק. האָט מען מיך געבעטן, איך זאָל אייך אָפּוואַרטן דאָ, ביז איר וועט אויפשטיין פונעם שלאָף, און גיין מיט אייך, וואוהין איר וועט דאַרפן.

— אזוי? — זאָג איך. — ביסטו, הייסט עס, אַן אַרבעטער-יונג. זאָג זשע מיר, איך בעט דיך, וואָס איז מיט דיר אזוי די געדולע, וואָס דו האָסט זיך אַזוי אויסגעטראַצלט, אויסגעפּוצט?

— פאַרוואָס ניט? וואָס האָב איך, זאָגט ער, צו זאָרגן? הענט, האָב איך, מיין באַרעפעניש פאַרדין איך מיר, קיין ווייב און קינדער האָב איך ניט, באַר אַן אַלטן טאַטן, וואָס זיצט באַ מיר...

— סע פאַרשטייט זיך, — זאָג איך, — ביסט גערעכט, הוליע קאַפּצן! וויפל נעמסטו אַ וואָך?

— אַ פופציקער, — מאַכט ער.

— וואָס? וואָס באַלעבעטשעסטו? — מאַך איך צו אים. — איך פרעג דיך, וויפל נעמסטו?

— איך זאָג דאָך אייך — אַ פופציקער.

ווער עס האָט ניט געזעען אין יענער מינוט אונזביידן שטייען איינס אַנטקעגן אנדערן, האָט קיין שיינס ניט געזעען.

— סופציק קאָרבן אַ וואָך? — זאָג איך. — ווי איז מיר! בא אונז אזאַ באַכערל, ווי דו, אַז ער פאַרדינט דריי קאָרבן אַ וואָך, הויבט מען אים שוין אָן ריידן קאַלעס. איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, עס הויבט מיר שוין אָן באַנג טאָן, וואָס מיין טאַטע האָט מיך ניט געלערנט שניידעריי.

— וואָס דען איז אייער מעלאָכע? — זאָגט ער צו מיר.

— מיין מעלאָכע? — זאָג איך, — מיין טאטע איז ניט געוועזן קיין באַל-מעלאָכע, איך בין ניט קיין באַלמעלאָכע און מיינע קינדער וועלן ניט זיין קיין באַלמעלאָכעס, אימירצאַשעם מיט גאָטס הילף.

— וואָס זשע דען זייט איר?

— וואָס זשע דען בין איך? אַ איד בין איך.

— איך מיין, — זאָגט ער, — וואָס איז אייער טועכץ? מיט וואָס באַשעפ-טיקט איר זיך? פון וואָס לעבט איר?

— פון וואָס איך לעב? — זאָג איך, — פונם ווינט לעבט מען.

— וואָס הייסט, — זאָגט ער, — פונם ווינט?

— אָט דאָס הייסט! — זאָג איך, — מע דרייט זיך אַרום מיטן שמעקל אָפן מאַרק, טאָמער דאָס, יענץ, לאָקש, בוידים, ציבעלעס.

— און טאָן, הייסט דאָס, טוט איר גאָרנישט?

— וואָס הייסט, — זאָג איך, — גאָרנישט? מע טוט אַלצדינג, וואָס מע קאָן.

— וואָס זשע קאָנט איר?

— אָט וועל איך דיר באַלד, — זאָג איך, — גיין דערציילן, וואָס איך קאָן... זאָג מיר בעסער, נעשאָמע מיינע, וואָס טוסטו מיט אזוי פיל געלט, וואָס דו פאַרדינסט?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, — מאַכט ער, — אז איך האַלט בא זיך אַן אַלטן טאַטן. ער לעבט בא מיר אָף דער עלטער. גאַנצע טעג ליגט ער בא מיר אָפן גאָרטן און ארבעט בעסער פון אַ יונגן.

— ווי קומט צו דיר, — זאָג איך, — אַ גאָרטן?

— איך האָב, — זאָגט ער, — אַ שטוב מיט אַ גאָרטן. טאַקע פון מיין אַלטן.

— אויב אזוי, — זאָג איך, — מעגסטו אים טאַקע אָפגעבן קאָוועד; ער האָט דאָס בא דיר ערלעך פאַרדינט. איך וואָלט אַ באלן געוועזן זיין בא דיר מאָרגן אָנקוקן דיין שטוב און זעען, ווי דיין טאַטע באַאַרבעט דעם גאָרטן.

— איך בעט אייך טאַקע, — מאַכט ער צו מיר, — עס וועט זיין בא מיר דער גרעסטער קאָוועד, און מיין אלטער וועט זיך מעכאַיע זיין.

— וואָס איז ער געוועזן, דער טאטע דיינער? — זאָג איך צו אים, — אויך אַ שניידער?

— ניין, — מאַכט ער, — מיין אַלטער איז געווען אַלע זיינע יאָרן אַ גערטנער.

— אַ גערטנער?

— אַ גערטנער.

— וואָס איז דאָס, — זאָג איך, — פאַר אַ פּאַרנאָסע?

— דאָס איז אַ מעלאָכע, — זאָגט ער, — ווי אַלע מעלאָכעס. מיין אַלטער איז דערויף אַ גרויסער ספּעציאַליסט: זייען, זעצן, פּלאַנצן ביימער — דערויף איז ער אַ בעריע. ער האָט אָפּגעהאָרעוועט אַלע זיינע יאָרן, צונויפגעשלאָגן אַ ביסל געלט און אויף דער עלטער געקויפט אַ שטיק ערד, באַארבעט און פאַרפּלאַנצט אַ גאָרטן. ער האָט אַזוי ליב געהאַט דידאָזיקע ארבעט, אַז אפילע איצט, אַלטערהייט, טרעט ער ניט ארויס פונם גאָרטן. ער איז קלאָר אין יעדן ביימעלע, ער ווייסט איטלעכס צווייגעלע, אים איז באַקאַנט יעדעס גרעזעלע — אַ קלייניקייט, אַ מענטש האָט פאַרבראַכט דאָס גאַנצע לעבן ארום גרינוואַרג, צווישן ביימער און צווישן בלומען!

נאַ דיר אַזאַ מין האַסאָגע, טראַכט איך מיר, אַ איד זאָל גאָר ליב האָבן גרינוואַרג, ביימער און בלומען!..

— עפּשער זייט איר אַ באַלן אויסבאָדן זיך? — מאַכט ער צו מיר.

— אַזוי פרי הייצט מען דען בא אייך דאָס באָד? — טו איך אַ פרעג.

— דאָס באָד איז אין שטוב, — מאַכט ער צו מיר, — און ווען איר ווילט, האָט איר עס, — און פירט מיך אריין אין אַ כיידער, איינגאַנצן אַן אויסגעפלאַסטערטער מיט געקעסטלטע שטיינער. ריין, ציכטיק, זויבער, כאָטש שפּיגל זיך.

— וואו זשע נעמט מען וואַסער? — טו איך אַ פרעג דעם באָכער.

— פונם קראַן.

— פון וואָסער קראַן?

— פון דער וואַנט.

— פון וואָסער וואַנט?

— זעט איר אָט דעם קראַן? דאָס איז אַ קראַן פון קאַלט וואַסער. און דער אַנדערער קראַן גיט אונז הייס וואַסער, אַלע מאָל, וויפל איר ווילט.

— און דער דריטער קראַן, — זאָג איך, — וואָס איז דאָס פאַר אַ קראַן?

— דער דריטער קראַן, — זאָגט ער, — איז אַ קראַן פון עלעקטריע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק?

— דאָס גיט פייער, ליכטיקייט, — מאַכט ער צו מיר און טוט אַ דריי עפּעס אַ שרייפל און עס ווערט ליכטיק.

אויסגעבאָדן זיך, רופט ער זיך אָן: „עפּשער ווילט איר גיין אויף אונזער אַסיפע*)? — אָט וועל איך זיך באַלד דערוויסן, ווען ס'וועט זיין", — און גייט צו צו דער וואַנט און טוט אַ דריי אַ רעדל: טרררררר! — און טראָגט צו צום אויער עפּעס אַ טרייבל און רעדט צו דער וואַנט: „צוויי און צוואַנציק זעקס

*) פאַרזאַמלונג.

און זעכציק!.. זייט אזוי גוט, ווען הויבט זיך אָן בא אייך די פאַרזאַמלונג? האַ?... אַ דאַנק"...

איך שטיי און קוק אים אָן, ווי אַ מעשוגענעם.

— שוין באַלד, — מאכט ער צו מיר, — קומט!

— פון וואנעט ווייסטו, — זאָג איך, — האָסט געהאט אַ יעדיע פון דער וואָנט?

— איך האָב געפרעגט אין קלוב.

— וואו האָסטו דאָ אַ קלוב?

— איך האָב גערעדט דורכן טעלעפאָן.

— טעלעפאָן? — זאָג איך, — וואָס איז דאָס פאַר אַ שווארץ יאָר?

— טעלעפאָן, — מאכט ער צו מיר, — ווייסט איר ניט? טעלעפאָן — דאָס איז דאָך דער טעלעפאָן, וואָס מע רעדט אף אים!

— וואס הייסט, — זאָג איך, — מע רעדט אף אים? ווי אזוי רעדט מען דאָס אף אים?

— ווי אזוי רעדט מען? — זאָגט ער, — אָט וועל איך אייך געבן צו פאַר-שטיין. איך טו אַ דריי דאָ מיטן רעדעלע, דערהערט מען דאָרט, גייט יענער און דרייט דאָרטן, דערהערט איך דאָ, הויב איך אָן ריידן; און אז מיר ריידן אָפּ, טו איך אַ דריי, נאָכדעם טוט ער אַ דריי און אָן עק.

— טפו זאָלסטו ווערן! — מאַך איך צו אים, — האָסטו געוועזן אַ שניי-דערוק גיט צו פאַרשטיין! דריי איך, דרייסטו, דרייט יענער... איך וויל וויסן דעם סייכל, וואָס דאָ שטעקט!

— דעם סייכל, — מאכט ער צו מיר, — פונם טעלגראף ווייסט איר?

— ס'אַ מאָשל, — זאָג איך, — דער טעלעגראף איז עפּעס אנדערש! דעם טעלעגראף פארשטייט אַ מינדסט קינד! טעלעגראף איז פאראן אומעטום, אַ טייערע מעציע!

— פונקט דאָס אייגענע, — מאכט ער, — איז דער טעלעפאָן: דאָרט איז מיט דראָט און דאָ איז מיט דראָט. דער כילעק איז נאָר, וואָס דאָרטן קלאַפּט מען און דאָ רעדט מען.

— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך, — און איך האָב געמיינט, ווער ווייסט וואָס! קומט, לאָמיר גיין.

ג

גייענדיק מיט מיין באָכערעץ, האָב איך ערשט דערזעען די שטאָט, ווי שיין זי איז, די געפלאַסטערטע גאַסן, ווי ריין זיי זיינען, און די הויכע, ווייסע ליכטיקע מויערן, מיט די גרויסע בוימער, וואָס ארום זיי. איך האָב מיר קיינ-מאָל גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ מין ריינקייט, אזא ציכטיקייט. „האַ-לעוואי וואָלט געווען בא אונז אינעווייניק האַלב, ווי בא זיי אין דרויסן!" — אזוי האָב איך מיר געקלערט. — „נאָר וואו איז דאָ זייער גאָלד און זילבער, וואָס מע זאָגט בא אונז, אז עס וואלגערט זיך דאָ אין די גאַסן!"

— וואָס זוכט איר? — מאַכט צו מיר דער באָכער.

— דעם נעכטיקן טאָג, — זאָג איך.

— פאַרפאַלן, — מאַכט ער צו מיר, — איר וועט אים שוין אייביק ניט געפינען.

— אַ דאַנק דיר, — זאָג איך, — פאַר דער אייצע; איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז דו ביסט נאָך אַ כאָכעם אויך צו די צאָרעס.

— פון אַ כאָכעם בין איך, — זאָגט ער, — נאָך ווייט, נאָר עפּעס אין די קליינע אויסיעס פאַרשטיי איך אַביסל.

— האָסט געלערנט, — זאָג איך, — אין כיידער אַמאָל?

— איך לערן היינט אויך.

— וואָס הייסט, דו לערנסט היינט אויך? ביסט דאָך, — זאָג איך, — אַן אַרבעטער, ווען האָסטו צייט צו לערנען?

— פאַרנאַכט, — מאַכט ער צו מיר, — אַלע פאַרנאַכט קלייבן מיר זיך צונויף, באַלמעלאָכעס, גערטנער, אַלע אידישע ארבעטער, אין שול אריין און דאָרטן לערנט מען מיט אונז לייענען און שרייבן און רעכענען און גימנאַסטיקע.

— וואָס הייסט, — זאָג איך, — גימנאַסטיקע?

— גימנאַסטיקע, — זאָגט ער, — הייסט לויפן, שפּרינגען, טאַנצן, ברעכן זיך, קלעטערן. דאָס לערנט מען בא אונז פון קינדווייז אלע אידישע קינדער.

— פארמאלנע מעשוגאים! — זאָג איך. — טאַנצן, שפּרינגען, דראַפּען זיך אַף די גלייכע ווענט! איר ווייסט, וואָס אייך פעלט נאָך? — מאַך איך צו אים.

— וואָס? — פרעגט ער מיך.

— גיין, — זאָג איך, — מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס ארויף...

ד

געקומען אין קלוב, ווייזט ער מיר: אָט איז אונזער פאָלקס-ביבליאָטעק. קומט אריין.

— וואָס ווען מיר דאָרטן טאָן? — פרעג איך.

— מיר ווען, — זאָגט ער, — הערן, וואָס טוט זיך נייס אין דער וועלט.

— נייס, — זאָג איך, — וועט איר דאָך קאָנען הערן אין בייסמעדרעש.

— ווער גייט דען אין בייסמעדרעש הערן נייס? אַ בייסמעדרעש איז דען אַ קלוב?

— אַ קלייניקייט, אַזעלכע צאַדיקים, ווי איר זייט? זאָג זשע מיר, איך בעט דיך, וואָס איך וועל דיך פרעגן: הייסט דאָס, קלייבט איר זיך צונויף אַהינצוצו, ווי אזוי רופט מען דאָס בא אייך?

— אין דער פאָלקס-ביבליאָטעק, — מאכט ער.

— וואָס זשע טוט איר דאָרטן,—זאָג איך,—אין יענער ביבליאָטעקע? איר קומט זיך צונויף, ווי גאָים אין שענק, הייסט דאָס, און רעדט מיסטאָמע פּוסטע רייד?

— מיר ריידן ניט דאָרטן,—זאָגט ער,—מיר לייענען אידישע צייטונגען, ביכער, זשורנאלן, גאזעטן.

— אידישע גאזעטן? — זאָג איך. — אַסאַך גאַזעטן? מיסטאמע איינעם אַ גאזעט?

— פאַרוואָס ניט קיין עטלעכע הונדערט?

— וואָס? עטלעכע הונדערט?!

— עטלעכע הונדערט.

— ווער,—זאָג איך,—באדארף אזוי פיל גאזעטן? ווער לייענט דאָס אַזוי פיל?

— מיר אלע,—זאָגט ער,—לייענען. ווי קאָן מען דען לעבן אָן גאַזעטן און זשורנאלן?

— סע פאַרשטייט זיך!—זאָג איך.—ווי קאָן זיך באגיין אַ שניידער אָן אַ גאַזעט? נו, און די ווייבער? וואָס לייענען די ווייבער?

— דאָס אייגענע,—זאָגט ער,—וואָס מיר. וואָס איז דען די נאפקע-מינע*)?

„נא דיר גאָר אזא מין פאַרגעניגן!—טראכט איך מיר.—נעמען זיך צו-נויף אלע איניינעם, גאַנץ קעקעלע קאהאל, און מע לייענט גאַזעטן! איבער-געקערטע מויכעס! אַ לאנד פון מעשוגאים!..“

— מיקויעך וואָס,—זאָג איך,—איז בא אייך אַן אסיפע? מיקויעך דער טאקסע? צי מיקויעך דעקן דאָס אלטע בייסמעדרעש? איך בין קלאָר אין די אידישע אַסיפעס!...

— ניין,—זאָגט ער,—דאָס איז אַן אַסיפע מיקויעך באזעצן אידן אַף ערד.

מיר קומען אַריין אין אַ גרויסער, שיינער, ליכטיקער זאל. עטלעכע לאַנגע, מיט געוואַנט גערעקטע טישן, אסאך בענקלעך און מענטשן, אידן און ווייבער, באַכערים און מיידלעך אָן אַ שיר. גאַנץ אויבנאָן זיצט איינער אַן אַלטער מאן מיט ברילן און קלינגט מיט אַ גלעקל. אַן אסיפע מיט אַ גלעקל זע איך דאָס ערשטע מאָל אַף מיין לעבן! הייגט די שטילקייט, וואָס בא זיי איז. מע האָט מוירע אויסריידן אַ הויך וואָרט. ריידן רעדט מען בא זיי נאָר איינציקווייז. בעשאַס יענער האַלט אין מיטן ריידן, טאָר אים דער אנדערער ניט איבערשלאָגן. האָט איינער אָפגערעדט, שטייט אויף דער אנדערער און רעדט זיך זיינס... אלע איניינעם זאָלן ריידן, ווי בא אונז, אַשטייגער,—דאָס איז ניטאָ! ווער עס וויל עפּעס זאָגן, פרעגט ער אָן באַם אַלטן מיט די ברילן, צי מעג ער זאָגן אַ פּאָר ווערטער... ווערט מען בא אונז, אַשטייגער, אָנפרעגן זיך בא עמיצן, צי מע זאָל ריידן! מע וויל ריידן—רעדט מען; צו וואָס באדארף מען די אָנשטעלן? אַי, יענער פאַלט מיר אריין אין די רייד? פאַל איך אריין יענעם אין די רייד...

---

*) נאפקעמינע—אונטערשייד.

היינט די איניאָנים גופא, וואָס מע האָט דאָ גערעדט—עפּעס ווילדע איניאָנים! ס'איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס זיי ווילן...

איינער שטייט אויף מיט אַ טאַינע: לעמאַי גיט מען אים ניט קיין אַרבעט, ער זאָל עפּעס קאָנען אַרבעטן לעטויוועס האַקלאַל *)? פאַרוואָס קומט דאָס אים, אַז דער און דער זאָל אַרבעטן דאָס און דאָס, און יענער זאָל טאָן יענץ און יענץ, און ער, נעבעך, דאַרף זיצן און וואַרטן. איר פאַרשטייט, ווי מע האָט אים דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע?..

אָן אַנדערער הויבט זיך אויף און לייגט אנידער אַ צעטל פון דעם, וואָס מע האָט געטאָן ביז אַהער, און פון דעם, וואָס מע וואָלט געקאָנט טאָן, און פון דעם, וואָס ס'איז נאָך דאָ, וואָס צו טאָן.

— געטאָן,—זאָגט דערדאָזיקער כאָכעם,—האָבן מיר נאָך גאָרניט געטאָן. סאָמער האָבן מיר ביז אַהער געגרינדעט און איינגעלאַדעט אַזעלכע עטלעכע צענדליק קאָלאָניעס, איז דאָס אַ קלייניקייט. מיר וואָלטן שוין געקאָנט האָבן מער.

דער כאָכעם זעצט זיך אַנידער, און עס שטייט אויף אַ נייער טאַנע**) און באַקלאָגט זיך אָף דער לאַגע פון די אידישע באַלמעלאָכעס. די באַלמעלאָכעס, זאָגט ער, האָבן טאָמיד געהאַט זייער אייגענע ביבליאָטעק, און היינט זיינען זיי, נעבעך, געבליבן אָן אַ ביבליאָטעק: זי איז אָפּגעברענט געוואָרן, און זיי מוזן גיין אין פרעמדע ביבליאָטעקן.

נאָך אים שטייט אויף איינער, אַ יונגערמאַנטשיק, און לייענט פון אַ פּאַפּיר עפּעס אַ גאַנצע מעגילע מיקויעך מיליטער, לייגט פאָר נייע פּלאַנען, ווי אַזוי און וואָס און ווען, און אלע הערן אים אויס מיט קאָפּ, פרעגן קאַשעס, און ער פאַרענטפערט זיי. און אַז ער לאָזט אויס, ווערט אַ פּאַטשעריי „בראַוואָ!" און אַ געשריי—מע קאָן טויב ווערן!..

דער אַלטער, וואָס מיט די ברילן, טוט אַ קלונג מיטן גלעקל און זאָגט, אַז די אַסיפע איז אויס אַסיפע, און דער אוילאָם הויבט זיך אויף און מע זינגט אַלע אײנינעם אַ ליד מיט מאָדנע ווערטער. אַלע זינגען: אי די אלטע, אי די יונגע, אי די זכאָרים, אי די נעקייוועס—ניטאָ, ווער ס'זאָל לאַכן!..

איך פאַרטיף מיך אין מאַכשאָוועס: וואָס זיינען זיי פאַר ברואים?.. פון די אַלע רעדעס דרייט זיך מיר אַזוי דער קאָפּ, אַז איך ווייס שוין גאָרניט, אָף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. איינס פון די ביידע: אָדער זיי זיינען מעשוגאָים אָדער איך בין מעשוגע?..

ניין, זיי זיינען די עמעסע מעשוגאָים!..

---

1) פאַרוואָס הייסט די דערציילונג „צוויי וועלטן" ?

2) פאַרוואָס רופט מוישע אָן די מענטשן פון יענעם לאַנד מעשוגאָים ?

3) ווי מיינט איר, צי האָט שאָלעם-אַליכעם טאקע געזען אַזאַ שטאָט, צי האָט ער נאָר געוואָלט, אַז אַזעלכע זאָלן זיין ?

---

*) לעטויוועס האַקלאַל—צו נוצן פון דער געזעלשאַפט.

**) טאַנע—כאָכעם.

4) פאַרוואָס דערציילט שאָלעם-אַלייכעם וועגן דער שטאָט, אַז זי געפינט זיך פון יענער זייט סאַמבאַטיען?

5) שרייבט אָן וועגן לעבן פון די מענטשן פון אייער אָרט: וואָס איז דאָ בא זיי פונם אַלטן לעבן און וואָס פונם נייעם, און ווי קעמפט דאָס נייע מיט דעם אַלטן?

האָפּשטיין

שטאָט

שטאָט!
דו האָסט מיך פון ווייטן גערופן
מיט הודען פון דראָט!
כ'האָב שטענדיק אַף בארג דיך געזעען!
דו האָסט מיך פון ווייטן געצויגן
מיט צוואַנגען
פון שיין און פון שימער —
דו האָסט מיך פאַרנאַרט
און דו האָסט מיך געפאַנגען!
די רו פון מיין דאָרפישן צימער
האָסטו מיר צעקבערט
מיט פייפן פון צוגן,
צעשפּאַלטן, צעשפּליטערט
מיט ציטער פון רעלסן...
אין הויכן איז שטענדיק געהאַנגען,
איז שטענדיק געגאַנגען
דער אומרו פון דיינע פאַרצויבערטע קלאַנגען —
שטאָט!
דו האָסט מיך געפאַנגען!

פאַר מיינע פאַרבלענדעטע אויגן
אַף פעלדער—אַף וועלדער-באַראָט
איצט ליגט דיין אָלמעכטיקער שטיינערנער קערפּער
מיט רערן פאַרוואָרצלט אין טיף פון דער ערד,
צעשליידערט די אָרעמס,
געהויפנט, געגאַרנט,
אין גרונטן פאַרשוואַרצט און אין הויכן באַשימערט,
מיט קוימענס פאַרשפּיצט און מיט שאַרפן פאַרטורעמט,
פאַרקניפּט און פאַרגאַרטלט מיט רעלסישע שלאַנגען,
באַפלאָכטן, באַהאַנגען
מיט שפּינוועבס פון דראָט —
שטאָט!
דו האָסט מיך געפאַנגען!

א. פעפער

שאַרפע נאָדלען

ווינטער, פרילינג, האַרבסט און זומער,
אַלע טאָג פון פרי באגינען
אין אַ שמאָלן פרעמדן צימער
נייען מיידלעך באַ מאשינען.
טוט אַ שפרונג אַ שאַרפע נאָדל,
שאַרף, ווי מיידלעך, וועלכע נייען,
איז געוואוינט פאַרנאכט שוין האָדל
אינם קלוב מיט מיידלעך גייען.
אלע וואָך איז אַ פאַרזאַמלונג.
פול איז קלוב מיט פרייד אין אָוונט,
יעדער וואָרט איז, ווי אַ מאמע,
אזוי ווארים, ליב און נאָענט.
שטיל, אַ וואָרט וועט נעמען האדל
וועגן מי און קאָמינטערן —
שטעכן ווערטער, ווי איר נאָדל,
זיצן אלע שטיל און הערן
ווינטער, פרילינג, האַרבסט און זומער.

קולטור-אַרבעט

(אויפגאבן)

1) וואָסערע בילדונגס-אנשטאלטן זיינען בא אייך פאַראַן?

2) וואָסערן אָנטייל נעמט אייער שול אין דער ארבעט פון לייען-שטיבל? פון דער ביבליאָטעק? פון ליקפונקט? פון קוסטארן-קלוב?

3) וויפל צייטונגען און זשורנאלן און וואָסערע ווערן אויסגעשריבן אין אייער אָרט?

4) וואָסערע צייטונגען שרייבן אויס אייערע עלטערן?

5) וואָס טוט אייער שול, קעדיי מע זאָל אויסשרייבן מער צייטונגען און זשורנאלן?

א. רייזין

דאָס בעקער־אינגל

באַגעגנט האָב איך אים אין אַ שפּייז-געוועלב האַלב צען אַזייגער אינ-אָוונט. ער איז געזעסן בײַ דער טיר פֿון געוועלב אויף אַ קאַסטן. כ׳האָב גע-מיינט, אַז פֿאַר מיר זיצט אַ קינד, וואָס מע האָט נאָר וואָס פֿון שפּיטאָל אויס-געשריבן אָדער וואָס מע דאַרף אין שפּיטאָל אַריינעמען...

— וואָס זעסטו אַזוי שלעכט אויס, אינגל? — האָב איך אים אַ פֿרעג גע-טאָן. ער האָט זיך געפֿוילט אָדער ניט געקאָנט ענטפֿערן. ער האָט שווער גע-אָטעמט.

— ביסט קראַנק?

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניט.

— וואָס זשע זעסטו אַזוי שלעכט אויס?

ער האָט געשוויגן און מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע, אויסגעלאָ-שענע אויגן.

— ביסט פֿאַרמאַטערט?

— יאָ, פֿאַרמאַטערט.

— וואָס פֿרעגט איר? — האָט זיך שוין אַריינגעמישט די באַלעבאָסטע, — ער איז קוים אַריינגעפֿאַלן אין געוועלב.

— פֿאַרוואָס גייסטו ניט אַהיים שוין שלאָפֿן, — האָב איך געפֿרעגט.

— כ׳וועל איצט דאַרפֿן אַרבעטן, — האָט ער שטיל געענטפֿערט.

— וואָס הייסט, דו אַרבעטסט נאָר באַנאַכט?

— ניין.

— באַטאָג אויך?

— יאָ.

— ווען זשע שלאָפֿסטו?

— פֿון צוויי ביז פֿינף.

— און דער באַלעבאָס אַרבעט אויך אַזוי פֿיל?

— ער אַרבעט גאָרניט.

— און די באַלעבאָסטע?

— אויך ניט.

— און די קינדער זיינע?

— אויך ניט. איך און נאָך דריי „מענטשן" אַרבעטן.

— וויפֿל נעמסטו אַ וואָך?

— גאָרניט... צוויי יאָר אומזיסט.

דאָס אינגעלע האָט געשוויגן. אין דער צייט, וואָס ער וועט מיט מיר ריידן, וועט ער בעסער אַף אַ קליין רעגעלע צומאַכן די אויגן.

ס׳איז אַזאַ מעכאַיע!...

ער האט זיך אויפגעכאַפּט און, קראַצנדיק זיך אין דער הוילער, צעבלויטיקער ברוסט, געפרעגט:

— ווי שפּעט איז איצט?

— דריי פערטל צען.

— אוי, אוי, אוי!—האט ער אויסגעשריען.

— וואָס איילסטו זיך, נאר? גיי אהיים און לייג זיך שלאָפן.

— כ'האב ניט קיין היים.

„ער האָט ניט קיין היים". ער האָט נאָר אַ בעקערײַ, מיט אַן אויוון, מיט א קויש, און אַ שטיקעלע דיל, אַ דריי שאָ צו שלאָפן—מער האָט ער גאָרנישט.

דאס אינגל איז וואַקלענדיק אַוועקגעגאַנגען.

— ווער איז זיין באַלעבאָס?—האָב איך געפרעגט די קרעמערקע.

— איר קענט נים זיינע באַלעבאטים?—האט זי זיך געכידעשט,—ווער קען זיי ניט? ער איז אַ דיקער איד, זי—אויך. אַז זיי גייען אַרויס שאבעס אין גאַס, שטעלט זיך יעדער אָפּ אַף זיי קוקן. זייער שיינע, געזונטע און האָבן אַסאַך געלט...

— יאָ, האָב איך געטראַכט, מע קאָן טאקע זיין שיין און דיק און האָבן אסאַך געלט, ווען אַזעלכע קליינע אינגלעך אַרבעטן צוויי יאָר אומזיסט צו איינאונצוואַנציק שאָ אין מעסלעס...

ארבעט-שוץ אין ראַטנפאַרבאַנד

1. אַרבעט-שוץ אין די בורזשואזע לענדער און בא אונז

אין די לענדער, וואו באַ דער מאַכט געפינט זיך די בורזשואזיע, פירט זיך פאַר „אַרבעט-שוץ" א קאַמף צווישן די אַרבעטער און די קאַפּיטאַליסטן. דער ארבעטער קעמפט פאַר בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען, אָבער דערדאָזיקער קאַמף ברענגט קליינע רעזולטאַטן, ווייל די בורזשואזע מאַכט שטיצט די קאַפּיטאַליסטן. די פאַבריקאַנטן זיינען, כוץ דעם, נאָך שטאַרק דערמיט, וואָס הונדערטער הונגעריקע ארבעטער שלאָגן אָפּ די טירן און בעטן זיך, מע זאָל זיי צונעמען צו דער אַרבעט. די דרייסטערע פון די ארבעטער, די, וועלכע טרעטן אָפן אַרויס צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט, דראָט שטענדיק אַ געפאַר אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון אונטערנעמונג און בלייבן אָן א שטיקל ברויט.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע באַ אונז, אין ראַטנפאַרבאַנד. די מאַכט געהערט איצט דעם ארבעטער-קלאַס, די רעגירונג איז זיינע. דעם אַרבעטער איז דעריבער קלאָר, אַז די אויפגאַבן, וועלכע שטייען אין דער פראַגע פאַר אונז, זיינען גאָר אַנדערע, ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

געזונט מאַכן די אַרבעט, מאַכן זי פאַר א קוואַל פון פרייד—דאָס זיינען די ציִלן פון אונזער „אַרבעט-שוץ".

אויסמיידן די שעדלעכקייטן פון דער אַרבעט, מאַכן די אַרבעט ניט צום לאַסט דעם אַרבעטער איז מעגלעך, ווען די פאַבריק טראַכט ערנסט וועגן פאַרהיטן דעם אַרבעטערס געזונט. אַפילע אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווען נאָר די קאַפּיטאַליסטן זאָלן זיך ניט וועלן רעכענען מיט זייערע אייגענע קעשענע-אינטערעסן, איז מעגלעך איינצופירן פיל אויסבעסערונגען אין די אַרבעטס-באַדינגונגען. אָט אַזוי, לעמאָשל, איז ביז א צייט צוריק פלעגט אין דער שוועבל-אינדוסטריע באַנוצט ווערן ווייסער פאָספאָר, א געפערלעכער סאַם. די אַרבעטער האָט דאָס געבראַכט פילערליי קרענק. איצט איז פאַרווערט דעמדאָזיקן פאָספאָר צו געברויכן—און די שוועבעלעך זיינען ניט קיין ערגערע ווי פריער.

די אויסבלאָזער פון גלאָז אַף די הוטעס*) פלעגן אָפט באַקומען פאַרברייטערונג פון די לונגען און סוכאָטע. שוין לאַנג איז דערפונדן געוואָרן אַ מאַשין, וועלכע בלאָזט אויס דאָס גלאָז. די מאַשין ווערט אָבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווייניק באַנוצט, ווייל די קאַפּיטאַליסטן לוינט עס ניט.

ס'איז קלאָר, אַז ביי אונז קאָן אַזעלכעס ניט פּאַסירן. מיר מוזן איינפירן אַלע אויסבעסערונגען, וועלכע פאַרהיטן דאָס געזונט פון אַרבעטער.

דאָס איז אָבער נאָך ווייניק. אכוץ די אָדער יענע אַרבעטס-באַדינגונגען, רופט זיך שלעכט אָפּ אָפטן געזונט די איבערלאָדונג פון אַרבעט. ביי די בעסטע באַדינגונגען, ווען דער אַרבעטער אַרבעט איבער די קויכעס—מוז ער זיין געזונט פאַרלירן. ס'איז דעריבער נויטיק איינצושטעלן אַן אַרבעט-צייט, וועלכע זאָל ניט פאַרמאַטערן דעם אַרבעטער.

די אַרבעט דאַרף נאָך דערצו אָרגאַניזירט ווערן אַזוי, אַז אַפילע די שטאַרקסטע שאַ אַרבעט זאָלן ניט איבערלאָזן נאָך זיך א געפיל פון מידקייט. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן דורך איינשטעלן א סיידער פון אַרבעט און רו, און איינשטעלן אויך אַזאַ סיסטעם, אַז ס'זאָל אויסגעמיטן ווערן איבעריקע באַוועגונגען, באַזונדערס אַזעלכע, וועלכע פאַרמאַטערן.

אָט דאַן וועט די אַרבעט ווירקלעך פאַרוואַנדלט ווערן אין פרייד.

2. שוץ פון פרויען-אַרבעט

אונזערע געזעצן גיבן אָפּ אַסאַך אויפמערקזאַמקייט דער שוץ פון פרויען-אַרבעט, ווייל, ערשטנס, איז די פרוי ביכלאַל שוואַכער און נויטיקט זיך באַזונדערס אין שוץ-געזעצן, און, צווייטנס, דאַרפן מיר אין יעדער אַרבעטערין זעען די מוטער פון צוקונפטיקן פראָלעטאַריער. פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער מוטער הייסט העלפן אויסהאָדעווען אַ געזונטן דאָר.

פרויען ווערן דעריבער ניט דערלאָזט צו מער שווערערע און שעדלעכערע אַרבעטן. זיי ווערט פאַרווערט באַנאַכטיקע, אונטערערדישע און איבערשטונדן-אַרבעט. שוואַנגערנדיקע פרויען, אויב זיי זיינען פאַרנומען ביי שווע-

*) גלאָז-זאַוואָדן.

דער פיזישער אַרבעט, ווערן באַפרייט אַף 8 וואָכן ביזן האָבן (אַלע איבעריקע אַף 6 וואָכן) און אויך אַף אַזוי פיל צייט נאָכן האָבן, באַקומענדיק די גאַנצע צייט פולן געהאַלט. א מוטער, וועלכע האַט א זויג-קינד, ווערט באַפרייט אַלע 3 שאַ אַף א האַלבע שאַ אַף אָנצוזויגן דאָס קינד. אַף פיל פאַבריקן ווערן אָרגאַניזירט פאַר די קינדער יאַסלעס.

3. ארבעט-שוץ פאר מינדעריאָריקע און ניטדערוואקסענע

קעדיי אָפּצוהיטן דעם שוואַכן אָרגאַניזם פון קינד, עס זאָל ניט אונטערגעבראָכן ווערן פון דער שווערער ארבעט, איז לויט אונזערע געזעצן אינגאַנצן פאַרווערט קינדער-אַרבעט (ביז 16 יאָר). די קינדער, וועלכע זיינען שוין אַף אַרבעט, איז אויב זיי זיינען נאָך ניט אַלט קיין 14 יאָר, ווערן זיי פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען, און די, וואָס זיינען עלטער פון 14 יאָר, בלייבן אַרבעטן נאָר 4 שאַ א טאָג. ניטדערוואַקסענע אין עלטער פון 16 יאָר ביז 18 יאָר אַרבעטן 6 שאַ. זיי אַלעמען איז פאַרבאָטן ארבעטן איבערשטונדן, באַנאַכט און אונטער דער ערד.

א. רייזין

באַ דאָקטוירים

I

פון דער „קרעדיט-געזעלשאַפט פאַר באַלמעלאָכעס" איז יאַנקל דער שניידער ניספּאָעל *). „זינט כעוורעס האָבן זיך געכעוורעט, וויצלט ער, איז נאָך אַזאַ כעוורע ניט געווען". ערשטנס, געפעלט אים, וואָס א באַלמעלאָכע, א „רעמעסלעניק", הייסט עס, איז נאָר דער, וואָס פירט אַן אייגענעם „טיש" און האָט אייגענע געצייג... „וואָס דען, די שקאָצים, וואָס זייער געצייג איז נאָר זייערע צען פינגער און הייגט אַרבעטן זיי דאָ, מאָרגן דאָרטן—זיי זיינען דען מענטשן? אָט, איך בין א שניידער, בין איך טאַקע אין דער כעוורע און האָב קרעדיט ביז 30 קאַרבן. אַ קלייניקייט באַ א „נאַש בראַט" 30 רובל! לייען לייט מען, קלוימערשט, אַף געצייג, אַף „מאַטעריע", אָבער ווער דאַרף דאָס וויסן, אַז דאס איז אַף ברויט, צי גאָר אַף שיכלעך פאַר די קינדער?"

און זינט דידאָזיקע כעוורע האָט זיך געגרינדעט, גייט זי אים פון זינען און פון מויל ניט אַרויס. עס איז אַ סוואָרע, אַז ניט די הילף, וואָס ער באַקומט פון דער כעוורע, איז אים דער איקער, איבערהויפּט איז ער שטאָלץ, וואָס ער, יאַנקל דער שניידער, וואָס האָט אין שפּייז-קרעמל קאָנטא ביז א האַלב קערבל, ווערט גאָר פלוצים א „טשלען" און מע געטרויט אים ביז 30 קערבלעך—אַזאַ אייגנס געלט!..

*) אנטציקט.

און יאַנקל ליגט דערפֿאַר מיט די ביינער אין דערדאָזיקער כעוורע. כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין קאָנטאָר וויסן, „וואָס הערט זיך", אַמאָל מיט אַ באַקאָשע: אָפּלייגן דעם טערמין פֿון צאָלן און אַמאָל—פּרואוון קריגן אַ הוי־סאָפּע אויף זיין קרעדיט נאָך אַ צענרובלדיקע... עס וואָלט, נישקאָשע, צונוץ געקומען! און ניט איין שאָ האָט ער שוין אַזוי מעוואַטל געווען*) צוליב דער־דאָזיקער כעוורע, פֿאַר וואָס דאָס ווייב זיינע פֿלעגט אים אַמאָל, אַזוי פֿאַרביי־גייענדיק, אַ זאָג טאָן:

— די גליקן פֿון דיין כעוורע ווייס איך נאָך, באַרוכאַשעם, ניט... דו צערייבסט מער צייט, ווי עס טרעפֿט אָן דאָס געלט, וואָס דו לייסט דאָרטן...

נאָר יאַנקל ענטפֿערט איר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל פֿון אויבן אַראָפּ:

— דו האָסט, אַפּאָנים, אַ יעדיע אין אַזוינע זאַכן... אָט פֿרעג דיך בע־כיירעם.

נאָר שטאַרק ניספּאָעל איז ערשט יאַנקל געוואָרן, ווען דידאָזיקע כעוורע האָט פֿאַרברייטערט איר טעטיקייט און האָט געגרינדעט נאָך אָן אָפּטיילונג אין דער כעוורע: „רויפֿע כוילים". די טאַקאָנעס פֿון דער כעוורע זיינען באַשטאַ־נען אין דעם, אַז יעדער מיטגליד פֿון דער קרעדיט־געזעלשאַפֿט, ווען ער צאָלט איין צוויי רובל אַ יאָר, האָט ער דאָס רעכט, ווען ער, צי ווער פֿון זיין הויז־געזינד, ווערט, כאָלילע, קראַנק, צו ווענדן זיך צו יעדן דאָקטאָר, וועלכן ער וויל נאָר אַליין. דערויף גיט זיך יעדערן אַרויס אַזאַ ביכל מיטן שטעמפּל „רויפֿע כוילים", מוז דער דאָקטאָר היילן אָן אַ גראָשן געלט, און דאָס גלייכן דאַרף יעדער אַפּטייקער געבן רעצעפּטן, וויפֿל דאָס האַרץ געלוסט.

— דו באַנעמסט כאָטש, וואָס פֿאַר אַ טייערע זאַך דאָס איז!—האָט ער געפּרואווט איינטאָלקעווען מיט דעם ווייב, אַז זי זאָל אים דערלויבן איינ־שרייבן זיך אין דערדאָזיקער כעוורע.

— יאָ, גוט איז דאָס...—האָט דאָס ווייב אונטערגעזיפֿצט... האַלעוואַי זאָל מען ניט דאַרפֿן... אַ דאָקטאָר קומט צונוץ... אָט בערעלע הוסט טאַקע, און יענטעלען רינט שוין אַ פּאָר כאַדאָשים פֿון אַן אויער, און וועלוועלע פּרואווט גאָרניט עסן, אויסגעדאַרט נעבעך איז ער געוואָרן, און איך אַליין וואָלט אויך געדאַרפֿט אַ דאָקטאָר... אָבער צוויי רובל איז דאָך באַלד אַ האַל־בער קלאַפּטער האָלץ...

— ביסט אַ בעהיימע!—איז יאַנקל פֿון געדולד שוין אַרויס, און האָט פֿאַר די לעצטע צוויי רובל איינגעשריבן זיך אין דער כעוורע.

— זאָלסט היינט נעמען בערעלען און אַוועקפֿירן צום דאָקטאָר מינץ... אַ טייערער דאָקטאָר,—האָט יאַנקל פֿאַרזאָגט דעם ווייב אויף מאָרגן נאָכן איינ־שרייבן זיך.—מינץ נעמט דאָך ניט אַנדערש, ווי אַ האַלבן רובל, פֿאַרשטייסט? דער בעסטער דאָקטאָר אין שטאָט. גיי שוין אַריבער, נאַ דיר דאָס ביכעלע מיטן שטעמפּל „רויפֿע כוילים", וועסט אים ווייזן און אַוועקגיין...

*) מעוואַטל געווען — געמאַכט צונישט.

און אז דאָס ווייב האָט אפּגעטאָן אירע מעלאָכעס, האָט זי בערעלען גע־הייסן גוט אויסשנייצן די נאָז, אנגעטאָן אים דאָס שאַבעסדיקע היטעלע און איז מיט אים געגאַנגען צו מינצן...

יאַנקל האָט איר, אַ גליקלעכער, נאָכגעקוקט און האָט געטראַכט:

— אַ האַלבער רובל וועט שוין אַראָפּ... מאָרגן וועט גיין יענטעלע איבערמאָרגן בערעלע, איבער־איבערמאָרגן וועלוועלע...

— אַזאַ טייערע זאַך, ווי די כעוורעס זיינען, איז ניטאָ אַף דער וועלט —האָט ער שוין זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, ניט וויסנדיק ווי אויסצודריקן זיין היספּאַילעס פאַר זיין איינציקן פּויעל *).

II

אין עטלעכע טעג זיינען אַלע קינדער איבערגעוועזן בא דאָקטוירים, דאָס קליינע שטיבל איז פול געוואָרן מיט פלעשעלעך, סלאָיטשיקלעך און שאַכטע־לעך. יאַנקל פלעגט זיי טאַפּן, שמעקן און שאַצן:

— די סלאָיטשיקלעך אַליין זיינען עפּעס ווערט...

זיין „וויזיט“ צום דאָקטאָר האָט ער אָפּגעלייגט אַף שאַבעס. אין מיטן וואָך גיין קורירן זיך פאַרגינט ער זיך ניט. און אַגעוו פּאַסט ניט פאַר לייטן. אַ מענטש גייט אום, עסט און טרינקט, און נאָ דיר גאָר קורירן זיך. שאַבעס איז אַן אַנדער זאַך, שאַבעס קורירן זיך אַלע אָרימע אידן...

שאַבעס איז יאַנקל אַוועק צום דאָקטאָר.

גייענדיק, האָט ער איבערגעוואָרפן אין קאָפּ אַלע זיינע כאַלאַעסן **) און זיך אַלץ מעיאַשעוו געווען, אַף וואָס זאָל ער פרעגן. בעסער פאַר אַלץ וואָלט ער וועלן האָבן אַ רעפּוע צו זיין כאַלאַעס, וואָס עס האָט זיך באַ אים די לעצטע צייט באַוויזן: ער קאָן אין באָד די פאַרע ניט פאַרנעמען. עס פאַר־כאַפּט אים גלייך דעם אָטעם און ער מוז אַרויסלויפן צוריק אין דעם קאַלטן באָד. ער האָט אַזוי ליב פאַרע!... און גלאַט איז דאָס גאָר מאַיסע אינגל... אַמאָל איז ער געווען פון די ערשטע, וואָס פלעגן אַף דער אויבערשטער באַנק זיצן און שרייען: „פּאָ־דאַוואַי פאַ־אַ־אַ־רע“! איצט איז ער אינגאַנצן אַראָפּ פון זיין געדולע: אַף דער סאַמע אונטערשטער באַנק זעצט ער זיך צו, און דאָס נאָר אַף אַ ווײַלע—ער מוז גלייך אַנטלויפן...

אָבער צי איז דאָס אַ קרענק? עס קאָן זיין, אַז דער דאָקטאָר וועט גאָר לאַכן דערפון... עס איז אַ ריזיקע צו פרעגן דאָס ערשטע מאָל אַזאַ זאַך.

און ער באַשליסט, אַז וועגן דעם וועט ער פרעגן, אַז ער וועט גיין צו דאָקטוירים עטלעכע מאָל און וועט ווערן געניט.

דאָס ערשטע מאָל דאַרף מען פרעגן וועגן אַן איידעלע קרענק: וועגן מאָגן. עפּעס שוין אַ צייט, אַז ווי ער עסט דעם טשאָלנט, שטעכט אים מאָדנע אונטערן לעפעלע. ערשט, אַז ער לייגט זיך צו אַף אַ האַלבע שאָ, ווערט אים אַביסל לייכטער, אָבער אונטערן לעפעלע דריקט אַלץ...

*) פּויעל—אַרבעטער.

*) כאַלאַעסן—קראַנקייטן.

— יאָ, דאס איז אַן איידעלע קרענק!—באַשליסט ער,—און א וויכטיקע, עס איז דאָ וואס אנצונעמען, און שפעטער. אין עטלעכע וואָכן אַרום, וועט ער פרעגן אַפן קאָפּ, אַפן הארץ, אַפן שטענדיקן קאַטער. וואס ער האט, אַפן גראָבן פינגער פון פוס, וואָס זינט דער נאָגל האט זיך פון אים אַראָפּגעריסן, ווערט ער אלץ שווארצער און שווארצער.

— און נאָכדעם וועל איך ערשט א פרעג טאָן וועגן דעם באָד,—באַשליסט ער...

און יאַנקל לאָזט זיך גיכער גיין צום דאָקטאר. „דער זייגער איז שוין שפעט",—טראַכט ער, און דער טשאָלנט קאָן קאַלט ווערן—און בא יאַנקלען א קאַלטער טשאָלנט איז א פאַרשטערטער שאַבעס...

געקומען צום דאָקטארס טיר, האט יאַנקל דערזעען צוויי גלעקלעך, איינעם, ווייס ער, דאַרף מען קוועטשן און איינעם—ציען, און ניט וויסנדיק, וועלכעס גלעקל קלינגט צום דאָקטאר, האט ער אי געקוועטשט, אי געצויגן... און געקלונגען האט ער נאָכאנאנד, ווייל אים האָט זיך אלץ געדאַכט, אז מע הערט ניט אינעווייניק... די טיר האט זיך געעפנט מיט האסט, און א בייזע צורע פון א דינער האָט זיך באַוויזן און א געשריי געטאָן:

— וואָס איז דאס פאַר א מין קלינגען? דוראַק!..

— איך דאַרף צום דאָקטאר... איך בין א טשלען...—און יאַנקל האט גלייך אַרויסגעכאַפּט דאס ביכעלע...

דער דינער איז ווייכער געוואָרן. ער האָט א שמייכל געטאָן און געהייסן אים וואַרטן אין צווייטן צימער, ביז דער דאָקטאר וועט אים א רוף טאָן.

דער אויפנעם-צימער איז געווען פול מיט אידן אַן בערד, אידן מיט בערד און דערהויפּט ווייבער. געזעסן זיינען זיי אַלע שטום, וועד ניט ווער האָט זיך נאָר איבערגעשושקעט אפן אויער. יאַנקלען איז אַזאַ גרויסער און שווייגנדיקער אוילאָם ניט געפעלן געוואָרן. עס איז געוואָרן לאַנגווייליק זיצנדיק. ער האָט זיך א ווענד געטאָן צום ערשטן אידן און געפרעגט:

— איר זייט אויך אַ טשלען?

— וואו?—האט דער איד אויסגעשטעלט פאַרוואונדערט די אויגן.

— אין „רויפע כוילים!"

— לאָזט צורו...—האָט זיך דער איד אָפּגעקערט.

— א באַלגאַיווע!*)—האָט יאַנקל א טראַכט געטאָן און האָט כאַראָטע געהאט, וואס ער האָט מיט אים גאָר אָנגעהויבן. אַפן קוק, דאַכט זיך, האט יענער אויסגעזעען א צוגעלאָזענער...

און ער האט שוין מער מיט קיינעם ניט גערעדט. ער האט נאָר מיט גרויס אומגעדולד געקוקט אף דער טיר, וועלכע האָט געפירט צום דאָקטאָר. נאָך יעדן מאָל, ווען די טיר פלעגט זיך עפענען, פלעגט ער זיך אויפשטעלן, א טאַפּ טאָן דאָס ביכל—און זיך לאָזן גיין, נאָר דער לאַקיי, א רוער אין אים, פלעגט אים מיט א בייזקייט אָפּשטעלן, זאָגנדיק:

---

*) אַ באלגאַיווע—א גרויסהאלטער.

— וואַרט, האָט צייט!

און פלעגט אַ צווייטן דורכלאָזן.

און יאנקל איז געבליבן זיצן אין איינע שרעק: גאָט ווייס, וואָס מיט דעם טשאָלנט וועט דאַרטן ווערן... מע וועט אים אין מויל ניט קאָנען נעמען...

ענדלעך איז ארויס פון דאָקטאָרס צימער דער לעצטער כוילע. יאַנקלען איז ווי אַ מאַסע פון די פלייצעס אראָפּגעפאַלן. וואָרום די אלע באַזוכער זיינען ניט אַף שטולן, נאָר ווי אַף אים געזעסן,—אזוי האָט זיך אים געצויגן די צייט.

צעטומלט און צעטראָגן, האַלטנדיק אין האַנט דאָס ביכעלע מיטן שטעמפּל „רויטע כוילים“, איז ער אריין צום דאָקטאָר און האָט זיך טאַמעוואַטע אני־דערגעשטעלט אין מיטן צימער.

דער דאָקטאָר איז געזעסן אַף אַ שטול, האָט געקוקט אפן פּאַציענט*), האָט געגענעצט הויך און האָט ענדלעך, ווי דורך די ציין, דורכגעזויפט:

— וואָס טוט וויי?..

— דער מאָגן... עס שטייט אונטערן לעפּעלע... האָט יאַנקל דערשראָקן געענטפערט.

— שוין לאַנג?.. האָט דער דאָקטאָר ווידער, נאָכדעם ווי ער האָט אַ געגעץ געטאָן, געפרעגט.

— א, שוין אַ צייט!—האָט יאנקל שוין ווי מיט אַ קרעכץ געענטפערט—עס וועט זיין אַ יאָר צען...

דער דאָקטאָר האָט אים צוגערופן נעענטער, אַ טאַפּ געטאָן דעם בויך, אַ קוק געטאָן אין די אויגן און געזאָגט:

— אָנהייבן זיך מיטן עסן... עסן אלץ פרישע... ניט עסן די שאַבעסדיקע מאיכאָלים אייערע: קוגל... קאַשע...

— האַ?—האָט יאנקל אויסגעשטעלט דערשראָקן די אויגן.

— נו, וואָס פאַרשטייט איר ניט—קיין טשאָלנט ניט עסן,—האָט דער דאָקטאָר דיימלעכער דערקלערט...

— פּאַניע דאָקטאָר, וואָס הייסט?—האָט יאַנקל אנגעהויבן בעטן זיך ווי צעמישטערהייט... טשאָלנט... הייסער... אַדעראבע...

— איר טאָרט ניט עסן קיין טשאָלנט, זאָג איך אייך!—איז דער דאָקטאָר אריין אין קאַעס—און גייט אייך!

— האָט קיין פאַריבל ניט,—האָט יאנקל גענומען ציטערן,—איך בין אַ פּראָסטער מענטש... איך האָרעווע א גאנצע וואָך... בא מיר איז טשאָלנט...

נאָר יאנקל האָט שוין ניט געהאט פאר וועמען צו ריידן: דער דאָקטאָר איז שוין ניט געווען...

געקומען אהיים, איז דאָס ווייב אַף יאנקלען ארויפגעפאַלן:

— וואו ביסטו דאָס געווען? דער טשאָלנט איז אווארע שוין קאַלט געוואָרן...

— וואו זאָל מען זיין, זיך פאַרעדט...—האָט יאנקל פאַרשולדיקט געענטפערט...—אָט גיי איך זיך וואַשן...

*) פאציענט—קראנקער.

דער טשאָלנט איז גראד געווען הייס, נאָר עסנדיק אים, האָט זיך אים געדאכט, אז ער עסט ניט קיין טשאָלנט, נאָר אַ טרייפע זאַך, און יעדער לעפל קאָשע און יעדער ביסן קוגל האָט זיך אים געשטעלט אין האַלז און געוואָרגן אים.

— ווער ווייס,—האָט ער געטראַכט,—וואָס איך קאָן נאָך אָנמאַכן: וואָס הייסט—ניט פאָלגן אַ דאָקטאָר!

און ער האָט פון גאַנצן הארצן כאַראָפע געהאט אף זיין אויפטו: אריינשרייבן זיך אין „רויפע כוילים".

— צו וואָס האָב איך געדאַרפט האָבן צו טאָן מיט די דאָקטוירים,—האָט ער זיך געמוסערט*).

שאלעם-אלייכעם

פראָשקעס

איך בין אמאָל געפאָרן מיט אַ קאָמפאַניע אידן. מע האָט גערעדט פון דאָקטוירים און פון רעצעפטן. איך האָב דאן שטאַרק געליטן, ניט פאר אייך געדאכט, אפן מאַגן. האָט מיר איינער, אַ קאמענעצער איד, געגעבן זיינע אַ רעפוּע, אַ פּראָשעק אזעלכן. דעמראָזיקן פּראָשעק, זאָגט דער קאמענעצער, האָט ער דאפקע ניט פון אַ דאָקטאָר-מעדיצין, נאָר פון אַ ציין-דאָקטאָר, אַ דאַנטיסט, אָבער אן אויסגעצייכנטער פּראָשעק, זאָגט ער, אַ געלער פּראָשעק. דאָס הייסט, דער פּראָשעק אליין, זאָגט ער, איז אַ ווייסער, ווי אלע פּראָשקעס, נאָר אין אַ געל פּאַפּירל. און געשוואָרן האָט ער מיר, דער קאמענעצער איד, בא זיין געזונט און בא זיין ווייב און קינדער, אז נאָר דעם געלן פּראָשעק האָט ער צו פארדאנקען. ווען ניט דער געלער פּראָשעק, זאָגט ער, וואָלט ער איצט געווען, זאָגט ער, שוין עהע-הע! קיין סאַך פּראָשקעס, זאָגט ער, דאַרף איך ניט. צוויי—דריי פּראָשקעס, זאָגט ער—און איר ווערט געגעזון**). אויס מאָגן, זאָגט ער, אויס דאָקטוירים, אויס געלט-פּרעסער, אויס בלוט-צאפּערס, אַ רועך, זאָגט ער, אין זייער טאַטנס מאַמען אריין! אויב איר ווילט, זאָגט ער, קאָן איך אייך געבן אַ צוויי—דריי פּראָשקעס פונם געלן פּראָשעק. איר וועט מיר, זאָגט ער, זאָגן אַ דאנק.

קאכאווע***). איך בין געקומען אהיים און האָב איינגענומען איין פּראָשעק, דעם אנדערן, דעם דריטן, איז מיר געוואָרן, ניט באלד, נאָר שפּעטער, ארום האלבע נאַכט, ניט פאַר אייך געדאַכט, אזוי, אז איך האָב געפּאָכט מיט דער נעשאָמע. איך האָב געמיינט, ס'איז אן עק פון מיין לעבן! מע האָט מיר געבראכט אַ דאָקטאָר, צוויי דאָקטוירים, קוים אָפּגעראַטעוועט מיך פונם טויט...

*) געמ'סערט—גערעדט שטראָף-רייד, געמאכט אַ פארוואורף.

**) געגעזון—געזונט.

***) קאכאַ:וע- אזוי איז טאקע געווען.

פון דעמאָלט אָן ווייס איך שוין אַ פּראַקטיקע, אז א קאמענעצער איד גיט אייך זיינע פּראָשקעס, זאָל אַ רועך אין זיין טאַטנס מאַמען אַריין... אַלצדינג אף דער וועלט קאָסט רעבע-געלט.

פארבייט די ווערטער „געזונט“, „געשמאַק“ מיט דער נעשאָמע“ מיט אנדערע. וואו באַקומט זיך שענער?

אַ וועלט פון פּיצינקע ברואימלעך

שעפּט אָן מיט אַ סלאַי אביסל צעבויטעט וואַסער אין אַ זומפּיק אָרט. שטעלט אַוועק אייער סלאַי אפן פענסטער און ווארט, ביז וואנען דאָס וואַסער וועט זיך אויסלייטערן, און דער גאַנצער קויט וועט זיך אפּזעצן אפן דעק. איצטער קוקט זיך איין אין וואַסער אויפמערקזאַם, וועט איר באַמערקן, אז עס איז ניט אינגאַנצן ריין. איבערן קויט וועט איר באמערקן אַסאַך פּיצינקע ברואימלעך, וועלכע שווימען פריי ארום אין אייער סלאַי. אייניקע זיינען אַזוי קליין, אז זיי זעען אויס, ווי קליינינקע פינטעלעך; לויט זייער באַוועגן זיך הין און הער קאָנט איר זיך אנשטויסן, אז דאָס איז ניט גלאַט שמוץ, נאָר לעבעדיקע באַשעפענישן. די גרעסערע פון זיי וועט איר באלד באמערקן, נאָר דאָך זיינען זיי ניט אף אזוי פיל גרויס, אז מע זאָל זיי קענען גוט באטראכטן מיט אַ פּאָשעטן אויג. צוליב דעם איז נויטיק א פארגרעסער-גלאז אדער, נאָך בעסער, אַ מיקראָסקאָפּ. שטעלט זיך פאָר, ווען יעדעס שטיקעלע שמוץ ווערט פארגרעסערט אין טויזנט מאָל. אַ זאמדעלע זעט אויס, ווי אַ גרויסער שטיין, א שטיקעלע גראָז—ווי א גרויסער שפּאָן, די פעדימלעך פון די זומפּ-גרעזלעך—ווי גרינע איבערגעפלאָכטענע צווייגן; צווישן דעם אלעמען דרייען זיך ארום, פּויזען, שפּרינגען מאָדנע ברואימלעך. א טראָפּן וואַסער איז פאַר זיי אַ גאַנצער יאַם.



צווישן די ברואימלעך זיינען דאָ אזוינע קליינע, אז בא אַ פאַרגרעסערונג פון טויזנט מאָל זעען זיי אויס, ווי פּיצינקע פּינטעלעך און פּאַסיקלעך, אייניקע—ווי עקבויערלעך. דיזאָזיקע ברואימלעך רופן זיך באַקטעריעס.

באַקטעריעס זיינען פאַראַן אין יעדן וואסער, נאר באזונדערס זיינען זיי דאָ אַסאַך אין זומפּ-וואַסער. ווען איר האָט אָנגעשעפּט מיטן סלאַי דאָס וואסער, האָט איר אויך אָנגעשעפּט אַסאַך באַקטעריעס. אויב דער סלאַי איז געשטאנען רואיק, האָבן זיי זיך שטאַרק פארמערט. דאָס קאָן מען וויסן אויך דערפון, וואָס דאָס וואַסער הויבט אָן שטארק שמעקן, ווי מע זאָגט, ס'הויבט אָן פוילן.

אין דעם פוילן זיינען שולדיק די באקטעריעס. אויב זאכן, ווי פלייש, געוויקסן, און אנדערע, הויבן אן פוילן, קומט דאָס פון זיי.

אויב מע זאָל זיי אומברענגען, וועט אויפהערן צו פוילן. מאכט אזא מין פרואוו: נעמט אָן אפן זומפ צוויי פלעשער מיט וואַסער ביז אף דער העלפט און פארשטעקט מיט וואטע. איין פלאש שטעלט אין אַ ווארימען אָרט, און די צווייטע זאָלט איר עטלעכע טעג נאכאנאנד אראָפּלאָזן אף עטלעכע מינוט מיטן פּיסקל אין זודיקן וואסער. דאן וועט איר באמערקן. אז אין דער ערשטער פלאש איז דאָס וואַסער געוואָרן מוטנע, און אין דער צווייטער איז עס לויטער. פארוואָס איז דאָס? די הויכע טעמפּעראַטור פון דעם זודיקן וואסער האָט אומגעבראכט די באקטעריעס. לאָזט די צווייטע פלאש אף אַ צייט אפגעדעקט, וועט איר באמערקן, אז בא איר וועט דאָס וואסער אויך ווערן מוטנע. פון וואנען האָבן זיך גענומען באקטעריעס אין דער צווייטער פלאש?

א לאנגע צייט פלעגן די מענטשן ניט וויסן, פון וואנען נעמען זיך די באקטעריעס אין די ערטער, וואו זיי זיינען פריער ניט געווען. איצטער ווייסט מען, אז זיי געפינען זיך אין דער לופטן צוזאמען מיטן שטויב. דורך דער לופט קומען זיי צו צו יעדער זאך.

אומעטום זיינען זיי פול. מיר שלינגען זיי איין מיטן עסן און טרינקען, מיר אטעמען זיי איין מיט דער לופט. אַסאַך פון זיי פאלן ארײַן צו די באלעכאים אין בלוט, פארמערן זיך דארטן זייער שטאַרק און רופן ארויס קראנקייטן. אזעלכע הייסן מיקראבן. אזוי זיינען די געלערנטע דערגאַנגען, אז אלע קלעפּיקע קראנקייטן, ווי טיף, פּיבער א. א., ווערן דערפון, וואָס די מיקראָבן קומען ארײַן אין בלוט ארײַן און פארמערן זיך זייער.

ווי אזוי שטעקן זיך אָן מענטשן מיט קראנקייטן? אַ מענטש שטעקט זיך אָן מיט אַ קראַנקייט דאן, ווען די מיקראבן פון דער קראנקייט גייען איבער אף אים פונם קראנקן. ניט אלע מיקראבן גייען איבער גלייך: די מיקראָבן פון כאלערע און בויך-טיפוס גייען איבער אין מענטשן דורך וואסער און מילך; די באקטעריעס פון שווינדזוכט גייען איבער דורכן שטויב; פלעק-טיפוס ווערט איבערגעגעבן דורך לייז, וועלכע בייסן אַ קראַנקן און דערנאָכדעם גייען זיי איבער אף אַ געזונטן און בייסן אים. אנדערע קראַנקייטן גיבן זיך איבער דורך דעם, וואָס עטלעכע מענטשן עסן פון איין שיסל און ווישן זיך מיט איין האַנטוך.

ניט איינמאָל איז אייך אויסגעקומען, מינאַסטאָם, צעשניידן זיך אַ פינגער, אדער אָפּרייסן אַ שטיקל הויט, אָדער צוקלעמען די האנט מיט אַ האַמער, אָדער מיט אַ שטיק האָלץ. אמאל טרעפט זיך, אז ס'ווערט גלייך פאַרהיילט, און אפטמאל הויבט עס אָן אייטערן זיך. פארוואָס איז דאָס? ווען די וואונד איז ניט פארשמוצט געוואָרן און ס'זיינען אין איר ניט ארײַן קיין פויל-מיקראבן, פארהיילט זי זיך. ווען אבער אין דער וואונד זיינען ארײַן מיקראבן דורך דעם שמוציקן מעסער, מיט וועלכן מע האָט זיך צעשניטן, צי דורך דעם שמאטקעלע, מיט וועלכן איר האָט ארומגעבונדן, צי דורך דעם וואסער, מיט וועלכן איר האָט געוואשן, דאן אייטערט זיך לאנג די וואונד. אייניקע

האָבן אַ געוואוינהייט ארײַנצוכאַפּן דאָס פּאַרוואונדעטע אָרט אין מויל אריין און דערמיט פארשמוצן זיי די וואונד.

די דאָקטוירים ראָטן ניט צו וואַשן די וואונד מיט וואסער, נאָר ארומבינדן מיט אַ ריין טיכעלע און מיט וואטע.

אפטמאָל טרעפט זיך, אז אייניקע שטעקן זיך אן מיט אַ קראַנקייט, און אנדערע, וואָס גייען ארום זיי, שטעקן זיך ניט אן. אנדערע זאָגן: דאָס איז אן אויסגעטראכטע זאך, אז קראנקייטן גיבן זיך איבער. די, וואָס זאָגן אזוי, פארשטייען ניט, אז די באַקטעריעס קאָנען זיך אנטוויקלען נאר דאן, ווען זיי טרעפן גוטע באדינגונגען פאַר זיך.

כוץ דעם קעמפט דעם מענטשנס קערפּער מיט די באקטעריעס. אשטייגער, ווען דער מאָגן איז געזונט און קאָכט גוט, הארגעט ער אויס די שעדלעכע באַקטעריעס, וואָס פאַלן אהין אריין. דעריבער קומען אייניקע קראנקייטן נאר דאן, ווען דער מאָגן איז קאליע.

אָט זעט איר, אז ניט שטענדיק ווערט מען קראַנק, ווען די באקטעריעס באפאלן. די קראַנקייט ווייזט זיך געוויינלעך ניט גלייך ארויס, נאָכן אנשטעקן. ווען מע פארוואונדעט זיך, הויבט ערשט אן אייטערן אפן צווייטן, דריטן טאָג. פּאָקן ווייזן זיך ארויס צווישן 9—14 טאָג, סקארלאטינע 1—9, דיפטעריט 2—8. ווען דער קראנקער ווערט שוין געזונט, קאָן ער נאָך אַ געוויסע צייט אנשטעקן אנדערע. דערפאַר טאָר מען נאָך אַ קראנקייט ניט גיין אין שול אן דער דערלויבעניש פונם דאָקטאָר.

די מענטשן, וואָס גייען ארום דעם קראנקן, קאָנען אנשטעקן אנדערע מיט דער קראַנקייט אפילו דאן, ווען זיי האָט עס ניט געשאַדט.

ווי אזוי היט מען זיך אָפּ פון שווינדזוכט

אין איין שול האָבן די קינדער נאָך אַ לימעד מיטן דאָקטאָר צונויפגעשטעלט אזא פלאקאט:

שווינדזוכט גיט זיך איבער דורך לייכע פון די קראנקע.

ווען די לייכע טריקנט אפילע אויס, איז זי אויך אָנשטעקנד, ווייל די מיקראָבן טראָגן זיך אין דער לופטן צוזאמען מיטן שטויב.

מאכט ניט אָן קיין שטויב מיט די בעזימער און בערשטלעך באם קערן.

ריינע לופט און זון פארהיטן פון שווינדזוכט: פון דער זונען-שיין קומען די מיקראָבן אום.

זון, וואסער און ריינע לופט זיינען אונזערע בעסטע פריינט.

ריינקייט פֿאַרהיט דאָס געזונט.
אָטעם מיט פֿרישער לופֿט.
האַלט ריין דעם קערפּער און די קליידער.
פֿאַרניכט אומעטום די שמוץ,—אין שמוץ לעבן און פֿאַר-
מערן זיך מיליאָנען מיקראָבן.

אויפֿגאַבן

I

מאַכט אַן עקסקורסיע אויף אַ נאָענטער פֿאַבריק. מאַכט אַן אויספֿאָרשונג פֿון דער פֿאַבריק לויט אַזעלכע פֿראַגן:

1) צו וועמען האָט געהערט די פֿאַבריק פֿאַר דער רעוואָלוציע און צו וועמען געהערט זי איצטער?

2) וויפֿל שעה האָבן געאַרבעט די אַרבעטער אַמאָל און וויפֿל איצטער?

3) וואָסערע הילף באַקומט דער אַרבעטער, ווען ער ווערט קראַנק? וואָסערע הילף באַקומט אַן אַרבעטערין, ווען זי האָט אַ קינד? פֿון וועמען באַ-קומט מען די הילף און וואו נעמט מען געלט דערויף?

4) וואָסערע מיטלען נעמט מען אָן קעגן אומגליקס-פֿאַלן און אויף צו פֿאַרהיטן דאָס געזונט פֿון די אַרבעטער?

5) אויף וויפֿל צייט באַקומען די אַרבעטער אורלויב און וויפֿל פֿון זיי פֿאָרן אין אָפּרו-הייזער?

6) פֿון וואָסער עלטער זיינען די אַרבעטער און וויפֿל שעה אַרבעט יעדער עלטער?

7) צו וועלכן פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין געהערן די אַרבעטער?

8) וואָסערע קאָמיסיעס האָט דער פֿאַריין און וואָס טוט יעדע קאָמיסיע?

9) שטעלט צו נאָך פֿראַגן, וועלכע אינטערעסירן אייך.

II

שרייבט אַן אַ קאָלעקטיווע אַרבעט: „דאָס לעבן פֿון די אַרבעטער אַמאָל און איצט‟. צעטיילט זיך אויף גרופּקעס; איינע זאָל אָנשרייבן וועגן דעם לעבן פֿון די יוגנטלעכע אַרבעטער, איינע—וועגן פֿרויען א. א. וו. יעדיעס זאָלט איר צונויפֿנעמען אויף אייער עקסקורסיע אין דער פֿאַבריק, באַ אייערע עלטערן, פֿון די דערציילונגען פֿונם ביכל.

III

באַטראַכט באַ זיך אין קלאַס: וואָס קאָן אייער שול טאָן פֿאַר די קינדער פֿון די אַרבעטער, וואָס לערנען זיך ניט אין שול? וואָסערע אַרבעט קאָנט איר טאָן אין אַרבעטער-קלוב?

IV

וועמעס עלטערן עס זיינען מיטגלידער פֿון פּראָפֿפֿאַריין, דער זאָל אָנ-שרייבן, וואָס האָט זיין פֿאַמיליע פֿונם פּראָפֿפֿאַריין, און דערציילן וועגן דעם דעם קלאַס.

דער מענטשלעכער קערפער

(אויפגאַבן)

I. סקעלעט



1) טאַפּט דורך: די הענט, די פיס און אנדערע טיילן פון קער־פּער. וואָס פילט איר אונטער די מוס־קולן? צו וואָס דינט עס דעם קער־פּער?

2) טאַפּט דורך און ציילט איבער בא זיך די ריפּן, די ביינד־לעך פונם רוקן, דעם ברוסטביין, די אַקסל־ביינער.

טאפּט דורך און ציילט איבער די ביינער באַם פוס, באַ דער האַנט, באַם פּאָנים.

3) קוקט זיך צו, אין וועל־כער זייט בויגט זיך אויס די האַנט, אין וועלכער — דער פוס. פארגלייכט עס בא כאַיעס.

4) אַפן סקעלעט געפינט די אלע ביינער, וואָס איר טאַפּט אָן באַ זיך.

5) דערפרעגט זיך באַם דאָק־טאָר, פאַרוואָס איז באַ אייניקע מענטשן אויסגעבויגענע רוקנס, און וואָס דאַרף מען טאָן, אז בא די קינדער זאָלן אויך נים ווערן אזעלכע רוקנס.

II. מוסקולן

1) מאַכט באוועגונגען מיט פארשיידענע טיילן פונם קערפּער: מיט די הענט, מיט די פינגער, מיטן מויל. קוקט זיך איין, וועלכע מוסקולן ווערן דערביי געבראכט אין באוועגונג.

2) מעסט אויס דעם ארומנעם פון דער האַנט נידעריקער פונם אקסל בא מענטשן, וואָס פארנעמען זיך מיט פיזישער ארבעט, און באַ מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך נים מיט פיזישער ארבעט.

3) מעסט אויס דעם ארומ־נעם פון האַנט (ווי פריער), ווען זי הענגט אין אַ רואיקן צושטאנד און ווען זי איז אויסגעבויגן אין עלנבויגן און אָנגעשטרענגט. רעכנט אויס דעם אונטערשייד (צווישן רו־איקן און אָנגעשטרענגטן צושטאַנד) בא פאַרשיידענע מענטשן.

4) קוקט זיך איין, וועלכע טיילן פון קערפּער און וועלכע מוסקולן ווערן געבראכט אין באווע־גונג בא פאַרשיידענע ארבעטן, וואָ־סערע באוועגונגען מאַכן ארבעטער מיט פאַרשיידענע אינסטרומענטן.

5) מיט וואָסערער פיזקולטור פארנעמט מען זיך בא אייך אין שול?



III. הויט

1) באטראכט אייער הויט דורך אַ לופּע. וואָס באמערקט איר אף איר?

2) אָפטמאָל איז די הויט באם מענטשן פייכט. וואָס איז דאָס אזוינס? ווען באמערקט זיך עס גי־כער?

3) פּרואווט געבן אַ רייב מיטן טרוקענעם פינגער אף דער נאָז (וואו זי גייט זיך צונויף מיט דער באַק) און גיט אַ וויש מיט דעם פינגער אַף אַ גלאָז. קוקט זיך איין אין דעם פלעק, וואָס וועט בלייבן אף דער גלאָז.

4) וואָס טוט איר צוליב דעם, אז די אויסטיילונגען פון דער הויט זאָלן ניט פאַרבלייבן אפן קערפּער?

באַמערקונג: די אויסטיילונגען פארשטאָפּן די לעכעלעך פון דער הויט און ס׳הויבט אָן בייסן, זיי שמעקן ניט גוט. אין דעם שמוץ לעבן און פארמערן זיך אַסאַך מיקראָבן, וועלכע ברענגען צו הויט־קראנקייטן.

5) די וועש און די קליידער זאפן אין זיך איין א טייל פון די אויסטיילונגען פון דער הויט. ווי אָפט בייט איר וועש?

IV. ברענען

1) שטעלט אוועק אַף אַ גלאָזן טיש אַן אָנגעצונדן ליכטל. דעקט עס צו מיט אַ גלעזל פון אַ לאָמפּ. וואָס וועט זיך טרעפן מיטן ליכטל אין עטלעכע מינוט ארום?

2) שטעלט אוועק דאָס גלעזל ניט גלייך אפן טיש, נאָר, לעמאָשל, אַף פּעקעלעך שוועבעלעך. וואָס וועט זיין?

3) קוקט זיך צו, ווי אזוי עס גייט די מאשינקע אינם לאָמפּ.

4) נעמט אַ שעלעכל, וואָס טיפער, און אין דער מיט קלעפּט צו אַ וועקסן ליכטל אזוי די לענג, אַז עס זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן, אויב איר וועט אָנגיסן אַ פול שעלעכל מיט וואסער. גיסט אָן אין שעלעכל וואָס מערער וואסער, צינדט אָן דאָס ליכטל און פאַרדעקט מיט א גלאָז. וואָס וועט ווערן? וואָטער טייל וואסער איז אריין אין גלאָז?

5) איצט פּרוּווט אַזאַ זאַך. נעמט דאָס העלזל פון א פלעשל אין מויל אריין, פאַרשטעקט די נאָז און אָטעמט אין פלעשל אריין. וואָס פילט איר?

6) צי האָט איר ניט באמערקט, וואָס ווערט מיט די ברענענדיקע לאָמפּן אין אַ צימער, וואו ס'זיינען דאָ אַסאַך מענטשן?

באַמערקונג: דער טייל פון דער לופט, וואָס האַלט אונטער דאָס ברענען און אָטעמען, הייסט זויערשטאָף.

וואו די לופט איז פריש און פריי, דאָרט איז פאַראַן גענוג זויערשטאָף. אין אַזאַ לופט ברענט גוט, דאָ קענען פריי אָטעמען און לעבן באַלעבאַים און געוויקסן.

7) רעכנט אויס, וויפל קובישע מעטר לופט קומט אויס אַף יעדן מענטשן אין קלאס? וויפל אינדערהיים בא אייך?

V. קוילנזויער

1) נעמט אַ גלאָז, לייגט אוועק אפן דעק עטלעכע שטיקלעך קאַלכשטיין (מראַמאָר צי קרייד), גיסט אַריין אַהין אַביסל עסיק. וואָס קומט דאָ פאָר?

2) טוט ארויף אַ שטיקל ליכט אַף אַ דרעטל. צינדט עס אָן און לאָזט פּאַמעלעך אראָפּ אין דעמדאָזיקן גלאָז. וואָס האָט זיך געטראָפן?

פּרוּווט אראָפּלאָזן דאָס שטיקל אָנגעצונדן ליכט אין אַ ליידיקן גלאָז. עס וועט דאָרטן ברענען, צי ניט?

3) פּרוּווט נאָך אָט וואָס:

נעמט א ברייט פלעשל, ווארפט אריין אפן דעק עטלעכע שטיקלעך קאלכשטיין (קרייד צי מראַמאָר). גיסט אָן אין פלעשל ביז האַלב אַ וואַסערע ניט איז שוואכע זויערקייט. וואָס קומט פאָר אין פלעשל?

פאַרקאָרקעוועט אצינד די פלאַש מיט אַ קאָרעק, וואָס האָט אַן עפענונג

מיט אַן אויסגעבויגן גלעזערן טרייבל דעריגען. וואָס קומט איצט פאַר מיטן גאַז, וואָס גייט ארויס פון קאַלכשטיין און פילט אָן דאָס פלעשל.

טוט אריין דעם פרייען עק טרייבל אין אַן אַנדער פלאַש. וואָס באמערקט איר אין דערדאָזיקער פלאש? לאָזט אראָפּ אין דערדאָזיקער פלאַש אַן אָנגעצונדן קינעלע אָדער אַ ליכטל אַף אַ דרעטל. עס ברענט דאָרט, צי ניין?

וואָס דערוויסט איר זיך דערפון? מיט וואָס שיידט זיך אונטער געווינלעכע לופט פון דעם גאַז, וואָס גייט ארויס פונם קאַלכשטיין, ווען מע גיסט דערויף זויערקייט?

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: דערדאָזיקער גאַז הייסט קוילנזויער.

4) נעמט אַ גלאָז, שטעלט אוועק אפן דעק, אביסל אין א זייט, אַ ליכטל; צינדט עס אָן. איבער דערדאָזיקער גלאָז בויגט אריבער אַן אנדער גלאָז מיט אָנגעקליבענעם קוילנזויער. טוט דאָס אַזוי, ווי בעשאַס מע גיסט איבער וואַסער. וואָס איז געוואָרן מיטן ליכטל? וואָס דרינגען מיר דערפון ארויס?

VI. אטעמען — איז דאָס אייגענע, וואָס ברענען

1) דערוויסט זיך, וואָס פאַר א גאַז באַקומט זיך בעשאסן ברענען.

קערט איבער א פלעשל און לאָזט אַהין אריין אַף אַ דרעטל אַן אָנגעצונדן ליכטל. קאָלזמאַן דאָס ליכטל איז נאָך ניט פארלאָשן געוואָרן, נעמט עס ארויס, גיסט אָן אין פלעשל אריין אביסל קאלכוואסער און בויטעט אויף אַביסל. וואָס איז געוואָרן מיטן קאלכוואַסער? אַ וואָסער גאַז באַקומט זיך בעשאַסן ברענען?

2) דערוויסט זיך, אַ וואָסער גאז באַקומט זיך בעשאסן אטעמען?

גיסט אָן קאַלכוואַסער אין אַ גלאָז, טוט אַן אָטעם אָפן דאָזיקן וואַסער דורך אַ טרייבל. וואָס ווערט מיט דעם וואַסער? אַ וואָסער גאז באַקומט זיך בעשאסן אטעמען? צי וועט דאָס וואַסער ווייס ווערן, ווען מיר זאָלן אַ הויך טאָן אַף אים מיט פרישער לופט?

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: בעשאַסן אטעמען, הייסט עס, ווי בעשאַסן ברענען, באַקומט זיך קוילנזויער. קוילנזויער קאָן מען ארויסבאַקומען אויך פון קאַלך.

לעבעדיקע זאַכן קומען אום אין קוילנזויער. בעשאַסן אטעמען ווערט פונם קוילנזויער טונקל דאָס בלוט. דאָסדאָזיקע בלוט גייט צוריק צו די לונגען, גיט אָפּ אַהין דעם קוילנזויער און נעמט אין זיך ווידער אריין דעם פרישן זויערשטאָף. אָט אזוי רייניקט זיך אלעמאָל און פרישט זיך אָפּ אונזער בלוט בעשאַסן אטעמען.

VII. א ט ע מ ע ן

1) באַקומט בײַ אַ קאַצעוו אַ לונג פון אַ קעלבל אָדער פון אַ שעפּס (זיי דאַרפן זיין פרישע). פרואווט זיי אָנבלאָזן דורך אַ רערל. באַטראַכט גוט די אָנגעבלאָזענע לונג. וואָס באַמערקט איר אַף איר? לאָזט אָפּן דאָס רערל. וואָס ווערט מיט דער לונג?

2) לייגט צו איין האַנט צו אייערע ריפּן, די צווייטע—צו אייער בויך. וואָס באַמערקט איר באַם אָטעמען?

3) וואָס ווערט מיט אייער ברוסט, ווען איר אָטעמט אַריין לופט? ווען איר אָטעמט אַרויס? מעסט אויס איר ברייט? וויפל מאָל אָטעמט איר אין אַ מינוט אין רואיקן צושטאַנד? באַ אַן אַרבעט?

4) נעמט אַ פלאַש און אָטעמט אין איר אַריין, צוהאַלטנדיק די נאָזלעכער. וואָס וועט איר באַלד דערפילן? וואָס פילט איר, ווען איר קומט אַריין אין אַ פאַרמאַכטן צימער, וואו ס׳זיינען דאָ אַסאַך מענטשן? פאַרוואָס איז פון דער פלאַש געוואָרן שווער צו אָטעמען? פאַרוואָס איז אין פאַרמאַכטן צימער אַ שווערע לופט?

5) וואָס טוט איר, אז ס׳זאָל צוקומען פרישע לופט באַ אייך אין קלאַס? באַ אייך אינדערהיים? וואָסערע ווענטילאַציע איז דאָרט? וויפל צייט אין טאָג זייט איר אויף דער פרישער לופט?

VIII. ציין

1) באַטראַכט באַ זיך אין מויל די ציין: וויפל און פון וואָסער פאָרם זיינען זיי?

צו וואָס נוצן פאַרשיידענע ציין? וואָסערע באַדייטונג האָבן די ציין פאַרן מענטשן?

2) וועלכע פון זיי פעלן? וועלכע זיינען אַרויסגעפאַלן און זיינען נאָכאַמאָל אָנגעוואַקסן?

3) פירט דורך אַן אויספאָרשונג באַ וויפל קינדער זיינען דאָ שלעכטע ציין. פרעגט זיך אָן באַם דאָקטאָר, וואָס דאַרף מען טאָן צו דעם.

באַמערקונג: דער טייל צאָן, וואָס שטעקט אינדרויסן, איז באַדעקט מיט אַ בלישטשענדיקן מאַטעריאַל, וואָס רופט זיך—עמאַל. דעמדאָזיקן עמאַל מוז מען שטאַרק אָפּהיטן, ווייל דער צאָן איז געזונט, קאָלזמאַן דער עמאַל איז גאַנץ. ווען דער עמאַל ווערט צעשפּאָלטן, קומען אַהין אַריין פּליסיקייטן, שפּייז-טיילעכלעך, וואָס הויבן אָן פוילן און פאַניערן די ציין. היט זיך צו עסן קאַלטס נאָך הייסן און פאַרקערט. בייסט ניט קיין צו האַרטע זאַכן. שווענקט דאָס מויל און רייניקט אויס מיט אַ בערשטעלע אַלע טאָג די שפּייז-טיילעכלעך. באַזונדערס איז וויכטיק צו וואַשן די ציין פאַרן שלאָף.

IX. בלוט-צירקולאַציע

1) פּרואווט, ווי עס קלאַפּט דער דויפעק באַ פאַרשיידענע מענטשן: ציילט איבער לויטן זייגער די צאָל קלעפּ אין אַ מינוט אין אַ רואיקן צושטאַנד און נאָך אַ שווערער פיזישער אַרבעט. פאַרגלייכט דאָס באַ קינדער און באַ דערוואַקסענע.

באַמערקונג: ס׳איז פאַראַן ארבעטן און שפּילן, וואָס זיינען שעדלעך פאר קינדער ביז אַ געוויסן עלטער. ווען מ׳פארנעמט זיך מיט ספּאָרט, דארף מען זיך צונויפריידן מיטן דאָקטאָר, וואָס מע מעג טאָן און וואָס ניט.

2) שטרענגט אָן די הויט אף אייער קערפּער און קוקט זיך צו צו די אָדערן אונטער דער הויט. באַמערקט, ווי זיי צעצווייגן זיך.

3) אייניקע קלעפּיקע קראנקייטן ווערן פארשפּרייט דורך דעם, וואָס אינזעקטן בייסן אַ קראַנקן מענטשן און טרינקען זיין בלוט, נאָכדעם גייען זיי אַריבער אַף אַ געזונטן מענטשן און שטעקן אים אָן דורכן בלוט. פלעק-טיפוס ווערט אַף אַזאַ אויפן פאַרשפּרייט דורך לייז, מאַליאַריע—דורך קאָמאַרן.

וואָס טוט איר צוליב דעם, אז די קראנקייטן זאָלן ניט פאַרשפּרייט ווערן?

X. נערונג

1) רעכנט אויס די מינים פונם מענטשנס נערונג. מאַכט אַזאַ טאַבעלע און שטעלט אריין אין די גראַפעס די אָנגענומענע שפּייזן אין אייער אָרט:

געוויקסן-שפּייז	כאַיעס-שפּייז	פעטקייטן	מינעראַלן

2) שטעלט צונויף אַ טאַבעלע פון פאַרשיידענע שפּייז-פּראָדוקטן לויטן טאַם, וואָס זיי האָבן:

זיס	ביטער	זויער	געזאַלצן	הארב	טערפּקע	ווייניק

3) צי האָט איר אַ באַשטימטע צייט פון עסן?

צי האָט איר ניט באַמערקט, אַז ווען מ׳עסט זיך אָן אָפּדערנאַכט, שלאָפט זיך שלעכט און דער בויך בלאָזט זיך?

4) פארשיידענע שפּייז-פּראָדוקטן ווערן געפּאַטערט, אויב זיי ליגן. רעכנט אויס, ווי מע פאַרהיט יעדן פּראָדוקט, אַז ער זאָל ניט קאַליע ווערן:

דורך זאלצן	דורך קאָכן	דורך זייערן	דורך ניט צו-לאָזן קיין לופט	דורך טריקענען	דורך קילן

5) געפינט אין רעזניקס ביכל „מאַטעמאַטיק פון לעבן“, וויפל און וועלכע נערונג פאָדערט זיך פאַר אַ קינד? פאַר אַ דערוואקסענעם? רעכנט אויס, וויפל קאָסט דערנערן אייער פאמיליע אַ כוידעש?

געזונט-פאַרהיטונג

(אויפגאבן)

I

1) פאָ״שט אויס די הייזער פון די קינדער פון אייער שול. אין וואָסער סאניטאַרן צושטאַנד געפינען זיי זיך? צי פילן אויס די קינדער אַלץ, וואָס ס׳פאָדערט זיך, אַז מ׳זאָל זיין געזונט?

2) באטראכט אף אייער פאַרזאַמלונג, וואָסערע מיטלען דאַרף מען אָנעמען, אַז די קינדער זאָלן אָפּהיטן זייער געזונט. לאדט איין אַף דער פארזאַמלונג די עלטערן פון די קינדער און דעם דאָקטאָר.

3) באַטראַכט די פראַגע וועגן דער ריינקייט אין שול, ארום דער שול און אנדערע געזעלשאפטלעכע ערטער.

4) פאַרפלאַנצט אַרום אייער שול און אנדערע געזעלשאפטלעכע ערטער ביימער, בלומען. היט אָפּ די פאַראַנענע ביימער.

5) וואָסערע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן זיינען געווען די לעצטע צייט אין אייער אָרט? דערוויסט זיך די סיבעס פון זיי און ווי אזוי מ׳דאַרף מיט זיי קעמפן. מיט וואָס קאָן אייער שול זיין נוצלעך דערביי?

6) וואָסערע אבערגלויבענישן זיינען פאַראַן באַ אייך וועגן פארשיידענע קראַנקייטן? מיט וואָס דערקלערט מען די סיבעס פון די קראנקייטן? מיט וואָס היילט מען זיי?

7) שרייבט אָן אַ קאָלעקטיווע ארבעט „ווי זיך פאַרהיטן פון קראַנקייטן“. שרייבט אָן לאָזונגען און צעהענגט זיי אין שול. אין אנדערע געזעלשאַפטלעכע ערטער, אין די הייזער.

II

1) דער שעטעך פון די סעדער (אין קוו. מעט.) אף איין מענטשן און די צאָל שטאַרבנדיקע (פון 1000 איינוו.) אין די הויפט-שטעט פון אייראָפּע.

לאָנדאָן	7,7 קוו. מעט.	15 שטאַרבנדיקע.
פּאריז	0,91 „ „	19 „
לעניגראַד	0,46 „ „	25 „
מאָסקווע	0,27 „ „	27 „

וויפל מענטשן שטארבן אַ יאָר פון אנשטעקנדיקע קראנקייטן אַף צען טויזנט מענטשן.

אין רוסלאנד 635

אין ענגלאַנד 78

וויפל אנאלפאבעטן אף צען טויזנט מענטשן:

אין רוסלאנד 7.800

אין ענגלאנד 400

מאַכט אן אויספיר פון די געבראכטע ציפערן און צייכנט אָן אַ דיאגראַמע פון דעם.

ב. דער וועג צו אָקטיאַבער

י. ערטעל

פּאַפּליאַשקע

אָפּן וועג האָב איך געטראָפן א פויערש פורל. א דאַר פערדל אין א שטריקענעם שפּאַן האָט איילנדיק געשטעלט קליינע פיס.

פון וואָגן איז אראָפּגעשפּרונגען א פויערל. די קליידער זיינע, פון דעם היטל אפן קאָפּ ביז די אנוטשעס אף די פיס, זיינען געווען הוילע שמאַטעס. זיין גאנצער אויסזעען האָט אויסגעדריקט שוואַכקייט און דערשלאָגנקייט.

ער האָט זיך א נויג געטאָן צו מיר, און אף זיין פּאָנים האָט זיך אין דער רעגע צעגאָסן אן אומבאַשטימטער שמייכל. די צונויפגעפּרעסטע ליפּן האָבן געציטערט, און דאָס צעקנייטשטע פּאָנים איז געווען בלאָס. די קעלט האָט אים, ווייזט אויס, דורכגענומען.

— ווער ביסטו? — האָב איך אים א פרעג געטאָן.

— וואָס? — האָט זיך איילנדיק אָפּגערופן דאָס פויערל און גענומען לויפן, אָנכאַפּנדיק זיך פון צייט צו צייט פאַר מיין שליטן.

איך האָב איבערגעכאַזערט מיין פראַגע.

— אָך, אָך, אָך, ווער בין איך?.. אָט דאָס, זעסטו, קאָן איך דיר, „פּאָטערל", ניט זאָגן... ווער, ווער... — האָט געשטאַמלט און עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט דער פויער, — פריער, הייסט עס, זיינען מיר געווען די פריצימס, דעם קאַזעלסקער פּאַריצס, הייסט עס, פון קאַזעלסק. בין איך א קאָזעלסקער, הייסט עס, יאָ, א קאָזעלסקער. מע רופט מיך פּאַפּליאַשקע. דעם טאַטן — וויקטארקע, און מיך — פּאַפּליאַשקע.

— וואָס איז דאָס פאַר א נאָמען אזעלכער? — האָב איך זיך פאַרוואונדערט, — עפּשער גאָר א צונעמעניש, אף כויזעק מאַכן?

— ניין, ס'איז ניט קיין צונעמעניש. פּאַפּליאַשקע — דאָס איז מיין עמעסער נאָמען.

— א טשיקאַווער נאָמען!

— אָך, אָך, אָך, — ביסט זייער געכערעכט, — א טשיקאַווער גאַלעך איז בא אונז. און א שטרענגער אזוינער. וואָס פּאַפּליאַשקע? פּאַפּליאַשקע דאָס איז גאָרניט. אָט איז פאַראַן בא אונז איינער, רופט מען אים בוטילקע. א פויער.

נו, אן עמעסער מיט אלע פישטשעווקעס—סאַי מיטן אויסזעען, סאַי מיט אלץ, און נאַ דיר גאָר — בוטילקע. אָט א גאַלעך א שטרענגער.

— נו, און אכוץ די נעמען איז ער עפּעס נישקאָשע פון א גאַלעך? — האָב איך זיך פאַרינטערעסירט.

— מיר זיינען אין קלעם באַ אים. ווי נאָר ס'קומט דער זומער, אזוי פאַרנעמט ער אונז אף אַרבעט. שנייד אים, פיר אים, ררעש אים. א רייכער גאַלעך, פאָרט ער אף אלעמען רייטנדיק. לאָזט קיינעם ניט דורך. דרייט שטענדיק אויס אונזערן א ברודער אין שפּאַן אריינעמען, אין די האלאבליעס, הייסט עס א שווערער מענטש אַזעלכער, קיין קאַפּ ראַכמאָנעס אין האַרצן ניטאָ.

— נו, און קלאָגן זיך אף אים האָט איר זיך גאָר קיינמאָל ניט געפּרואווט? — האָב איך א פרעג געטאָן נאָך א קליינער פויזע.

— וואָס, אַפן גאַלעך?.. ניין, ניט געקלאָגט זיך... — און, פלוצלונג א פריילעכער און אויפגעלייגטער, צוגעגעבן: —כע, כע, כע... אנו, גיי קלאָג זיך אף אים... פּרואוו זיך... ער וועט דיר, ברודערקע, אזעלכעס... ער וועט דיר אזוי אריינצימבלען... ניין, ניין, קיין קלאָגן זיך גייט ניט אָן באַ אונז, דער גאַלעך איז א בייזער, האָט ניט ליב, אז מע קלאָגט זיך אף אים.

עטלעכע מינוט האָבן מיר געשוויגן.

— פון וואַנען פאָרסטו? — האָב איך א פרעג געטאָן?

— א כוטאָר איז דאָ פאַראַן, איז פון דארפן, פון טשומאקאווער, הייסט עס, כוטאָר.

— נאָך וואָס זשע?

— א כאמעטל אפן האַלז, הייסט עס קריגן...

פּאָפּליאשקע האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— וואָס פאַר א כאמעטל? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

— אַן אַרבעט. אַרבעט זוך איך.

— נו, האָסטו געקראָגן?

— עך, ניין. מע האָט ניט געגעבן. דער טשומאקאווער סויכער האָט קיין אַרבעט ניט געגעבן. א קאַרגער איז ער, אָט דער סויכער. דו אָט נעם מיך... א פערדל איז באַ מיר איינס, אַרבעטן ארבעט איך איינער אליין, נו, די אלטע מיינע איז א שוואַכע, די קינדער קליינינקע. אָט האָב איך פאַראַיאָרן זומער אָנגענומען זיך קאסען אין טשומאקאווע. און אז ס'איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט מען מיך מיט היינט ניט געקענט געפינען.

— פארוואָס זשע האָסטו ניט געקאָסעט?

— וואָס הייסט איך האָב ניט געקאָסעט? געקאָסעט האָב איך, נאָר באַ אַן אַנדערן. אַן אַנדערער האָט מיך א נעם געטאָן גלייך פון שטאל און אוועקגעשטעלט אַפן פעלד: שנייד, כאָטש ווער צעזעצט.

— נו, און דו?

— עך! באַ צווייען ארבעט גענומען. דאָ אַן אויפגאַב. נו, דעם גאַלעך אויך... דאָס אויגן שטיקל פעלד שיט זיך אויס... עך. אַזאַ איז שוין אונזער מאַזל דער פינסטערער.

— זיינען דאָס אין אייער דאָרף אלע אזעלכע אָרימע, ווי דו?

— נו, ניין... פֿאַראַן נאָך ערגער. אָט, לעמאָשל, בוטילקע. כוץ צוויי שעפסן האָט ער גאָרניט. פֿאַראַנען אזעלכע, וואָס זייער גאַנצער פֿאַרמעגן באַשטייט פון א העמד און א פּאָר הויזן און מער גאָרניט. נו, יענע זיינען באַטראַקעס. אך, פֿאַראַן אסאַך, אסאַך בא אונז אָרימע.

— וואָס זשע, ערד איז בא אייך ווייניק?

— יאָ, ווייניקלעך, ווייניקלעך.

— פון וואָס זשע לעבט איר?

— פון וואָס לעבן מיר? אָך, שווער היינטיקע צייטן זיך דורכצולעבן... א שרעק, ווי שווער. מערסטנס לעבן מיר פון אַרבעט. נעמען אָן אף ווינטער אַרבעט און לעבן זיך דורך. אניט, דינגען מיר ערד. בא די סאָכרים, בא די פּריצים דינגען מיר. ווי דאָס ברויט ווערט צייטיק—צאָלן מיר פּאַר איר. גוט געלט צאָלן מיר. אָך, שווער, שווער זיך דורכצולעבן.

דער פויער האָט א רגע געשוויגן און גלייך ווייטער פֿאָרגעזעצט:

— שלעכטע גערעטענישן געוואָרן. און פֿאַרוואָס איז דאָס אזוי?—און, ניט דערוואַרטנדיק זיך אף מיין ענטפער, געזאָגט:—דערפֿאַר, וואָס ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו אַרבעטן. ניטאָ קיין מיסט, ניטאָ קיין פערד... שוין לאַנג קיין גערעטעניש ניט געווען. מיר ליגן אין דר'ערד, אין דר'ערד ליגן מיר, און טיף. און אויב ס'וואַקסט שוין יאָ אָן, איז נעמט מען בא אונז צו דאָס ברויט. דער גאַלעך נעמט צו. דער, יענער. און כויוועס? איבערן קאָפּ כויוועס. ניטאָ קיין קויעך איבערצוטראָגן.

— נו, האָפט איר אף עפּעס? וואַרט איר אף וואָס ניט איז?

— כ'וויס, עפּשער ט'מען צושניידן וויפל ניט איז... עפּשער מיקויעך ערד אז...—האָט ניט זיכער געזאָגט פּאָפּליאַשקע און זיך אָפּגעהאַקט.

---

1) פון וועלכער צייט ווערט גערעדט אין דער דערציילונג. פון וואָס זעט מען דאָס?
2) רעכנט אויס די סיבעס פון דער פויערשער אָרימקייט און דערשלאָגנקייט.

י. קאַטיק

פון אמאָליקע יאָרן

(זיכרוינעס)

די פּריצים, וואָס זיינען געזעסן איינער לעבן דעם אַנדערן א דריי—פיר וויאָרסט ווייט, האָבן אָפט געמאַכט בעלער. אמאָל דער פּאָריץ, אמאָל יענער. און די בעלער זיינען געווען גרויסאַרטיקע, רייכע, מיט די בעסטע ווייַנען. און אָט די בעלער האָבן ניט ווייניק פּריצים ארייַנגעבראַכט אין כויוועס, און זיי זיינען שטענדיק געווען געענגט אין געלט. סוואָרעס, בראַנפן, וואָל און פּי האָבן בא זיי אייַנגעקויפט די אידן.

ווי די מאָדע איז, האָבן די פּריצים ליב געהאַט הינט. יעדער פּאָריץ האָט געהאַט פאַרשיידענע סאָרטן הינט. געווען יעגער-הינט און הינט אזעלכע, וואָס פלעגן אָנפאַלן אף א פרעמדן אָן א שום בילן און טאָמיד אים צעררייסן. געווען א דריטער סאָרט הינט, וואָס פלעגן נאָר בילן און ניט בייסן, און אויך אַזאַ סאָרט, וואָס האָבן אי געבילט, אי געביסן. אזוינע הינט-מאַדרייגעס האָט יעדער פּאָריץ געהאַט באַ זיך אין הויף. און די יעסורים, וואָס אידן זיינען אויסגעשטאַנען פון דידאָזיקע הינט, בעאייס זיי זיינען געגאַנגען צום פּאָריץ, איז ניט צו באשרייבן. איז א איד געפאָרן צום פּאָריץ, האָט ער צום ערשט אָפּגעשטעלט זיין פערד פאַרן טויער פון הויף און האָט געוואַרט, טאָמער וועט ער דערזעען א פויער צי א פויערטע. די פויערטע צי דער פויער האָבן אים אָפּגעפירט צום פאַקטאָר ערגעץ אין א ווינקל, און ערשט פון דאָרטן האָט אים עמיצער אָפּגעפירט צום פּאָריץ. צוריק האָט שוין דער פּאָריץ אָפּגעשיקט דעם אידן מיט א מענטשן פון פּאַראַד-ארייַנגאַנג. איז דער איד ווערט געווען ארויסצוגיין פון פּאַראַד-טיר, האָט אים דער פּאָריץ דורכגעלאָזט דורכן הויף מיט א דינער. ווען דער איד אָבער האָט דידאָזיקע זכיע ניט געהאַט, האָט ער געמוזט אין טויט-שרעק עמיגרירן פון פּאַלאַץ צום פאַקטאָר, אז יענער זאָל אים ארויסבאגלייטן צום טויער. אָבער דער איד, ביז ער איז צוגעגאַנגען צום טויער, איז דאָך אלץ ניט זיכער געווען פון די בייזע הינט. האָט כאָלילע דער פּאָריץ אף אים געהאַט א מינדסטן אומכיין, איז שוין זיין לעבן ניט ווערט געווען א האַלבן גראָשן. דעמאָלט האָט ער געהייסן גיין דעם אידן אָן אַ באַגלייטער. און דאָ איז ער דורכגעגאַנגען א גאַנצע סיסטעם פון כויזעק מאַכן און פייניקן. פון אָנהויב פלעגט דער פּאָריץ ארויסשיקן א פּאָר הינט, וועלכע בילן נאָר און בייסן ניט. באַלד נאָך זיי — הינט, וועלכע זיינען פון אַן אנדער מאַדרייגע, און נאָכדעם די עמעסע בייסער. איז מען באַפאַלן דעם אידן פון אלע זייטן, און אים ניט געלאָזט גיין ניט אהין, ניט צוריק.

און דאַן האָט ער ערשט באַקומען אַן עמעסע פּאָרציע ביסן.

זיינע געשרייען זיינען געווען ביז אין הימל אריין, זיין שרעק איז געווען טויט-שרעק, און דער פּאָריץ איז זיך געשטאַנען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אפן גאַניק און געלאַכט.

די פּריצים, וואָס ארום קאַמענעץ, פלעגן קומען צו פאָרן אין קלויסטער קימאַט אַלע זונטיק. יעדערער האָט זיך געסטאַרעט, אַז זיין קאַרעטע מיטן שפּאַן און פערד זאָל איבערשטייגן דעם צווייטנס. און די רייכקייט פון דידאָזיקע קאַרעטעס מיט די פערד לאָזט זיך ווירקלעך ניט באַשרייבן. אָנהויבן צו פאָרן פלעגט מען פון אלע זייטן פון שטאָט, און די קאַרעטעס פלעגן זיין אויסגעשטעלט איבער דער גאַנצער לענג פון די גאַסן. איינער איז געפאָרן אין א טייערער קאַרעטע מיט פיר טייערע פערד אין דער ברייט, און די פערד מיט דעם גאַנצן שפּאַן זיינען געווען באַדעקט מיט זילבער און גאָלד; דער קוטשער מיט דעם לאַקיי זיינען אויך געווען באַדעקט מיט גאָלד און זילבער. א צווייטער פּאָריץ איז געפאָרן מיט פיר פערד „נאַשפּיק", צו צוויי פערד אין

דער לענג, נאָך שענער אויסגעפּוצט; און בּאַ א דריטן איז דער שפּאַן באַ־שטאַנען פון זעקס פערד: פיר באַ דער קאַרעטע און צוויי פאָרויס. קעדיי די באַפּוצונגען זאָלן זיין נאָך שענער און גרעסער, האָבּן אַנדערע לאַקייען גע־האַלטן א שיינעם זילבּערנעם טרומייט און באַם אַריינפאָרן אין שטעטל האָט מען געטרומייטערט, און די קוטשערס האָבּן געקנאַקט מיט די לאַנגע בּייטשן. דאָס אַלץ האָט אָנגעוואָרפן א מוירע אף אַלעמען. שליאַכטעס*), וואָס האָבּן פאַרמאָגט צו מאַיאָנטיקלעך מיט עטלעכע צענדליק לייבּ־פויערים, פלעגן אויך ניט זשאַלעווען קיין געלט אף א קאַרעטע מיט א פּאָר פערד. ארויסגעגאַנגען פון קלויסטער, פלעגן די פּריצים פאַרפאָרן אין די שענקען נעמען פון דאָרטן די גוטע פלעשער ווײַן מיט דער גוטער טיי. נאָך די קאַרעטעס פלעגן נאָכ־לויפן די הויכע לאַנגפיסיקע יעגער־הינט, אָנגעטאָן אין טייערע זילבּערנע האַלז־בּענדער.

אין קאַמענעץ איז געווען א באַזונדער קלויסטער פאַר די פּריצים. פוי־ערים פלעגן גיין אין די דאָרפישע קלויסטערס, אָבּער ניט, כאָלילע, אין פּרי־צישן. מע האָט גאָר ניט געטאָרט זען א פויער אין גאַס פון קלויסטער.

דער גאַלעך האָט געוואוינט פירשטלעך, מיט זילבּערנע און גאָלדענע געשיר. געהאַט האָט ער פיל פעלדער און לאָנקעס, און פויערים, די פּריצישע לייבּ־קנעכט פלעגן אים באַאַרבּעטן די ערד. פון א פאָריץ פלעגט ער אָפטער באַקומען א מאַטאָנע א פּאָר פויערים. ווידער האָט ער געהאַט אַסאַך בּעהיימעס און פאַרשיידענע אויפעס, און אין הויף איז באַ אים געווען א געקינצלט טייכל מיט אַסאַך פיש. באַם גאַלעך פלעגט סאַי טאָג און סאַי נאַכט פול זיין די שטוב מיט געסט. טאָג און נאַכט איז געווען באַם גאַלעך בּעלער, און מיט זייער שפּילן אף פאַרשיידענע אינסטרומענטן, און מיט דעם קנאַקן מיט די בּייטשן פון די קוטשערס, און מיט דעם טרומייטערן פון די טרומייטערס פלעגט מען ניט לאָזן שלאָפן גאַנצענע נעכט.

קאַמענעץ האָט געהערט צו א פּאָריץ, אַסטרעוווסקי האָט מען אים גע־רופן. לייבּקנעכט זיינען באַ אים געווען בּיז פינף טויזנט. ארום קאַמענעץ האָט ער געהאַט זייער פיל גיטער, און די שטאָט קאַמענעץ גופע. אויך האָט ער געהאַט פערצן מיליאָן אין באַנק. ער איז געווען א גרויסער קאָרטן־שפּילער און דערבּיי א זעלטענער מאַצליעך. שטענדיק פלעגט ער זיצן אין וואַרשע און שפּילן מיט די רייכסטע פּריצים אין קאָרטן. אַסטרעוווסקי האָט געהאַט אין אַלע זיינע פופצן גיטער באַזונדערע קאָמיסאַרן, וואָס זיינען געווען די גאַנצע פירערס. ווידער איז געווען אַן עקאָנאָם און א וואָיט**). דער וואָיט פלעגט אויספילן די שטראָף, וואָס דער קאָמיסאַר אָדער דער עקאָנאָם האָט ארויסגע־געבּן. די שטראָף איז געווען — שמיץ.

דער וואָיט האָט מעקאַיעם־פּסאַק געווען***). און קיין מאָל האָט ער ניט געטאָרט מאַכן, דאָס הייסט, כאָלילע ניט צו מינערן. מער אָבּער, אַז ער

*) שליאַכטע — פוילישע פּריצים.

**) וואָיט — סטאַראָסטע.

***) מעקאַיעם־פּסאַק געווען — אויסגעפילט די שטראָף.

האָט געגעבן, האָט קיינעם ניט געאַרט. ווידער האָט מען זיך גאָר ניט געטאָרט קלאָגן אַף מער, ווארום פאַר יעדער מינדסטער אָנקלאָגע האָט ער ווייטער באַקומען נייע שמיץ.

אַז מיין זיידע איז געפאָרן צו אַ נאָענטן פּאָריץ, האָט ער ליב געהאַט מיך מיטצונעמען, און האָט אויך ליב געהאַט מיט מיר צו ריידן און דערציילן, וואָס עס פּאַסט פאַר אַ קינד. געדענק איך, אַז מיר זיינען אַמאָל געקומען קיין דומעניטש — אַזאַ הויף — צום פּאָריץ (איך האָב פאַרגעסן, ווי מע רופט אים). זיינען מיר צוגעפאָרן צום פּאַלאַץ אַזייגער איינס נאָך מיטאָג. איז געשטאַנען דער קאָמיסאַר נעבן גאַניק. פרעגט דער זיידע:

— וואו איז דער פּאָריץ?

זאָגט יענער מיט אַ שמייכל:

— ער שמייסט ערשט אַ פּויער פאַרן עסן... עס טרעפט אַמאָל, אַז דער פּאָריץ האָט ניט קיין אַפּעטיט צום עסן, שמייסט ער אָפּ אַ פּויער, עסט ער שוין נאָכדעם געשמאַקער. מע האָט אונז אַריינגעבעטן אין אַ צימער; מיר האָבן געוואַרט אַ שאָ צייט. דער פּאָריץ איז געקומען אַ צעהיצטער און אַ רויטער, די אויגן האָבן אים געברענט, נאָר אַז ער האָט דערזען דעם זיידן, איז ער פריילעך געוואָרן און האָט אים געגעבן די האַנט.

— יאַק סיע מאַ, פּאַן קאַמיק, מאַי קאַכאַני? (וואָס מאַכט עפּעס מיין ליבער הער קאָסיק?). ווער איז דאָס אײנגעלע?

— דאָס איז מיינס אַן אייניקל, —זאָגט דער זיידע.

גיט מיך דער פּאָריץ אַ גלעט פאַרן בעקל און זאָגט:

— אַזוי יונג ביסטו און האָסט שוין אַזאַ שיין אייניקל.

זיי זיינען באַלד אַריינגעגאַנגען אין אַן אַנדער צימער און אָפּגערעדט וועגן זייערע געשעפטן. דערנאָך זיינען מיר אַוועקגעפאָרן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער קאָמיסאַר האָט דערציילט דעם זיידן וועגן שמייסן, און איך האָב אָפן געפרעגט דעם זיידן:

— וואָס איז ער דאָס אַזוי אַריינגעקומען, דער פּאָריץ, אַ רויטער און צעקאָכט? וואָס פעלט אים?

האָט מיר דער זיידע דערציילט אַ לאַנגע געשיכטע פון די פּריצים און די פּויערים, און איך האָב זיך דערוואוסט פון לייבקנעכט און פון צאָרעס, און פון דעם, ווי אַזוי מע שמייסט די פּויערים אַן אַ שום רחמנות און נאָך, און נאָך אַזוינע זאַכן.

איינמאָל בין איך געפאָרן מיטן זיידן קיין פּרוסקע צו ווילעווינסקין. אַז מיר זיינען געקומען צו פאָרן, איז דער פּאָריץ מיטן זיידן געגאַנגען אין ברויז, וואו מע האָט געמאַכט בראַנפן, און איך בין מיטגעגאַנגען. נעבן ברויז האָט דעמאָלט אַ פּויער געהאַקט האָלץ. נאָר ווי ער האָט דערזען דעם פּאָריץ, האָט ער אין דער גיך אַוועקגעוואָרפן די האַק און האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַ בלאַסער, אַ טויטער, מיט אַזאַ ציטערניש אין גוף, פּונקט ווי ער וואָלט דערזען אַ וואָלף. דאָס איז עפּעס געווען אַ שרעקלעכע סצענע, און איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דעמאָלט האָב איך דייטלעך געזען, וואָס הייסט

פֿאַריק און וואָס הייסט פֿויער, לייבקנעכט. און נאָך אַ שרעקלעכן פֿאַל האָב איך געזען, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט נאָך אַ שטאַרקערן איינדרוק, אַזוי אַז מיך נעמט נאָך איצט דורך אַ קעלט, אַז איך דערמאָן מיך אָן אים.

אין דעמזעלבן יאָר האָט דעם פֿאַריקס קאָמיסאַר פּאַטשאַשע, אַ הויכער און אַ גראָבער (ער האָט געמוזט וועגן אַ צוועלף פּוד), פֿאַריכט די גרעב־ליע מיט די דריי בריקן, וואָס צווישן קאַמענעץ און זאַסטאַוויע. ער האָט גע־הייסן אַרויספֿירן פֿינף הונדערט פֿורן מיט ערד און צווייגן צו פֿאַרשיטן די גרעבליע, וועלכע האָט זיך איבערגעריסן פֿאַר פֿייסעך אין די גרויסע געווי־טערס.

שאַבעס, געדענק איך, אַזייגער צען, בין איך געגאַנגען זעען, ווי מע פֿאַריכט די גרעבליע, און ווי די אַלע פֿורן האָבן געבראַכט די נייטיקע מאַ־טעריאַלן. פּאַטשאַשע איז געשטאַנען און האָט נאָכגעקוקט. נאָר איין פֿויער איז געקומען שפּעטער מיט אַ שאָ. באַלד האָט אים פּאַטשאַשע געהייסן זיך לייגן, און נעמענדיק באַ דעמזעלבן פֿויער די בייטש, וואָס יענער האָט געהאַט צום פֿערד, גראַדע אַ גוטע בייטש, האָט אים פּאַטשאַשע אַליין אָריינגעשמיסן. באַם פֿופֿציקסטן שמיץ איז דער פֿויער געבליבן טויט. פּאַטשאַשען האָט עס אָבער גאָרניט געאַרט, און קאַלטבלוטיק האָט ער געהייסן דעמזעלבן פֿויערס זון מיט זיין ווייב, אַז זיי זאָלן אוועקפֿירן אויף דערזעלבער פֿור דעם מעס... קיינער האָט ניט געטאָרט וויינען און קרעכצן...

דער הויפּט־קאָמיסאַר איבער אַלע מאַיאָנטקעס האָט געוואוינט אין מיטן שטאָט, אָפּן באַרג, אין אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ.

אין קאַמענעץ האָט יערלעך יעדערער געצאָלט צינזן *) דעם פֿאַריק פֿאַרן פּלאַץ פֿון זיין הויז. אויך האָט קיינער ניט געטאָרט קויפֿן קיין ביר און בראַנפֿן, אויסער באַם פֿאַריק. דערצו זיינען נאָך געווען פֿאַרשיידענע אָפּצאָלונגען: אָפּ־צאָלן פֿון זאַלץ, פֿעל — מיט איין וואָרט, אויף אַלץ, וואָס מע דאַרף האָבן צום מענטשנס געברויך, איז געלעגן אָן אָפּצאָל. און אָסטרעווסקי האָט געצויגן פֿון די איינוואוינער, וויפֿל ער האָט געקאָנט.

באַ אַלע דריי עקן פֿון שטאָט (אין איין זייט איז געלעגן דער טייך) איז געווען אַ „טאַרגאָוויע“, וואו זונטיק און אויך אין די יאַרידן־טעג איז געקומען געוואָרן צו פֿינף קאָפּיקעס פֿון דעם אַריינגעפֿאָרענעם פֿערד. אויך איז געווען צווישן קאַמענעץ און זאַסטאַוויע אַ לאַנגע גרעבליע מיט דריי בריקן און דריי וואַסער־מילן. דאָס האָט אויך געהערט צום פֿאַריק, וועלכער האָט דאָס אַלץ אָפּגעגעבן אין אַרענדע.

---

*) שטייערן.

א. מעמער

פון אן אלטן פאוויט

1

ווען דרויסן איז שנייאיק און ווינטעריק,
איז הייסער און ווייסער מיין ליד.
דערציייל איך א מעשה א מונטערע
פון א פויערשן אלטן פאוויט.

געלעבט האבן פויערים קארענע
מיט ווייבער, מיט פעלדער, מיט פערד;
הונדערטער, טויזנטער יארן
איז א הימל געהאנגען אף דר'ערד.

געשוואוינט געווען זיינען די פויערים
צו כאטקעס, צו פיין און צו ברויט;
אין שטעט האט מען גאסן און מויערן
געבויט און געבויט און געבויט.

האבן גאסן געדרישט און געבונטעוועט.
געדרימלט האט אלטער פאוויט.
ווען דרויסן איז שנייאיק און ווינטעריק,
איז הייסער און ווייסער מיין ליד.

2

טליען כאדזשיס און יארן
גיכער און גרינגער פון שניי.
געטאגט אף פעלדער מיט קארן,
גענעכטיקט באנאכט אף היי.

און שטענדיק געזייט און געמאלקן
פאר פרעמדן ניט דארפישן גליק.
פלעגן שווימען אף הימלען וואלקנס,
ווי מיט הונדערטער יארן צוריק.

האט געוואקסן אף פעלדער זער צארן,
באהאלטן אין ברויטן-געבליט,
און אזוי הונדערטער יארן,
אינם פויערשן אלטן פאוויט.

3

איבער פעלדער איז געגאַנגען א גערודער,
האָבן ווייטן געבליצט און געשאַלט;
זיינען שטילער געוואָרן די לידער,
איז שטילער געוואָרן דער וואַלד.

ווער אף גאַסן אין פרעסט פלעגן ווינטערן,
און געזייט און מעלייצעס אומזיסט;
דאָס קאָרענע לאַנד האָט געבונטעוועט —
ערגעץ ברענט, און מע שיסט. און מע שיסט...

פאַר הינגער, פאַר וויי און פאַר שווערדן,
פאַר נעכטן, פאַר היינט און אמאָל —
פאַר פרעמדע פארהונגערטע ערדן
דאָס קאָרענע לאַנד האָט געצאָלט.

אף פעלדער, וואו דאָרף האָט מעלייצעס,
וואו דאָרף האָט געאַקערט, געזייט,
ליגן צעטראָטענע ווייצן
מיט רויכן און שטויבן פאַרווייט.

4

לויפן אלטע, נייע קומען,
הענגען שמאָלץ נאָקאַזן אפן פלויט —
ערד בא רייכע פויערים פאַרנומען,
ערד און פעלד, און קו, און ברויט.

צרשט א סכאָד און נאָכאַמאָל א מיטינג,
ערשט א מיטינג און א סכאָד;
קומען אָן כאַווײרים פון פאַוויטן,
קומען אָן כאַווײרים פון דער שטאָט.

לויפן אלטע, נייע קומען,
הענגען שמאָלץ נאָקאַזן אפן פלויט —
ערד בא רייכע פויערים פאַרנומען,
ערד, און פעלד, און קו, און ברויט.

---

1) שטעלט צונויף א פלאַן פון דער ליד.

2) דערקלערט די ווערטער: קאָרענע פויערים, אלטער-פאַוויט, איז א הימל גע-האַנגען, האָבן גאַסן געבונטעוועט און נאָך אזוינע.

ווי אַזוי די פּויערים האָבן געקעמפט פאַר אַ בעסער לעבן

I.

באַ דער הערשאַפט פון לייב-אייגנטום האָט דער פּויער איינגאַנצן געהערט צום פּאָריץ. די בעסערע ערד איז געווען דעם פּאָריצס, און די פּויערים האָבן געמוזט באַאַרבעטן דידאָזיקע ערד צוליבן פּאָריץ. די פּויערים האָבן ניט געטאָרט אַריבערגיין פון איין נאַכלע אף דער אַנדערער, ניט געטאָרט אַריבערגיין פון איין פּאָריץ צום צווייטן. די פּויערים זיינען געווען דעם פּאָריצס אייגנטום, און דער פּאָריץ האָט זיי געשלאָגן, געהאַרגעס, געקויפט, פּאַרקויפט, אויסגעביטן אף פערד און אף הינט.

II.

נאָך מער ווי מיט 200 יאָר צוריק קומען פאַר די ערשטע גרויסע פּויערים-אומרוען. די פּויערים פּרואוון זיך קעמפן מיט די פּריצים, זיי הויבן זיך אָן פּאַרטראַכטן, ווי אַזוי צו פּאַרגרינגערן דאָס ביטערע לעבן. דער ערשטער ארויסטריט פון די פּויערים איז געווען דער „בונט" פון סטעפּאַן ראַזין. די אויפגעשטאַנענע האָבן זיך פּארגעבן אַ ציל אַ סאָף צו מאַכן מיט די פּריצים. אונטערן אָנפיר פון סטעפּאַן ראַזין האָבן זיי צונויפגענומען פּויערים, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון זייערע באַלעבאַטים, און האָבן זיך געלאָזט אף מאָסקווע. באַגעגנט האָט מען זיי מיט ביקסן און מיט האַרמאַטן. סטעפּאַן ראַזין איז געפאַנגען געוואָרן, די פּויערים זיינען צעשלאָגן געוואָרן און ראַזינען האָט מען געטויט, זיין נאָמען פּאַרשאָלטן.

III.

דער צווייטער גרויסער אויפשטאַנד פון פּויערים האָט אויפגעפלאַקערט מער ווי אין 100 יאָר ארום, אין דער צייט פון דער קייסערינע יעקאַטערינע.

צו יענער צייט האָבן די פּריצים אלץ מער רעכט באַקומען איבער די פּויערים. דער פּאָריץ פלעגט נויטן דעם פּויער צו ארבעטן אף אים 4—5 טעג אין וואָך. ווען זשע האָט שוין געקענט דער פּויער עפּעס טאָן פאַר זיך?

אין דער שפּיץ פון אויפשטאַנד איז געשטאַנען יעמעליאַן פּוגאַטשאָוו. ער האָט, אַזוי ווי ראַזין, צונויפגעזאַמלט ארום זיך טויזנטער פּויערים און לייבאייגענע ארבעטער פון די אוראַלער זאַוואָדן, פּאַרכאַפּט אף דידאָזיקע זאַוואָדן אַ היפּשע צאָל האַרמאַטן און זיך געלאָזט אף מאָסקווע. אפן וועג האָט מען מיט די פּריצים זיך אָנראַכמאָנעסדיק צערעכנט און אסאַך פון זיי געהאַנגען.

פּוגאַטשאָוו האָט געהאַלטן, אז ווען מ'זאָל זיך נאָר באַפרייען פון די פּריצים, וואָלט די פּויערים ניט אַזוי שווער געווען אונטער דער צאַרישער מאַכט.

אזוי ארום זיינען די ערשטע פויערים-אויפשטאַנדן געווענדעט געווען נאָר קעגן די פּריצים, אָבער ניט קעגן יענעם מעלוכע-סיידער, בא וועלכן די פּריצים זיינען געווען די באַלעבאַטים, און די פויערים — קנעכט.

קעגן די פוגאַטשאָווער זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן די טיילן פון דער צאַרישער אַרמיי. גוט צוגעגרייטע צאַרישע פּאָלקן, באַוואָפנט מיט אויסלענדישן געווער, האָבן פּאַרטיליקט *) די פויערשע טיילן, און פוגאַטשאָוון האָט מען געקעפּט אין מאָסקווע.

IV

פון יענער צייט אָן זיינען אין פאַרשיידענע ערטער פאָרגעקומען פויערים-אויפשטאַנדן, כ'איז געגאַנגען א פאַרביסענער קאַמף צווישן צוויי קלאַסן — פויערים און פּריצים.

מיט וואָס האָט זיך עס אויסגעלאָזט?

אין 1861 יאָר, פאַרן קייסער אַלעקסאַנדר II, האָט מען די פויערים „באַפרייט".

צי האָט עס געהייסן, אַז די פויערים האָבן געזיגט? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. קוידעמקאָל, ווי אַזוי האָט מען באַפרייט די פויערים? וואָס האָט מען זיי געגעבן? די בעסטע ערד איז, ווי פריער, פאַרבליבן בא די פּריצים. די פויערים האָבן ווייניק וואָס באַקומען. אַכוץ דעם האָט נאָך דער פויער פאַר דער באַקומענער ערד געדאַרפט באַצאָלן, און טאַקע גוט באַצאָלן. די „פרייע פויערים" זיינען פאַרבליבן „פרייע עוויוינים" **). אייניקע פון זיי האָבן גיך נאָך דער „באַפרייאונג" אָנגעהויבן פאַרלאָזן זייערע נאַכלעס און זיינען אוועק אין שטאָט אריין צו זוכן ארבעט. אַנדערע האָבן זיך ווי ס'ניט איז געהאַלטן דעם זומער באַם שטיקל ערד, און אַף ווינטער אוועקגעלאָזט זיך אַף זייטיקע פאַרדינסטן. נאָר אייניקע פויערים האָבן פאַר געלט אָפּגעקויפט אָדער אָפּגעדונגען ערד בא די פּריצים.

דאָס אַלץ האָט געלוינט טאַקע נאָר פאַר די פּריצים גופע. פונקט צו יענער צייט האָבן די רוסישע פּריצים אָנגעהויבן ליפערן ***) גרויסע פאַרטיעס ברויט קיין אויסלאַנד, ס'האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פאַבריקן און זאַוואָדן. די פּריצים-טוואַרע-הענדלער און די פאַבריק-באַלעבאַטים האָבן באַדאַרפט וואָל פעלע ארבעטס-הענט. זיינען דאָ זייער גוט צונוץ געקומען די פויערים, וואָס אָן ערד אָדער מיט ווייניק ערד. די פּריצים האָבן אויך באַדאַרפט, אַז מ'זאָל בא זיי אָפּדינגען די ערד פאַר א גוטן מעקעך, און מ'זאָל קענען קויפן די אויסגעאַרבעטע סכוירעס פון זייערע פאַבריקן און זאַוואָדן. קורץ געזאָגט, די פויערים-באַפרייאונג אין 1861 יאָר איז געווען נאָר א טויווע פאַר די פּריצים און פאַבריקאַנטן. די פויערים האָבן אָבער דאָס ניט מיטאַמאָל דערפילט.

---

*) פאַרטיליקט — אומגעבראַכט.

**) עוויוינים — אָרימעלייט.

***) ליפערן — צושטעלן.

V

דערפאַר האָבן דאָס גוט פאַרשטאַנען די יונגע רוסישע סטודענטן, וואָס זיינען געווען אין די הויך-שולן און וואָס האָבן פאַרבראַכט אין אויסלאַנד. די פאַרשטאַנדיקסטע צווישן זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אן ענדע מיט דער אָרימקייט און רעכטלאָזיקייט פון די מאַסן. מיט דעם ציל האָבן טויזנטער יונגעלייט און מיידלעך זיך איבערגעטאָן אין פויערשע קליידער, און זיינען געגאַנגען „אין פאָלק" אַריין, אין דאָרף, קעדיי צו דערקלערן די פויערים די אומגערעכטיקייט פון דער דעמאָלטיקער אָרדענונג און אויפהויבן א בונט קעגן קייסער, קעגן די פריצים און קעגן די קאַפּיטאַליסטן. נאָר דערפון איז גאָרניט אַרויס. די פויערים זיינען געווען פאַרטאָן אין זייער ביסל אָרימקייט, און האָבן אָפטמאָל נאָך אַליין ארויסגעגעבן דער פאָליציי די אַגיטאַטאָרן.

האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן די עמעסע רעדיפעס אף דער יוגנט מיצאַד דער צאַרישער רעגירונג. מע האָט געמישפעט אין די הונדערטער, פאַרשיקט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון סיביר און געהאַנגען. א טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט האָט דאַן באַשלאָסן ווייטער צו קעמפן מיט געווער אין די הענט. אלע רעוואָלוציאָנערע און קאַמפּס-פעאיקע קויכעס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דער פאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" (פאָלקס-פרייהייט).

די נאַראָדאָוואָלצעס האָבן גערעכנט, אז דורך האַרגענען אייניקע פון צאַרישע באַאַמטע וועט זיך זיי איינגעבן צו אָנשרעקן די צאַרישע רעגירונג, זיך דערשלאָגן האַנאָכעס*) לעטויוועס די פויערים. זיי האָבן אויך אָנגענומען א באַשלוס צו דערהאַרגענען דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם II, דעם ראָש**) פון די פריצים און קאַפּיטאַליסטן.

צוליב דעם איז אויסגעטיילט געוואָרן א קליינע גרופע רעוואָלוציאָנערן. אָנצופירן מיט דעם מאָרד איז איבערגעגעבן געוואָרן אן אָנגעזעענעם רעוואָלוציאָנערן טוער—זשעליאַבאָוו, א זון פון א לייבאייגענעם.

דעם 1-טן מאַרט 1881 איז אלעקסאַנדער דער II דערהאַרגעט געווארן. מיט זיין טויט האָט זיך אָבער די הערשאַפט פון די פריצים ניט פאַרענדיקט. אלץ איז געבליבן ווי פריער.

VI

דער קאַמף פון די נאַראָדאָוואָלצעס מיט דער צאַרישער רעגירונג האָט קלאָר באַוויזן, אַז אויב מע וויל זיך עפעס דערשלאָגן, באַדאַרף מען פירן דעם קאַמף ניט מיט איינצלנע פערזאָנען, נאָר מיט דער גאַנצער אָרדענונג. עס מעגן זיין די בעסטע איינצלנע קעמפער, נאָר אויב זיי זיינען ניט פאַרבונדן מיט די מיליאָנען אונטערדריקטע, וועלן זיי ניט זיין בעקויעך קומען צום זיג.

זשעליאַבאָוו און זיינע כאַווײרים זיינען געקעפט געוואָרן דורך אַלעקסאַנדר דעם III. דאָס פויערטום האָט עס אָנגענומען גלייכגילטיק. ס'האָט גע-

---

*) האַנאָכעס—פאַרלייכטערונגען.

**) ראָש—קאָפּ, הויפּט.

מוזט אוועק אַסאַך יאָרן, די רוסישע פויערים האָבן באַדאַרפט איבערלעבן אַן אַ שיר יעסורים, ביז זיי האָבן אין אָקטיאַבר 1917 יאָר, אין 56 יאָר ארום נאָך דער „באַפרייאונג“, אונטער דער אָנפירונג פון די רוסלענדישע אַרבעטער, אָפּגענומען מיט געווער אין דער האַנט די ערד בא די פריצים.

---

1) לייענט איבער דאָס ביכל „לייבאייגנשום-קינדער“.

2) דערקלערט די לאַפּקעס, וואָס שטייען בא איייניקע ווערטער פון דער דערציילונג.

י. קאַטיק

דער מאַניפעסט

(זיכרוייגעס)

אין 1861-טן יאָר איז ארויס דער באַרימטער מאַניפעסט וועגן פויערים-באַפרייאונג. דאָס איז אויסגעפאַלן אום שאַבעס, און שאַבעס איז געקומע צו פאָרן קיין קאַמענעץ דער איספּראַווניק*). זונטיק, צוועלף אזייגער, ווען דער מאַרק איז געווען פול מיט פויערים, איז געקומען דער איספּראַווניק מיטן וואָיט, וואָס האָט געהאַלטן א מעשענע „מעדניצע“ מיט א האַמער און געפויקט מיטן האַמער אין מעדניצע. און אז עס האָבן זיך אויפגעזאַמלט אלע פויערים, האָט דער איספּראווניק געלייענט דעם מאַניפעסט.

נאָכן לייענען זיינען די פויערים אוועקגעפאָרן אהיים. אַרבעטן האָבן זיי שוין גאָרניט געוואָלט, כאָטש לויטן מאַניפעסט האָבן זיי נאָך באַדאַרפט דעם זומער ארבעטן. זיי האָבן ניט געוואָלט וואַרטן ביז נאָך זומער. דער פאָריק ווידער האָט זיי שוין ניט געקאָנט מער שמייסן, און די פויערים האָבן זיך צעבונטעוועט.

די פריצים האָבן געגעבן צו וויסן דעם איספּראַווניק, און ער איז געקומען מיט א ראָטע זעלנער קיין קאמענעץ. ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט די סאָלדאַטן מיט דעסיאַטניקעס ברענגען די פויערים פון די דערפער, און נאָך ריטער צו שמייסן האָט ער אוועקגעשיקט א פור אין וואַלד.

דער איספּראוויק האָט געפרעגט די פויערים, צי זיי וועלן ארבעטן דעם זומער. דערויף האָבן זיי געגעבן אן ענטפער, אז ניין. האָט מען אָנגעהויבן שמייסן צו דריי פויערים מיטאמאָל אין רעכטן מיטן מאַרק. די קוילעס האָבן זיך געהערט אף א פאָר מייל. און מע האָט אזוי לאַנג געשמיסן, ביז זיי האָבן געזאָגט, אז זיי וועלן שוין יאָ ארבעטן.

אין א יאָר ארום איז ארומגעפאָרן א קאָמיסיע פון דער רעגירונג צו באַטיילן די פויערים מיט ערד, און צו ארויפלייגן אַף יעדן פויער די באַוואוסטע קאָנטריבוציע, וואָס ער דאַרף אויסצאָלן אין קאַזנאַ פאַר דער ערד אין א מעשעך פון פערציק יאָר צייט.

---

*) איספּראווניק—דער עלטסטער אין אויעזד אין די צארישע צייטן.

סטאלפניאנסקי

די העלדן פון 1־טן מאַרט

ווינטער, דעם 1881 יאָר, האָט די פּאַרטיי „פאָלקס-פרייהייט" („נאַראָד-נאַיאַ וואָליאַ"), אָנגעפירט פון א. אי. זשעליאַבאָוו, אויסגעטיילט אַ גרופּע פון 4 מענטשן, וועלכע האָבן געזאָלט אַכטונג געבן און נאָכשפּירן נאָך דעם, ווען דער קייסער וועט ארויספאָרן. די דאָזיקע גרופּע איז טייקעף צוגעטראָטן צו איר אַרבעט.

דורכן פאָלאַץ-פּלאַץ שלעפּט זיך אַן אַלטינקע זקיינע מיט אַ קאָשעקל עפּל. די זקיינע איז אַזוי אלט און שוואַך, אַז, דאַכט זיך, אַ ליאדע ווינטל קאָן זי אומוואַרפן, און זי שלעפּט זיך אָנגעשפּאַרטערהייט אויף אַ שטעקן, זי שטעלט זיך אָט קימאַט יעדע רגע, זי אָטעמט שווער, זי אָכצט און זיפצט. אויף אַריבערצוגיין דעם פאָלאַץ-פּלאַץ דאַרף די זקיינע אוודאי האָבן גאַנצע צוויי שעה, אָבער, גייענדיק איבערן פּלאַץ, וואַרפט זי אַלע ווײַלע אומבאַמערקט אירע בליקן אויף דער קייזערלעכער טיר, צי שטייט דאָרט ניט דעם קייזערס קאַרעטע, צי האָט ניט בעדייטע דער אימפּעראַטאָר ארויספאָרן פון ווינטער-פּאַלאַץ.

אין א ווייטן ווינקל פונם זעלביקן פאלאַץ-פּלאַץ, נעענטער צום בריק פון די „זינגער", איז צוגעפאָרן אַ פורמאַן — אַן עמעסער לעקיש, קוים וואָס ער זיצט איין אויף דער קעלניע. האָט ער אָפּגעלאָזט די לייצעס, און דאָס פערדל זייגס, אויך אין אים געראָטן, האָט אראָפּגעלאָזט די אויערן, צעשטעלט די פיס, ווי דאָס וואָלט שלאָפן שטייענדיקערהייט... שטייט זיך דערדאָזיקער פורמאַן אויפן פּלאַץ, דרימלט און וואַרט, צי ס'וועט ניט קומען עפּעס אַ פּאַר-שוין, ביז וואַגען דער אָרדענונג-היטער דערזעט ניט זיין קליאַטשע און איז אים ניט מעשאַלייעך פון פאָלאַץ-פּלאַץ, וואו פורמאַנעס טאָרן זיך ניט אָפּ-שטעלן, אָבער ווי נאָר דער פורמאַן פאָרט אוועק, לויפט צו צום אָרדענונג-היטער א פּאַפּיראָסן-הענדלער, אַ געשיקטער יונגאטש, אַן עכטער יאַראָסלא-ווער. ער לייגט פאָר דעם עאָריק א פּאַפּיראָסל און הויבט אָן צו פירן מיט אים א שמועס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אי די זקיינע, די עפּל-הענדלערין, אי דער פורמאַן, אי דער פּאַפּיראָסן-הענדלער זיינען בעעמעס געווען מיטגלידער פון דער וואַך-גרופּע. איבערטועענדיק זיך, בייטנדיק קעסיידער זייער אויסזעען, האָבן זיי פון פרי ביז שפּעט אין דער נאכט אַכטונג געגעבן אפן ווינטער-פּאלאַץ, צי פאָרט ערגעץ ניט ארויס דער קייסער. דאָס, וואס זיי פלעגן זען, פלעגן זיי באלד קומען און דערציילן אף אַ געהיימער קוואַרטיר. נאָך אַ לאנגן נאָכשפּירן האָבן די מיטגלידער פון דער „פאָלקס-פרייהייט" זיך קלאָר פאָר-געשטעלט דאָס בילד, ווען און ווי אַזוי אלעקסאַנדר דער II פאָרט אַרויס. מע האָט געמוזט צואיילן, ווייל זשעליאַבאָוו איז צופעליק ארעסטירט געוואָרן, און נאָכן 1-טן מארט וועט דער קייסער אַרויספאָרן קיין קרים.

די נאַראָדאָוואָלצעס האָבן געוואָרט, אַז דעם 1-טן מאַרט וועט דער קייסער דורכפאָרן איבער דער גאָרטן-גאַס (סאַדאָווע גאַס), — דאַן האָט יאַקימאָווא, וועלכע האָט נאָכגעשפּירט פון פענסטער, געזאָלט געבן אַ צייכן צו באָגדאַנאָוויטשן, וואָס איז געזעסן נעבן דער באַקאַלייע, און יענער האָט געזאָלט פאַרייניקן די דראָטן פון דער באַקאַלייע. עס וואָלט זיך דערהערט אַן אויפרייס פון דער מינען-גאַלעריי, און אַלעקסאַנדערס קאַרעטע וואָלט צעריסן געוואָרן. אָבער דער קייסער איז אוועקגעפאָרן גאָר איבער אַן אַנדער וועג, און דאַן האָט פעראָווסקאַיאַ, וועלכע האָט, נאָך זשעליאַבאָווס אַרעסט, אָנגעפירט מיטן אַטענטאַט (אָנפאַל), איבערגעפירט די באָמבע-וואַרפערס אויפן צווייטן וועג.

באַם פאַרקערן זיך פון דער אינזשענערן-גאַס אויפן פלאַץ פון יעקאַטערינע-קאַנאַל האָט דער קוטשער איינגעהאַלטן די פערד. אין דער צייט האָט אַ יונגער מענטש, וואָס איז געגאַנגען איבערן טראָטואַר אַנטקעגן, אַ וואָרף געטאָן אונטער דער קאַרעטע עפעס אַ ווייס פעקעלע. באַם פאַלן איז דאָס פעקעלע אויפגעריסן געוואָרן מיט אַ שרעקלעכער קראַפט, און כאָטש די קאַרעטע איז צעבראָכן געוואָרן, איז דאָך דער אימפעראַטאָר געבליבן גאַנץ און אומגעשעדיקט. דער אימפעראַטאָר האָט געוואָלט זען, וואָס איז דאָ געשען, און אַ קוק טאָן אויף דעם אָנפאַלער (ריסאַקאָוו). דער אימפעראַטאָר איז צוגעגאַנגען צו אים און אַ פרעג געטאָן, ווי מע רופט אים; יענער האָט געענטפערט: „מעשטשאַנין גריאַזנאָוו". דער אימפעראַטאָר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפ און אַ זאָג געטאָן: „אַ פיינער מענטש". אַלעקסאַנדער האָט געמאַכט נאָך עטלעכע טריט פאָרויס און זיך אָפגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך וועלן אַ קער טאָן און זעצן אין קאַרעטע. אָנגעלענט אויף די פאַרענטשן פון יעקאַטערינע-קאַנאַל איז געשטאַנען אַ יונגער מענטש. אַרום האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסער אוילעם. צוויי טריט האָבן אָפגעשיידט דעם יונגן מענטשן פונעם אימפעראַטאָר. דער יונגער מענטש האָט אַרויסגענומען די הענט פון הינטערן רוקן, אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפ אַ באָמבע און אַ וואָרף געטאָן זי פאַר זיך, מיט דער רעכענונג, אַז באַם אויפרייס זאָל זי דערהאַרגענען אי דעם אימפעראַטאָר, אי דעם וואַרפער אַליין. ס'האָט זיך דערהערט אַ געוואַלדיקער קנאַל, און אַלעקסאַנדער איז אויפן אָרט דערהאַרגעט געוואָרן (די באָמבע האָט באַ אים אָפגעריסן ביידע פיס). דער, וואָס האָט געוואָרפן די באָמבע, איז אויך פאַרוואונדעט געוואָרן אויף טויט.

דעם 3-טן אַפריל זיינען געקעפט געוואָרן די העלדן פון 1-טן מאַרט.

א. גורסקי

אַ פאַרוואָגלטער גערוס

אַרויסגעריסן פון דער היימישער ערד, פאַרוואָגלט אין אַן עק פון מיזרעך-סיביר, אין פראָסט און אין שניי, העכער דריי טויזנט וויאָרסט פון

אייזנבאַן, צווישן ווילד-פרעמדע יאַקוטן און פאַריאַקוטעוועטע קאָזאַקן — מיט וואָס זאָלן מיר דאָ לעבן?

לעבן מיט כאַווירים, מיט דער קאָלאָניע? קענען מיר שוין איינעם דעם אַנדערן אַף אויסווייניק, און עס איז גענוג, אייגער זאָל עפענען דאָס מויל, אַז אלע זאָלן גלייך וויסן, וואָס ער וויל זאָגן.

מיט וואָס לעבט מען אין דער קאַלטער פרעמד, ווען ניט מיט דער פאָסט?

די בעסטע טעג אין כודעש זיינען באַ אונז דער ערשטער און דער פופצנטער, ווען עס דארף אָנקומען די פאָסט. נאָך אַט די טעג רעכענען מיר אונזער צייט: דאס איז געווען אין טאג פון דער ערשטער פאָסט; יענץ איז געשען אף מאָרגן נאָך דער צווייטער פאָסט... די לעצטע טעג, איידער די פאָסט דארף אָנקומען, זיינען אלע אומרואיק, אָנגעשטרענגט. מע קאן גאָר וועגן קיין אַנדער זאַך ניט ריידן; און האָט די פאָסט פארשפעטיקט, שלאָפסטו ניט קיין נעכט, רוסטו ניט קיין טעג, הערסטו זיך צו צו יעדן שאָרך און עס ווארפט דיך, ווי אין קאדאָכעס. וואָס טרוימט מען אין די קימאט צוואַנציק-שאָעדיקע ווינטער-נעכט? וועגן לאַנגע בריוו פון דער היים. און ווען די בענקעניש לייגט זיך שווער אפן האַרצן, ניט אריבערצוטראָגן, נעמסטו ארויס פון א באַהאלטענעם אָרט אין דיין קארב א פעקל בריוו פון דער היים. עס מאכט ניט אויס, וואס אז דו האָסט דעם בריוו באקומען, איז ער שוין אלט געווען ניט ווייניקער פון אנדערהאלבן און אָפט אפילע גאנצע צוויי מאָנאטן; עס מאכט ניט אויס, וואָס דו האָסט דאָס פעקל צענדליקער מאָל איבערגע-קליבן און דו קאָנסט מיט פארמאכטע אויגן זאָגן, אין וועלכן בריוו און אף וואָס פאַר אַ שורע דאָס אדער יענץ וואָרט געפינט זיך, — דו קלייבסט נאָך א מאָל איבער דאָס פעקל, לייענסט איבער דעם אָנהויב פון איין בריוו, דעם מיטן פון א צווייטן, דעם סאָף פון א דריטן, דו פארגלייכסט; דיין בענקעניש ווערט לייכט, הויבט אָן גלעטן, און אָט ביסטו שוין אינגאַנצן דאָרטן, פון וואַנען די בריוו זיינען געקומען...

ס'איז דער צוואַנציקסטער מאַי אַלטן סטיל. דער שניי איז לאַנג אראָפּ, נאָר דער טייך שטייט נאָך. אומעגלעך לאַנגע טעג. די נעכט פליען גיך פארביי און ברענגען קליינע פרעסטלעך. פון דאָרעם זיינען געקומען צו פליען די געסט פון אונזער קורצן זומער: גרויסע מאָכנעס געננז, גאגארעס און ענטלעך פון אַלערליי מינים. די יעגער פון אונזער קאָלאָניע גייען אין וואַלד, לויערן נאָך ווילד-פויגל, יעדער אייגער אין אַ באַזונדערן ווינקל, וואָס ער האָט שוין לאַנג אויסגעקוקט פאַר זיך. און אַלע פאַר שאָ קומען זיך עטלעכע יעגער צונויף באַ איין פייער, אָנווארימען די הענט, כאַפּן אַ גלאָז טיי און זיך איבערוואַרפן מיט אַ וואָרט. דעם אַכצנטן האָט זיך דאָס אייז אויפגע-הויבן, און מיר האָבן געוואַרט, אַז פון שאָ צו שאָ קאָן עס אוועק. פלוצלונג האָט פאַרנאַכט קעגן דעם צוואנציקסטן אָנגעהויבן צו דרייען מיט שניי: עס האָט געדרייט און געשנייט אַ שאָ צוועלף נאָכאַנאַנד. נאָכדעם איז געקומען אַ רואיקער, אַ זוניקער טאָג. דער שניי האָט מוירעדיק געגלאנצט און גע-

בלענדעט די אויגן; אָן שוואַרצע אדער בלויע ברילן איז געווען אומעגלעך אפן גאַס ארויסצוגיין. באַטאָג האָט געשמאָלצן, קעגן אָוונט האָט גענומען אַ קליין פרעסטל און דער שניי איז געוואָרן האַרט, ווי מיט א קאָרע באַדעקט

פאַרנאכט האָט זיך קימאַט די גאנצע קאָלאָניע פאַרקליבן צום אַלטן פראָקאָפּן. אַפריער איז געקומען איינער, נאָכדעם האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ צווייטער. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס. מע האָט גערעדט פון די גרויסע שטרייקן, וואָס זיינען אין יענער צייט פאָרגעקומען אין דאָרעם-רוסלאַנד, וועגן די פויערים-אומרוען. עס האָט זיך געדאכט: דאָרטן קומט סאָר עפּעס אזוינס, וואס עס פּאַסירט איין מאָל אין דוירעס, און דו ווּעסט דערביי ניט זיין.

— כ׳לעבן, קינדער, — רופט זיך אָפּ דער אַלטער פראָקאָפּ. — איר מיינט אַוואַדע, אַז דאָרטן וועט מען זיך אָן אייך ניט באגיין. נישקאָשע, די רעוואָלוציע וועט שוין ווי עס איז אויסקומען אן אייך אויך.

— אבער, כאוועך פראָקאָפּ — האָט אויפגערעגט אָפּגעענטפערט דער יונגער היציקער איוואַנאָוו — מיר קאנען אָן דער רעוואלוציע ניט אויסקומען... — און ער איז ארויס פון שטוב.

אין געשפּרעך האָט זיך אריינגעמישט סאָניע, א יונג מיידל פון אוקראינע.

— זאָגט בעסער, ווי געפעלט אייך דער נייער ווינטער, וואס איז אף אונז פלוצלונג אראָפּגעפאלן!

— באַ אייך איז דאָס א נייס, — ענטפערט פראקאָפּ מיט א שמייכל. — אַז מע היניעט דא אָפּ, ווי איך, דעם ערשטן מאָל פינף יאָר, און איצט, צום צווייטן מאָל שוין, דאס זעקסטע יאר, הערט מען זיך אויף צו כידעשן. בעאייס איך בין צום ערשטן מאָל אהער געקומען, נאך גאָר א יונגערמאנטשיק, געדענק איך, איז דעמאָלט געווען א שווערער ווינטער, א גרויל. סאָף אַפּרעל זיינען נאָך באַטאָג געשטאנען פרעסט. האָב איך אמאל געפרעגט בוסיאַעוון — געווען דאָ דעמאלט אַזאַ פּאָליטישער פאַרשיקטער, פון די קאַטארזשניקעס — זאָגט, כאַווער, פאַראנען באַ אייך אַמאָל זומער אויך אין ווילויסק? — האָט ער מיר געענטפערט לאכנדיק: איך ווייס ניט, כאוועך, איך וואוין דאָ ניט מער ווי עלף כאדאָשים?

אלע לאַכן.

— היינט איז דער צוואַנציקסטער מאַי, — הויבט ווידער אָן סאָניע, און אירע אויגן ווערן מיט טוי פאַרצויגן — באַ אונז איז איצט דער הימל אזוי בלוי און אלץ איז גרין, גרין. ווי מיינט איר, די קאַרשן-בוימער האָבן שוין געמוזט אָפּבליען. איצט בליען די קאשטאנעס. איר געדענקט, ווי קאשטאנעס בליען? אָט פארמאך איך די אויגן און זע עס קלאר, ווי א לייכטער מיט אסאַך רערן און די צינגלעך אַרויסגעשטעקט, ווי ליכטלעך, ראָזיק-ווייס זיינען זיי. היינט די אַקאַציעס. א זיסער שטארקער רייעך, עס פאַרשיקערט, און דער דניעפּר, ער שמעקט אויך, ווי ער וואלט בליען...

— און בא אונז אין ווילנער גובערניע — האָקט איבער גוטמאַן: — ס'איז א קליין שטעטל, מיט גרויסע סעדער אַרום, עס מוזן אַלע בוימער בליען, קאַרשן, עפּל, באַרן. הײַנט בעז, מאַי רופט מען עס בא אונז, וואו איר גייט און וואו איר שטייט, אלע טראָגן מאַי, די לופט איז פול מיט רייעך.

— ליטע אויך א לאַנד, — שמייכלט שפּאָטיש א דאָרעמדיקער, — בא אונז, אַרום כערסאָן, בליען איצט פערשיקעס...

— מיר זײַנען קאַלוגער, — ווערט פּאַרציקט א יונגער רוסישער אַרבעטער, — בא אונז אין פרילינג... דער וואַלד, די לאָנקע, א גרינע. מײַן טאַטע האָט געאַרבעט אין אַ מיל, א וואַסער-מיל. פלעג איך אין די פאַרנאַכטן זיצן אַפן בריקל נעבן ראָד. די ראָד רוישט, זשומט, טראָפּנס באַשפּריצן דיך, אַ ווינטעלע בלעט, און פון ווייטן זינגט אַ פויגעלע. דו הערסט און הערסט ניט, זיצסט אַ פאַרכאַלעמטער. גוט געווען...

— איר ווייסט וואָס, קינדער — ווערט סאָניע אויפגעלעבט, — איך וואָלט איצטער וועלן אַ שטורעם, אַן עמעסן מאַיאָוון שטורעם. אָפיער ווייט, נאָכדעם קומט עס צו נעענטער, אָט ביסטו אין אים. בליצן אָקערן דעם הימל, דער דונער פּאַרטויבט. עס איז אַן איימע*) און עס איז גוט. און דערנאָך אַ שלאָקס-רעגן, עס זאָל דיך דורכנעצן ביזן העמד... א מעכאַיע!

פלוצים לויפט איוואַנאָוו אַריין מיט איממעט: כאַווײַרים, די פּאָסט קומט. איך האָב געהערט גלעקלעך...

— גלעקלעך? גלעקלעך? איר'ט אַלײַן געהערט? — און פינף—זעקס מענטשן טוען זיך א לאָז צו דער טיר.

— דאָס האָט דיר אין די אויערן געקלונגען, איוואַנאָוו — שמייכלט גוטמוטיק פּראָקאָפּ.

— איך ווייס, וואָס איך רייד. איך האָב זיך אומישנע גוט צוגעהערט, וואָס א מינוט, קלינגט עס אַלץ שטאַרקער. עס מוז שוין זײַן ניט ווייט. אין א מינוט צען אַרום, וועט איר אַלײַן זען.

די כאַווײַרים, וואָס זײַנען נאָר וואס אַרויס, לויפן אַרײַן, איינער נאָכן אַנדערן.

— גלעקלעך! גלעקלעך! אַלײַן געהערט... באַלד די פּאָסט...

אַלע גייען זיך פאַנאַנדער. ווער עס גייט גלײַך צו דער פּאָסט-קאַנטאָר און ווער נאָך אַף א ווײַלע אַהיים.

מיר זײַנען אַרויס זאַלבעדריט: איך, סאָניע און וולאַדימיר פון קאַלוגע. עס איז שוין געווען פינסטער. די קורצע נאַכט, וואָס שטייט אין מאַי, איז נאָר באַלויכטן געוואָרן פונעם ווײַסן שניי. מיר זײַנען אַ ווײַלע געשטאַנען מיט אָנגעשטרענגטע אויערן.

— איר הערט גלעקלעך? — האָט סאָניע געפרעגט, און אין איר שטים האָט זיך געפילט אַ ספעק.

*) אַן איימע — אַ מוירע.

— איך הער ניט. און איר, וולאדימיר?

— איך קאָן ניט זאָגן אַף געוויס. מיר דוכט, אַז איך הער יאָ, און עפּ־שער הער איך ניט. איבעריקס האָבן דאָך אלע געהערט, אַזוי פיל מענטשן האָט זיך דאָך ניט געקאָנט אויסדוכטן.

— איצט האָט איר זיכער געהערט,—האָט סאָניע זיך אליין באַרואיקט,— אפילע נאָך שטאַרקער, ווי פריער. זיי האָבן זיך אפּגעשטעלט אַף אַ ווײַלע און איצט פאָרן זיי ווידער. דער וועג איז שלעכט. ווייסט איר וואָס, טייערע, קומט גאָר באַגעגענען די פּאָסט. מיר וועלן זיי טרעפן, וועלן זיי אונז ארויפנעמען, און מיר וועלן קומען אין שטאָט צו שפּרינגען מיט זיי. גייט עס? און ניט וואַרטנדיק אַף אונזער ענטפער, האָט זי פּאַרקערעוועט צום וואַלד.

דער שנײַ איז געווען האַרט, עטוואָס גליטשיק. מיר זיינען געגאַנגען שווײַגנדיק, אומרואיק אין דער פּאַרקילטער נאַכט. סאָניע האָט אויפגעהויבן עפּעס אַ שטעקן און האָט גייענדיק געלעכערט דעם שנײַ באַם זייט וועג. מיר זיינען געגאַנגען אַ וויאָרסט און צוויי. קיין גלעקלעך האָבן מיר ניט געהערט. איצט איז עס שוין פאַר אלעמען דרייען געווען קלאָר. דאָך זיינען מיר גע־גאַנגען ווייטער, ביז מיר האָבן דערגרייכט „אונזער" סאָסנע.

דאָס איז געווען אַן אלטער הויכער בוים, וועלכער איז געשטאַנען אָפּ־געזונדערט פון זיינע כאַווײַרים באַם זייט וועג, אַפן צוים פון אַ פעלדל אין גרויסן טאַיגע־וואלד *). די סאָסנע איז געווען אונזערע צוליב אַ מינהעג, וואָס האָט עקזיסטירט אין אונזער קאָלאָניע שוין לאַנגע יאָרן און עפּשער צענדלי־קער יאָרן, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון איין דאָר פּאַרשיקטע צו דעם צווייטן. אַז די פּאָסט האָט שטאַרק פּאַרשפּעטיקט, פלעגן עטלעכע פּאָליטישע אוועקגיין צו דער סאָסנע, איינער פלעגט ארויפקלעטערן אַפן שפּיץ און פון דער הויך אויסקוקן, צי זעט זיך ניט די פּאָסט. מע האָט עס געטאָן האלב לאַכנדיק און האלב ערנסט. פאַר מיין געדענקען האָט אונז די סאָסנע קיינמאָל גאָרניט געוויזן. נאָר כאַווײַרים, וואָס וואוינען אין קאָלאָניע לענגער ווי איך, פּראָקאָפּ, לעמאָשל, דערציילן, אַז אַ פּאָר מאָל האָט מען פון דער סאָסנע יאָ דערזעען די פּאָסט. איצט זיינען מיר אלע דריי געשטאַנען פאַר דעם אלטן בוים.

— נו?—האָט סאָניע געזאָגט און אין איר טאָן האָט געקלונגען אַ גע־בעט און אַ באַפעל.

וולאדימיר האָט ארומגעקלאַמערט דעם ארומגעפּראָרענעם בוים און האָט אָנגעהויבן קלעטערן. עס איז אים אָנגעקומען ניט לייכט, אבער ער איז באַלד געווען אויבן. צוגעקלעפּט צום שפּיץ פון בוים, האָט ער געקוקט אַפן וועג, און זיין גאַנצע פיגור איז געווען אָנגעשטרענגט. מיר האָבן פון אונטן נאָכגע־קוקט דעם מינדסטן ריר זיינעם, נאָכגעקוקט און געוואלט ארויסלייענען, וואָס זעט ער. איך האָב בעטעס געוואוסט, אַז וולאדימיר וועט עפּעס דערזעען.

— נו?—האָט סאָניע געפרעגט נאָך אַ פּאָר מינוטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצויגן, ווי שאָען.

וולאדימיר האָט ניט געענטפערט.

*) גרויסע גאָרל־וועלדער אין צאָפנדיקער און צאָפן־מיזרעכדיקער טייל פונם פּארבאַנד.

— נו,—האָט סאָניע ארויסגעשריען, שוין מיט קאעס.—וואָס ווערט איר דאָרטן אויסזיצן? ניטאָ איז ניטאָ. איר זייט דאָך שוין אַ פארקאליעטער...

— אז עס איז פינסטער, כאָטש אַן אויג ארויסצונעמען,—האָט זיך וולאדימיר פארענטפערט און האָט אָנגעהויבן אראָפּקריכן.

וולאדימיר איז שוין געווען אונטן. און אַן ווערטער האָבן מיר פּארקערעוועט אף צוריק. מאטע, מיט אויסגעצויגענע פּענימער, האָבן מיר זיך געשלעפּט איבערן שניי.

איך ווייס ניט, ווי לאנג איך בין געשלאָפן, נאָר ווען איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, איז שוין געווען גרויסער טאָג; נעבן מיר איז געשטאַנען מיין מיטוואוינער גוטמאַן און האָט מיך געטרייסלט...

— שטיי אויף! די פּאָסט איז געקומען!

— אַן עמעס? ווען?

— נאָר וואָס... קום גיכער... אלע זיינען שוין אוואדע אין קאנטאָר.

אז מיר זיינען געקומען אין קאָנטאָר, איז שוין דאָרטן געווען רוישיקלע אונזערע זיינען שוין דאָרטן געשטאַנען אין פריידיקער אויפרעגונג. דער אלטער נאטשאלניק מיטן בריוו-טרעגער האָבן מיט אימפּעט געאַרבעט. די זעק זיינען שוין געווען געעפנט. איצט האָט מען פאנאנדערגענומען די פּאַקעטן. דער נאטשאלניק האָט סאָרטירט, און דער בריוו-טרעגער האָט געשטעמפּלט. די בריוו האָבן געשימערט אונטער זייערע פינגער, און מיר האָבן זיך געפּלייסט צו ווארפן א קוק אף די פליענדיקע אדרעסן, איבערלייענען, צו וועמען. פּלוצלונג האָט זיך דער אלטער נאטשאלניק הויך צעלאכט, מיט סימכע, שרעק און פארוואונדערונג, פּונקט ווי ער וואלט דערזעען זיין טאַטן פון יענער וועלט.

— ווי געפעלט אייך אַ מאיסע, הא? צו מיר אַ בריוו... איר זעט: יעוואוויסאקאראדיו גאָספּאָדינו נאטשאלניקו ווילויסקאי פּאטשטאוואי קאנטארי. ווען ס'זאָל ניט זיין אזוי פרי, וואלט איך געמיינט, איך בין שיקער.

ער האָט געטאַפּט דעם בריוו, געוואויגן אים אין האַנט.

— טאַקע אַ בריוו און טאַקע צו מיר. איר פאַרשטייט, שוין נאָענט צו 40 יאָר, אז איך שטעק דאָ אין דער טייוולשער לאָך, שוין אַ יאָר צוואנציק פון דעם פאָטערלאנד קיין איינגעטונקטע פעדער ניט געהאָט: מיסטאָמע דאָרטן אויסגעשטאָרבן אלע. איך בין דאָ געוואָרן קימאט אַ יאקוט, מיט פעל באוואקסן. מיטאמאָל גאָר אַ בריוו...

— קאזימיר וויקענטיעוויטש,—רופט זיך אָפּ איינער פון אונז:—עפּעס איז דאָס אַן אָפיציעלער פּאַפּיר פון נאָטשאלסטווא?

— פון נאטשאַלסטווא, זאָגט איר? איך האָב שוין קיין אויגן ניט, וואָס יענע פּאַפּירן קען איך... זיי שטייען מיר שוין אין האַלז. ס'איז אַן אנדער קאָנווערט, אַן אנדער קסאוו. נו, און דער שטעמפּל, גיט נאָר אַ קוק... פּאָטשטאוואי וואגאָן... ס'איז אַ בריוו, אַן עמעסער בריוו. פון וועמען קאָן עס זיין? וואָס קאָן עס זיין? צו מיר...

מיט צווײ פינגער פון דער לינקער האַנט האָט ער אונטערגעלײגט די באַק, אין דער רעכטער האָט ער געהאַלטן דעם בריוו. אין די אויגן זײַנען אים געשטאַנען טרערן.

— וואָס וואַרט איר? עפנט אויף און לײענט איבער...

— אויפעפענען און איבערלײענען. אוודאי זײַט איר גערעכט, וואָס קאָן זײַן פּאַשעטער...

און מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער לאַנגזאַם אויפגעריסן דעם קאָנווערט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם קאָנווערט איז געלעגן נאָך אַ קאָנווערט, אַ קלענערער, און אויף אים איז געווען גאָר אַן אַנדער אַדרעס, ביז צום אַלטן פּאָסט-נאַטשאַלניק, גאָר צו אײנעם פון אונזערע, פּיאָדר לוקיטש פון קאַניעוו, קיעווער גובערניע. צווישן בײדע קאָנווערטן איז געלעגן אין אַ שטיקל פּאַפּיר אַ קלײן דינג רימעלע פון אַ ליפע מיט צווײ גרינינקע בלעטלעך, וואָס האָבן זיך אַקאָרשט פאַנאַנדערגעלאָזן און האָבן אויסגעזען, ווי צווײ קלײנע הערצלעך.

אין דער ענגער פּאָסט-קאַנטאָר האָט אַ ווײ געטאָן מיט פרילינג. עס האָט זיך דערפילט דער פרישער רײעך פון יונגן גראָז. מיר האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו דעם ריטל. יעדערער האָט געבעטן, מע זאָל עס אים געבן אַפּריער, נאָר אײן קוק טאָן, גאָר זיך צורירן. סאַניע האָט עס צאַרט באַרירט מיט די ליפּן. איוואַנאָוו האָט דערמיט לײכט געגלעט זײַן באַק, די אויגן.

— זעסט, אַ ליפּע, אַן עמעסע ליפּע.

— פּאָרזיכטיק, רײַבט עס ניט.

— זע, ווי ער דריקט עס... איר האָט דאָך לײמענע הענט... איר קאָנט עס נאָך צערײַבן...

— ווי פריש, ווי פריש! אַ ליפּע.

— כאַווירים! איך וועל עס נעמען אַהײם, זאָל מײַן אַנושקע עס אויך זען... אַ קינד... דאָ אין די שנײען געבאָרן געוואָרן... זאָל זי אויך זען...

דער פּאָסט-נאַטשאַלניק איז שוין געשטאַנען בײַ זײַן אַרבעט, אַן אײַנגעדריקערטער, און ער האָט אונז דערמאָנט:

— נו, כאַשעווע מײַנע, לאָזט אַרבעטן, גענוג אָנגעקוואָלן, איך וויל גײן אַהײם, און איר ווילט דאָך בריוו, ווילט פרישע צײַטונגען.

מיר האָבן ניט געהערט, מיר זײַנען נאָך אַלץ געווען צוגעקלעפּט צו דעם ריטעלע.

— גענוג, כאַשעווע מײַנע, גענוג אײַך, האָט ראַכמאַנעס אַפן אַלטן.

דער ערשטער איז געקומען צו זיך לוקיטש. פריער האָט ער, ווי אַלע אונזערע, זיך אַ וואָרף געטאָן צום ריטל, און זײַן בריוו איז געבליבן ליגן אַ פאַרגעסענער בײַם ברעג פון טיש. איצט האָט ער זיך גענומען צום בריוו און אין אײן גאַנג האָט ער שוין געוואָרפן אַ בליק אויף דעם שטיקל פּאַפּיר, אין וועלכן דאָס ריטל איז געווען געלעגן. ערשט... אַפן פּאַפּירל איז אויך עפּעס אָנגעשריבן.

— פאַר וועמען איז דאָס? וואָס שטייט דאָ?

— האָט צייט, איך וועל איבערלייענען הויך, וועט איר אלע הערן. ער האָט צוגעלייגט דאָס פּאַפּירל נאָענט צו זיינע קורצזיכטיקע אויגן און אָנגע־הויבן:

„אַ גערוס אייך, יונגע קעמפער, פון אַ פּאָסט-באאמטן—וואָס גייט אייך אן מיין נאָמען?—וואָס זיצט אין פּאָסט-וואגאן און שטעמפּלט די בריוו, וועלכע ער נעמט אויף אַף די סטאנציעס אין וועג. איך ווייס, וואו ווילויסק איז. כ'האָב ניט לאנג געהאלטן עקזאַמען אַף אַ טשין, האָב איך געזוברעוועט די געאָגראַפיע. איר זעט, באַ אונז איז פרילינג, און באַ אייך איז נאָך אייז, באַ אייך איז פראָסט, באַ אייך איז שניי...

שיק איך אייך אַ פרילינג-גערוס".

פאַרוואָס הייסט די דערציילונג „א פאַרוואָגלטער גערוס"? געפינט די ערטער, וואו ס'ווערט באשריבן די נאטור אין יאַקוטיע; ווי די פאַרשיקטע נעמען אויף די ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע; ווי זיי ריידן פון זייער היים; ווי זיי ווארטן אַף דער פּאָסט, שרייבט זיך איבער אין העפט די ערטער, וואָס זייגען אייך מער געפעלן.

א. כאריק

פ י נ י ע

I

ס'איז פיניען גוט צו זיין אַ יונגער בלעכער,
הויך און הילכיק לאכן איבער דאך.
עס רייסט, עס ציט, און ס'ווילט זיך הויך און העכער,
אהין, וואו ס'רוט דער טאָג, אהין, וואו ס'רוט די נאַכט...

II

שוין קיל די בלעך, און שטיל איז שוין דער הימל,
אלע שטערן זייגען רואיק—פייכט.
טראָגט זיך איבער דאך אַן אָוונטיקער הימן,
און אלע הערצער ווערן קוועלנדיק און רייך...

מע האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט ביז נאַכט און פון באַגינען,
זיצט מען איצטער אַף די בלעכן מיד...
זינגט דער פעטער פיניע זיין פלימעניק פיניען
יעדער אָוונט, יעדע נאַכט אַ ליד.

„...איצטער לעבן זיי אין קייטן און אין שניי,
איצטער זייגען זיי שוין ווייט אזוי,
אך, איז דאן אַ צייט אַזאַ געוועזן,—
אין וואַרשטאַטן האָט געפיבערט און געוועקט...
שטרייק, און בלוט, און פרייד און מאַרסעליעזע.

אז וואָס ווייסטו, וואָס פאַרשטייסטו,—שנעק!
האָט מען זיי אַלעמען אַזעלכע האַסטיק-הײסע
גענומען און פאַרוואָרפן קיין סיביר.
ווען, אָ, ווען וועט מען אַ נעם טאָן אָט דעם קייסער,
און שווערערהייט אַ בראָך טאָן דורכן טיר...

און גרינג, און גיך אַ נעם טאָן יענע ברידער,
גרינג און גיך אַ טראָג טאָן ביז אַהער"...

- - - - - - - - - - - - - - - - - - -

יעדער אָוונט זינגט דער פעטער פּיניע לידער,
יעדער אָוונט ווערט דער דאַך פאַרקלערט...

III

און אַלע נאַכט אַף שטילקייט פון געלעגער
דערהער איך שטיל, אַזוי ווי דורך אַ ווינט,—
ס'קלאָגן קייטן עלנט אַף די וועגן,
און זיי, פאַרווייניטע, קוקן שטיל אַף מיר...

אַזעלכע הויכע, קרעפּטיקע און ווייטע,
ס'מוז יעדערער פון זיי דאָך זיין אַ ריז.
ווען כ'קען כאָטש איין מאָל נאָר אַ קוק טאָן פין דער ווייטן
און שטילערהייט אַ זאָג טאָן זיי: איך גריס...

נאָר סיביר איז ווייט, ווייט אַזוי פון דאַנען,
און אונזער גרוס פאַרלירט זיך און פאַרפרירט...
מיר ווייסן: ס'איז באַם קייסער אַ לאַנד אַזאַ פאַראַנען,
רופט מען זי—פאַרווייעטע סיביר.

---

1) שרייבט אָן דעם אינהאַלט פון דער ליד אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג.
2) דערקלערט די ווערטער: אָייגטיקער הימן, ווערט דער דאַך פאַרקלערט, ס'קלאָגען קייטן עלנט, אין וואַרשטאַטן האָט געפיבערט.

שאָלעם אַלייכעם

יוינע דער בעקער

(פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס")

יוינע איז אַ בעקער. רופט מען אים: יוינע דער בעקער דאָס הייסט, ער אַליין באַקט ניט. באַקן, באַקן אנדערע. ער קויפט נאָר מעל און פאַרקויפט ברויט. פּייסעך באַקט ער מאַצעס פאַר דער גאַנצער שטאָט. ער איז צו בעקעריי אַ ברען, און דערצו איז ער אַ בייזער איד—סאַקאָנעס. איך מעג זאָגן, אַז ער איז אַ רוויצייעך. ער האָט מיך איינמאָל געכאַפּט בעשאַס איך בין געווען צו גאַסט בא מיין ברודער עליע, און האָב זיך מעכאַבעד געווען מיט אַ בייגל. דער בייגל איז געווען אַ פרישער, אַ וואַרימער, נאָר וואָס פונם אויוון. האָט דער רועך באַדאַרפט אָנטראָגן יוינע דעם בעקער. איר זאָלט געווען זעען זיין רעציכעדיק פּאָנים מיט זיינע גאַזלאָנישע אויגן! פון דעמאָלט אָן גיי איך ניט מער אהין, מיין פוס וועט שוין דאָרט ניט זיין מער, איך זאָל וויסן גאָלד! אַ איד זאָל האָבן אַ טעווע אָנעמען פאַרן קאָלנער און אַרויסוואַרפן אַף יענער זייט טיר, און נאָך געבן גוטע דריי סטוסאַקעס פון הינטן!

איך האָב אָבער דערלעבט אין אים אַ נעקאָמע. איר וואָלט וויסן, וואָסער אַ סאָף ער האָט געהאַט! איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז יוינע דער בעקער באַקט אליין ניט. באַקן, באַקן אנדערע. עפּעס צוויי אידן שוואַרצע מיט דריי וויבער פרעמדע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט וואַרימע פאַטשיילעס אַפן קאָפּ (כאָטש אין דרויסן איז אַ היץ—סאַקאָנעס נעפּאַשעס!).

האָט זיך געטראָפן אַ מאיסע, ניט איין מאַיסע, נאָר עטלעכע מאַיסעס: דער אוילעם האט זיך געקלאָגט, אַז מע געפינט אין די בולקעס פאָדים, און טאַשמעס, און טאַראַקאַנעס, און שטיקלעך גלאָז. איינער האָט געבראַכט צו טראָגן צו דעם בעקער אַ גאַנצן זשמוט האָר און געסטראַשעט מיט פּאָליציי. מע האָט זיך גענומען צו די בעקערס, פאַרגלייכן וועמעס האָר. די מאַנסבילן האָבן געזאָגט אַף די וויבער. די וויבער האָבן געזאָגט אַף די מאַנסבילן. די וויבער האָבן געטאַינעט, אַז זיי האָבן אלע געלע האָר, די מאַנסבילן האָבן געטאַינעט: וואו האָט איר געזעען בא מאַנסבילן אזעלכע לאַנגע האָר? ביז די וויבער האָבן זיך צעקריגט, און אַז די וויבער האָבן זיך צעקריגט, איז מען געוואר געוואָרן שיינע זאַכן: איינע האָט פאַרלוירן אַ זאָקנבענדל אין דער כאַלע, איינע האָט פאַרקנאָטן אין טייג אַ זאַניטעצע פון אַ קראַנקן פינגער. נאָך איינע פלעגט זיך לייגן אלע באַנאַכט צוקאָפּנס די אויסגעוויירענע כאַלע. זי האָט געשוואָרן מיט קאָלהאַשוואוּעס אין דער וועלט, אַז ס'איז אַ גרויסער ליגן. סאַכאַקל האָט זיך דאָס געטראָפן איין מאָל, העכסטנס צוויי מאָל. זי האָט ניט געהאַט קיין קישן.

די גאַנצע שטאָט האָט זיך געוויגט. יוינע דער בעקער האָט דאָס געהאַט אַ לויפעניש. עס האָט ניט געהאָלפן קיין זאַך. מע האָט ניט געוואָלט נעמען

זיין געבעקס אין די הענט אריין! כאַטש וואַרף עס ארויס פאַר די הינט, א מיצווע אף אים!

יוינע דער בעקער איז אָבער א יונג מיט ביינער. ער האָט צעטריבן די בעקערס, די אידן מיט די ווייבער, און האָט צוגענומען אנדערע בעקערס. שאַבעס האָט ער געלאָזט אויסרופן אין אלע שולן, אז ער האָט צוגענומען נייע בעקערס, און אז פון היינט אָן און ווייטער גיט ער אכטונג אליין, אז ס'זאָל זיין ריין און ציכטיק. ער איז אָרעוו מיט צען רובל שטראָף, טאָמער געפינט מען בא אים אין דער כאַלע איין האָר אפילע. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן לייזן געלט. דער אוילאָם האָט געזוכט האָר בא אים אין די געבעקס, און מע האָט ראפקע ניט געפונען. אפילע, אז מע האָט יאָ עפעס געפונען און מע האָט אים געבראַכט, האָט ער ארויסגעטריבן. ער האָט בע-זאָגט, אז דאָס האָט מען אומישנע אריינגעלייגט, ביכדיי צו באקומען די צען רובל שטראָף, מע ווייסט די מאַיסעס!.. א רעכטער כעוורעמאַן אָט דער יוינע דער בעקער.

אָבער דאָ איז אף אים געקומען גאָר א נייער אומגליק. איינמאָל, אין א שיינעם פרימאָרגן, זיינען אלע זיינע בעקערס אויפגעשטאַנען, צונויפגענומען די קלומקעס און זיינען אוועק. זיי ווען מער ניט באַקן בא אים פאַר קיין געלט, סאַידן ער וועט זיי העכערן דעם פרייז אף א קערבל א וואָך, און וועט זיי לאָזן אף באַנאַכט אהיים שלאָפן, און וועט זיי ניט שלאָגן מיט די הענט גליין אין די ציין אריין. בא יוינע דעם בעקער איז אזא טעווע: באלד עפעס — גיט ער מיט די הענט אין די ציין אריין.

יוינע איז געוואָרן אָנגעצונדן. ער איז שוין א באַלעבאָס פון היפשע עטלעכע יאָר, האָט זיך אים נאָך ניט געטראָפן, אז א באַלמעלאָכע זאָל גאָר זאָגן א דייע, ווי אזוי צו שלאָגן זיך! פון העכערן דעם פרייז איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. ער קאָן קריגן צען אנדערע אף זייער אָרט. א טייערע מעציע אַרבעטער! קאַרג מענטשן שטאַרבן פון הונגער?

איז ער אוועק זוכן בעקערס. ניטאָ קיין בעקערס. קיינער וויל ניט גיין. וואָס איז די מאַיסע? אלע בעקערס האָבן זיך געמאַכט יאַדאָכאָס. זיי ווילן צו אים ניט גיין, ביז ער וועט ניט צוגעמען אלע פריערדיקע בעקערס, און ביז ער וועט ניט מעקאַיעם זיין אלע דריי זאַכן:

1) א קערבל א וואָך.
2) באנאכט אהיים שלאָפן.
3) ניט שלאָגן זיך מיט די הענט אין די ציין...

שיין געווען אָנצוקוקן, ווי יוינע האָט זיך געקאָכט, געפינעט, געקלאַפט מיט די הענט אין טיש און געשאָלטן זיך. אַי, האָב איך געהאַט א נעקאָמע!

פארבייט די ווערטער: א יונג מיט ביינער, יוינע האָט זיך געקאָכט און געפינעט. די שטאָט האָט זיך געוויגט. ער איז צו בעקעריי א ברען—מיט אנדערע.

שאָלעם-אלייכעם

מ א ש י נ ע ס

I

ס'איז געווען א איד, האָט ער געהייסן רעפאָעל, און איז געווען קאָל יאמאָוו אָן אָרימאַן. און געווען איז דער רעפאָעל א גאַנץ ערלעכער.

געווען איז ער קאָל יאָמאָיו „נעמאָן" *) בא רעב סימכעלע וויינער אין פאָדוואל. און אכוץ זיין געהאַלט האָט ער געקאָנט גיין שווערן, אז ער האָט נים פארנומען קיין פרעמדן גראָשן.

רעב סימכעלע וויינער, האָט זיך, נישקאָשע, געקאָנט פאַרלאָזן אף זיין „נעמאן". ער האָט אים טאַקע דערפאַר געהאַלטן בעקאָוועד, געצאָלט אים אַקוראַט די זעקס קאַרבן א וואָך, אמאָל אונטער א יאָנטעוו געשענקט א קערבל. פייסעך ווין אומזיסט, און פייסעכדיקן בראנפן א פלעשל — פון דעם שמועסט מען נים. ווי דען? רעב סימכעלע וויינער איז א מענטש, וואָס פאַרשטייט דען נים, ווי מע באַדאַרף שעצן א מענטשן? אי, רעפאָעל דער נעמאן האָט באַקומען בא אים אין „פאָדוואל" פריער א „רעמאַטיז" און נאָכדעם האָט זיך אים געלייגט א קאַטאַר אף דער לונג און עס האָט אים אָנגעהויבן פייפן אינעווייניק — ווער איז שולדיק? געזונט — דאָס איז דאָך א גאָטזאַך. דער געזונטסטער מענטש קאָן, כאלילע, גייענדיק שטאַרבן.

האָקיצער, רעפאָעל האָט אזוי לאַנג געפייפט, ביז ער האָט זיך איינמאָל אוועקגעלייגט. באַקומען פערציק גראַד היץ און איז שוין מער נים אויפגעשטאַנען.

II

רעפאָעל איז געשטאָרבן, און אַי-אַי-אַי! — וואָס ווייסט איר! וואָס ווייסט איר! — האָט סימכשלע געזאָגט איטלעכן באזונדער. — ס'איז בא מיר א:א העזעק, אזאַ העזעק, וואָס איז גאָר נים אָפצושאַצן.

און דער אַלמאָנע האָט ער געזאָגט:

— ווין נים, איך וועל דיר מיט דיינע יעסוימים מיסטאָמע נים פארלאָזן, פריער גאָט, נאָכדעם איך...

און רעב סימכעלע האָט געהאַלטן וואָרט, ווי ווייט ער האָט געקאָנט. דאָס הייסט, די ערשטע עטלעכע וואָכן האָט ער געצאָלט דער אלמאָנע די זעלביקע סכירעס, וואָס רעפאעל פלעגט נעמען. עמעס, זי האָט באדארפט נאָך דעם גיין אלע וואָך, און נים איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל, און דאָס איז געווען פאַר איר עפעס נים אזוי אנגענעם; נאָר איך בעט אייך, וואָס האָט איר געוואָלט? מע זאָל איר אָפשיקן אהיים? דאַכט זיך, מע איז גענוג יויצע, אז מע צאָלט א מענטשן סכירעס נאָכן טויט!

---

*) אָנגעשטעלטער.

— איר גייט צו מיר מאַנען געלט,—האָט ער צו איר אמאָל א זאָג גע־טאָן,—גלייך ווי עס קומט אייך טאַקע, גלייך ווי איר האָט עפּעס איינגעלייגט בא מיר א כײלעק אין פּאַדוואַל...

יענעם טאָג האָט די אלמאַנע מער געוויינט, ווי בעשאַס רעפאַעל איז געלעגן אף דער ערד, און אז אירע צוויי טעכטער, סארע און ריווקע, זיינען געוואָר געוואָרן דעם סאָד, וואָס די מאַמע וויינט, האָבן זיי זי באשוואָרן, זי זאָל שוין מער אהינצו ניט גיין.

— וואָס זשע וועלן מיר טאָן?

— דאָס, וואָס אלע טוען: מיר וועלן אלע גיין דינען, מיר וועלן וואַשן וועש, מיר וועלן גייען אף דער מאַשין.

גייען אף דער מאַשין איז שוין איצט אין קאַסרילעווקע א שטיקל איניען. מע קאָן שוין פאַרדינען די צוויי גילדן א טאָג, אַבי מע זאָל נאָר וועלן זיצן איבער דער מאַשין אזוינע זעכצן—זיבעצן שאָ אין מעסלעס; און מיט ארבעט איז אויך קיין דאגע ניט, מע קריגט—אז ניט קיין קליידל, איז ליפן, אז ניט קיין ליפן, איז העמדער, אז ניט קיין העמדער, איז נאָז־טיכלעך אונטערהאַקן. שלעכט איז נאָר, וואָס מע באדאַרף האָבן א מאַשינע, צוויי מאַשינעס!

עמעס, מע גיט מאַשינעס אף אויסצאָלן. וואו זשע נעמט מען די ערשטע עטלעכע קערבלעך?

— גייט זיך דורך צו אייער נאָגיד,—האָבן די שכיינעס געגעבן אן איי־צע דער אלמאַנע.—זאָגט אים אַזוי און אזוי, זיי וועלן אים אָפּאַרבעטן.

III

ס'איז גרינג צו זאָגן: גייט צום נאָגיד! נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב פּאַרנאָסע? די אלמאַנע איז זיך דורכגעגאַנגען צו רעב סימכעלע וויינער, גע־טראָפן אים אין דער בעסטער צייט, סאַמע נאָכן עסן. נאָכן עסן איז דער ערגסטער מענטש ווייכער ווי פאַרן עסן. פאַרן עסן איז א מענטש—א כאַיע.

— וואָס ווילסטו זאָגן עפּעס גוטס?

די אלמאַנע האָט אים אנידערגעלייגט א צעטל אזוי און אזוי — מאַ־שינעס.

רעב סימכעלע האָט אויסגעהערט די גאַנצע צייט מיט קאָפּ, געקאַלופּעט די ציין, געוועגן רויט, אַביסל געשוויצט און עטוואָס געדרעמלט, דאָס הייסט, כאלילע, ניט געשלאָפן, נאָר געדרעמלט, געקוקט אף איר נאָר מיט איין האַלב אויג. בעשאַס מאַיסע געקלערט אביסל וועגן געשעפט און אביסל וועגן מאַגן. רעב סימכעלע איז אביסל א פולער, אביסל צו פעטלעך, האָבן אים די דאָקטוי־רים געהייסן עסן מער פלייש און ווינציקער מעל־שפּייז; און רעב סימכעלע האָט דאפקע ליב מעל־שפּייז, לאָקשן, קוגעלעך אוכעדווימע אזעלכע זאַכן, וואָס ווערן געמאַכט פון מעל. ער ווייסט, אז עס שאַדט אים, נאָר אז ער זעט דאָס, עסט ער, און אז ער עסט אָפּ, האָט ער כאַראָטע...

— איז וואָס זשע מאַכסטו, הייסט דאָס? — רופט ער זיך אָן צו דער אַלמאָנע, בעשאַס יענע ווערט אנטשוויגן, און ער הערט אויף צו דרעמלען, קוקט אף איר מיט אָנדערהאַלבן אויגן.

— וואָס זאָל איך מאַכן? — ענטפערט די אלמאָנע. — איר הערט דאָך שוין, וואָס איך מאַך, אף אלע סאָנים! איז ווען איך האָב איצט אָף א מאַשינע, אָף צוויי מאַשינעס, כאָטש איין מאַשינע...

— וואָסער מאַשינע? — מאַכט ער צו איר פאַרוואונדערט און קוקט אף איר שוין מיט ביידע אויגן.

— איך האָב דאָך אייך דערציילט, אז מיינע טעכטער ווילן זיך פאַרנע-מען מיט נייען, ווערן נייטעריגס, נייען אף דער מאַשינע, איז ניטאָ קיין מאַ-שינע. צוויי מאַשינעס דאַרפן זיי האָבן, מע גיט אף אויסצאָלן.

— דאָס איז א גוטע זאַך, זייער א גלייכע זאַך! נייטערינס נייען, פאַר-דינען, מאַכטייסטע, זייער גלייך! פאַרוואָס ניט?

— האָב איך אייך געוואָלט בעטן, רעב סימכעלע, איר האָט שוין אזוי פיל געטאָן פון אונזערטוועגן, טאָמער וואָלט געווען א סווארע, אז...

רעב סימכעלע דערהערט, אז דאָ שמעקט מיט א באַקאָשע, א גמילעס-בעסעד, געלט מיטאָמע, כאַפט ער זיך אויף.

— אז וואָס?

— אז איר זאָלט אויסלייען דאָס ערשטע געלט, וואָס מע באַדאַרף אף די מאַשינעס.

— וואָסערע מאַשינעס?

— אָט די, וואָס איך זאָג אייך, צוויי מאַשינעס פון מיינע טעכטערס וועגן, כאָטש איין מאַשינע.

— ווי קומט צו מיר מאַשינעס? וואָס פאַר א מעכוטן בין איך מיט די מאַשינעס?

— געלט! — זאָגט די אלמאָנע. — מאַשינעס וועלן זיי אליין קויפן, מע גיט מאַשינעס אף אויסצאָלן, לעמאָשל, איך צאָל איין איצט א פופציקער, און שפעטער מיט דריי כאָדאָשים א פינף-און-צוואַנציקער, און שפעטער...

איך ווייס, איך ווייס. דו דאַרפסט מיר ניט דערציילן. איך קאָן בא-שטיין, זיי זאָלן זיך באגיין אָן מאַשינעס. נא דיר גאָר מאַשינעס!

— ווי אזוי זשע וועלן זיי נייען? מיט די הענט קאָן מען אזוי פיל ניט אָנייען; אלע נייטערינס האָבן היינט מאַשינעס.

— ווילסט זיי מאַכן פאַר נייטערינס? אז אָך און ווינד די יאָר! דיין מאַן זאָל איצט אויפשטיין און דערהערן, אז דו ווילסט מאַכן פון דיינע קינדער נייטערינס, וואָלט ער נאָכאַמאָל געשטאָרבן. דו ווייסט? רעפאָעל איז געווען אן ערלעכער, א קאָשערער איד. אזעלכע ווי רעפאָעל איז ניטאָ! רעפאָעל זאָל הערן נייטערינס, וואָלט ער דאָך ניט אויסגעהאַלטן! ער וואָלט זיך — איך ווייס אליין ניט וואָס!

רעב סימכע רעדט. און וואָס ווייטער העכערט זיך בא אים דאָס קאָל:

— נייטערינס? הע! א שיינע אַרבעט פאַר א אידיש מיידל! הע! מיר ווייסן, וואָס הייסט א נייטערין! און נאָך בא אידן! הע! רעפּאָעלס טעכטער נייטערינס! און וואו בין איך? דו ווייסט, אז דיין רעפּאָעל איז בא מיר אויסגעוואַקסן? איך האָב אים געמאַכט פאַר א מענטשן, פריער גאָט, נאָכדעם איך. און ווער האָט אים כאסענע געמאַכט, אז ניט איך? הע! ווילסטו, אז איך זאָל דערלאָזן אזעלכעס? כאסוועכאליליע! וואָס בין איך עפּעס? א שטיין? א ביין? א שייט האָלץ? הע!

די אלמאָנע — מיט דעם, וואָס זי איז געקומען, מיט דעם איז זי אוועקגעגאַנגען.

אוועקגעגאַנגען און זיך געגעבן דאָס וואָרט, אז מער זאָל איר פוס ניט זיין בא רעב סימכעלען אין שטוב — בעסער שטאַרבן.

א צוואואק הייסט דער, וואָס פאַרדעקט זיין שלעכטע אויפירונג מיט פרומע און יסע רייד. דערווייזט, אז סימכע איז א צוואואק.

עסטער

הירש לעקערט

10 יוני 1902.

א גרויס ווייסט פעלד הינטערן שטאָט, עק ווילנע — דאָס „מיליטערישע פעלד". ס'איז מיך אין דער נאַכט און קיל. ווילנע שלאָפט. אַ טויטע שטילקייט.

אַפן פעלד — אַ שטילע באוועגונג. גאַנצע מאַכנעס סאָלדאַטן, קאָזאַקן, פּאָליציי-לייט האָבן זיך אויסגעשטעלט אין ליניעס, אַרומגעצאַמט דעם גאַנצן פּלאַץ. זיי היטן, טאָמער וועט עמיצער קומען שטערן דער אַרבעט, וואָס דאַרף דאָ אָפּגעטאָן ווערן אין דערדאָזיקער נאַכט.

אין מיטן פעלד שוועבט עפּעס אַרויס פונם פאַרטאָגיקן כוישעך, עפּעס אַ געביי — אַ מין בימע, אַ סלופּ ווי אַ דאָלעד. נעבן געביי — אַ שוואַרצער פלעק. אַ פרישׂ אויסגעגראָבענער קייווער. נעבן דעם „עפּעס" שטייט אַ הייפל מענטשן אין פאַרשיידענע מונדירן: גערייכטס-באַאַמטע, אָפיצערן, זשאַנדאַרמען, פּאָליציי-לייט, ס'שימערן שוואַך זילבערנע און גאָלדענע קנעפּ, עפּאָלעטן, ס'קלינגען שפּאָרן.

זיי זיינען אומרואיק, דידאָזיקע לייט. זיי זיינען באוואַכט פון הונדערטער, עפּשער פון טויזנטער באוואָפנטע מענטשן-און דאָך שרעקן זיי זיך, קוקן זיך אום אומרואיק און אומגעדולדיק. זיי דאַכט זיך אלץ, אז ס'וועט דאָ זיין אַן אָנפאַל, אַז מע וועט זיי שטערן.

ס'דערהערט זיך אַ פערד-געלויף, אַ רוישן פון רעדער. אַ שוואַרצע קאַרעטע באַווייזט זיך בא דער ערשטער וואַך-ליניע. צוויי מענטשלעכע געשטאַלטן דערנעענטערן זיך צופוס צום מיטן פעלד. אַ פריסטאַוו באַגלייט אַן אָרים-געקליידעטן אידישן אַרבעטער, אַ יונגן, קוים עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט. ער איז בלאַס, אויסגעמאַטערט, אָבער קרעפטיק, שטאַרק געבויט,

ער גייט רואיק, מיט אַ פעסטן טראָט, אונטער די הונדערטער גלייכגילטיקע אָדער בייזע אויגן.

מע לייענט—אַ טויט-אורטייל. דער יונגער אַרבעטער—הירש לעקערט—איז פאַרמישפּעט צום הענגען. ער האָט פאַרוואונדעט דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן-וואַל.

וואָס פאַר אַ ציווילע פיגור, אַ אונטערטעניקע, אַ פאַכדאָנעסדיקע, קריכט ציטעריק ארויס פון צווישן די מונדירן? דאָס איז דער ווילנער ראבינער. ער



איז דאָ, קעדיי צו געבן דעם „פאַרברעכער”, וואָס גייט אָפן עשאַפאָט, דעם „לעצטן טרייסט”. ער גייט צו צו זיין אידישן „ברודער”. ער רופט אים פאַרן טויט טשואווע טאָן אף זיין גרויסן זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען אַף „לא תרצח” (לוי סירצאָך—זאָלכט ניט מאָרדן!).

מיט קאלטער פאַראַכטונג קערט זיך פון אים אָפ דער אידישער ארבעטער, רואיק און גלייכגילטיק בלייבט זיין יונגער איינפאַכער פאָנים.

— גייט אוועק פון מיר מיט אייערע קאָמעדיעס,—זאָגט ער קאלט.

מיט אַ רואיקן און פֿעסטן טראָט גייט ער אַרויף אַפֿן עשאַפֿאָט.

עס דאַכט זיך, צווישן אַט די אַלע פֿרייע באַוואָפֿנטע מענטשן איז ער, דער אַרעסטאַנט, וואָס וועט אין אַ מינוט אַרום זיין אַ קאַלטער באַרמיגעץ*),— דער פֿרייסטער, דער רואיקסטער פֿון אַלע. זיי שרעקן זיך. זיי זיינען אומרו-איק,—זיינע אויגן ווייזן ניט פֿון קיין שרעק.

עס פֿויקן זיך פֿאַנאַנדער די פּויקן... אַ פּאָר מינוט און אַלץ איז גע-ענדיקט.

פֿאַרשאָטן איז דער קיוועור פֿון יונגן אידישן אַרבעטער.

עס הילכן די ווערטער פֿון קאָמאַנדע. עס שטעלן זיך אויס די ליניעס. מע מאַרשירט אין שטאָט אַריין. מע זינגט.

און פֿירן פֿירט מען זיי, די אַלע לאַנגע רייען—איבערן פֿרישן קיוועור.

ס'טופּען און טופּען די שווערע סאָלדאַטישע שטיוול, זיי קלאַפּן אָפּ דעם געוואוינטן, דעם איינגעכאַזערטן מיליטערישן שריט, און יעדער שריט—טרעט טיפֿער און טיפֿער איין דאָס פֿרישע בערגל.

דורכגעצויגן האָט דאָס גאַנצע כאַיל איבערן קיוועור. ס'איז שוין טאָג.

און ווייטער איז פּוסט און וויסט דאָס פֿעלד. אומעטום גלייך אויסגע-טראָטן דורך שווערע סאָלדאַטישע שטיוול. קיין קלענסטער סימען פֿונם אָרט, וואו ס'איז נאָר וואָס געשטאַנען די טליע, וואו ס'איז באַגראָבן דער יונגער אַרבעטער מיט דעם איינגעפֿאַכן פּאָנים. אויף אייביק, דאַכט זיך, האָט אים איינ-געשלונגען די ערד. קיין שפּור, קיין זייכער ניט, ווי קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען קיין הירש לעקערט.

---

11 יוני 1922. 20 יאָר איז אוועק זינט יענער נאַכט, ווען מע האָט אין ווילנע אויפֿגעהאַנגען הירש לעקערטן.

אַ גרויסער פּלאַץ אין מיטן שטאָט מינסק. אַמאָל האָט ער געהייסן קאַ-טעדראַל-פּלאַץ.

אין מיטן פּלאַץ—אַ קליינער בולוואַר. דאָרט איז געשטאַנען אַ דענקמאָל דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

איצט הייסט דער פּלאַץ—פֿרייהייטס-פּלאַץ. פֿון אַלעקסאַנדר דעם צווייטנס דענקמאָל—געבליבן אַ הוילער שטיין.

און אָט דער פּלאַץ איז היינט פֿאַרפּלייצט מיט מענטשן. רויטאַרמייאישע טיילן, פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע פֿאָנען, דעלעגאַציעס פֿון שכיינעסדיקע מיליטער-טיילן פֿון אַנדערע שטעט, קאָמוניסטישע יוגנט-אָרגאַ-ניזאַציעס. מוזיק שפּילט. רויטע פֿאָנען שיינען. די פֿאַרטרעטער פֿון דער העכ-סטער מאַכט פֿון ווייסרוסלאַנד האָבן זיך דאָ היינט פֿאַרזאַמלט אַרום דעם אָרט, וואו ס'איז געווען אַמאָל אַ דענקמאָל דעם מעכטיקן זעלבסטהערשער.

---

*) באַרמיגעץ — אַ טויטער

זיי לייגן אַ גרונטשטיין צו אַ דענקמאָל. אַ נייעם דענקמאָל אַפן אָרט פון אַמאָליקן דענקמאָל פון קייסער.

אַלע באַלקאָנען זיינען פול מיט מענטשן. אַלע אַרומיקע גאַסן זיינען פאַרפלייצט מיט אַ מענטשן-יאַם. מע שטייט און מע קוקט און מע כאַפּט די ווערטער.

ווערמען שטעלט מען אַ דענקמאָל אַפן אָרט פון קייסערס דענקמאָל?

מע שטעלט אַ דענקמאָל אַ אידישן יונגן אַרבעטער, אַ שוסטער, וואָס איז געהאַנגען געוואָרן מיט 20 יאָר צוריק אין אַ פינסטערער נאַכט אַפן „מי-ליטערישן פעלד" אין ווילנע. אַן אַרבעטער, וואָס זיין קייווער איז אָפּגעבעקט געוואָרן פון דער ערד. דעם אַרבעטער—הירש לעקערט.

עס צויגן זיך פאַר אים די העלדישע זיגרייכע פאָנען פון דער רויטער אַרמיי, עס גיבן אים אָפּ קאָוועד די טויזנטער אַרבעטער און פויערים, פאַר זאַמלטע דאָ, ס'איז אַרויסגעטראָגן לעקאָוועד אים די בלוט-רויטע שווערע סאַמעטענע פאָן פון דער ווייסרוסלענדישער ראַטן-רעפובליק.

— הירש לעקערט, דו לעבסט! הירש לעקערט—דו האָסט געזיגט.

א. פעפער

צום 9-טן יאַנוואַר

אַף רויטיקע ערדן
פון הילכיקע שלאַכטן און רוישיקע נעכט,—
היינט גייט מען שוין מער ניט אָן פאָנען,
אָן שווערדן, ווי קנעכט.

היינט גייט שוין ניט קיינער
צו טויערן הויכע מיט שטילן געבעט,
אַף פעלדער פון וועלפישע טויבע געוויינען
צערוישן זיך שטעט.

היינט גייט שוין ניט קיינער
מיט גלויביקע אויגן צום הימל געווענדט,
און מויערן וואַקסן פון שטאָל און פון שטיינער
פון אונזערע הענט...

אין רוסישן פּיטער זיינען רוישיק די וועגן,
און ברייטער איז רוסישער טאָל,
מיר האָבן די פיינט אַף די פעלדער באַגעגנט
און האָבן פאַר אַלעס באַצאָלט.

א. רייזין

די וואַנט

די אויגן—פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער—זיי שלאָגן מיט קראפט און מיט מוט—
מיר שטייען בײַ אַ הויכער, געמויערטער וואַנט,—
מיט העק און מיט האַמערס, און אייזנס אין האַנט—
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונז די וועגן צום לעבן, צום גליק;
פאַרשטעלט אונז די ליכטיקע זון, און זי מאַכט
פון פריילעכן טאָג אונז אַ פינסטערע נאַכט—
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אראָפּ
אַ שטיין צי אַ ציגל, טרעפט ווער אין קאָפּ—
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מע לויפט ניט אוועק—
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער,—
פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינסטערע וואַנט
צעברעכן, צעברעכן!...

---

1) ווער איז די וואנט, וואָס פאַרשטעלט דעם וועג צום לעבן און גליק?
2) ווער זיינען די, וואָס ברעכן די וואנט?
3) צו וואָס רופט דער פּאָעט?

ש. אנ—סקי

פּאָטער און זון

פּערזאָנען:

מוישע—אַן אַלטער איד.

כאַים	}	זיינע קינדער.
גיטל		

דוואירע—מוישעס שוועסטער.

גנענדל — אַ קעכין באַ מוישען.
יאָסל — איר זון.
אַ זשאַנדאַרמסקער.
זשאַנדאַרמען.

באַ מוישען אין שטוב. רעכטס אַ טיר אין כאַימס צימער. אין מיטן — אַ טיר צו דער קיך אין גאַס. באַם טיש זיצן מוישע און דוואָירע און טרינקען טיי.

מוישע. ווען האָט מען אים צוגענומען?

דוואָירע. (מיט אַ זיפֿץ) מאָרגן וועט ווערן צוויי וואָכן... וואָלסט נאָר זען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן. (שטילער) געקומען אין מיטן נאכט. אויפגעוועקט די גאַנצע שטוב און אָנגעהויבן זוכן. פיר שאָ אָפּן זייגער האָבן זיי געזוכט, איבערגעקערט די שטוב קאַפּויר. וואו האָבן זיי ניט געזוכט: אין קעלער, אָפּן בוידים, אין קוימען, אין די בעטן, אין וויגעלע באַ יאַכנעס מיידל — אומעטום.

מוישע. האָבן זיי עפּעס געפֿונען?

דוואָירע. אָט ווייסטו? — אַזוי ווייס איך. זיי האָבן צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן געפֿונען אין שטוב — אַלע זיינע ביכער, אַלע פּאַפּירן. האָבן אַפילע צוגענומען מיין סידער.

מוישע. האָסט עפּעס געפּרואווט טאָן? ביסטו ערגעץ געווען?

דוואָירע. וואו וועל איך גיין און וואָס קאָן איך טאָן? מיין נאָכעם איז אומגעלאָפֿן, אומגעגאַנגען, און אין שטאָט זאָגט מען, אַז מע וועט אים פֿאַרשיקן אין סיביר... (פויזע) וויפֿל איך האָב זיך באַ אים געבעטן: זאַלמענקע מיין זון, האָב ראַכמאָנעס, פיר זיך ניט מיט דער כעוורע, מיש זיך ניט אין די זאַכן, דאָס וועט דיר צו גוטס ניט ברענגען... איז הערט מיך די וואַנט, אַזוי האָט ער מיך געהערט. אַ ביזאָיען פֿאַר לייטן!

מוישע. היינטיקע יאָרן, זאָג איך דיר, איז דאָס שוין גאָר קיין ביזאָיען ניט... באַ אונז אין שטאָט וועסטו ניט געפֿינען קיין איין פֿאַמיליע, באַ וועמען עמיצער זאָל ניט זיצן אין אַסטראָג. אַ זון, אַ טאָכטער, אַ שנור, אַן איידעם.

דוואָירע. (מיט אַ זיפֿץ) באַ אונז אין וויטעבסק איז אויך דיזעלבע פּלאָג! וואָס דאַרפֿסטו מער?.. מיט צוויי כאָדאָשים צוריק האָט מען צוגענומען און פֿאַרזעצט, מייגסטו וועמען? (בויגט זיך צו אים, שטילער) שמולקעס אַן איי-ניקל! אַ מויד פֿון ניינצן יאָר!

מוישע. נו, זעסט.

דוואָירע. וואָס וועט זיין דערפֿון! וואָס וועט זיין דערפֿון! איך זאָג דיר, מוישע, ניט אַנדערש, ווי עק וועלט, ניט אַנדערש. וואָלסט זען, וואָס באַ אונז אין שטאָט טוט זיך. איך זאָג דיר, עס רודערט זיך, ווי אין אַ קעסל. עס גייט ניט דורך קיין וואָך, עס זאָל ניט זיין עפּעס אַ מעהומע...

וואָלסט נאָר זעען: מע לויפט איבער די גאַסן מיט אַ פאָן, מע זינגט, מע שרייט, יעוואָנים *) לויפן נאָך... אַ געוואַלד! אַ געוואַלד!

מ ו י ש ע. באַ אונז איז אויך דיזעלבע כאַסענע. מע לויפט איבער די גאַסן, מע פּילדערט, מע שרייט (גייט אום איבערן זאַל), באַרעכן זיך די האָזע! אומלויפן אין מיטן העלן טאָג איבער די גאַסן און שרייען הויך אַפן קאָל, אַז מ'וויל ניט דעם קייסער. דער מויעך הויבט זיך, אַז מע גיט אַ קלער. און גאַלט געדעדט, וואו? וואָס? ווער? וועמען? וואָס וועלן זיי אויספירן מיט דעם אומלויפן? וואָס וועלן זיי דערמיט מאכן? היינט אומגעלאָפן איבער די גאַסן, מאָרגן אומגעלאָפן איבער די גאַסן, היינט געשלאָגן מאַקעס רעצעך, מאָרגן געשלאָגן, געכאַפּט, צעמיימעסט, פאַרזעצט.

ד וו א ו י ר ע. האָב ראַכמאָנעס, זאָג מיר, פאַרטייטש מיר, וואָס ווילן זיי.

מ ו י ש ע. (טראַכט אַ ווײַלע) וואָס ווילן זיי? זיי ווילן אַ קלייניקייט. זיי ווילן, עס זאָל ניט זיין קיין אָרימע און קיין רייכע! אָט וואָס זיי ווילן, אָט וואָס זיי ווילן... (מיט אַ ביטערן שמייכל) קיין רייכע און קיין אָרימע! ווער וויל דאָס ניט! איך וואָלט אויך וועלן, אַז אַלע זאָלן לעבן ווי מענטשן נאָר וואָס וועלן זיי אויספירן!

(עס גייט אריין גיטל).

ג י ט ל. מומינקע! אַ גאַסט! ווען זייט איר געקומען? (קושן זיך).

ד וו א ו י ר ע. נעכטן פאַרנאַכט. נו, און וואָס מאַכסטו, גיטעלע? וואָס מאַכט דיין באָרעך, די קינדערלעך?

ג י ט ל. געזונט. דאַנקען גאָט. און וואָס הערט זיך מיט אייער זאַל-מענען?

ד וו א ו י ר ע. (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) וואָס זאָל זיך הערן? ער זיצט.

ג י ט ל. אף אייער זאַלמענען וואָלט איך דאָס קיינמאָל ניט געקלערט. מיסטאָמע האָט אים די כעוורע מיט געוואַלט אריינגעשלעפּט. אַ שרעק! אַ שרעק!

(עס קומט אריין כאַים).

כ אַ י ם. (מיט אַ שמייכל) פון וואָס נעמט דיך אָן אַזאַ שרעק?

ג י ט ל. (מיט קאַעס) אַז דו ביסט ניט קיין שרעקעדיקער, איז דיר גוט! גיי טאַנץ מיט זיי.

כ א י ם. מיט וועמען?

ג י ט ל. מיט דער כעוורע! מיט די ציציליסטן.

כ אַ י ם. טאַנצן איז טאַנצן, אַז ס'איז פריילעך אפן האַרצן (לאַכט).

ג י ט ל. לאַך! לאַך! וועסט זיך דערלאכן.

כ אַ י ם. הער, טאַטע. (ערנסט) איך וויל באַ דיר פרעגן, זאָג מיר דעם עמעס, ווו רעכנסטו: זיינען די רעוואָלוציאָנערן אומגערעכט? זאָג?

*) סאָלדאַטן

מוישע. (קוקט אף אים אומעטיק) איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, כאַים, איך האָב גערעכנט, אז דו ביסט קליגער.

כאַים. דאָס איז אַן אַנדער זאַך. אָבער ענטפער מיר, וואָס איך פרעג בא דיר. האַלסטו, אז זיי זיינען אומגערעכט?

מוישע. ווער—זיי? העסל דעם שוסטערס אינגל. אָדער מענאַכעם דעם קוימען-רייבערס זון?

כאַים. און אז אפילע זיי?... איך פרעג בא דיר, זיינען זיי... אומגערעכט?

מוישע. ווער זאָגט דיר, אז זיי זיינען אומגערעכט?

גיטל. איך דאַרף גיין, מומע, איר וועט עפשער גיין צו מיר. איר וועט א קוק טאָן אף מיינע קינדערלעך...

דוואוירע. קום, קום! איך וועל א קוק טאָן אף דיינע קינדערלעך.

(מוישע גייט ארויס, סיקומט ארײַן גנענדל).

כאים. (צו גנענדלען) יאָסל וועט היינט קומען צו אייך?

גנענדל. שיידים ווייסן אים. איך האָב אים געלאָזן פון ווארעמעס. דאָרט בא זיין שניידער עסט ער מאַקעס מיט ראַקעס... קומט ער ניט. מוז אומלויפן מיט כעוורע איבער די גאסן.

כאים. מיט וועלכע כעוורע?

גנענדל. מיט זיינע כעוורע. ווייסט ניט? ער איז דאָך א מאַסאָווער אינגל, זאָל איך אזוי זעען גליק!

כאים. ווער האָט אייך געזאָגט? (שמייכלט).

גנענדל. וויי‌בער אין יאַטקע האָבן מיר געזאָגט (זעצט זיך צום טיש). זאָג מיר, כאימקע, א מאַסאָוון אינגל קומט גאָרניט.

כאים. (לאַכט) גאָרניט! גאָרניט!

גנענדל. איך האָב בא אים געפרעגט, זאָגט ער אויך, אז גאָרניט. ער זאָגט אויך, אַז א מאַסאָוון אינגל טשעפּעט מען טאַקע ניט. דריי מאָל האָט מען אים געכאַפּט, און יעדן מאָל אף מאָרגן ארויסגעלאָזט.

כאים. נו, זעט איר?

גנענדל. א כיעס, אף מיינע נעמאָנעס! נו, און דו ביסט ניט קיין מאַסאָווער אינגל?

כאים. איך בין אויך א מאַסאָווער אינגל.

גנענדל. א שאָדן, אף מיין וואָרט, וואָס איך בין עלטער. וואָלט איך זיין אינגער — וואָלט איך אויך ווערן א מאַסאָווע מיידל! אראָפּ פון מאַרק! איך וואָלט אויך אומגיין איבער דער גאַס מיט א רויטער פענדל און זינגען... איך האָב געזעען יענע וואָך, ווי זיי זיינען אומגעגאַנגען — א כיעס א קוק צו טאָן.

(ס׳גייט ארײַן יאָסל).

יאָסל. (פריילעך) גוט שאַבעס דיר, מאַמינקע, גוט שאַבעס דיר, קרוינעלע.

ג נ ע נ ד ל. גוט שאַבעס דיר, יאָסעלע, גוט שאַבעס דיר, א כוואַראָבע דיר אין קעפּעלע, וואָס ביסטו אזוי שפּעט געקומען?

י אָ ס ל. איך בין געווען אין שול, מאַמינקע, געזאָגט טילים, קרוינעלע.

ג נ ע נ ד ל. לייגסט, ווי א היגמעלע, יאָסעלע. איך האָב דיר געלאָזן פון וואַרעמעס.

י אָ ס ל. געזונט זאָלסטו זיין.

(גנענדל גייט ארויס).

י אָ ס ל. כאַים! מע האָט דעם לאַנגן צוגענומען...

כ א י ם. (שפּרינגט אויף) נו?!

י אָ ס ל. די טיפּאָגראַפיע איז גאַנץ! אפּאַניס פון זייטווענן זיינען פון ווילנע געקומען שפּיאָנען, האָבן אים דערקענט און אין מיטן גאַס צוגענומען.

כ א י ם. און מירל!

י אָ ס ל. זי איז גאַנץ... אָבער מע מוז שוין די קוואַרטיר אָפּרייניקן... שיידים ווייסן זיי, זיי קאָנען דערשמעקן, פון וואַגען דער לאַנגער איז ארויס־געקראָכן, דעמאָלט וועט אלץ זיין פאַרפאַלן...

כ א י ם. קום! מיר זאָלבענאַנד וועלן צו ביסלעך אָפּרייניקן די קוואַר־טיר. ביסט זיכער, אַז מע קאָן אהין גיין?

י אָ ס ל. דערווייל קאָן מען גיין, נאָר מע דאַרף זיך איילן. די גויטיקע זאַכן האָב איך ארויסגעכאַפּט (ער באווייזט א פּאַקעט). איך וועל דאָס אוועק־שלעפּן צו לעאָנידן. וואו לייגט מען דעם שריפט? ווי איז בא דיר? דאַכט זיך, ארום שטוב פליען אום די רוכעס... האָסט ניט באמערקט?

כ א י ם. זיי פליען אום שוין א פּאָר וואָכן... דערווייל איז נאָך גאָרניט געווען... דערווייל, ביז אַן אנדער קוואַרטיר, וועט מען מוזן אהער ברענגען...

(ס'גייט אריין גנענדל).

ג נ ע נ ד ל. נו, יאָסעלע, גיי עסן!

י אָ ס ל. איך וועל בעשום אויפן ניט גיין! ברענג אהער, מאַמינקע! און ברענג פון קעלער אַן אוגערקע. אַז אַן אוגערקע וועל איך ניט עסן.

ג נ ע נ ד ל. ווי ער נעמט זיך דאָס איבער, דער שניידערוצקע! (גייט ארויס).

י אָ ס ל. נו, מאַך ניט קיין שיעס, גיי! גיי איבער די גערטנער, טו אָן א מאַנטל... פאַרגעס, וואָס דו קאָנסט... גיי פריער און זע. צי שלעפּט זיך עמיצער נים נאָך... איך וועל אין א ווייל ארום ארויסגיין.

(כאַים גייט ארויס. עס קומט אריין גנענדל מיט א טעלער).

ג נ ע נ ד ל. נו, אָט איז דיר אלע מאַרצפּאַנעס. עס!

י אָ ס ל. (כאַפּט פון טעלער דאָס פלייש און די אוגערקע, פאַרוויקלט אין פּאַפּיר) איך נעם מיט זיך, מאַמינקע! א גוטן שאַבעס! (לויפט צום טיר).

ג נ ע נ ד ל. (נאָך אים) וואוהין לויפסטו?

(עס קומט אריין מוישע מיט גיטלען).

מ ו י ש ע. ... זאָלסט וויסן, מיין טאָכטער, איין זאַך... ניט גוט, ניט גוט אידן אין ראסייע, נאָר פונדעסטוועגן לעבט מען און מע האָפט אף בעסערס...

(עס לויפט אריין גנענדל דערשראָקן).

ג נ ע נ ד ל. געוואלד! זשאַנדאַרן! איך וועל ניט אויסהאַלטן!

ד ע ר ז ש אַ נ ד א ר מ ס ק ע ר. ווער איז דאָ כאים מאָווּשעוו האָלצ-מאַן? איר?

כ א י ם. איך.

ד ע ר ז ש אַ נ ד א ר מ ס ק ע ר. לויט דער פאַראָרדענונג פון „אָכראַנקע" ארעסטיר איך אייך.

כ א י ם. אין וואָס באשטייט מיין זינד?

ד ע ר ז ש א נ ד א ר מ ס ק ע ר. דאָס וועט מען אייך שוין נאָכדעם זאָגן. וואו איז אייער צימער?

כ א י ם. אָט איז ער.

מ ו י ש ע. וואָס איז דאָס? כאַים? דו? בא דיר?

ג י ט ל. איך האָב געזאָגט!!

כ א י ם. (אף אידיש) טאַטע, זיי רואיק. (צו גנענדלען) זאָג אָן אייער באָכער, אז מע זוכט בא מיר...

ד ע ר ז ש א נ ד אַ ר מ ס ק ע ר. איך בעט אייך ניט ריידן אף אידיש.

כ א י ם. איך בארואיק אים.

ד ע ר ז ש א נ ד א ר מ ס ק ע ר. איר קאָנט באַרואיקן אף רוסיש.

כ אָ י ם. (אף רוסיש) פאָטער, זייט רואיק, איך בעט אייך. (צו גנענדלען אף אידיש) זאָגט אייער באָכער, אז מע זוכט בא מיר...

ד ע ר ז ש א נ ד א ר מ ס ק ע ר. ווייטער?

כ א י ם. איך שיק אוועק די קעכין, זי פארשטייט ניט אף רוסיש. (לייגט אוועק אומבאַמערקט א פאַקעט מיט שריפט אפן טיש) אויב איר ווילט זוכן, קומט צו מיר אין צימער און לאָזט צורו דעם פאָטער.

1-טער ז ש א נ ד א ר ם. וואַשע בלאַגאָראָדיע! א פאַקעט! אָט נאָר-וואָס האָט ער אוועקגעלייגט אַפן טיש.

ד ע ר ז ש אַ נ ד א ר מ ס ק ע ר. (נעמט דעם פאַקעט) וואָס איז דאָס?

כ א י ם. (קוקט אים גלייך אין פּאָנים אריין) גיט א קוק, וועט איר וויסן.

ד ע ר ז ש א נ ד א ר מ ס ק ע ר. (וויקלט האַסטיק פאַנאַנדער) שריפט?! א-א! אפּאָנים דאָ איז בא אייך די טיפּאָגראַפיע?

כ אָ י ם. זוכט!

ד ע ר ז ש אַ נ ד א ר מ ס ק ע ר. מיר וועלן שוין זוכן. קומט נאָך מיר. (גייט אוועק אין צווייטן צימער מיט איין זשאַנדאַרם, וועגדנדיק זיך צום צווייטן זשאַנדאַרם) אריינלאָזן ווער עס וועט נאָר קומען, ארויסלאָזן—קיינעם ניט.

(עס גייט אריין יאָסל. קוקט זיך ארום).

ג נ ע נ ד ל. יאָסעלע... מע זוכט!..

יאָסל. א—א... (ער וויל גיין צוריק, דער זשאַנדאַרם פארשטעלט אים דעם וועג. יאָסל ווארפט זיך דער מוטער אפן האַלז מיט א געוויין) מאַמינקע, איך האָב מוירע. (ער באהאַלט געשווינד איר אונטערן פאַרטוך א פּאַקעט) האַלט, באהאַלט! שווייג.

(גנענדל האלט צו דעם פּאַקעט. עס גייט אריין דער זשאַנדאַרמסקער).

דער זשאַנדאַרמסקער. (צו מוישען) איר זייט מוישע האָלצמאַן?

מוישע. איך...

זשאַנדאַרמסקער. און ווער זיינען די?

גיטל. איך בין זיין טאָכטער.

זשאַנדארמסקער. און ווער זיינען די?

גיטל. אונזער קעכין און איר זון.

זשאַנדארמסקער. (קוקט זיך שטאַרק צו צו יאָסלען) דיך האָב איך, דוכט זיך, געזעען.

יאָסל. וואָס דאַבערט ער? איך פארשטיי ניט.

גיטל. ער פארשטייט ניט אף רוסיש.

דער זשאַנדארמסקער. ער פאַרשטייט ניט? צי פאַרשטייט ער ניט אקארשט צופיל? (צום זשאַנדאַרם) ארומזוכן אים! (דער זשאַנדאַרם זוכט ארום און געפינט א פּאַקעט).

דער זשאַנדאַרם. אָט, וואשע וויסאָקאָראָדיע.

דער זשאַנדארמסקער (וויקלט פאַנאַנדער). וואָס איז דאָס? פּלייש, אַן אוגערקע? (גיט א וואָרף צום זשאַנדאַרם) פירט אים אָפּ אין צווייטן ביידער. (דער זשאַנדאַרם פירט אוועק יאָסלען. צו גיטלען און גנענדלען) איר קענט גיין (זיי גייען).

גנענדל. (שטייט בא דער טיר רעדט צו מוישען) איר הערט, טאַנעט איין זאַך—א מאַסאָווער (גייט אַרויס).

דער זשאַנדארמסקער. אָט איז אייער אידישע דערציאונג! איר קאָנט זיך פריידן. איר האָט געזעען, וואָס מיר האָבן געפונען בא אייער זון? איר ווייסט, וואָס דאָס איז? דאָס איז שריפט! שריפט, מיט וועלכן מע דרוקט פּראָקלאַמאַציעס און פאַרשיידענע פאַרבאָטענע ביכלעך קעגן דעם קייסער אליין! איר פאַרשטייט! איר ווייסט, אלטער מאַן, מיט וואָס דאָס שמעקט? ד־אָ־ס שמעקט מיט קאַטאָרגע, מיט קא־טאָר־גע.

מוישע. האָט ראַכמאָנעס, פּאָריצל.

זשאַנדאַרמסקער. זאָגט אים, ער זאָל באווייזן, וואו איז די טיפּאָגראַפיע, בא וועמען ער האָט גענומען דעם שריפט. איר זייט זיין פאָטער, איר זייט מעכוייעוו צו טאָן. דאָס איז אייער כויוו פאַרן קייסער. איר פאַרשטייט?

מוישע. איך פאַרשטיי (זיפצט).

ז ש אַ נ ד אַ ר מ ס ק ע ר. (ווייכער) זעצט זיך. איר אַלע קוקט אַף אונז, ווי אַף גזאַלאָנים. מיר זייַנען ניט קיין גזאַלאָנים. איך האָב אויך אַ האַרץ. איר מיינט, איך האָב ניט קיין ראַכמאָנעס אַף אייך? מיר טוט ווי דאָס האַרץ. אַף אייך קוקנדיק!.. איך בין דאָך אויך אַ טאַטע פון קינדער. איך... איך בין גרייט צו העלפן אייך. אייער זון איז ביז איצט אין קיין זאַך ניט געווען פאַרמישט. אין צימער האָבן מיר בא אים גאָרניט ניט געפונען. נאָר די שריפט, וועלכן ער האָט אַליין אָט ערשט געבראַכט. איר פאַרשטייט? ווען ניט די שריפט, איז קעגן אים גאָרניט ניטאָ. זאָל ער נאָר זאָגן, וואו ער האָט גענומען דעם שריפט—און איך גיב אייך, זיידע, מיין ערנוואָרט—איך לאָז אים באַלד אָפּ. עס טוט מיר אַליין ווי דאָס האַרץ. פאַרוואָס זאָל ער ליידן פאַר פרעמדע זינד. איר פאַרשטייט?

מ וי ש ע. (ניִדערשלאָגן) איך פאַרשטיי.

ד ע ר ז ש אַ נ ד אַ ר מ ס ק ע ר. טאָ רעדט מיט אים, ווי אַ פאָטער. גיט אים צו פאַרשטיין, ער זאָל ניט קוילען ניט זיך, ניט אייך. אויב איר וועט אים איינריידן, ער זאָל זיך מודע זיין, געדענקט מיין וואָרט — איך באַפריי אים טייקעף אומיאַד. ווען ניט, וועט ער באַקומען קאַטאָרגע און עפשער נאָך עפּעס ערגערס! נו, איך פאַרלאָז זיך אַף אייך! איך לאָז אייך ביידע דאָ אַליין. (אין טיר צו כאַימען) זייט אַזוי גוט, קומט אַהער! (כאַים קומט אַריין) אָט, אייער פאָטער, אַן אַלטער מאַן, אַ דערשלאָגענער פון צאַר, וויל מיט אייך זיך דורכריידן. הערט זיך נאָר צו צו זיינע רייד. איך לאָז אייך דאָ איבער (צום זשאַנדאַרם אין טיר) גוט אכטונג געבן. (ער גייט אַוועק צו כאַימען אין צימער).

מ וי ש ע. (זיצט עטלעכע מינוט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אַף כאַימען) אַ? כאַים... אָט דאָס איז מיר דיין מאַטאָנע אַף מיינע עלטערע יאָרן. (וויינט) גוט, וואָס... די מאַמע האָט ניט... דערלעבט... דערצו. (פויזע, קומט צו זיך) וואָס וועט דיר דערפאַר זיין? זאָג דעם עמעס.

כ אַ י ם. מע קאָן ניט וויסן.

מ וי ש ע. קאַטאָרזשנע ראַבאָטעס.

כ אַ י ם. בעשום אויפן ניט. דאָס האָט ער דיך אָנגעשראָקן.

מ וי ש ע. וואָס דען? (קוקט אַף אים).

כ אַ י ם. עטלעכע כאָדאָשים טורמע... און נאָכדעם עפשער... אַף אַ פאָר יאָר אַרויסשיקן.

מ וי ש ע. הער... ער האָט מיר געהייסן מיט דיר ריידן... ער זאָגט, אַז ער וועט דיך אַרויסלאָזן פריי, אויב דו וועסט... אויב דו וועסט זאָגן, בא וועמען דו האָסט גענומען די אויסיעס (אַ טיפן זיפץ).

כ אַ י ם. ער האָט דאָס מיר אויך געזאָגט...

מ וי ש ע. נו? (אַ זיפץ).

כ אַ י ם. טאַטע.

מ וי ש ע. וואָס?

כאַים. דו פאַרשטייסט, וואָס ער וויל? (פויזע) ער וויל, איך זאָל ווער א מאָסער... דו... דו... ווילסט האָבן א זון א מאָסער, א פּראָוואָקאטאָר?

מוישע. (זיצט מיט אן אָראַפּגעלאָזטן קאָפּ, הויבט זיך אויף, מאַכט א פּאָר טריט, ווי א שיכּער, גיט א קוק אף כאַימען... הילכיק) כאַים... מײַן זון... אין אונזער מישפּאָכע זײַנען קיינמאָל ניט געווען... קיין מאָסרים... און (שטייף) וועלן ניט זײַן!

(פאָרהאַנג).

D. סווערטשקאָוו

אַרעסט פון ראַט פון ארבעטער-דעפּוטאַטן

אָפן 16 (3) דעקאַבער 1905, אַכט אַזייגער אין אָוונט, איז באַשטימט געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער-ראַט. דער אויספיר-קאָמיטעט האָט זיך 4 אַזייגער באַטאָג צונויפגעקליבן אַף צו באַטראַכטן די פראַגן וועגן די פאַרמאַכטע צייטונגען און וועגן די „ציוטווייליקע טאַקאָנעס איבער שטרייקן”. די זיצונג איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פונם כ׳ טראָצקי. אַלע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ס׳איז נויטיק צו דערקלערן אַן אַלגעמיינעם שטרייק...

אין מיטן דער זיצונג ברענגט מען די ידיע, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן הײַנט אין אָוונט צו אַרעסטירן דעם ראַט פון אַרבעטער-דעפּוטאַטן...

מיר האָבן גענומען באַהאַנדלען די פראַגע, ווי אַזוי זיך צו האַלטן.

ס׳ווערט אָדיינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג צו פאַרבאַריקאַדירן זיך און אַרויסווײַזן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז אומעגלעך. די גרויסע צאָל פענסטער דערלויבט ניט אויסצוקלייבן אַזאַ באַוואָרנט אָרט, וואו מיר זאָלן זיך קאָנען באַשיצן פון שיסערײַ...

מיר קומען אַלע צום אויספיר, אַז ס׳האָט קיין שום זין ניט אויסצומײַדן דעם אַרעסט. דער ראַט קאָן ניט עקזיסטירן אַלס אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. זײַן גאַנצער זין און קראַפט ליגן גראַד אין זײַן אָפענער טעטיקייט. מיר האָבן געוואוסט, אַז אונזער אַרעסט וועט דינען, ווי אַן אָפענער רוף פאַרן גאַנצן אַרבעטער-קלאַס צום אויפשטאַנד: ס׳איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן ניט פאַנאַנדערגיין זיך, און בלויז אָנעמען מיטלען, אַז קיינער פון די דעפּוטאַטן זאָל ניט ווערן באַליידיקט פון די מיליטער-טיילן...

עמיץ קוקט אַרויס אין פענסטער און גיט איבער, אַז דאָס הויז ווערט אַרומגערינגלט פון מיליטער. אינגיכן עפנט זיך די טיר פון צימער, וואו מיר האַלטן אָפּ אונזער זיצונג, און ס׳גייט אַרײַן דער פּאָליצמייסטער מיט עטלעכע אַגענטן פון „אָכראַנקע”. דער פּאָליצמייסטער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר און וויל אָנהויבן לייענען. איינער פון די מיטגלידער פון אויספירקאָם זעצט פאָר זײַן רעדע איבער דער פראַגע, וועלכע שטייט אָפן טאָג-אָרדענונג.

דער פּאָליצמייסטער רײַסט איבער דעם רעדנער און לייענט.

— לויט דער פאראָרדענונג פונם מיניסטער...

כ׳ טראָצקי שטעלט אים שארף אָפּ: כ׳בעט ניט שטערן דעם רעדנער. אויב איר ווילט באַקומען אַ וואָרט, דארפט איר זיך ווענדן צו מיר, און איך וועל פרעגן בײַ דער פארזאמלונג, צי זי פארלאנגט אויסהערן, צי ניין.

— זעצט פּאָר, כאַיוער.—ווענדעט זיך טראָצקי צום מיטגליד פון אויספירקאָם, צום רעדנער.

יענער רעדט ווייטער.

דער פּאָליצמייסטער בלייבט שטיין אין פארלעגנהייט און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן. ס׳דויערט אַזוי עטלעכע מינוט. דער רעדנער ענדיקט. כ׳ טראָצקי ווענדעט זיך צו דער פארזאמלונג:

— דער פאָרשטייער פון דער פּאָליציי וויל מאכן עפּעס אַ מעלדונג. איר דערלויבט אים צו געבן אַ וואָרט אין סיידער פון אינפאָרמאציע?

מיר באַשליסן צו געבן אים אַ וואָרט. דער פּאָליצמייסטער נעמט זיך אָן מיט מוט און לייענט דעם באפעל וועגן אונזער אַרעסט. כ׳ טראָצקי לייגט פאָר נעמען עס צו קענטעניש און אַריבערגיין צו די ווייטערדיקע איניאָנים פון טאָג-אָרדענונג. דאָס וואָרט באַקומט פּאָלגנדיקער רעדנער. דער פּאָליצמייסטער שטייט אין פארלעגנהייט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. אַף זיין פּאָנים איז ווי אָנגעשריבן, אַז אין זיין לאַנגיאָריקער פראקטיק האָט ער נאָך אַזאַ פאל ניט געהאַט.

— דערלויבט!—ווענדעט ער זיך ווידער צום כ׳ טראָצקי.

— כ׳בעט אונז ניט שטערן!—רייסט אים טראָצקי שארף איבער.—איך האָב אייך געגעבן אַ וואָרט, איר האָט געמאכט אייער מעלדונג, וועלכע מיר האָבן גענומען צו קענטעניש. פארלאנגט די פארזאמלונג,—ווענדעט זיך טראָצקי צו אונז,—צי פירן ווייטערדיקע געשפּרעכן מיט דער פּאָליציי?

אַלע ענטפערן, אַז ניט.

— כ׳בעט אייך אַרויסגיין פון דאַנען!—לייגט טראָצקי פאָר דעם פּאָליצמייסטער.

דער פּאָליצמייסטער שטייט עטלעכע מינוט, ווי אומבאַהאָלפן, און גייט לעסאָף אַרויס פון צימער מיט די אַגענטן פון אָכראַנקע. מיר האָבן זיך פאנאנדערגעלאָכט.

— כאַוויירים! — זאָגט כ׳ טראָצקי. — כ׳לייג פאָר, אַז קיינער זאָל ניט אָנרופן זיין נאָמען. די מינוט פארניכטן אַלע דאָקומענטן, צעטלען און אנדערע פּאַפּירלעך, וועלכע קאָנען אונז שאַדן ברענגען.

אַלע ליידיקן אויס די קעשענעס און רייסן פּאַפּירלעך... ס׳עפנט זיך ווידער די טיר און ס׳גייט אַריין דערוועלביקער פּאָליצמייסטער אין באַגלייטונג פון אַן אָפיצער מיט אַן אָפּטייל סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן שטעלן זיך אויס אין אַ האַלב-קרייז און פארשטעלן פון אונז די טיר. ס׳נעמט אַ וואָרט דער מיטגליד פון אויספירקאָם ס. ל. וויינשטיין (זוועזדין). „איצט וועלן שוין אַלע זען, —זאָגט כ׳ וויינשטיין,—אַז דער מאַניפעסט פון 17 אָקטיאַבר איז דער געמיינסטער און נידערטרעכטיקסטער ליגן...״ דער אָפיצער שושקעט זיך עפּעס מיטן פּאָ-

ליצמייסטער און גיט אָפּ אַ פאַראָרדענונג, אַז די סאָלדאַטן זאָלן אַרויסגיין פון יענער זייט טיר, וועלכע איז געבליבן אָפן.

— דער דערפאָלג פון אַ נייער אַנטשיידענער אַרויסטרעטונג מיצאַד דעם פאָלק קעג דער רעגירונג הענגט איצט אָפּ פון דעם מיליטער. די סאָלדאַטן זיינען קינדער פון פאָלק. די פאָלקס-זאַך—איז זייער זאַך.

דער אָפיצער שטופּט אין איילעניש אַרויס די סאָלדאַטן אין פאָדער-צימער און פאַרשליסט הינטער זיי די טיר. ווייַנשטיין העכערט די שטימע:

— זאָל דער ברודערלעכער רוף פון גאַנצן אויסגעמוטשעטן לאַנד זיך דערטראָגן צו די סאָלדאַטן דורך די געשלאָסענע טירן! זאָל דער רוף דורך פאַרמאַכטע טירן פון קאַזאַרמע דורכשלאָגן פאַר זיך אַ וועג צום סאָלדאַטן-האַרץ! אין פאָרשטייענדיקן קאַמף מיט דער רעגירונג זאָלן די סאָלדאַטן אויפהערן שפּילן די ראָלע פון בלינדע פאָלקס-טאַליאָנים! זאָלן זיי אויסקערעווען זייערע ביקסן קעגן יענע, וועלכע צווינגען זיי מיטן בלוט פון זייערע ברידער צו פאַרפעסטיקן די הערשאַפט פון געוואַלט און פון רויבערייען.

אין צימער רייסן זיך אַריין אַ בינטל גאָראָדאָוואָיעס. זיי רינגלען אַרום אַלע מיטגלידער פון אויספיר-קאָמיטעט. כ׳ טראָצקי דערקלערט די זיצונג פון אויספיר-קאָמיטעט פאַר געשלאָסן.

— אַהאַ, דער אויספיר-קאָמיטעט!—קוועלן אָן די העכערע פאָרשטייער פון פאָליציי, וועלכע זיינען דערביי.

— לעסאָף האָט זיך אונז טאַקע איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן דידאָזיקע רעגירונג!—רייבט זיך די הענט פון גרויס פרייד איינער פון די אָפיצערן. מע לאָדט אונז איין אייַנציקווייז זיך אַראָפּלאָזן פון אונטן אין פאָדער-צימער.

אַפן זאַוואָד

דער זאַוואָד האָט געאָטעמט מיט זייַן גרויסער, שוואַרצער ברוסט. אַ פאַרטויבטער גערודער, וואָס איז ענלעך צום גערויש פון אַן אונטערערדישן וואולקאַן, האָט געשוועבט איבער אים. די פאַרויכערטע ווענט האָבן לייכט געציטערט פון די מוירעדיקע קלעפּ פון די דאַמף-האַמערס.

אינעווייניק האָבן געהאָרעוועט טויזנטער מענטשן. די ביטערע נויט האָט זיי אַהער צונויפגעטריבן פון אומעטום און זיי אַוועקגעשטעלט בײַ די ווערקשטעלן און בײַ די גלי-אויוונס. דאָס לעבן און די קויכעס פון יונג און אַלט איז דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרודעס גאָלד, וואָס האָבן אָנגעפילט די טיפע קעשענעס פון די רויבער.

און איבער דעם אַלעמען האָבן אַרויסגעשטאַרצט די הויכע, שוואַרצע קוימענס.

ס'איז אָנגעקומען די מיטאָג-צייט.

איינציקוויין און גרופּקעסוויין האָבן זיך די אַרבעטער אויסגעזעצט. נעבן איין ווערקשטעל האָט מען לעבהאַפט זיך דורכגעשמועסט.

— קיריושע, לייען אונז איבער וועגן די לענער כאַוויירים. זעץ זיך דאָ, אינדערמיט,—האָט איינער פאָרגעלייגט.

קיריושע, אַ יונגער אַרבעטער, מיט אַ בלאַס פּאָנים און בלויע פאַרטראַכטע אויגן, האָט גלייך געפאָלגט די כאַוויירים.

אַף אַ רעגעלע איז שטיל געוואָרן.

— אַ בלוטיקע נייס. געהאַרגעט 270, פאַרוואונדעט 250,—האָט קיריושע אָנגעהויבן.

— וועמען געהאַרגעט?—האָט געפרעגט אַן אַרבעטער, וואָס איז אקערשט צוגעקומען.

— אונזערע ברידער... וועמען דען... די קאַפּיטאַליסטן?—האָט איינער מיט ביטערקייט געזאָגט.

— שטילער!—האָבן זיך דערהערט קוילעס.

— מע האָט געשאָסן אין די לויפנדיקע און אַפילע אין די ליגנדיקע,— האָט קיריושע פאָרגעזעצט. צום ווערקשטעל זיינען אָנגעקומען אַלץ נייע און נייע אַרבעטער. אַרום קיריושען איז באַלד געוואָרן אַ גרויסער קרייז.

זיין יונגע שטימע האָט געקלונגען מיט אויפרעגונג.

פאַר די צוהערערס אויגן האָט זיך פאָרגעשטעלט די שרעקלעכע אַכזאָריעס אין דער וויטער סיבירער טאַיגע.

דאָרטן זיינען די אַרבעטער אויפגעשטאַנען פאַר זייערע רעכט. זיי האָבן אָנגעזעצט די גאָלד-פעלדער פון דער לענע מיט זייער אומשולדיק בלוט.

דאָרט האָט אַ ברודער געשאָסן אין אַ ברודער לויטן ביין ווילן פון די בלוט-דאָרשטיקע קאַפּיטאַליסטן. דאָרט האָבן אָרימע פאַמיליעס פאַרלאָרן זייערע שפייזער און האָפענונג.

און איצט האָט זיך איבערן ווייטן האָריזאָנט אויפגעהויבן אַ בלוטיקער שטורעם.

די אומגעקומענע רופן צו נעקאָמע.

— וואַכט אויף! דער בעכער פון געדולד איז שוין איבערפולט.

קיריושע האָט געענדיקט, נאָר זיין שטימע האָט נאָך געקלונגען אין די אויערן, ווי אַ וועקנדיקער שאַל. ניט איין פויסט האָט זיך צונויפגעפרעסט און ניט איין פינסטערער מויעך האָט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל.

וולאַדימיר איליאיטש אוליאַנאָוו-לענין

.(21/I 1924 — 22/IV 1870)

I

די ערשטע רעוואָלוציאָנערע טריט פון לענינען זיינען געווען די סטו-דענדישע קרייזלעך אין פּעטערבורג און אין סאַמאַרע.

אין דער צייט, ווען לענין איז געווען אין סאַמאַרע, האָט וואָלגער געגנט איבערגעלעבט אַ הונגער (אין 1891 יאָר). די אומצופרידנקייט מיט דער צאַרישער רעגירונג האָט זיך נאָך מער פארשטארקט. דעמאָלט האָבן אָבער פיל רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאנד געלייגט זייער האָפענונג נאָר אָף די פּויע-רים. זיי האָבן געמיינט, אַז נאָר די פּויערים וועלן קאָנען מאכן אַ רעוואָלוציע און באפרייען רוסלאנד פון דער זעלבסטהערשונג און פון דער עקספּלואטאציע פון די פּריצים און פון דער בורזשואזיע. וועגן דעם, אַז דער אַרבעטער-קלאס מוז זיין, קאָן זיין און וועט זיין די איינציקע קראפט, וואָס וועט אימשטאנד זיין מאַכן אָט די רעוואָלוציע,—וועגן דעם האָט נאָך דעמאָלט קימאַט קיינער ניט געטראַכט. דאָס ראָוו רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך גרופּירט אונטער דער אָנפירונג פון די „פּאָלקיסטן", וואָס האָבן געמיינט, אַז רוסלאנד איז ניט דייטשלאַנד און ניט פראנקרייך און ניט ענגלאַנד. דאָרטן האָט זיך דער קאפּיטאליזם אַנטוויקלט, און ס'איז דאָ אַ גרויסע צאָל אַרבעטער, פאבריק-אַרבעטער, פּראָ-לעטאריער, וועלכע קאָנען דורכפירן די רעוואָלוציע. בא אונז אָבער איז דאָס לאנד אַ פּויעריש. די צאָל פאבריקן און זאוואָדן און די צאָל אַרבעטער איז אַ קליינע, אַזוי אַז קיין גרויסע ראָלע אין דער רעוואָלוציע קאָן ניט און וועט ניט שפּילן דער אַרבעטער-קלאַס.

לענין, פאַרקערט, האָט זיך געהאלטן בא דער מיינונג, אַז וויבאַלד דאָ און דאָרט האָבן זיך שוין באַוויזן אַ געוויסע צאָל פאבריק-קוימענס, און דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן צו אנטוויקלען, וועט ער שוין גיין ווייטער און ווייטער. די צאָל פאַבריקן און די צאָל אַרבעטער וועט פארגרעסערט ווערן און זיי וועלן מיט דער צייט שפּילן די גרעסטע ראָלע אין לאנד, אַזוי ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין אַנדערע לענדער. און דעריבער דארפן מיר אונזער גאנצע אויפמערקזאַמקייט לייגן אַפן אַרבעטער-קלאַס.

אַזוי האָט אויך מארקס געלערנט אין זיינע ביכער.

און לענין גרינדעט אין סאמארע די ערשטע רעוואָלוציאָנערע מארק-סיסטן-גרופּע.

דאָרטן הויבט ער אויך אָן צום ערשטן מאָל זיין ליטעראַרישע ארבעט. ער שרייבט אָן אַ שארפע קריטיק איבער איינער ביכער, וואָס די „פּאָל-קיסטן" האָבן אַרויסגעגעבן, און באווייזט, אַז זייער וועג איז ניט קיין ריכ-טיקער.

אין 93—1892 יאָר פאָרט לענין אויס קימאַט גאנץ רוסלאַנד, באזוכט די ווי־
כטיקסטע אינדוסטריעלע צענטרען, זוכט אויף אין פארשיידענע ערטער אַר־
בעטער-גרופעס און אינטעליגענטן, וואָס זיינען אויך געקומען צו דער איבער־
צייגונג, אַז דער גורל פון דער רעוואָלוציע הענגט אָפּ פון ארבעטער-קלאַס,
און שטעלט איין מיט זיי פארבינדונגען.



אין הארבסט 1893 יאָר קערט זיך לענין אום צוריק קיין פעטערבורג
און נעמט זיך צו דער ארבעט. ער אָרגאַניזירט אַרבעטער-קרייזלעך און
קלייבט צונויף אַרום זיך די ערשטע גרופּע רעוואָלוציאָנערן-מאַרקסיסטן.
אין 1895 יאָר גרינדעט ער אַ „פארבאַנד אַף צו קעמפן פאר דער באַ־

פרייאונג פונם ארבעטער-קלאס". דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע פירט דורך די ערשטע שטרייקן אין פעטערבורג, אין וועלכע עס האָבן אנטייל גענומען ביז 40 טויזנט אַרבעטער. לענין גיט זיך איינגאַנצן אָפּ דערדאָזיקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. טאָג ווי נאַכט פאַרברענגט ער אין די אַרבעטער-קווארטאלן.

נאָך די פּאָליציי פאַרפאָלגט לענינען, אַרעסטירט אים, האלט אים אָפּ מער ווי אַ יאָר אין טפיסע און שיקט אים אַרויס אויף 3 יאָר אין סיביר (1897 יאָר).

II

אין סיביר האָט לענין זייער פיל אויפגעטאָן אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט דאָרט אָנגעשריבן אַ בוך: „די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד", אין וועלכן ער האָט דערוויזן מיט ציפערן, אַז אין רוסלאַנד אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם און אַז די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט הויבן אָן צו פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן אָרט אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד.

אין סיביר האָט לענין אויך אָנגעשריבן אַ בראָשור: „די אויפגאַבן פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע". אין דער בראָשור האָט ער אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו גרינדן אַ זעלבשטענדיקע רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל אָנפירן מיטן קאַמף פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

אינגיכן איז די פּאַרטיי געגרינדעט געוואָרן.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי (אַזוי האָט זי דעמאָלט געהייסן. פון 1918 יאָר רופט זי זיך „קאָמוניסטישע") איז פאָרגעקומען דעם 1 מאַרט 1898 אין דער שטאָט מינסק, אין אַ הילצערן הייזל בײַ אַ אידישן אַרבעטער. אויף דעם צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען געהיים, באַהאַלטן פון דער פּאָליציי, זיינען זיך צונויפגעפאָרן 9 מענטשן פון פאָלגנדיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס: פון די „פאַרבאַנדן אויף צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פונם אַרבעטער-קלאַס", פון דער אידישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע „בונד" און פון אַ גרופּע רוסישע און פּוילישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אַ געהיימע צייטונג „Рабочая газета" און האָבן אָנגערופן זייער אָרגאַניזאַציע מיט דעם נאָמען.

אויף דעם צוזאַמענפאָר איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צ. ק. (צענטראַל-קאָמיטעט), און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די „אַרבעטער-צייטונג" ווערט די צייטונג פון דער פּאַרטיי. פאַר אַ רעדאַקטאָר פון דערדאָזיקער צייטונג איז אָנגעמערקט געוואָרן דער כ' לענין, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין פאַרשיקונג אין סיביר.

די צייטונג איז אָבער ניט אַרויס, ווייל אַלע אָנטיילנעמער פונם צוזאַמענפאָר זיינען גלייך אַרעסטירט געוואָרן, און די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט האָט זיך איבערגעריסן.

נאָך דעם, ווי לענין איז אָפּגעווען דריי יאָר אין סיביר, קערט ער זיך אום צוריק אין רוסלאנד און פאָרט אַרום איבער אַ היפּשער צאָל אינדוסטריעלע שטעט, באקענט זיך פּערזענלעך מיט די סאָציאל-דעמאָקראטישע קרייזלעך און איינצלנע רעוואָלוציאָנערן, רעדט זיך מיט זיי צונויף, ווי אַזוי צו פאַר־שפּרייטן געהיימע ליטעראטור, ווי אַזוי און אף אַ וועלכן אדרעס זיך דורכשרייבן מיט זיי, צו וועלכן כאוער זיך ווענדן, פּאָליציי זאָל ניט פאקן און אז. וו.

פּאָליציי האָט זיך אָבער גלייך דערוואוסט וועגן זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און האָט אים ווידער ארעסטירט.

לענין האָט געזעען, אַז אין רוסלאנד וועט אים פּאָליציי ניט לאָזן אַרבעטן, האָט ער באשלאָסן ארויספאָרן אין אויסלאנד און פון דאָרטן פירן זיין רעוואָלוציאָנערע ארבעט דורך די כאוויירים און רעוואָלוציאָנערע גרופּן, מיט וועלכע ער האָט איינגעשטעלט ענגע פאַרבינדונגען.

און לענין איז אַוועקגעפאָרן אין אויסלאנד.

דאָרט האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די רעוואָלוציאָנערע צייטונג „איסקראַ", וועגן וועלכער ער האָט נאָך אין טיביר געטראכט.

די צייטונג האָט זיך געדרוקט אַף דינינקע פּאפּיראָס-פּאפּיר, זיך געהיים פאַרשפּרייט צווישן די ארבעטער און רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאנד און האָט געהאט אַף זיי אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע ווירקונג.

איינער אַ כאוער, אַן ארבעטער, מאָלט אונז אַזאַ בילד, ווי אזוי די „איסקראַ" פלעגט אין יענער צייט געלייענט ווערן אין רוסלאנד און אין אויסלאנד.

„אין 1903 יאָר, — דערציילט ער, — בין איך געקומען אין זשענעווע (שווייץ), וואו ס'איז דעמאָלט אַרויסגעגאנגען די „איסקראַ". קיין רוסלאנד פלעגט זי אָנקומען זייער ניט אקוראט. לייענען האָט מען זי געדארפט אַף גיך, קעדיי אַלע זאָלן באוויזן דורכלייענען די איינצלנע נומערן, וועלכע פלעגן זיך דורכשלאָגן צו אונז. אָפט פלעגט די צייטונג שוין זיין אַזוי אויס־געריבן און אויסגעשמירט פון די הונדערטער הענט, דורך וועלכע זי איז שוין דורכגעגאנגען, אז מע האָט שוין גאָרניט געקאָנט פאנאנדערקלייבן דאָס געשריבענע. דאָ אָבער, אין אויסלאנד, איז אַ כיעס! מע קאָן קויפן די „איסקרא" אין קראָם, לייענען זי רואיק, און מע דארף זי אף באנאכט ניט באהאלטן פון אומגעבעטענע פּאָליציי-לייט"...

אין 1903 יאָר איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען דער II צוזאמענפאָר פון דער סאָציאל-דעמאָקראטישער פּארטיי, אף וועלכע עס זיינען זיך צונויפגעפאָרן 43 דעלעגאטן. באם אָנעמען באשלוסן איבער איינינקע וויכטיקע פראגן איז די מערהייט פון צוזאמענפאָר געווען מיט לענינען. דערפאר האָבן זיי באקו־מען דעם נאָמען באלשעוויקעס, און די מינדערהייט, וואָס איז געווען קעגן לענינען, האָט מען אַ נאָמען געגעבן מענשעוויקעס. די פּארטיי האָט זיך צעשפּאלטן אַף צווייען, און לענין איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער באָל־שעוויסטישער פּארטיי.

III

אין 1905 האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד. לענין קומט פון אויסלאַנד, באַזעצט זיך אין פּעטערבורג און גיט אַרויס רעוואָלוציאָנערע צייטונגען און פלוגבלעטלעך, טרעט אַרויס אויף מיטינגען און אָרגאַניזירט די אַרבעטער.

אָט וואָס איינער אַן אַרבעטער שרייבט וועגן לענינס דעמאָלטיקער אַרבעט.

„אין די פאַבריקן און זאַוואָדן איז צעשטעלט מיליטער. אין די הויפן זיינען צעשטעלט זשאַנדאַרמען און פּאָליציי, און לענין רופט צו אַן אויפשטאַנד.

די אַרבעט אין רעדאַקציע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. איינמאָל, קומענדיק, ווי געוויינלעך, באַנאַכט אין דרוקעריי צו דער אַרבעט, האָב איך געטראָפן בא דער טיר אַן אָטריאַד פּאָליציאַנטן.

— שטיי! וואוהין? דאָקומענטן!

כ'האָב זיי דערקלערט, אַז איך בין אַ מיטאַרבעטער פון אַ צייטונג.

— ניט קיין „זאַבאַסטאָוושטשיק”? נו, לאָזט אים דורך...

דאָס האָט דער פּאָליציימייסטער צעשיקט די פּאָליציי היטן די פאַבריקן פון שטרייקער—מע זאָל אַרבעטן. אונזער דרוקעריי אויך... זיי האָבן גאָר ניט געוואוסט, די פּאָליציאַנטן, אַז דאָס היטן זיי אַ פאַבריק פון רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע: אַ דרוקעריי, וואָס דרוקט לענינס אויפרופן, און אים אליין—לענינען, דעם גרעסטן רעוואָלוציאָנער און אָרגאַניזאַטאָר פון די אַרבעטער-מאַסן, היטן זיי עס דאָ...

לענינען האָב איך געטראָפן אויף זיין געוויינלעכן אָרט — בא דער קאָנטאָרקע.

ער האָט געשריבן... דאָ האָבן זיך אויך געפונען זיינע נאָענטסטע כאַווייריִם.

אין דרוקעריי איז געווען אַ געשפּאַנטע שטימונג. אויף די פאַבריקן האָבן די אַרבעטער דורכויס געוואָרפן די אַרבעט. אין אונזער דרוקעריי האָבן די אַרבעטער אויך זיך געגרייט פון מינוט צו מינוט אָוועקוואַרפן די אַרבעט.

— אָט וועלן מיר נאָר אויסזעצן דעם כ. לענינס אַרטיקל! מיר דאַרפן אַוועק פון דער אַרבעט די לעצטע! מע דאַרף פאַרשפּרייטן לענינס אויפרוף! מיר וועלן אוועק פון דאַנען נאָך אים.

וולאַדימיר איליטש האָט אָפּגעגעבן דעם אָנגעשריבענעם אויפרוף צום זעצן און, דריקנדיק די הענט די אַרבעטער, איז ער אַרויס פון דרוקעריי”.

וועגן לענינס אַרויסטרעטונגען אויף מיטינגען אין יענער צייט ווערט דערציילט אַזאַ פאַקט:

„פּעטערבורג. אַ פול געפּאַקטער זאַל מיט אַרבעטער. דער פאָרזיצער זאָגט:

— אַ וואָרט האָט דער כ. קאַרפּאָוו.

ס'איז ארויף אַף דער טריבונע א מענטש, א נידעריקער, און האָט אָנגעהויבן ריידן. אין זאָל איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. און אזוי איז געווען די גאַנצע צייט פון זיין ריידן. ער האָט גערעדט לאַנג, און דער גאַנצער אוילאָם האָט געשלונגען יעדעס וואָרט.

ער האָט געענדיקט. דער אוילאָם איז געבליבן זיצן ווי פאַרקישעפט. א דונער אָפּלאָדיסמענטן האָט זיך ארויסגעריסן פון אַלע אָרבעטער: „זאָל לעבן די רעוואָלוציע!"

אונטערן נאָמען „קאַרפּאָוו" איז געווען לענין, וועלכער האָט זיך דעמאָלט ארויסגעבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי..."

נאָר לענין האָט געקאָנט ניט נאָר שרייבן, ניט נאָר ריידן, נאָר אויך אָרגאַניזירן שלאַכטן.

אָט וואָס איינער א כאַוער דערציילט וועגן דעם:

„...אין פּעטערבורג זיצן עטלעכע מענטשן אין אַ קליינעם צימער באַ אַ טיש. אויבנאָן — לענין.

— דער אויפשטאַנד אין מאַסקווע צעוואַקסט זיך. די אַרבעטער זיגן. די באַן-ליניע פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע שטרייקט, נאָר די רעגירונג שטעלט אייזנבאַן-מיליטער, וואָס זאָל פאַרבייטן די אַרבעטער. מע טאָר ניט דערלאָזן, אז מע זאָל שיקן כאָיל פון פּעטערבורג, מע דאַרף אונטערהאַלטן מאָסקווע.

עמיצער לייגט פאָר:

— אילאיטש, מע דאַרף אונטעררייסן די באַן, פאַרהאַלטן די עשעלאָנען.

— ריכטיק, דאָס דאַרף מען טאָן, נאָר ס'איז ווייניק.

א נייע שטים:

— לאָמיר צונויפקלייבן אַלע באַוואָפנטע, פאַרכאַפּן א באַשטימטן ראַיאָן, מאַכן באַריקאַדן, אָפּציען אַף זיך די קרעפטן פון מיליטער.

— ניין,—זאָגט אילאיטש,—דערמיט, וואָס איר לייגט פאָר, וועלן מיר ניט שטערן דאָס שיקן מיליטער קיין מאָסקווע. וואָס זאָגן עפּעס אונזערע מיליטער-לייט?

כ. נאָגין און איך טיילן מיט: דער אייזנבאַן-באַטאַליאָן און די סאַפּיאָרן זיינען גוט געשטימט.

באַשלאָסן: דער אייזנבאַן-באַטאַליאָן און די סאַפּיאָרן דאַרפן פאַרכאַפּן א סקלאַד מיט געווער, איבערגעבן דאָס געווער די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע וועלן ארויסטרעטן פון די מיטינגען. איך, אלס געוועזענער אָפיצער, דאַרף נעמען אַף זיך די קאָמאַנדע. אָנהויבן—גאַנץ פרי..."

נאָר די צאַרישע רעגירונג האָט די רעוואָלוציע דערשטיקט, און לענין האָט ווידער געמוזט, סאָף 1907 יאָר, עמיגרירן קיין אויסלאַנד. די שטימונג בא אלע רעוואָלוציאָנערן איז געווען א געדריקטע. נאָר לענין האָט צונויפגעקליבן ארום זיך אן ענגן קרייז פון איבערגעגעבענע רעוואָלוציאָנערן, זיי

צוגעגעבן מוט, אז ס'וועט נאָך קומען אַ צייט, און די רעוואָלוציע וועט אויפלעבן.

IV

אין 1914 יאָר האָט אויסגעבראָכן די וועלט-מילכאָמע. לענין האָט גענו־מען פירן א קאמף, אז מע זאָל די אימפעריאליסטישע מילכאָמע פארוואנדלען אין א בירגער־קריג. דאָס הייסט, אז די מילכאָמע צווישן איין לאנד און דעם צווייטן זאָל פארוואנדלט ווערן אין א מילכאָמע צווישן איין קלאָס און דעם צווייטן, צווישן דער בורזשואזיע און דעם פראָלעטאריאט.

און מיט דעם געדאנק און מיט אזא פלאַן קומט לענין אין רוסלאנד גלייך, ווי ס'איז פאָרגעקומען די פעווראַל־רעוואָלוציע און ס'איז געפאַלן די זעלבסטהערשונג.

נאָר קעדיי צו פארכאפן די מאכט, דארף מען האָבן א פאסיקן מאָמענט, דארף מען, אז די מיליאָנען סאָלדאטן מיט די ביקסן אין די הענט זאָלן צו־שטיין צו די ארבעטער און צוזאָמען מיט זיי פאנאנדערטרייבן די בורזשואזע רעגירונג, וואָס האט פארנומען דאָס אָרט פון דער צאַרישער רעגירונג. און לענין האָט גענומען פירן א ברייטע אגיטאציע צווישן די ארבעטער און צווישן די סאָלדאטן פאַר פארכאפן די מאַכט.

ווי אזוי די ארבעטער האבן באגעגנט לענינען, ווען ער איז געקומען פון אויסלאנד, דערציילט איינער א כאווער אזוי:

„...איר ווייסט, היינט אינאָוונט קומט דאָך לענין קיין פעטראָגראד! דאס איז געווען דעם 3־טן אפרעל 1917 יאָר. אין דער באשטימטער שאָ זיינען מיר ארויסגעפאָרן אף דער סטאנציע „בעלאָאָסטראָוו“ (הינטער לע־נינגראד) באגעגענען לענינען.

דאָרט האָבן מיר געטראָפן פיל ארבעטער פון געוועהר־זאַוואָד, וועלכע האָבן מיט אומגעדולד אָפגעווארט דעם צוג. זיי זיינען עטלעכע וויאָרסט גע־גאנגען צופוס באגעגענען זייער געליבטן פירער.

ס'זיינען דורכגעפלויגן דריי בלענדנדיקע פייערן פון לאָקאָמאָטיוו, און עס האָבן אָנגעהויבן שווינדלען די באלויכטענע פענסטער פון די וואַגאָנען. דער צוג האט זיך אָפגעשטעלט, און מיר האבן באַלד דערזעען איבער די קעפ פון די ארבעטער לענינס פיגור.

די אַרבעטער האָבן אים אויפגעהויבן הויך איבער זייערע קעפּ און אריבערגעטראגן אין וואָקזאַל.

אלע האבן אים באגריסט מיט זיין צוריקומען קיין רוסלאנד. איליאיטש איז געווען אין א באזונדערס פריידיקער שטימונג און האט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען.

מיר גייען צוריק מיט איליאיטשן אין זיין וואַגאָן אריין. דער צוג ריַרט, מיר טראָגן זיך צו פעטראָגראד. אָט איז שוין דער וואָקזאל.

אף דער פלאַטפאָרם פוןביידע זייטן אין דער גאנצער לענג זיינען אויסגעשטעלט מאטראָסן פון באַלטישן פלאָט.

לענין ווארפט אַ לאָזונג, אַ רוף:

— „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!"

מיט דעמזעלביקן רוף ווענדעט זיך לענין צום פּילטויזנטיקן עולם, וועלכער האט זיך צונויפגעקליבן אַפן פּלאַץ פון יענער זייט וואָקזאל צו באַגריסן דעם פירער פונם רוסישן פּראָלעטאריאט.

זיין ערשטע רעדע פאר די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער האט לענין געהאַלטן דאָרט אַפן פּלאַץ, שטייענדיק אף אַ בראָנעוויק".

די בורזשואזיע האָט דערפילט, אז אירע קאַפּיטאַלן, איר הערשאַפט איז אין געפאַר, און האָט זיך ווי א ווילדע כאַיע ארויפגעוואָרפן אף די באָלשעוויקעס.

א באַנדע כוליגאנעס האָט זיך אריינגעריסן אין דער רעדאקציע פון „פראוודא", געשלאָגן די פענסטער, געריסן די פּאַפּירן, געבראָכן דאָס מעבל, אַפן גאָס דערהאַרגעט אן ארבעטער, וועלכער האָט געהאלטן אין האנט א באָלשעוויסטיש בלעטל. די פּאַרטיי-קאַמיטעטן זיינען געווען צעראַבירט, טראָצקי, קאַמענעוו, לונאטשארסקי און נאָך פיל כאוויירים האט מען ארעסטירט. פּאָליציי-אגענטן, שפּיאָנען זיינען פול געווען אין אלע ווינקעלעך. מע האָט געזוכט באָלשעוויקעס. דעריקער האָט מען געזוכט די אָנפירער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

מע האָט געזוכט לענינען.

אלע פּאָליציי-שפּיאָנען זיינען געווען אף די פיס. א באוואוסטן שפירהונט מיטן נאָמען „טרעף" האט מען, נעבעך, ארומגעיאָגט גאנצענע טעג דערשמעקן עפּעס א שפור...

200.000 רובל האָט די בורזשואזע רעגירונג צוגעזאָגט פאַר לענינס קאָפּ.

50 אפיצערן פון קערענסקיס באטאליאָנען האבן געשוואָרן: פּאַקן לענינען אדער שטארבן! נאָר דער צענטראל-קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי האט באשלאסן היטן לענינען, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און האָט דעם באשלוס אויסגעפירט.

לענין האט זיך אויסגעבאהאלטן און פון דער באהעלטעניש אנגעפירט מיט דער רעוואָלוציע. ס'איז דורך א שטיקל צייט, און לענין האט דערזען, אז ס'איז געקומען דער מאָמענט צו פאַרכאַפּן די מאַכט, און ער שרייבט צום פּעטערבורגער און מאָסקווער קאמיטעטן:

„סייערע כאוויירים!

די פויערים-באוועגונג וואַקסט, די רעגירונג פארשטארקט אירע ווילדע רעדיפּעס. אין דער ארמיי וואַקסן די סימפּאַטיעס צו אונז. 90 פּראָצענט שטימען פון די סאָלדאטן אין מאסקווע זיינען פאר אונז. דאס פינלענדישע מיליטער מיטן פלאָט זיינען קעגן דער רעגירונג.

די באַן-ארבעטער און פּאָסט-אָנגעשטעלטע זיינען קעגן דער רעגירונג. באַ אזעלכע באַדינגונגען איז „וואַרטן"—א פאַרברעכן...

דער לאָזונג: מאכט—די ראטן, ערד—די פויערים, שאָלעם—די פעלקער, ברויט — די הונגעריקע...

...דער ניצאָכן איז געוויכערט.
...ווארטן איז א פארברעך פאר דער רעוואלוציע...
א גערוס
ג. לענין״.

דער ארבעטער-קלאס האט ניט געווארט. דעם 7-טן נאיאבר 1917 יאר האט ער אראָפּגעווארפן די בורזשואזע רעגירונג און גענומען די מאַכט אין די אייגענע הענט אונטער דער אָנפירונג פון כ׳ לענין. ס׳הויבט זיך אָן א נייע טקופע*) אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

בעראש פון אַל. ק. פּ. (אלפארבאנדישע קאמוניסטישע פארטיי) און דער ראַטנמאכט פירט אָן לענין מיט דער בויאונג פון דער מעלוכע. נאָר די סאָנים גיבן ניט נאָך. עס צעפלאַקערט זיך א בירגער-קריג. די אויסלענדישע בורזשואזיע מישט זיך אריין אין דער זאך פון די רוסלענדישע ארבעטער און פויערים און האַלט אונטער די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן מיט געלט, געווער און סאלדאטן.

V

די סאָנים פון דער רעוואָלוציע האבן באשלאָסן אומברענגען לענינען. וועגן דעם אָנפאַל אפן כ׳ לענין דערציילט לענינס שאָפער אזוי:

„מיר זיינען צוגעפאָרן צום זאוואָד. אין אוטא איז כוץ לענינען קיינער ניט געווען. דער הויף פון זאַוואָד איז געווען פוסט. איליאיטש איז אראָפּגעשפרונגען פון מאשין און אַוועק צו די ווארשטאטן.

אין א מינוט פופצן ארום גייט צו מיר צו א פרוי מיט אַ פּאָרטפעל.

— דאס איז דער כאווער לענין, דאכט זיך, געקומען?

— כ׳ווייס ניט.

זי האט אויסגעשאָסן א געלעכטער:

— ווי ווייסט איר עס ניט וועמען איר פירט?

— ווער איז מעכויעוו צו קענען די רעדנער, איך פיר זיי איבערגענוג.

מיר האבן געהאט א פעסטן כּלל: ניט פלאַפּלען קיין איבעריקס. כ׳האב געזעען, ווי די פרוי איז אריין אין זאוואד.

אן ערעך אין א שאָ ארום האט א פלייץ געטאָן פון זאוואד א כוואליע מענטשן. ס׳האָט זיך, ווייזט אויס, געענדיקט דער מיטינג. איך האָב אָנגעדרייט די מאשין. דערווייל איז פון טיר ארויס א צווייטע כוואליע ארבעטער, צווישן זיי—איליאיטש. איך האב זיך געזעצט צום רודער.

איליאיטש האט געשמועסט מיט די ארבעטער און פאַמעלעך געגאנגען צום אווטאמאביל. א דריי טריט פון מאשין האט ער זיך אפגעשטעלט מיט צוויי ארבעטעריגס און זיי געגעבן צי פארשטיין עפּעס א זאך. אז ער האט שוין געוואָלט צוגיין צום אווטאמאביל, האט זיך דערהערט א שאָס.

ס׳האט געשאָסן דיזעלביקע פרוי מיטן פּאָרטפעל, וואָס האט מיך געפרעגט, צי לענין איז געקומען. זי האט טייקעף אויסגעשאָסן נאך צוויי מאל נאכאנאנד. זי איז אריין צווישן האמויך און איז בעלעם געווארן. וולאדימיר איליאיטש איז געבליבן ליגן אף דער ערד. איך בין צוגעלאפן צו אים. ער איז געווען באם פולן באוואוסטזיין און געפרעגט:

— מע האט אים געכאפט?

איך זע, אז ער רעדט שווער און הייזעריק, האב איך געזאגט:

— רעדט ניט, ס׳איז אייך שווער.

*) צייט.

איך האָב אפּגעפירט אילאיטשן אהיים. דאָרט האָט מען אים אריינגעלייגט אין בעט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, און אין א מינוט ארום האָט ער אנגעהויבן שטיל קרעכצן.

אין צווייטן צימער האָט שוין עמיצער געאַרבעט באַם טעלעפאָן.

— אַלאָ! מאָסקווער סאָוועט? טייקעף דאָקטוירים!

ביז ס'זיינען געקומען די דאָקטוירים, איז אילאיטשן געוואָרן פיל ערגער. ער איז געווען אָן באַוואוסטזיין. דאָס פּנים — ווי לייוונט, ווייס. אין צימער איז אריין פּראָפעסאָר מינץ. מיט פלינקע לויפנדיקע פינגער האָט ער אנגעהויבן ארומטאַפּן וולאַדימיר אילאיטשן. אין צימער איז געוואָרן שטיל — קיין אָטעם ניט צו דערהערן. פון צייט צו צייט האָט מען נאָר געהערט פון מינצן:

— איין קויל אין האַנט... וואו זאָל זיך אהינטאָן די צווייטע?.. אהא, גאַנץ, גאַנץ! די גרויסע אָדערן זיינען ניט אָנגערירט!... די צווייטע, וואו זשע זאָל זי זיין!..

אילאיטש איז געווען שטיל. האָגאַם אלעמען איז קלאָר געווען, ווי שרעקלעך עס זיינען זיינעליידן.

מע האָט פאַרענדיקט איבערבינדן די וואונדן. פאַרן אוועקפאָרן האָט מינץ געזאָגט צו די ארומיקע:

— א כידעש, ווי דער מענטש האַלט זיך... אייזן. די געפערלעכסטע שאָען זיינען שוין אריבער. דאָס האַרץ איז בא אים א געזונטס. ער וועט בלייבן לעבן...“

און לענין איז לעבן געבליבן און געזונט געוואָרן. און ווידער זיך גענומען אָנפירן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און ווידער זיך גענומען אָנפירן מיטן קאַמף פונם ארבעטער-קלאַס קעגן דער בורזשואזיע פון אַלע לענדער, וואָס האָט געוואָלט אין בלוט דערטרינקען די ראַטנמאַכט.

אויסער דעם האָט זיך לענין גענומען פאַר איינע פון די שווערסטע אויפגאַבן — פאַראייניקן אונטער איין אָנפירונג אַלע קאָמוניסטישע גרופּן, וועלכע געפינען זיך אין פאַרשיידענע לענדער. אין מאַרט 1919 יאָר איז צונויפגערופן געוואָרן אין מאָסקווע א קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון די אַלע קאָמוניסטישע גרופּן, און ס'איז געשאַפן געוואָרן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל (דער קאָמינטערן).

זייער און זייער פיל האָט לענין געאַרבעט און אָנגעשטרענגט געאַרבעט. ער איז געבליבן אָן קויכעס. און דעם 21 יאַנוואַר 1924 יאָר איז וולאַדימיר אילאיטש אַף אייביק אוועק פון אונז.



א. פעפער

איליטש

מאָסקווע, קרעמל.
א ראַדיאָ צו אלע...
א שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויסע דערפער פאַלן
שווארצע ווערטער, גרויזאמע אף הוילע קעפּ.

באַם פרישן קייווער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אזוי ווייט, און טאָג אזוי שוואַרץ,
ס'איז דאָ אַזוי פיל פּראָסטער לעבנס וואונדער
אין אונזער שטאָלענעם און וויינענדיקן האַרץ.

מאָסקווע, קרעמל.
א ראַדיאָ פון אלע,
אַן אנדער ראַדיאָ, א צווייטע ראַדיאָ פליט:
איליטש איז דאָ מיט אלע און בא אלע—
אין אונזער הייסן בלוט, אין שטרענגע, קאלטע טריט.

ס׳איז דאָ א וואָרט, וואָס ווײַסט א וועג אונז ווײַזן,
און מענטשן פּראָסטע איז דאָך דאָ אָן א צאָל,
ס׳איז דאָ א לאנד פון פעלדער און פון אײַזן,
א לעניז-לאנד פון קאָרן און פון שטאָל.
מיר זײַנען אַלע דאָ, מיר זײַנען קאָמונאַרן.
און הייס איז אונזער בלוט, און פעסט איז אונזער לאנד;
אין דערפער און אין שטעט, אַף פעלדער, טראַקטוראַרן,
מיר זײַנען אומעטום—מיט לעניגס פאָן אין האנט!

דערקלערט אַלע אײַגנשאַפטס-ווערטער פון דער ליד.

י. אקונעוו

פ ע ו ר א ל

דאָנערשטיק, דעם 23-טן פעווראל, איז אין פּעטראָגראַד אומרואיק גע-וואָרן. עס האָבן זיך באַוויזן רויטע פאָנען מיט רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטן, ביז 50 אונטערנעמונגען מיט 90.000 ארבעטער האָבן געשטרייקט. די אָרדע-נונג האט נאָך געהיט די פּאָליציי. נאָר זי האט שוין ארויסגערופן צו הילף מיליטער-טײַלן.

פרײַטיק, 24-ער פעווראל. איבער די גאַסן זײַנען שוין געגאַנגען דע-מאָנסטראַנטן און געפאָדערט ברויט. אין שטאָט האָבן געווילדעוועט רײַטער-פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געריסן איבער טראַמוואַרן און צעטריבן דעם נײַגיריקן עולם. טראַמוואַיען זײַנען שוין ניט געגאַנגען.

איבערן גאַס זײַנען געגאַנגען א גרויסע ארבעטערינס. בלייכע פּנימער, רויטע געשוואָלענע אויגן, מידער טראָט. אומבאַוואָפנטע זײַנען זיי שווײַגנדיק געגאַנגען. פונדערווײַטנס האט זיך באַוויזן א מאכנע פּאָליציאַנטן. די דעמאָנ-סטראַנטקעס זײַנען צעטומלט געוואָרן, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איין אר-בעטערין האט אָבער באַלד אויסגעשריען:

— זיי וועלן אונז ניט טשעפּען,—מיר פאָדערן דאָך ברויט.

דאָס איז געווען איבערצײַגנדיק. מע קאָן דען שלאָגן, אז מע פאָדערט ברויט?

שווײַגנדיק, זײַנען די פרויען ווײַטער געגאַנגען.—די פּאָליציאַנטן האָבן אונטערגעטריבן זייערע פערד, זיך ארײַנגעריסן צווישן די הונגעריקע אומבאַ-וואָפנטע פרויען און אָנגעהויבן שלאָגן.

דאָס איז געווען פרײַטיק, דעם 24-טן פעווראל. ניט אין דעם און ניט אין די ווײַטערדיקע רעוואָלוציאָנערע טעג זײַנען אַף די גאַסן קיין קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע מיליטער-טײַלן ניט געווען. אין שטאָט זײַנען געווען פּאָלי-ציאַנטן, זשאנדארמען. מע האָט געשלאָגן, געשאָסן פון קוילנוואַרפער, פון ביקסן, פון רעוואָלווערן.

אף זנאמענער פלאץ האָט א פריסטאוו באפוילן מיט בלויזע שווערדן צו האַקן די אומבאוואָפנטע דעמאָנסטראַנטן.

— קאזאקן, שטעלט זיך איין, — האָט זיך עמיץ געווענדעט צו איין אָטריאד.

דאָ איז געשעען אומגלויבלעכעס:

די קאָזאקן האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו הילף דער מאַסע. אין א פּאָר מינוט האָבן זיי צעהאקט דעם פריסטאוו און צעטריבן די פּאָליציאַנטן. דעם פריסטאוו האט מען אוועקגעטראָגן א טויטן.

דער צוג אָף דער פינלענדישער ליניע האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט. די פּאַסאַזשירן זיינען ארויסגעשפרונגען אין דרויסן.

וואָס איז געשעען? און מע האט דערזעען:

צום צוג איז געגאַנגען א פּאַטרול: זעקס סאָלדאַטן, 2 ארבעטער. אלע מיט ביקסן, און אָף די שפּיזן רויטע פאָנען. און די אויגן בא די סאָלדאטן זייגען געווען אנדערע, אויפמערקזאַמע.

— בירגער, דער צוג וועט ניט גיין!

די סאָלדאטן זיינען אריינגעגאַנגען אין ערשטן קלאַס. דאָרטן זייגען גע-
וועסן: אַן אלטער גענעראַל און צוויי יונגע אָפיצערן. דער גענעראל האָט א מאַך געטאָן מיט די ווייסע ברעמען.—

— ע-ע, זעלנער... און פּאַרענדיקט ניט, דערזעענדיק רויטע סטענגעס און פאָנען.

— וואָס—איז—דא-א-א-ס?

— הער גענעראַל, גיט אָפּ אייער געווער,—האט געזאָגט דער סאָלדאט.

באַם גענעראל האָט א ציטער געטאָן די לינקע ברעם. ער איז בלייך געוואָרן. דערנאָך האט ער א צי געטאָן מיט די פּלייצעס און זיך אויפגע-
שטעלט. די אָפיצערן זיינען אויפגעשפּרונגען. די סאָלדאַטן האָבן מיט זייערע ביקסן פאַרשטעלט דעם וועג.

— האַלט! ס׳געווער.

— וואָס? ניט וואַגן! דיין שוועוע! וואו איז דיין שוועוע? אויסוואורף, א רויטע פאָן, א? אויסוואור-ר-רף.

דער גענעראל האָט זיך פאַרטאַפּעט.

— איר וואַרפט זיך ניט אונטער?

— איר זייט ארעסטירט,—האָט רואיק געמאָלדן דער סאָלדאט. דער גענע-
ראל האָט א גלעט געטאָן זיין ווייסן פּאָנים.

— לויט וועמעס באַפעל?

דער סאָלדאט האָט, גלעטנדיק זיין רויט בענדל אף דער ברוסט, גע-
שמייכלט.

— דאָס פאָלק.

— א-א, דאָס פאָלק,—האָט קוים שמייכלענדיק געזאָגט דער גענעראַל און זיך געווענדעט צו די אָפיצערן:—איר הערט, מיינע הערן, דאָס פא-א-לק. און מיטאמאָל אָפּטרעטנדיק, ניט טרעפנדיק מיט די הענט, וואו מע

דאָרף, האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע אַ שוואַרצן ברויטנינג און דער־לאַנגט דעם סאָלדאט:—נא.

און פּלוצלינג... וואָס איז דאָס? פון ערגעץ הערן זיך קופּערנע טרו־מייט-קלאַנגען, מוזיק, יאָ, יאָ, מיליטער-מוזיק. עס הערט זיך אַ הילכיקער, פעסטער סאָלדאַטן-טראָט.

נעכטן האָב איך געזען, אַז מע האָט אויסגעשטעלט סאָלדאַטן קעגן אונז. דער סיגנאַל-האָרן האָט געשפּילט. זיי האָבן געצילט, אָבער ניט גע־שאָסן. דער אָפיציר האָט עפּעס געשריען, נאָר ניט ערנסט, ניט שטרענג, אזוי, לעפּאָנים.

איך האָב דאָס נעכטן עטלעכע מאָל געזען און ניט געגלויבט, אַז זיי וועלן שיסן אין אונז. און אויב יאָ...

די מוזיק איז שוין נאָענט. אָט הערן מיר אלטבאַקענטע קאָמפּאָס-מאָ־טיוון,—די מאַרסעליעזע.

— שטיי.

עס גלויבט זיך ניט. עפּשער נאָר איך זיך אָפּ. אַן ארבעטער שפּרינגט אַרויס פון דער מאַסע, צענעמט די פאַרקרימטע פינגער, לויפט הינטערן ראָג און שרייט:

— ברידער, סאָלדאַטן, ברידער!—זיין שטימע איז הייזעריק.

— ברידער,—שרייען אַלע מיט דיזעלבע הייזעריקע געשמאַנטע שטימען.

— איינס-צוויי, איינס-צוויי,—קלאַפּן די סאָלדאַטן אָפּ דעם טאַקט.

פון הינטערן ראָג קריכט אַרויס דער קאָפּ פון אַ סאָלדאַטן-קאָלאָנע ארומגערינגלט מיט אַ האַמוין פון פאָרנט. ס'פלאַטערט די רויטע פאָן. מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך זע אַ כאַלעם, אָדער כ'בין פון זינען אַראָפּ. ניין, ניט קיין כאָלעם. ס'איז וואָר. איך זע מיט מיינע אויגן און גלויב נאָך ניט—איך וואַרף זיך דעם ערשטן סאָלדאַט אַפן האַלז, קוש די שטעכעדיקע באַק, ליפּן, דעם גאַנצן פּאָנים. פון מיינע אויגן רינען טרערן.

— ברודער, ברודער...

דער סאָלדאַט רוקט מיך אָפּ אָן אַ זייט און שמייכלט.

— נו, אַ מאָדנער מענטש, וואָס כידעשטו זיך אַזוי!

ער ווערט באַלד ערנסט. קלאַפּט אויס דעם טאַקט פון דער מאַר־סעליעזע:

— איינס-צוויי, איינס-צוויי...

א. גנעווראוו

אין דאָרף.

אַלעקסיי פּערעקאַטאָוו איז אַן אנגענומענער מענטש. געווען אמאָל אַ מענטש באַ יענעם, געהאָרעוועט און פאַרשוואַרצט געוואָרן. נאָר דאָס רעדל

האט זיך איבערגעדרייט, ער האט באַקומען די עטלעכע קלינגערס און האט אָנגעהויבן צו ביסלעכווייז זיך אַרויפאַרבעטן, אָפּגעקויפט די נאַכלעס בא עטלעכע פויערים, וואס האבן ליב געהאט דעם ביטערן טראָפּן, און האט זיך אויסגעבויט א הייזל, מיט בלעך געדעקט.

דעם זון האט ער געשיקט לערנען פאַר אַ אינזשענער. געוואָלט מאַכן פון אים א לייט. אליין איז ער געגאנגען אָנגעטאן אין א שטאָטישן פידזשאק און געטראָגן א העמדל מיט א ברייטן גאַרטל אָפּן אויסגעפּאַשעטן בייכל. אין דאָרף האט מען אים געהאַלטן פאַר זייער אַ קלוגן, א „קאָפּ-מענטש". אלע פויערים אין דאָרף זיינען בא אים געגאַנגען אין שפּאַן, ווי א פּאָר גוט איינגעצוימטע פערדלעך. ווען די פויערים פלעגט ער זאָגן מיט ביטל *):

— א פויער איז אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ. ער ווייסט ניט, ווי מע דאַרף לעבן אף דער וועלט.

ער האט, הייסט עס, יא געוואוסט, ווי מע דאַרף לעבן אף דער וועלט. נאָר מיטאמאָל איז אָנגעקומען די אקטיאבר-רעוואָלוציע און האט ארויסגעריסן פון זיינע הענט די לייצעס און געמאַכט אים אויס קאפּעלוש-מאַכער. דער אוילאָם האט אָנגעהויבן ווערן צעלאָזט. די ערשטע צייט גאָך דער פּעוואָראָל־איבערקערעניש האט ער גאָך ווי ניט איז דעם אוילאָם געהאַלטן אין די הענט: ס'זיינען געוואָרן פאַרשיידענע קאָמיטעטן, ס'האָבן זיך געפאָדערט „כאָשעווע", „ערלעכע" מענטשן, ווי מע האָט געשריבן אין די פּאַפּירן פון דער שטאָט. אלעקסיי פערעקאטאוו, וואס האָט געהאט א געשליפן צינגל, איז באַלד געוואָרן א פאָרזיצער פון וואָלאסט-קאָמיטעט פון דער „פאָלקס-מאַכט".

דעם קרעמער סטראטאן האָט ער דורכגעשלעפּט אין ערד-אָפּטיילונג. דעם פלימעניק זיינעם—אין נערונגס-אָפּטיילונג, און אין אויעזדישן קאָמיטעט האט ער דורכגעפירט עפּעס איינעם א טיפּעש קאנדראשין, וואס פלעגט מאָמיד עפּעס באלאבעטשן וועגן „שאָלעם-באַיס" **). ער אַליין איז אַרומגעפאָרן איבערן וואָלאָסט און אויך געדראָשנט פאַר די פויערים, אַז מע דאַרף לעבן אין שאָלעם, ווי גאָט האָט געבאָטן, קיינעם, כאָלילע, ניט טשעפּען, בא קיינעם גאָרניט צונעמען:

— נאָר ניט געכאַפּט זיך. אלץ וועט דאָך זיין אייערס, אבי נאָר דער געזעץ וועט באשטימען, אז ס'איז אייערס.

ווען זיינע דראָשעס פלעגן שוין זיין צו שוואַך אף צו פאַרהאלטן דעם ברויזנדיקן שטראָם, וואס ברעכט אלע צוימען, פלעגט ער רופן צו הילף דעם „דיאק", וואס איז געווען א סעקרעטאַר אין נערונגס-אָפּטיילונג.

דער דיאק פלעגט טאָמיד האַלטן לאַנגע דראָשעס, וואס זיינען געווען איבערפולט מיט פסוקים און מיט גלייכווערטלעך:

— הערט איר, מיינע ליבע באַלעבאטים, איידער מע טוט עפּעס, דאַרף מען זיבן מאָל אָפּוועגן און אָפּמעסטן, וואָרום ס'איז א טיפער איניען, פאַרשטייט איר מיך. אָט בין איך, קעדוימע לעמאָשל, א מענטש, וואס האט א יעדיע אין די דריבניטשקע אויסיעלעך. פונדעסטוועגן, מעגט איר מיר גלויבן

*) פאַראַכטונג. **) שאלעם-באיס—פרידן.

אף נעמאָנעס, אז איך פאַרשטיי ניט די היינטיקע פּאָליטיקע. איך מיין, אז ס'איז גלייכער, איר זאָלט אביסעלע צוואוואַרטן, מירן זעען, מאכמעס עס ווערט פון אייך ניט אַנטלויפן, ווייל דער בורזשואַזער קאַפּיטאַל איז שוין געוואָרן סאַי ווי אויס.

מאַריאַ קאָנדראַטיעוונא פלעגט אלע זונטיק שלעפּן די באַלעבאַטים אין שול אַריין. פון די ביכעלעך, וואָס זי פלעגט לייענען, פלעגט דער קאָפּ הארט ווערן, נאָר ס'פלעגט זיך עפּעס ניט צוקלעפּן. עפּעס אזוינע מאָדנע ווערטער: סאָציאַליזאַציע, קאַפּיטאַליזם, גרינדונגס-פּאַרזאַמלונג.

— אַן עמעסע קאַטאָרגע! אויב דאָס אַלץ נעמען אין קאָפּ אַריין, ווען דיר אפילע די „פרייהייט" ניט ווערן ניכע, ווי דו זעסט מיך לעבן. וואָרום וואָסער א קאָפּ איז באַ אונז, מישטיינס געזאָגט, עלעהיי א רעשעטע: פון דער זייט אַריין, פון דער אנדערער—אַרויס.

באַזונדערס איז שווער געווען זיך אָפּשטעלן אף די פּאַרטייען: ווענדעסט זיך צו איינער, מורמלט מען אף דער צווייטער. די איז גוט, יענע איז נאָך בעסער.

סערגונקע פּאַטרין, וואָס האָט געדינט אין דער אַרמיי, האָט אַהיים געשיקט א בריוו פונם פראָנט. ער זאָגט אַן זיינע שכיינים, אַז, לעמאַנאַשעם, זיי זאָלן ניט נאָכגיין נאָך די עסערן, וואָרום זיי האַלטן איין האָנט מיט די פּריצים און ווילן נאָך מילכאָמע האַלטן א יאָר פיר. ער—סערגונקע, הייסט עס—און זיין גאַנצע ראָטע שטייען פאַר די באָלשעוויקעס. נאָר וואָס באָלשעוויקעס, ווער באָלשעוויקעס—דאָס ווייסט קיינער ניט...

— ס'איז א טיפער איניען. מע דאַרף זיך באַטראַכטן.

— צו וואָסערע רוכעס טראַכטן, אז דער קאָפּ איז שוין אזוי אויך געבוג פּאַרדרייט! אויב זיי גיבן אומזיסט די ערד, הייסט עס, אז זיי זיינען אונזעריקע, דאַרפן מיר ניט אָפּשטיין פון אונזערע סאָלדאַטיקלעך.

נאָר צי די גייע פּאַרטיע גיט ערד און וויפל גיט זי, דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. מע דאַרף זיך דורכגיין צו מאַריאַ קאָנדראַטיעוונא, אדער צום גאַלעך, צי צום דיאַקאָן. ווער, ווער—נאָר זיי ווייסן אף געוויס, וואָרום זיי לייענען דאָך עפּעס גאַזעטן.

נאָר גיין האָט מען ניט באַדאַרפט. ס'האָט זיך אומגעקערט פּעדיאַקין פונם פראָנט און האָט אין ערשטן אָפּדערנאָכט פּאַרענטפערט אלע קאַשעס: פּעדיאַקין איז געווען א באָלשעוויק און געזייט אומעטום די זוימען פון דער רעוואָלוציע.

נאָר אַלעקסיי פּערעקאַטאָוו מיטן גאַלעך מיט זייער קנופּיע *) האָבן אויך ניט געשוויגן. זיי האָבן פּאַרשפּרייט זייערע קלאָנגען: די באָלשעוויקעס וועלן אַראָפּנעמען די גלעקער פון די קלויסטערס; די באָלשעוויקעס וועלן צונעמען באַ די פּויערים די ווייבער און זיי אליין וועט מען אוועקטרייבן אף די פאַבריקן און מאַכן פּאַר „פּראָלעטאַריער".

אין האַרבסט האָבן זיך אומגעקערט די סאָלדאַטן. מע האָט מעשאַלייעך**) געווען אַלעקסייען פונם וואָלאָסט-קאָמיטעט. פונם דיאַקאָן, וואָס איז געווען

*) קאָמפּאַניע. **) אַרויסגעטריבן.

א מאַכער אין נערונגס־קאָמיטעט. האט מען געפּאָדערט א כעשבן. ער האָט פאַרשיט דעם אוילאָם מיט ציפערן, כעשבוינעס, פּאַפּירלעך. נאָר דאָך האט ער געמוזט ארויפרעכענען אף זיך 800 רובל און האָט זיך צעוויינט. אין נייעם וואָלאסט-קאָמיטעט, וואָס האט איצט שוין געהייסן: ראָט פון ארבעטער, פויע-רים און באַטראַקן-דעפּוטאַטן, זיינען אריין סאַמע אָרימע פויערים, די, וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג געציטערט פאַר אלעקסיי פערעקאטאוו, און האבן זיך אָנגעהויבן צו פירן אף זייער שטייגער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א ניי לעבן.

1) שרייב אָן א כאראקטעריסטיק פון אלע פּערזאָנען פון דער דערציילונג.
2) מיט וואָס זייגען אינטערעסאַנט די ווערטער: פאַרשווארצט געוואָרן, מצשאַלייעך געווען, דריבנימשקע.

ד. וואָלקנשטיין

ב ע נ ד י ק

כאלעמייע איז א קליין שטעטלע, נאָר א רירעוודיקס, א שרייענדיקס.
און מער פון אַלע—דער שניידער בענדיק.
א רוסיאַווער, א שפּיציכיקער, א לויפנדיקער איז געווען דער שניידער בענדיק.

ער האט געאַרבעט באַ נאָכעם כאלעמייער, באַם גרעסטן היגן פּאָדריאַ-טשיק, וואס האט צוגעשטעלט כאַקי־פלודערן און וואַטאָווע קאַמזוילן דער אינטענדאנטסטווע אין די טויזנטער.

געווען איז מילכאָמע-צייט, די ארבעט אף דער אַרמיי האָט באַפרייט פון גיין אַפן פראָנט.

נאָר אפילע דעמאָלט פלעגט בענדיק שרייען, אַז ער הערט זיין באַלע-באָס, נאָכעם כאלעמייער, פאַר א דריייער.

— טוט מיך נאָר א בעט, — פלעגט ער זאָגן, — און מיט איין וואָרט קער איך איבער גאנץ כאלעמייע מיטן פּאָדריאטשיק אראָפּ און מיט די פלו-דערן ארויף.

כאלעמייער באלעבאטים, וואס האבן נאָך געדענקט דעם שניידער בענ-דיק פונם 5-טן יאָר מיט זיינע שטרייקן און טקיפעס,*) פלעגן פון דידאָזיקע רייד ווערן פאַרציטערט.

— אַי, פאלגע**) איינער וואָס דו ביסט!

איז אָבער פלוצלינג אַראָפּגעפאלן אין כאלעמייע די רעוואָלוציע.
מיט פאָנען איבערן שטאָט גייט דער שניידער בענדיק.
רעדעס האלט דער שניידער בענדיק.

*) טקיפעס—האלט זיך פעסט.
**) פאלגע—א צונעמעניש פון א שניידער.

די היגע פויערים האָבן זיך גענומען צום אלטן כאלעמייער גראַף,—איז באַלד בענדיק געווען אין מיטן:

— נאַ דיר א גראַף... וואָס דאַרפן מיר, פויערימלעך, אין כאלעמייע א גראַף?

און דער אַלטער גראַף אנטלויפט אין דערזעלבער נאָכט פון כאלעמייע אַף א קליין טאַטשאַנקעלע, און הינטער זיינע פלייצעס טוט באַלד אַ זעץ צום הימל א רויך.

עס ברענט דעם אַלטן גראַפס הויף.

אין כאלעמייע הויך איבער די אויסגעקרימטע דעכער הענגט א רויטע פאָן.

אז נאָכעם כאלעמייער כאפט זיך אויף גאַנץ פרי אין זיין צווייגאָרנדיק מויערל מיט זיידענע פאָרהענגלעך אף די גלאַנציקע פענסטער און דערזעט די רויטע פאָן אין דער הויך אַף א שטעקן איבער שטאָטישע דעכער, פאַרשטייט ער באַלד, אז דאָס מוז זיין בענדיקס ארבעט.

באַטאָג האָט אים בענדיק דערזעען אין מאַרק. האָט ער אים באַלד אָפּגעשטעלט.

— וואָס מיינט איר, איר זייט שוין איבערגעקומען?... מאָרגן וועט איר שוין נעמען נייע פאַדריאַדן אַף וואַטאָווע פלודערן?

— איך מיין גאָרניט, בענדיק. וואָס האָסטו צו מיר?

— סאקע גאָרניט! איך וויל נאָר, איר זאָלט ניט מיינען.

— וואַרט, מיר וועלן זיך דערקאַבערן צו פּאָדריאַטשיקעס אויך.

באַ די ערשטע וואַלן אין כאעלמייער שטאָט-ראט האָט בענדיק דערזען, אז צו די וואַלן האָט פלוצים דערפילט א טאָם נאָכעם פונם צווייגאָרנדיקן מויערל, וואס שטייט מיט די זיידענע פאָרהענגלעך אינגאַנצן ניט גערירט.

נאָכעם שטעלט צונויף איינייגעם מיט אלע שטאָט-באַלעבאַטים א באַזונדער צעטל. האט עס פּאָשעט בענדיקן פאַרקלעמט באַם האַרצן.

בענדיק האט זיך געשטעלט ריידן פונם גאניק באַם וואַלאָסט.

ער האט געוואוסט איין זאַך — די רעוואָלוציע דאַרף אַף די וואַלן איינעמען.

צום סאָף פון זיין רעדע האט ער אזוי געזאָגט:

— וואַלן זיינען וואַלן. אָבער טאָמער וועט זיך עמיצער דערוועגן באַקעמפן אונזער צעטל, וועט דער ארבעטער טאָן אזא בריק, אז עמיצנס צווייגאָרנדיק מויערל וועט פאַרלירן די פאָרהענגלעך באַם אַנטלויפן.

— אָט דאס איז מיין וואָרט. רעוואָלוציע איז ניט קיין שפּילעכל.

בעשאס איינ̇יקע האבן געגומען אפּלאָדירן, האט א פּלי געטאָן א שטיין ווי א פויסט די גרויס, און געטראָפן בענדיק דעם שניידער אין קאָפּ.

פרומע די זאָקנמאַכערין איז פאַרנאכט געלאָפן אין אפּטייק נאָך א גע־מענעם פּענכער.

ווייבער זיינען איר נאָכגעלאָפן און געוואָלט וויסן, וואס הערט זיך מיט בענדיקן, וואס מאַכט ער. זי האט געהאַלטן אין איין וויינען.

— אָט אזוי דאַנקט מען עס אָפּ אין כאלעמייע דעם ערלעכן מאַן.

— אז אויסגעקאָרעניעט *) מעג ווערן אזא שטאָט, אויב זי קאָן אַזוי באַ־טרעטן דעם שענסטן מענטשן, דעם געטרייסטן רעוואָלוציאָנער.

נאָכעם פּאָדריאטשיק האט זיך אויסגעבאהאלטן עטלעכע כאדאָשים נאָכאנאנד.

איצט קערט ער זיך אום צוריק אין כאַלעמייע — ס'איז געקומען דער דייטש.

דאָס ערשטע, אז נאָכעם קומט אַהיים, נעמט ער זיך צו בענדיק דעם שניידער. ער גיט אים ניט אָרויס דעם דייטש. ער שטעלט אים נאָר אַלעמאָל אָפּ אין גאַס און זאָגט צו אים אַזוי:

— הערסטו, בענדיק, איך בין זיך מעשאַער, אַז ס'איז דיר ניט גוט.

— איך לאַך פון אייער טאַטן.

— ניין, אין דער עמעסן... ערשט געהאַלטן, קאָן מען זאָגן, די גאַנצע שטאָט אין דער האַנט...

— צו פיל דאַיגעט איר זיך, נאָכעם: אַן אוויירע דער פּופּיק.

כאלעמייער אידן לייגן צו אַן אויער צום שמועס:

— מיר האָבן אים געזאָגט—בעהאַדראָגע... **) גיי בעהאדראָגע, כאוועך בענדיק. אצינד פייפט ער אין קולאַק.

בענדיק גיט זיך א דריי אָרויס פון רעדל.

— וואַרט, איר ט'נאָך זעען כידושים, זי ט'נאָך פליען פון אלע טרעפּ, די דייטשישע קאַסקע.

ווי באַוואוסט, איז עס מעקוייעם געוואָרן גאָר אינגיכן.

נאָר בענדיק איז שוין דעמאָלט אין כאלעמייע ניט געווען.

איינמאָל האָבן די דייטשן אים אויסגעשפּירט אין נאָענטן דאָרף אף א מיטינג אין שייער און דערשאָסן אַפן אָרט.

נאָכעם כאלעמייער האט אים סאָפּקאָלסאָף אָפּגעדאנקט...

---

1) שטעלט צונויף א פּלאַן פון דער דערציילונג.

2) גיט אַ כאראַקטעריסטיק פון בענדיקן און פון נאכעמען.

3) באַמערקט, ווי רעדט בענדיק, מיט וואָס געפעלט עס אייך.

---

*) אויסגעראָטן.

**) בעהאדראָגע—ניט מיטאמאָל, צוביסלעך.

ע. פײַנבערג

באַם דניעפּר

I

געקומען מיט שווערדן מיט בלויזע טשעטשענצעס אַ מייע
צום שטיבל, וואָס נעבן דעם דניעפּר, צום פישער פון דניעפּר אַלעק־
סייעוו.

סע האָבן טשעטשענצעס געשלאָגן, אַזש טאָפּליעלעך*) האָבן געקלונגען:
— „אַלטער, וואו זיינען די יונגען? באַ רויטע געווען דיינע יונגען!
בעגאַן דיינע באָנים מיט פאָנען אַף גאַסן פון קיעוו!
גיב זיי אונז, אַלטער, די באָנים, אַף שפּיז און אַף טליען!..״
געוויינט האָט דער אַלטער: —„צו מיר, אַלעקסייעוו, דעם פישער,
צום הילצערנעם שטיבל באַם דניעפּר, באַ וואסערן פרישע,
וואָס זייט איר, טשעטשענצעס, געקומען? וואָס ווילט איר, נאַראָנים?
האָב איך דען, אַלטער, צו שאפן אַף יונגען, אַף באָנים?
קאָן איך דען וויסן, וואו בלאָנקען זיי ערגעץ, די רוכעס?
ס'איז דאָך ווי ווינט אין אַ פעלד: גיי, פּאַק עס, גיי, זוך עס!..״
אין זייטיקער קאמער, אין הויפל אין שטילן, אין ארבעטער־געסל —
באַ אויפרופן, פּולווער און באָמבעס דאָרט זיינען די באָנים געזעסן.
קריכט אַן טשעטשענעץ, פאַרלאָזערט**) און פליט ווי אַ וואָלף אַן.
סע האָבן די באָנים געשאָסן, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן.
זיי זיינען געבליבן פאַרכאַלעשט, אין בלוט און אין וואונדן
און מ'האָט אַלע דריי זיי געכאַפּט און פאַרקניפּט און פאַרבונדן...
געזען האָט ווינטער־פרימאָרגן, געזען דער באַרג האָט,
ווי מ'האָט אַלעקסייעווס דריי באָנים, דריי רויטע געהאַרגעט.
אין בלאָטע, צופוסנס דעם בארג ביזן טאָג ביזן מיטן
זיינען די באָנים געלעגן צעבראָקט און צעשניטן.

II

דער דניעפּר איז נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... אַף יענער זייט בריקן
שט־יען אין מעכטיקע מאכנעס די זין פונם פאָלק—באָלשעוויקעס.
— „וואָס דאַרפסטו?״ — „דו, פריינט רויטאַרמייער, דו פיר מיך,
דו פיר מיך צום עלטסטן, אַרייננברענג צו דיין קאָמאנדיר מיך,
זאָג אים: פון קיעוו דער שטאָט איז אַ פישער אנטרונען
און זעען אים וויל ער און שמועסן דאַרף ער פון וויכטיקן איניען״.
דער דניעפּר איז נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... מע וואַרט, קאָמאנדירן,
ס'זאָל אָנקומען פראָסט און זאָל נעמען דאָס וואַסער פאַרפרירן.

*) ש־בעלעך. **) קוקט ארויס פון באַהעלטעניש.

דאַן וועט מען דעם באַרגיקן קיעוו מיט באָמבעס צעבויטען.
דאַן וועט מען צעשפּרייטן אָף קיעוו די פּאָגען די דויטע.
נאָר דניעפּר ווערט נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... ס׳פאַרציט זיך און
ס׳דויערט...

קוקט קאָמאַנדיר אָפּן פּישער: — „וואָס ווילסטו דאָ, פּויער?"
— „איך בין אַ פּישער פון קיעוו. זיי האָבן, טייוולאָנים,
זיי האָבן אין קיעוו געהאַרגעט, געשענדט מיינע באָנים.
איז וויסן זיי איצט, קאָמאַנדיר, סע זאָגט דיר דער פּישער:
פאַראַן איז, פאַראַן אָפּן טייך איז אַן אָרט אַ געוויסער,
וואו לייכט שוין באַדעקט איז דאָס וואַסער מיט הייטל פון קרירע,
איך, פּישער, איך נעם זיך קיין קיעוו אייך איבערצופירן"...
קוקט קאָמאַנדיר אָפּן פּישער. דער בליק זיינער בויערט:
— „דו זאָג אויס דעם עמעס דעם ריינעם, דו נאַרסט אונז ניט, פּויער?"
— „באַ בלוט פון די יונגען, געקוילעטע יונגען, דאָ שווער איך.
גלויבסטו נאָך אַלץ ניט? דו דאַרפסט, קאָמאַנדיר, דען נאָך מערער?"
האָבן געלאָזן דעם פּישער דעם אַלטן די „גרויסע"
ביז אָפּן טייך וועט אַראָפּפאַלן נאַכטישער כוישעך.
אַז אין דער הויך אָפּן טייך וועט זיך אויסלעשן שקיע*),
וועט ער, דער פּישער, דער אַלטער, זיי פירן קיין קיעוו!...

III

האָט אָפּגעברענט שקיע אין ווייטן, איז פינסטער געוואָרן.
שטעלט זיך אַ מאַכנע אין רייען. סע שטייט אַלעקסייעוו פון פאָרנט.
גייט מען. מע קומט אָן צום אָרט. דאָס אָרט איז דאָ קוים-קוים פאַר-
פרוירן.
— „פריינט רויטאַרמייער, אָט דאָ און מיר וועלן אריבער, אָן מוירע!..."
ציטערן לייבער באַם טייך: — אַ שפּאַן און דערטרונקען דאָ ווערסטו!...
לאָזט זיך דער פּישער דער אַלטער אָף אייז, קוים פאַרשטייפטן, דער
ערשטער.

גייט מען. אַ מענטש נאָך אַ מענטש. מע צעציט זיך אין קייטן.
סע פּלאַטערט דאָס אייז, נאָר מע גייט, נאָר מע גייט צו דעם ברעג צו
דעם צווייטן.

סע ברעקלט דאָס אייז זיך. אַ רעגע און—ס׳וועט זיך צערייסן.
נאָר מ׳רוקט זיך און מ׳רוקט זיך צו קיעוו דער שטאָט, אָף די ווייסע!
מיט ביקס אין דער האַנט און מיט האַרטן, פאַרגליווערטן צאָרן,
דער פּישער דער אַלטער פון דניעפּר—אַלעקסייעוו—פון פאָרנט.
ס׳צעפּאַלט זיך דאָס אייז, נאָר מע גייט, מ׳האָט דעם אָטעם פאַר-
טאַיעט:

*) זון-אונטערגאַנג.

אין פינסטער, אַקעגן, אַף בערג דאָרטן דרימלט די כאַיע.
אַ שאָרך ס'זי דערהערן—מיט הילכיקע באָמבעס פאַרשפּייט זי, —
ציט זיך אַ מאכנע אין פינסטער... דער ברעג איז ניט ווייט שוין!
ס'צעשיט זיך דאָס אייז אונטער פיס. מ'הערט די וואַסערן רינען.
אַף פינסטערע בערג אַרום קיעוו ווערט גרוי אַף באַגינען.
סע כליופּעט דאָס וואסער... צום ברעג נאָך אַ ווײַלע. אַ ווײַלע...
דער ברעג... און אַף שאמרים ארויף!... און פאַרשטאָפּט זיי די
מײַלער!...
פון פינסטערע בערג, וועלכע האָבן דעם אומגליק פאַרשלאָפן,
אַרויס איז אַ קוויטשיקע באָמבע, אין אייז, וואָס פאַרבײַ מ'איז, גע-
טראָפן.
אַף אייז, וואָס פאַרבײַ מ'איז, צעגיסט זיך, צעשטראָמט זיך דאָס
וואַסער.
נאָר ס'פליט שוין אַף פינסטערע בערג אָן אין פרי-שײַן אין בלאַסער,
סע פליט שוין אַף פינסטערע בערג מיט ניצאָכן-געשרייען
אַ מאכנע מיט פאָנען, אַ וואָלקן מיט יונגען, אַ פאָלק רויטארמייער.
סע שטורמען שוין ברודערשע פאָלקן די אייזערנע בריקן:
— „הורא" און „הורא" און „פאַרנעם זיך, דעניקין!.."
אין גרויסער בעהאָלע, אין ווייסטער מאפּאָלע, אין פאָלקן צעזייטע
די גאָלד-עפּאָלעטן פון בערג ארום קיעוו שוין מאכן די פלייטע...

IV

ווייען די פאָנען די רויטע אַף קיעווער קרעשטשאטיק,
רוען אַף שטיינער פון גאַסן די זיגער די מאטע.
אין מיטן די גאַסן קאנאָנען פאַרבלוטיקטע שטייען.
אין ראָד רויטארמייער אַף שטיינער פון גאַס—אַלעקסייעוו.
דעם קאָפּ צוגעטוליעט צו אייזערנער וואַנט פון קאנאָנע:
— ניטאָ שוין קיין הילצערן שטיבל, ניטאָ שוין קיין באָנים.
נאָר אַף שטרעקעס אַף גרויסע צום קרעמל זיך טראָגט אַ יעדיע:
קרעמל, זיי וויסן, גענומען איז קיעוו!!

ש. ראָסין

בערל בעקער

(כאָר-דעקלאמאציע)

I

א יי ב ע ר (דערציילט).

בערל בעקער איז אַ פּראָסטער אינגל,
זײַנע אויגן זײַנען מעליק-גרוי.

צו דרייצן יאָר—גאָר אַ קינד נאָך
האָט ער געקנאָטן שוין קאַסטנס ברויט.

איינער.

בערל בעקר ווייס, וואָס נויט איז,
און עפּעס נאָך ווייס בערל גוט;

איינער.

דערפאַר האָט ער אַזוי דערפרייט זיך
מיט רויטן שטערנדל אױף גרינעם הוט.

איינער.

אויסגעוועזן אױף אלע פראָנטן
אין לענדער פרעמדע, אין אייגן לאַנד;

איינער.

דערפאַר איז טייער די רויטע פאָן אים
און ביקס געלאָדענע אין האַנט...

איינער.

דערפאַר איז טייער אים אזוי און נאָענט
זיין פאנצער שטאָלענער מיט בלינדן נאָז,
און מער פאַר אַלעמען—זיין בלאָנדער כאווער
אנטאָן מאטראָס.

II

איינער.

האָט זיך אַ מיטן-טאָג אַזאַ אַ שטאָטישער פּאַרטאַיעט
איינגעהערט אין זיך צו שלאָפנדיקע שרעקן —

איינער (שרייט אויס. ס'דערהערט זיך אַ רוף פון אַ טרויב).

פלוצלינג האָט אַ שאָט געטאָן מיט כאיל

[שט.

און האָט דעם טאָג אױף טויזנט שטיק צעבראָקלט...

אלע.

אויפגעפלאצטע שווייגנדיקע גרילן
האָבן הימל אנגעצויגענעם אױף שטאָט צעלעכערט.

איינער.

ס'האָבן נאָך אױף גאַסן זיך געצויגן רויטע טיילן,

א ל ע (ביסלעכווייז פֿאַרהאַלטנדיק דעם טעמפּ צום סאָף).

ס'האָט וואַקזאַל געפּלאַקערט נאָך מיט רויטס אַף דעכער...

III

א ל ע. פֿעסט, ענערגיש, אונטער אַקאָמפּאַנעמענט פֿון „מאַרסעליעזע״. ראַיאַל אָדער אַ טייל פֿון כאָר זינגט מיט פֿאַרמאַכטע מײַלער די מעלאָדיע.

זאָלן אַקסלען זיך ענגער פֿאַרשליסן,
און ביקס זאָל געצילט זײַן און גרייט:
ס'האָט דער סוינע אין שטאָט זיך באַוויזן
און דראָט אונזער כאַיל מיט טויט.

א י י נ ע ר (הויך).

איז אין ראַטהויז געווען אַ באַראַטונג,

א ײ נ ע ר (יעדעס וואָרט באַזונדער).

האָט בערל גענומען אַ וואָרט.

א ײ נ ע ר (האַרט).

„בראָנעוויק זאָל דעם סוינע פֿאַרהאַלטן,
און, כאַווײרים, אַט דאָס לייג איך פֿאָר״...

א ל ע. די II שטימען ציען: ש-ש-ש שטיל.

און שטיל איז געוואָרן די זיצונג,
און אַלע ווי איינער פֿאַרשטייט:

III שטים כאַזערט איבער אין דער צייט אויפגערעגט: בראָנעוויק!.. בראָנעוויק!.. בראָנעוויק!..
I שטים. (פּלוצים שטאַרק).

בראָנעוויק וועט אַליין דאָך ניט שיסן,
בראָנעוויק וועט אַליין דאָך ניט גיין...

(אַ גרויסע פּויזע. נאָך איר דאָס וואָרט: „בראָנעוויק״ לויפֿט אַריבער פֿון די III צו די II, דערנאָך צו די I שטימען).

א ײ נ ע ר.

אַנטאָן האָט פֿאַרקוקט אַף די הענט זיך,

א ײ נ ע ר (אויסגעשריי).

און פּלוצלינג ער שרייט אויס פֿון אָרט:

א י י נ ע ר.

„היי, בעריק, נעם, צי אָן די ליענטעס
און איך מאַך שוין גרייט דעם מאָטאָר״...

IV

באם אויספירן דעם גאַנצן IV טייל קאפירן די לעצטע רייען די קלאנגען פון אַ בראַנעוויק מע הודיעט, מע קלאפט אָפּ דעם טאקט מיט די פיס א, א, ווו.

לאַנגזאם, לאנגזאם יעדער טראף באזונדער I שטימען מאכן: רו-טו-טו, רו-טו-טו...

III ש ט.

אַ בראַנעוויק, אַ בראַנעוויק צערעוועט זיך אַף פ ל ע צ ע ר,

III און II (פאנאנדערציען יעדעס וואָרט).

אַ בלינדער העלפאַנט רעדערט שווערן לאסט,

שווער, לאנגזאם. מע טיילט אויס אלגעמיינע ש... ש...

און שלעפּט די שווערע פיס ווי קלעצער,
און אַקערט מיטן נאָז די גאַס.

א ל ע.

און טרייסלט אויף די לופט,

א ל ע (אַלץ גיכער און גיכער און שטאַרקער).

די גאַס, די גאַנצע שטאָט שוין

אין איין צייט. אויפגערעגט. עס דאַרף זיך באקומען אַ מישמאש פון שטימען.

III ש ט. **און טרייסלט אויף די לופט**

II ש ט. **די גאַנצע שטאָט...**

I ש ט. **און טרייסלט אויף די לופט, די גאַס, די גאַנצע שטאָט שוין,**

א ל ע (אַף די העכסטע נאָטן).

און וויגט זיך שוין דער הימל און די ערד.

א י י נ ע ר (פלוצים שרייט אויס).

דאָס האָט זיך בערל בעקער מיט אנטאן מאטראסן
געשטעלט מיט בראַנעוויק דעם סוינע אַפן וועג.

(קלאנגען ש... ש... ש...).

I ש ט. **אין מיטן זיך פאַרשניטן, אַף ציילעם פון די ו ו ע ג ן,**

II ש ט. **מיט לייב פון בראַנעוויק דאָס מויל פון גאַס פאַרשטאָפּט.**

III ש ט. (שטאָלץ). **זיי וועלן זיך ניט רירן, זיי וועלן ניט אוועקגיין.**

א ל ע (פאַרהאַלטנדיק ביסלעכווייז דעם טעמפּ).

זיי זיינען גרייט באצאָלן פאַר דעם מיט זייער קאָפּ...

א. פעפער

האַנט צו האַנט

האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע,
פוס צו פוס און שינעל צו שינעל,—
אונזער ערד איז אַ פרישע און ווייצענע,
אונזער הימל איז רויכיק און העל.

באַהאַלטן די קעפּ אין די אַקסלען,
באַ אַלעמען דרעמלען די פיס.
אַף פעלדער מיט מענטשן באַוואַקסענע
ליג איך און שיס.

מ'וועט ברענגען ברויט, וועט מען עסן,
ניט ברענגען—עסן מיר ניט.
מיר האָבן שוין שלאָפן פאַרגעסן,
מיר האָבן פאַרגעסן זיין מיד.

אונזער ערד איז אַ פרישע און ווייצענע,
אונזער הימל איז רויכיק און העל, —
האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע,
פוס צו פוס און שינעל צו שינעל.

דער יונגער מאַשיניסט

I

קומט זומער, לאָזן זיך כעוורע אַף אַן עקסקורסיע בלומען קלייבן, זשו-קעלעך כאַפּן. יאַשקע אָבער לויפט צום טאַטן אַפן לאָקאָמאָטיוו.

אַפן לאָקאָמאָטיוו בלישטשען קופּערנע קראַנען, שרויפן, הויבערס. יאַשקע זעצט זיך צו אַפן בענקל און קוקט זיך צו, ווי דער טאַטע מיטן געהילף איי-סעקן*) זיך באַ דער מאַשין.

אַף די סטאַנציעס האָט יאַשקע ליב זיך צום פענסטער פון דער בודקע אַרויפדראַפּען און דעם קאָפּ אַרויסשטעקן: אים איז אינטערעסאַנט צו קוקן פון אויבן, ווי די פּאַסאַזשירן יאָגן זיך אַרום, פּונקט ווי די מורעשקעס, וואָס מע האָט זיי פון אַ הייסן קראַן אָפּגעבריט.

דער אויבער-קאָנדוקטאָר קוקט, קוקט, טוט מיטאַמאָל אַ כאַפּ דאָס פייפל זייגס און—פּיו—פּיו—ו—ו.

*) זייגען פאַרנומען.

און דער טאַטע גלייך אַף דעם: טשי-היפּ; דער לאָקאָמאָטיוו גיט אַ ציטער, טוט אַ גנעם מיט זיינע מוירעדיקע לאַפּעס: טשאַ—כשאַ... איינס, צוויי און—אַוועק!

צום ערשטן בא די וויכעס *): רו—וק, רו—וק. איז ער אָבער די סטאַנ-ציע אַריבער, גייט עס שוין, ווי אַ מיזמער, באַרג אַראָפּ, באַרג ארויף און טריך—טריך—טריך...

די טעלעגראַף-סלופּעס דרייען זיך אַף צוריק, דער ווינט שמייסט אין פּאָנים אריין מיט וואָלקנס זאַמד. דער וואַלד קריכט אין די כמאַרעס, גלייך ווי ער טראָגט זיך אָפּ פאַר שרעק, די בוימלעך אין וועג גייען אַ טאַנץ און דער לאָקאָמאָטיוו גיט זיך דאָס אַ צערעווע מיט זיין קופּערנער געמבע: או—או—או—ך. מאַכט אַ וואַרע, גייפּעלעך! **) בא יאַשקען שפּרינגט שיר ניט אַרויס דאָס האַרץ פאַר פריידר.

יאַשקע פאַרט אַרום מיטן טאַטן גאַנץ אָפּט. ווי אַ לאַנגער שלאַנג דרייט זיך דער צוג צווישן די אוראַלער בערג, טוקט זיך אין די שטיינערנע דורכ-שניטן, טראָגט זיך לעבגויס די הויכע בערג-שיפּוּאים, און ווייט אונטער זיי בלישטשען מיט זילבער די טייכלעך.

יאַשקע איז געוואוינט שוין צום לאָקאָמאָטיוו. ער ווייסט, ווי וואַסער אָנצופּאָמפּען, ווי דאָס אויוועלע צו צעוואַרימען, ווי דעם רעגוליאַטאָר איינ-שטעלן, אז די מאַשינע זאָל אָנהויבן גיין. פונם טאַטן זיך געלערנט און פונם אַלטן געהילף לוקיטש געגאַשט.

אין די רו-טעג איז יאַשקע אינגאַנצן אַ צעדרייטער—קיין מינוט קאָן ער ניט איינזיצן אין שטוב און בלאָנקעט זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג אַרום דעפּאָ, אַף דער ליניע. ער קלעטערט אַרויף אַף אַ הויכער קופּע און קלייבט נאָכעט פון די לאָקאָמאָטיוון, ווי זיי קאָמאַנדרעווען דאָס מיט די וואַגאָנעס און שטעל איין אַ סיידער.

II

די אַרבעטערס ווייבער האָבן אָנגעהויבן צו דער מאַמען אין שטוב זיך אָנשטופּן און ברעכן מיט די הענט:

— מאַמעלעך, וואָס וועלן מיר טאָן?

— מע מוז אנטלויפן...

— אוי, וויפל ווייסגוואַרדייער גייען עס אַהער, אַ גרוויל!

— אָך, וואָס זשע וועט זיין מיט אונז!

און יאַשקעס טאַטע שפּאַנט אַרום אַ שווייגנדיקער. ער איז ניט קיין שרעקעדיקער, האָט פאַר קיין זאַך קיין מוירע ניט. און אז מע הויבט אָן צו ריידן וועגן די ווייסע, רונצלט זיך בא אים דער שטערן און ער קריצט מיט די ציין פאַר קאַעס. איינדערהיים איז ער זעלטן און פון יאַשקען באַהאַלט ער

*) וויכעס—וואו ס'צעגייען זיך צוויי רעלסן-וועגן.

**) גייפּעלעך—פּיצעלעך ברואימלעך.

זיך, ווען מע דאַרף צו דער דעפּאָ אָף דער וואַכט גיין. נאָר יאַשקע היט אים די טריט און טרעט ניט אָפּ פון דער וואַכט-בודקע.

איינמאָל אינדערפרי האָט דער טאַטע אָנגעהויבן יאַשקען טאָרען אין דער זייט: — אַנו, זונדעלע, לעבעדיקער! מיר לאָזן דעם שטאָב-צוג. וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן? האַידאַ אַהיים!

יאַשקען איז געוואָרן קאַלעמוטנע אָף דער נעשאָמע, אין די אויגן האָבן זיך טרערן באַוויזן. ער האָט געגומען דעם טאַטן בעטן. לוקיטש האָט אים אונטערגעהאָלפן: לאָמיר אים נעמען, וואָס ווערט עס אונז שאַטן.

אָף דער סטאַנציע האָט מען נאָר פיר וואַגאָנעס צוגעטשעפּעט. לוקיטש האָט אַ רעכט ביסל דאַמף אונטערגעגעבן, אַזוי, אַז דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעהויבן פאַרשקען, ווי אַ פערד, און ציטערן.

— נו, יאַשקע, — לאַכט לוקיטש, — האַלט זיך, ברודער, מירן באַלד זיך טאָן אַ לאָז! דער טאַטע גייט אַרום דעם לאָקאָמאָטיוו, גיסט אונטער אייל אין די אַקסן.

אָף די פּלאַטפאָרמעס האָבן זיך רויטאַרמייער מיט ביקסן אויסגעשטעלט.

פון דער סטאַנציע איז דער וועג געגאַנגען באַרג אַרויף, און ערשט קעגן נאַכט זיינען זיי צוגעפאָרן צו דער שטאָט, אַרום איז געווען פינסטער, נאָר בא דער סאַמע סטאַנציע האָבן זיך עטלעכע לאַמטערנעס געטוקט אין דעם כווישעך. ווי נאָר מע איז אָנגעקומען, האָט מען גלייך פאַרקערעוועט אונטער דער סטאַנציע, און אַזוי איז מען ביז טאָג אָפּגעשטאַנען, גרייט אַלע מינוט אין וועג אַריין זיך לאָזן. יאַשקע האָט זיך אָפּן טענדער איינגעקאָר-טשעט און אַנטשלאָפן געוואָרן, און דער טאַטע מיט לוקיטשן האָבן געטראָגן די וואַכט נאָכאַנאַנדער.

ווי נאָר ס׳האָט די זון געגעבן אַ שיין פון הינטער די בערג, איז שוין יאַשקע געווען אויף. ער האָט געגעבן אַ קוק אַרויס פון ביידל — מע זעט ניט קיין לעבעדיקן מענטשן. נאָר די שפּיזן פון די רויטאַרמייער גלאַנצן אָף די פּלאַטפאָרמעס.

יאַשקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם לאָקאָמאָטיוו און האָט זיך גע-לאָזט מיט דער ליניע צו דער סטאַנציע.

בא דער סטאַנציע איז פוסט, נאָר דער היטער זיצט אָף אַ קעסטל קעגן דער זון און דרעמלט. יאַשקע איז פאַרביי אים אַריין אין סטאַנציע אינעווי-ניק. אָף די טישן, אָף די בענק און אָפן דיל זיינען געשלאָפן אַרבעטער און רויטאַרמייער, און אין אַ ווינקל זיינען געווען ביקסן אויסגעשטעלט. יאַשקע האָט זיך געלאָזט גיין ווייטער באַרג אַרויף און פּלוצים האָט זיך געלאָזט הערן פון אויבן אַ טראַך: באַ-אַ-אַם או-או-או- זינ-נ-נ-ן. און ס׳האָט אָנגע-הויבן צו הודיען און צו קנאַלן אין וואַלד. יאַשקע האָט נאָך ניט באַוויזן רעכט זיך אַרומקוקן און באַרעכענען, וואָס דאָ קומט פאָר, ווי דאָס קנאַלן איז גע-וואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

ער האָט ניט געפילט אליין, ווי אַזוי ער האָט זיך פון דעם באַרג אַראָפּגעקייקלט, ער האָט דערזען, ווי אַרבעטער און רויטאַרמייער לויפן צום

צוג. ערגעץ ניט ווייט האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן: טי, טי, טי... צווישן דעם קראכן און קנאַלן האָט זיך דערהערט דאָס ברומען פונם לאָקאמאָטיוו— גוא-גוא-גוא.

— דער טאטע, דער טאַטע, — איז יאַשקען דורכגעלאָפן א געדאַנק. וואָס זשע הייסט עס? און די, וואָס ליגן אין די זייטן, שרייען: ווייסע, ווייסע!

יאשקען האָט עס אַ ברי' געטאָן אינעווייניק. גיכער, גיכער! און זיך א דיס געטאָן צום לאָקאָמאָטיוו. הינטער דער סטאנציע זיינען אף דער פּלאַט- פאָרמע געלאָפן ווייסגווארדייער נעענטער צום צוג.

יאשקע האָט זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַ קאַץ, אן דעם לייטער פון דעם לאָקאָמאטיוו, און באַם אַרויפדראפּען זיך האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אָן דעם טאַטנס קני. פאלנדיק האָט ער אלץ געהערט דאָס קנאקן פון די ביקסן, דאָס אייזן האָט געקלונגען פון די קוילן. דער טאטע האָט זיך פּלוצים אראָפּ- געלאָזט אף די קני.

— יאשקע, גיכער צום רעגוליאַטאָר!

יאשקע איז איבערן טאַטן אַריבערגעשפּרונגען, האָט געגעבן אַ ריס דעם צינד-קנויט, געעפנט די בלאָז-קראנען און, אונטערשפּרינגענדיק, זיך אָנגעכאַפּט פארן רעגוליאַטאָר און אים מיט דעם וואָג פונם אייגענעם קערפּער אראָפּגעצויגן. פון דעם לאָקאמאָטיוו האָט אָנגעהויבן ארויסצושפּארן דער דאַמף און ער האָט געטאָן א ציטער און א שפּאַר פאָרויס. ס'האבן אָנגעהויבן זיך טראָגן אף צוריק די מאַסע-וואגאָנעס, וואָס זיינען אף די זייטן געשטאַנען, די הייזער, די בוימער. ס'האָבן זיך געהערט קוילעס: שטיי, שטיי. נאָר יאשקע האט אלץ געשטויסן און געשטויסן דעם רעגוליאטאָר לויט דער קאמאַנדע פונם טאַטן, וואָס איז געזעסן אָנגעשפּארט אין אַ ווינקעלע. פון הינטן האָבן געבראזגעט די וואגאָנעס, פון דעם הויפן האָט זיך געטראָגן א וואָלקן שטויב און דער ווינט האָט געפייפט. זיי האבן שוין איבערגעלאָזט הינטער זיך דאס ווייזער-ביידל, נאכדעם עפּעס א ווייכע. דער פאָטער האָט קרעכצנדיק באַפוילן אָפּהאלטן דעם געלויף.

— שטילער, יאשקע, באלד איז א סטאַנציע... צוריק דעם רעגוליאטאָר, צוריק!...

יאשקע האָט דעם קאָפּ אויסגעדרייט און דערזעען: דער טאטע ליגט אף דער ערד אויסגעצויגן, און אף ביידע פיס זעט זיך דורך די כאליעוועס פארטריקנטע בלוט.

לוקיטש איז ניט געווען — ערשט איצט האָט עס יאשקע באמערקט.

— טאטע, וואס איז בא דיר די פיס פארבלוטיקט? און וואו איז לו- קיטש? דערהאַרגעט?

— איך ווייס ניט, זונדל. עפּשער האט מען אים געהאַרגעט. מיר האט גוט געטראפן: ביידע פיס דורכגעשאָסן... מע וואלט זיך באַדארפט אויסטאָן די שטיוול, נאָר איך קאָן ניט.

זיי זיינען אָנגעקומען צו דער סטאנציע. יאשקע האס געגעבן א לאַנגן פייף און אנגעהויבן האלמעווען *). און דער טאטע האט געשריען: לאנגזאַם, לאנגזאַם, לאנגזאם, רייס ניט!

צום לאָקאמאטיוו זיינען צוגעלאפן רויטארמייער און דער קאמענדאַנט.

— נו, ווי, ארויס גאַנץ? אַדאנק אייך, וואָס איר האָט אונז אָפגעראַטעוועט. ווער האט געפירט דעם לאָקאמאטיוו?

יאשקע איז אראפגעשפרונגען אַפן זאמד, אַ בלאסער, א פאַרשמירטער, בארוועס.

— איך, כאַווײרים, האב געארבעט, און דער טאטע ליגט דארט א דורכגעשאסענער...

— דאס האסטו אונז אַרויסגעפירט! — האָט דער קאמענדאנט געשמייכלט. — אט דאס הייסט א מאַשיניסט! אן אָרדען פון „רויטער פאַן" באַקומסטו דערפאר. אנו, קום, וועל איך דיך דעם עלטסטן באוויזן.

דער קאמענדאנט האט יאשקען אף די הענט גענומען און אים אין וואגאָן אוועקגעטראגן.



איציק פעפער

דער רייטער מיט זיין פערד

I

אייגער (רואיק ווי א דערציילונג).

ניט אין פעלד און ניט אין טעפּ,

ניט אין טיפן, ווייטן וואַלד—

אַפן ברעג פון שטילן דניעפּ,

צווישן כאטקעס פויל און אלט

האָט געוואוינט אַ מענטש א לאנגער

*) אייגהאַלטן.

מיט זיין הייסן, ווייסן פערד.

א ל ע. (בּרייט מונטער).

גרינג און פריילעך און געזונט,

II שטימע. הארט, ווי שטיין

I שטימע. און פריש ווי ווינט.

א יי נ ע ר.

פלייצעס שטארקע, פעסט און שלאנק,

א יי נ ע ר. (פריילעך)

קיינמאל טוט אים גארניט באנג,

I שטימע.

פריש ווי ווינט

א ל ע.

און הייס ווי זון,

א יי נ ע ר. (אריינרייסנדיק זיך)

וואס קאן אזא יונג ניט טאן?

III שטימע. (שווער)

ברען און ברעך

א ל ע.

און שטאל און איזן,

א יי נ ע ר. (מונטער)

וואס קאן אזא יונג ניט ווייזן?

I שטימע. וויל ער לויפן,

II שטימע. קאן ער לויפן

III שטימע. איבער שליאכן,

I שטימע. איבער הויפן,

II שטימע. איבער טייכן,

III שטימע. איבער גריבער,

(אלץ גיכער און גיכער. דער ריטם קאפירט א שפרינגענ־דיקן פערד)

אַ ל ע. (אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער).

אַלץ דעריאָגט

און אַלץ אַריבער!

אַלץ דעריאָגט

און אַלץ אַריבער!

א יי נ ע ר. (שנעל).

וואס איז מיד און וואָס הייסט הונגער,

ווען ס'איז דאָ א פלינקער פערד,

א יי נ ע ר.

טו א וויין נאָר מיט די פינגער

I ש ט.

פליט ער אויס די גאנצע ערד!

אַ ל ע. (גיך און עס זאָל זיך שטאַרק הערן די קלאַנגען פ—ל).

פליט ער, פליט ער,

פליט ער, פליט ער;

I ש ט. איבער בריקן,
II ש ט. איבער פלויטן
III ש ט. גלייך איז גלייך
III ש ט. און קרום איז קרום.
I ש ט. איבער פעלדער,
II ש ט. איבער ברויסן,
III ש ט. אומעטום און אומעטום.

(אַלץ גיכער און גיכער. אַפּהאַקנדיק די פראַזן. טע קאָפּירט די קלאַנגען פון די טלאַען)

אַ ל ע. (גיך).

וועט ער יאָגן,

קאן ער יאָגן,

וועט אים קיינער ניט דעריאָגן.

I ש (פרייד)

ווייס ווי שניי

II שט. (דיזעלבע).

אוּן הייס ווי זוֹן,

אייבער.

וואָס קאַן אַזאַ פערד ניט טאָן?

III שט.

ברען אוּן ברעך

אַלע.

אוּן שטאָל אוּן אײזן

אייבער. (מיט אַ פראַגע).

וואָס קאַן אַזאַ פערד ניט ווייזן?

I שט. (הויך)

וואָס קאָן אַזאַ פערד

II שט. (נידעריקער)

וואס קאָן אַזאַ פערד

III שט. (גאר נידעריק)

וואָס קאַן אַזאַ פערד

אַלע.

ניט ווייזן?

II

דער II-טער טייל ווערט אויסגעפירט אונטערן אַקאַמפּאַנעמענט פון דער מעלאָדיע: „ווייסע כאַיאָלעס, שוואַרצער באַראָן", אויב ס'איז ניטאָ קיין ראיאל, אַקאַמפּאַנירט אַ טייל פון כאָר, וועלכער זינגט די מוזיקע מעלאָדיע מיט פאַרמאַכטע מײלער).

לאַנגזאַם, נידעריק, פאַנאַנדער־ציען די לעצטע שורע		I שט. טיר אוּן פענסטער צוגעשלאָסן
		I אוּן II שט. אוּן פאַרקרעמפּעוועט מיט דראָט,
	אַלע	גאַנצע טעג האָט מען געשאָסן
		אין אַ שטילער, דולער שטאָט.

אייבער (אַזוי ווי פון דער ווייטן).

פלעגט מען קוּמען,

אייבער פלעגט מען לויפן

א יי נ ע ר.

אָן אַ סאָף און אָן אַן עק,

א יי נ ע ר. (שטארקער).

שפּאַן דאָס פערד און איבער הויפן

א יי נ ע ר.

און אַוועק,
אַוועק,
אַוועק.

א יי נ ע ר.

מענטש אַף פערד און ווייט און ווייטער

א יי נ ע ר.

ביקס אַף פּלייצעס און באַ זייט

א יי נ ע ר.

יאָגט א רייטער, פליט א רייטער

א יי נ ע ר.

ווײַט און ווייטער, ווייט און ווייט.

דער טאָן איז א מער אויפגעהויבענער, ווי פריער

I שט. טיר און פענסטער צוגעשלאָסן
I און II שט. און פאַרקרעמפּעוועט מיט דראָט,
אַלע: גאַנצע טעג האָט מען געשאָסן
אין א שטילער, דולער שטאָט.

III

(דער דריטער טייל ווערט אויסגעפירט אונטערן אקאמפאנעמענט פון: „מיר, רויטע קאוואלעריע“).

א יי נ ע ר.

ניט קיין טעג און ניט קיין וואָכן,

א יי נ ע ר.

ניט קיין טעג און ניט קיין נעכט,

א יי נ ע ר.

שטוב פאַרברענט און פּלויט צעבראָכן,

פליט א רייטער אַף א פערד.

א ל ע (גיך).

פליט ער, פליט ער, פליט ער, פליט ער.

I ש ט.

איבער פעלדער

II ש ט.

איבער בריקן,

א ל ע.

יאָג און פלי

און לויף און האַק

א יי נ ע ר.

ווער פעטליורע,

א יי נ ע ר.

וואָס דעניקין,

א יי נ ע ר.

וואָס יודעניטש,

א יי נ ע ר.

ווען קאָלטשאַק.

א יי נ ע ר.

גו, געבראָכן איז געבראָכן

טעג מיט שווערד און נאַכט מיט שווערד

א יי נ ע ר.

ניט קיין טעג און ניט קיין וו אָ כ ן

I ש ט. פליט א רייטער אף א פערד.
III ש ט. איבער שליאַכן,
I ש ט. איבער הויפן,
II ש ט. איבער טייכן,
III ש ט. איבער גריבער.

דער ריטם אזוי, ווי פריער.

א ל ע. (פאַרהאַלטנדיק ביסלעכווייז די גיכקייט).

אַלץ דעריאָגט

און אַלץ אריבער

אַלץ דעריאָגט

און אַלץ —

אריבער!

(בריִיט, שטאַלץ.)

I שט. אַלץ צעטריבן און פאַרטריבן

I און II שט. ניט קיין פריצים, ניט קיין גאָלד

אַלע. נאָר געבליבן איז געבליבן

נאָר ווי מ'ר האָבן געוואָלט.

(מוזיק „אינטערנאַציאָנאַל”).

באמערקונגען.

1) די ווערטער, וועלכע זיינען אונטערגעשטרייכט מיט א פאַס (—), דאַרפן זיין אויסגעטיילט באם דעקלאַמירן שטאַרקער פון אנדערע; די, וועלכע האָבן א קאָמע (')‚—נאָך שטאַרקער.

2) דער I און דער II טייל ווערן אויסגעפירט אין קלאַרן, מונטערן טאָן.

3) באַם אויסלערנען די ליד, צעטיילט זיך די גאַנצע גרופּע אף דריי שטימען. אין דער I גייען אריין הויכע, דינע שטימען (סאָפּראַנאָ). אין III—גראָבע, נידעריקע (אַלט), אין דער II שט.—מיטעלע (II-טער סאָפּראַנאָ).

י. קאַטיק

פון אמאָל

(זיכרוינעס)

קיין קיעוו בין איך געקומען פרייטיק אינדערפרי און בין א פריילעכער אוועקגעפאָרן צו מיינעם א קאָרעוו. באַם ברעג דניעפּער האָט ער געהאַלטן א גאַסט-הויז.

באם טיש האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אן איידע אידן פון א צוואַנציק פּערזאָנען, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען סאָכרים, קרעמער, מעקלער און אז. וו.

מע זעצט זיך עסן, און עס פאַרפירט זיך א לאַנגער שמועס.

אָבער פון וואָס שמועסט מען?

פון אָבלאַוועס.

פּאָליציי כאַפּט אידן! כאַפּט, כאַפּט, כאַפּט.

וואָס הייסט כאַפּט?

ביז אַהער האָב איך געוואוסט, אַז אידן ליידן צאָרעס, אָבער אַז אידן ווערן אויך געכאַפּט, — דאָס האָב איך לאַכלוטן ניט געוואוסט.

מיר האָט אַזש א שוויס ארויסגעשלאָגן אַפן שטערן. פּאָליציי כאַפּט אידן! כאַפּט, כאַפּט, כאַפּט.

— איר ווייסט ניט, וואָס איז אַזוינס כאַפּן? — רופט זיך אָן צו מיר א איד, וואָס האָט, קענטיק, באַמערקט, אַז דער איניען איז פאַר מיר ניי. — פאַר-אַיאָרן האָט מען דאָ פאַרכאַפּט א גאַנצע שול אידן... א שול אידן. איר פאַר-שטייט? א שול אידן...

— איז אַז א איד האָט דאָ ניט קיין רעכט צו וואוינען, דאַרף ער זיך באַהאַלטן? — האָב איך ניט זיכער און אַפילע נאַרישלעך געפרעגט, בעאיים א קעלט איז מיר אדורך דורך די ביינער.

— נו, וואָס קלערט איר? אַוואַדע באַהאַלטן...

דאָ בין איך שוין אינגאַנצן געבליבן אָפּהענטיק.

— וואָס האָסטו מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער? — האָב איך מיטאמאָל און מיט גאַל געפרעגט בא מיין קאָרעוו.

— שאַ, שרעק זיך ניט, — האָט זיך ארייַנגעמישט זיין ווייב, — מיר צאָלן געלט דעם פּריסטאַוו, ער באַקומט שוין דאָס זייניקע און ער טשעפּעט אונז ניט. בא אונז כאַפּט מען ניט... נאָר טאָמער טרעפט זיך יאָ אַמאָל אָן אָב-לאַווע בא אונז, לאָזט מען זיי אַף מאָרגן גלייך ארויס... ווארום דער פּריס-טאַוו באַקומט דאָס זייניקע אין יאַד, אין יאַד...*).

איך האָב דערווייל באַמערקט, אַז דער אוילאָם מאַכט עפּוואָס כויזעק פון מיר, מע לאַכט אונטער.

— וואָס שרעקט איר זיך אַזוי? — רופט זיך אָן עפּעס איינער אָן אוי-רעך, — איר זייט דאָך א איד, און א איד דאַרף זיין געוואוינט צו אזוינע זאַכן...

און עטלעכע מיטאמאָל דערציילן מיר, אַז מע האָט זיי שוין ניט איין מאָל געכאַפּט, ניט איין מאָל איבערגענעכטיקט אין קאָזע און — מע לעבט.

פּונקט אזייגער עלף, בעאיים מיר האָבן נאָך געהאַלטן באַם רעכטן צי-מעס, וואָס איז דאַפּקע געווען געראָטן, האָבן מיר דערהערט א שטאַרקן קלונג. א קלונג פון א זיכערער האַנט. אַזוי קלינגט ניט אַ גאַסט, און אַלע זייַנען אויפגעשפרונגען פון די ערטער מיט טויטע פּנימער.

— אַן אָבלאַווע!... — האָט זיך בא עמיצן פאַרשטיקט ארויסגעריסן.

די אידעלעך, וואָס האָבן פריער אַזוי דרייסט גערעדט פון אָבלאַוועס, זייַנען איצט, אין מיטן צימעס, צעמישט געוואָרן.

מיין קרויווע, וואָס איז געווען זייער א פּראַקטישע, האָט מיך אָנגעכאַפּט בא דער האַנט און אַ שעפּטשע געטאָן:

— קום גיכער, אַן אָבלאַווע, איך וועל דיך באַהאַלטן.

---

*) כאבאר.

און זי לויפט מיט מיר, שלעפנדיק מיך פאַר דער האַנט.

לויפן אָבער אלע. עס לויפן די שיינע אידן, עס לויפן די מעקלערס, די קרעמערס—א שרעקלעכער געלויף. אַפּאָנים, אין קאַזע איז ניט אַזוי גרינג צו זיצן, ווי זיי האָבן פריער גערעדט.

די קרויווע איז מיט מיר פאַרפלויגן אין שלאָפצימער.

דאָרט פירט זי מיך צו צו א בעט און הייסט מיר ארונטערקריכן.

— קריך, קריך ארונטער, שעם זיך ניט.

די שיינע אידן טוען עס אָבער געשיקטער פון מיר. זיי ליגן שוין אַלע אונטער די בעטן. און — איך בין אויך אַרונטערגעקראָכן. אונטערן בעט הער איך א שווער סאָפּעניש פון מיינע אונטערבעט-כאַווייריִם און איך הער אויך, ווי עס קלאַפּט זיי דאָס האַרץ. פאַרקערט, איך אליין האָב זיך שוין ניט אזוי געשראָקן. איך האָב דערויף אַזוי ווי קיין צייט ניט געהאַט.

א מאָדנע בילד. אונטערן בעט ליגן זיך אידעלעך מיט שיינע בערד, טאַטעס פון קינדער, און מע סאָפּעט ווי געגנז.

אז איך שטרענג אָן גוט דעם אויער, הער איך, ווי פּאָליציי גייט ארום מיט שווערע טריט אין יענע צימערן און מע רעדט מיט גראָבע שטימען...

— מע זוכט, — טראַכט איך, — עפּשער וועט מען געפינען... ארויסשלעפּן פון אונטערן בעט אָן איידע שיינע אידעלעך.

דאָס מאָל איז אָבער די אָבלאַווע צוגעגאַנגען זייער „לייכט", וואָרום אָנגעפירט געוואָרן איז זי פונם „גוטן" פּריסטאַוו. ער אליין איז דערביי גע-ווען. נאָר אזוי ווי כאַפּן עפּעס מוז ער, האָט ער לעפּאָנים וועגן צוגעכאַפּט אָן אָרימען אידן, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין גאַסט-הויז. מעגלעך, אַז דער-דאָזיקער איד האָט אומישנע זיך אָנגענומען אַף אַזאַ מין „שטעלע"...

אַז זיי זיינען אַוועק, זיינען מיר ארויסגעקראָכן פון אונטערן בעט...

מיר האָבן זייער שיין אויסגעזעען. אַף די שאַבעסדיקע מאַלבושים איז געהאַנגען שפּינוועבס, און עס האָבן זיך געזעען גרויסע פלעקן פון שטויב, מיט פארשמירטע נעזער.

שאָלעם אַלייכעם

טעוויע דער מילכיקער

— אַ שיינער, א גוטער, א ברייטער שאָלעם אַלייכעם אַף אייך, פּאַני שאָלעם אַלייכעם! איך קוק שוין אַף אייך לאַנג אַרויס, ס'האָט זיך אָנגעקליבן באַ מיר א היפּש ביסל סכוירע פאַר אייך. איך פרעג מיך אַלץ נאָך: פאַרוואָס זעט מען אייך ניט? זאָגט מען מיר, אַז איר פאָרט אַרום דאָרט איבער דער וועלט אין די ווייטע לענדער ערגעץ. נאָר מיר דאַכט, אַז איר קוקט אַף מיר עפּעס מאָדנע. אַפּאָנים איר קווענקלט*) זיך און טראַכט בעאַייס מאַיסע: ס'איז ער, צי ניט ער? ס'איז ער, פּאַני שאָלעם אַלייכעם, ס'איז ער, אייער אלטער

*) איר זייט ניט זיכער.

פריינט טעוויע דער מילכיקער, דער אייגענער טעוויע, נאָר אויס מילכיקער. גלאַט אַ איד, אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר, אַ איד אַ זאָקן *). ווי איר זעט, כאָטש אַפילע אין די יאָרן גאָר ניט אַזוי אַלט — נאָך גאַנץ ווייט צו זיבעציק! אַי, וואָס עפּעס אַזוי ווייס די האָר? גלויבט מיר, ניט פאַר טאַינעג, ליבער פריינט. איר מעגט דאָס הערן. דאָס קאָן אייך אמאָל צונוץ קומען.

בעקיצער, דאָס איז געוועזן שוין לאַנג, באַלד נאָך דער יאַפּאַנישער מילכאָמע, אין דער סאַמע היץ פון קאָנסטיטוציעס, בעאייס ס'האָבן זיך אָנגעהויבן „יעשועס אף אידן". פריער אין די גרויסע שטעט, דערנאָך אין די קליינע שטעטלעך. אָבער צו מיר איז דאָס ניט דערגאַנגען, און עס האָט ניט געקאָנט דערגיין בעשום אויפן. פאַרוואָס? פּאָשעט, מע זיצט אָפּ אַזאַ צייט צווישן גויאים, איז מען אויסגעבונדן מיט אַלע באַלעבאָטים פון דאָרף. „טעוועל" איז דאָס אויבערשטע פונם שטויסל! וואָס איז שאַיעך? אַן אייצע — איז „יאַק טעוועל סקאַזשעש"**), א רעפוע צו קאַדאָכעס — איז „דאָ טעוועליאַ", א געמילעס כעסעד"**) — אויך בײַ טעוויען. נו האָב איך עפּעס באַדאַרפט אין זינען האָבן אזעלכע זאַכן? אַז די גויאים אַליין האָבן מיר געזאָגט וויפל מאָל, אַז איך זאָל קלאַל קיין מוירע ניט האָבן — זיי וועלן ניט דערלאָזן!... און קאכאווע, וועט איר הערן א שיינס.

איך קום צו פאָרן איינמאָל אַהיים פון בויבעריק. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אין די פעדערן, נאָך געהאַנדלט מיט מילכיקס, מיט קעז און פוטער. אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל, אונטערגעוואָרפן דעם היי און האָבער, ניט צייט געהאַט אַפילע זיך וואַשן צום עסן, איך טו אַ קוק — א פולער הויף מיט גויאים. די גאַנצע הראמאַדע***), אַלע פיינסטע באַלעבאַטים, פונם סטאַראָסטע איוואַן פּאָפּערילע ביז דעם לעצטן גוי, טראָכים דער טשערעדיניק, און אַלע זעען זיי מיר אויס עפּעס מאָדנע, יאָנטעוודיק... האָט מיר אפילע א צופּ געגעבן אין האַרצן: וואָס פאַר אַ יאָנטעוו אין מיטן דערינען? צי איז מען ניט געקומען מיט מיר מאַכן די שפּיל?.. נאָר צוריק טראַכט איך מיר: פע, טעוויע, מעגסט זיך שעמען פאַר זיך אליין. שטענדיק זיצסטו איין איד צווישן אַזוי פיל גויאים בעשאָלעם און מע האָט דיך ניט אָנגערירט, איר זאָלט זאָגן אף א האָר!.. און איך נעם און גיי ארויס צו זיי מיט א ברייטן שאָלעם אַלייכעם: וואָס טוט איר דאָ, מיינע ליבע באַלעבאָטים? און וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס, און וואָס וועט איר דערציילן נייס?... טרעט ארויס דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאָפּערילע, הייסט עס, און רופט זיך אָן צו מיר גאַנץ אָפנטלעך און גאָר אָן שום האַקדאָמעס: „מיר זיינען געקומען. זאָגט ער, צו דיר, טעוועל, מיר ווילן דיך שלאָגן". — וואָס זאָגט איר אַף דער שפּראַך? מיילע, ווי אַזוי ס'איז מיר געוואָרן אַפן האַרצן — קאָנט איר זיך מעשאָער זיין. נאָר ארויסבאַווייזן, — פע, אדעראבע, טעוויע איז ניט קיין אינגעלע... רוף איך מיך אָן צו זיי גאַנץ לעבעדיק: מאַזלטאָוו אייך, זאָג איך, נאָר וואָס האָט איר זיך, קינדער, אַזוי שפּעט דערמאָנט. אין אַנדערע ערטער, זאָג איך, האָט מען שוין פון דעם לאַנג פאַרגעסן!... רופט זיך אָן צו מיר איוואַן פּאָפּערילע, דער סטאַראָסטע, הייסט עס, שוין דאַפקע גאַנץ ערנסט: „פאַרשטייסטו מיך, טעוועל, זאָגט ער, מיר

*) אן אלטער. **) ווי טעוויע וועט זאָגן. ***) גאַנץ לייען. ****) די גאַנצע באַפעלקערונג.

האָבן זיך, זאָגט ער. אלץ געישעווט, צי מיר זאָלן דיך שלאָגן, צי ניט שלאָגן? אומעטום, אין אלע ערטער, שלאָגט מען אייך, פאַרוואָס, זאָגט ער, זאָלן מיר דיך דורכלאָזן?.. נאָר וואָס דען, מיר ווייסן נאָך אַליין ניט, וואָס מיר זאָלן מיט דיר טאָן, טעוועל: צי מיר זאָלן דיר נאָר אויסהאַקן די שויבן, זאָגט ער. און צעטרעטן די פערענעס מיט די קישעלעך און אַרויסלאָזן די פעדערן, צי מיר זאָלן דיר פאַרברענען, זאָגט ער, די כאַטע מיט דער שטאַל מיט דער גאַנצער כאַדאבע *) דיינער?"

דאָ איז מיר שוין געוואָרן גוט קאַלעמוטנע אפן האַרצן, און איך באַטראַכט מיינע לייט, ווי מע שטייט אָנגעלייגט אַף די לאַנגע שטעקנס און מע שושקעט זיך מיר עפעס שטילערהייט, מע שמועסט. הייסט דאָס, אז ס'איז באַ זיי גאָר קיין קאַטאָוועס ניט? וויבאַלד אַזוי, טראַכט איך מיך, ביסטו דאָך טאַקע, טעוויע, גוט אין דער אַרבעט! מע באַדאַרף זיי עפעס זאָגן! און וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאַירעך זיין, איך בין באַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, און איך נעם מיך אָן מיט האַרץ און רוף מיך אָן צו זיי, דאַפקע אין גוטן מוט: הערט זשע אויס, מיינע ליבע באַלעבאַטים, זאָג איך, וויבאַלד, זאָג איך, אַז הראמאדע האָט אַזוי געפּאַסקנט, איז דאָך ניט שאַיעך, זאָג איך, מיסטאָמע ווייסט איר, זאָג איך, בעסער, אַז טעוויע האָט באַ אייך פאַרדינט, איר זאָלט מאַכן א טעל, זאָג איך, פון זיין כאַדאבע און פון זיין גאַנץ פאַרמעגן.

רופט זיך אָן צו מיר דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאַפּערילע, מיט אַזאַ לאָשן: „די מאַיסע, זאָגט ער, דערפון איז אַזוי: מיר האָבן צו דיר, טעוויע, אייגנטלעך גאָרנישט ניט. דו ביסט, זאָגט ער, טאַקע א זשיד, נאָר ניט קיין שלעכטער מענטש, זאָגט ער. נאָר איינס צום אַנדערן, זאָגט ער, איז ניט שאַיעך—שלאָגן דאַרף מען דיך, פאַרפאַלן. מיר ווען דיר כאָטש, זאָגט ער, אויסהאַקן די פענסטער. דאָס, זאָגט ער, מוזן מיר, ווייל טאָמער, זאָגט ער, פאָרט דורך נאַטשאַלסטווע, טאָ לאָז מען, זאָגט ער, זעען, אַז מע האָט דיך געשלאָגן, אַניט, זאָגט ער, וועט מען נאָך אונז שטראַפירן". מיט דעם לאָשן, ווי איך דערצייל אייך, און מיט די ווערטער, איך זאָל אזוי געהאָלפן ווערן וואו איך וועל זיך קערן און ווענדן.

זייט איר שוין פאַרטיק. איצט גייט ערשט דאָס רעכטע פעקל. מע דאַרף דאָס אייך איבערגעבן אַקוראַט, מיט אַלע פישטשעווקעס.

זיץ איך מיר אזוי איינמאָל אַף דער פריזבע **) בא מיין שטוב, פאַרטיפט אין מאַכשאָוועס. זומער לעבן. די זון באַקט, און דער קאָפּ טראָגט „סטיישט, סטייטש, היינטיקע צייטן, אַזאַ קלוגע וועלט. סטייטש, סטייטש און ווידער אַ מאָל סטייטש". דערווייל, אַזוי ווי איך זיץ מיר פאַרטיפט אין דידאָזיקע געדאַנקען, איך טו א קוק—א ווייס פערדל, און עמיצער זיצט אַף אים רייטנדיק, און גלייך צום טויער פון מיין שטוב: טפּררררו. — אָפּגעשטעלט זיך. אראָפּגעקראָכן, צוגעבונדן דאָס פערדל צום טויער, און אליין צו מיר.

---

*) כאראבע—שטוב-כאַיעס.

**) אן ערדענע באַנק בא דער שטוב.

„זדראַסטוואוי, טעוועל״. — זדראַסטאַטי, זדראַסטאַטי, וואַשע בלאַגאָראָדיע. — ענטפער איך אָפּ גאַנץ ברייטלעך, און אין האַרצן טראַכט איך זיך: שוין ווי־דער עפּשער אַן אָנשיקעניש... און איך שטיי אויף אַנטקעגן אוריאַדניק, הייסט עס: — א גאַסט, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס אָף דער גרויסער וועלט און וואָס ווערסטו, זאָג איך, זאָגן גוטס, אַדויני פּאָריץ — און דאָס האַרץ פּאַלט מיר שיר ניט ארויס. איך וויל שוין וויסן, וואָס און ווען? און ער, דער אוריאַדניק, הייסט עס, האָט זיך אָבער צייט. ער פּאַרוויכעוועט זיך גאַנץ פיין א פּאַפּי־ראָס, בלאָזט ארויס דעם רויך, שפּייט אויס און רופט זיך אָן צו מיר:

— וויפל, אשטייגער, צייט דאַרפסטו האָבן אָף צו פאַרקויפן, זאָגט ער, דיין כאַטע מיט דיינע אלע בעבעכעס?

קוק איך אים אָן: צו וואָס, זאָג איך, זאָל איך פאַרקויפן מיין כאַטע? וועמען, לעמאָשל, מאַכט זי עס ענג?

— ענג, זאָגט ער, מאַכט זי קיינעם ניט. נאָר איך בין געקומען, זאָגט ער, דיך ארויסשיקן פון דאָרף.

— סאַכאַקל, זאָג איך, מער ניט. פאַר וואָסערע מאַיסים טויווים*)? מיט וואָס, זאָג איך, האָב איך פאַרדינט אזא קאָוועד?..

— דאָס איז ניט איך שיק דיך ארויס, זאָגט ער, דיך שיקט ארויס דער גובערנאַטאָר.

— דער גובערנאַטאָר, זאָג איך, וואָס האָט ער אין מיר געזעען אזוינס?

— ניט נאָר דיך אליין, זאָגט ער, און ניט נאָר פון דאַנען, נאָר פון אַלע דערפער אַרום און אַרום, פון זלאָדייעווקע, זאָגט ער, און אַנאַטעווקע, וואָס איז ביז אַהער געווען א שטעטל, ווערט דאָס שוין איצטער אויך, זאָגט ער, א דאָרף און מע וועט ארויסטרייבן פון דאָרטן אויך, זאָגט ער, אַלע אייערע...

— אַפילע לייזער-וואָלף דעם קאַצעוו, זאָג איך, אויך? און נאַפטאָלי־גערשן דעם רימער אויך?

— אַלע, אַלע, — זאָגט ער, און טוט א מאַך מיט דער האַנט, ווי א שנייד אָפּ מיט א מעסער...

פאַרדריסט דאָס מיך און איך רוף מיך אָן צו אים, צום אוריאַדניק, הייסט עס: זאָג מיר, זאָג איך, צי ווייסטו, אַז איך, וואַשע בלאַגאָראָדיע, זיץ דא אין דעם דאָרף שוין אַסאַך פריער פון דיר?.. דו ווייסט, זאָג איך, אַז אָט דאָ, אין דעםווינקל, איז נאָך מיין טאַטע געזעסן און מיין זיידע? און איך פויל מיך ניט און רעכן אים אויס די גאַנצע מישפּאָכע באַ די נעמען, וואו ווער ס'איז געזעסן און וואו ווער ס'איז געשטאָרבן... הערט ער מיך אויס, דער אוריאַדניק, הייסט עס, און אז איך האָב געענדיקט, מאַכט ער צו מיר: „דו ביסט א ציקאַווער איד, זאָגט ער, טעוועל, און דו האָסט אין זיך ניין מאָס רייד. צו וואָס טויגן מיר דיינע מאַיסעס פון באָבעס און זיידעס, זאָגט ער? לאָזן זיי, זאָגט ער, זיך ליגן אין זייער רו. און דו, טעיועל, זאָגט ער, נעם צונויף דיינע בעבעכעס און פאָר, פאָר נאַ באַרדיטשעוו!..״ פאַרדריכט עס מיך נאָך מער! גענוג דו זאָגסט מיר אָן אזא גוטע בסורע, מאַכסטו נאָך כוי־

*) גוטע טואונגען (דאָס מיינט ער פאַרקערט).

זעק: פֿאַר, פֿאַר, נאַ באַרדיטשעוו!.. און איך רוף מיך אָן צו אים: וואָשע, זאָג איך, בלאַגאָראָדיע! וויפֿל צייט זאָג איך, ביסטו שוין פֿאָריץ, האָסטו עפּעס געהערט, זאָג איך, אַטאַך מאָל, עמיצער פֿון די שכנים זאָל זיך אָף מיר באַקלאָגן, אַז טעוויע האָט אים באַנאַנוועט, אָדער באַגאַזולעוועט, אָדער אויסגעבאַרט, אָדער אַזוי צוגענומען? אַנו. דערפֿרעג זיך אָקאָרשט בײַ די באַלעבאַטים, זאָג איך, צי האָב איך ניט געלעבט, ווי דער בעסטער באַלעבאָס? האָט דאָס אים אָפּאָנים ניט געשמעקט! שטייט ער אויף דער אוריאַדניק, הייסט עס, צעקוועטשט דעם פּאַפּיראָס מיט די פֿינגער, טוט אים אַ וואָרף אָפּ און מאַכט צו מיר:

— איך האָב, זאָגט ער, קיין צייט ניט מיט דיר צו באָלאַקען *) פּוסטע רייד. עס איז מיר אָנגעקומען אַ פּאַפּיר, זאָגט ער, און ווײַטער גייט מיר ניט אָן. קום, זאָגט ער, וועסטו מיר, זאָגט ער, כאַסמענען דאָס פּאַפּיר, און צייט אָף אַ־ווי־צופֿאָרן גיט מען דיר, זאָגט ער, דריי טעג, זאָלסט קאָנען, זאָגט ער, אויספֿאַרקויפֿן אַלצדינג און צוגרייטן זיך אין וועג אַריין.

דערזעען, אַז ס'איז ביטער, רוף איך מיך אָן צו אים:

— דו גיסט מיר, זאָג איך צו אים, דריי טעג, גיסטו מיר? דריי יאָר זאָלסטו לעבן פֿאַר דער גוטער בשורה, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט.

גיי איך אַריין אין שטוב אַריין און טו מיר אַ זאָג צו מײַן טאָכטער דער אַלמאָנע: „ציילטל, זאָג איך, מיר קלײַבן זיך אַרויס, זאָג איך, פֿון דאַנען ערגעץ אין שטאָט אַריין, גענוג שוין געזעסן אין דאָרף, זאָג איך. דו נעם אָקאָרשט, זאָג איך, און הייב אָן באַצייטנס זיך צוגרייטן מיטן בעטגעוואַנט, מיטן סאַמאָוואַר און מיט די שאַר־יעראָקעס **), און איך וועל, זאָג איך, גיין פֿאַרקויפֿן די כאַטע. עס איז אָנגעקומען, זאָג איך, אַ פּאַפּיר, אַז מיר זאָלן אָפּרײַניקן דאָס אָרט און אין דריי טעג אַרום זאָל אונזער רעך דאָ ניט בלײַבן.

דערהערט פֿון מיר אַזאַ בשורה, אַז זי מאַכט ניט קיין געוויין, די אַלמאָנע מײַנע, און די קינדערלעך אירע, אַף איר קוקנדיק, האָבן זיך גלאַט צעוויינט, ווער איך שוין אין קאַעס און לאָז אויס מײַן גאַנץ ביטער האַרץ אַף מײַן טאָכטער, נעבעך: „וואָס האָט איר זיך גענומען, זאָג איך, אַף מײַן לעבן? וואָס האָט איר זיך, זאָג איך, צעיאָמערט פּלוצים אין מיטן דרינען, וואָס בין איך עפּעס אַ בען־יאָכידי, זאָג איך. קאָרג אידן, זאָג איך, ווערן איצטער אַרויסגעטריבן פֿון די דערפֿער? גיי הערך, זאָג איך, אַז דײַן אנאַטעווקע, וואָס איז ביז אהער געווען אַ שטעטל, ווערט דאָס שוין אויך אַ דאָרף, צוליב די אַנאַטעווקער אידן, מע זאָל זיי קאָנען אַרויסטרײַבן אַלעמען. ווײַבאַלד אַזוי, זאָג איך, מיט וואָס זשע, זאָג איך, בין איך ערגער פֿון אַלע אידן...

אָט אַזוי רייד איך איר אויס דאָס האַרץ, דער טאָכטער מײַנער. בעקיצור, איך האָב בײַ איר געפּויעלט, זי זאָל זיך ניט שטאַרק פֿאַראַקשענען, איך האָב איר געגעבן צו פֿאַרשטיין מיט אַ סייכל, אַז דער אוריאַדניק קומט און ברענגט אַ פּאַפּיר, אַז מע זאָל, הייסט דאָס, גיין, קאָן מען דאָך קיין כאַפֿער ניט זײַן און מע דאַרף גיין. און אַליין בין איך אַוועק אין דאָרף מאַכן אַ

---

*) ריידן. **) איבעריקע זאַכן (ריכטיקער—איבעריקע גריגזוואַרג)

טאָלק מיט דער כאַטע, און גלייך צו איוואַן פּאַפּעדילע, צום כּכּצוראָכּכע, הייסט עס, געקומען צו איוואַנען, דערציילט איך אים ניט פון קיין פּויסער און פון קיין כאָלעם און איך זאָג אים: זייט וויסן, איוואַנע סערדצע, אז איך ווארף אייך אוועקעט.. זאָגט ער: — „וואָס עפּעס?" זאָג איך: איך פאָר אריבער, זאָג איך, אין שטאָט אריין, איך וויל זיין, זאָג איך, צווישן אידן. קויף אָפּ, איוואַן, בא מיר מיין כאַטע מיט מיין גאָרטן. אן אנדערן, זאָג איך, וועל איך ניט פאַרקויפן, דיר — יאָ. „וויפל, זאָגט ער, ווילסטו פאַר דיין כאַטע?" — וויפל, זאָג איך, גיסטו? אהין, אהער, ער מיר: „וויפל ווילכטו?" איך אים „וויפל גיסטו?" מע האָט גענומען דינגען זיך, פּאַטשן אין די הענט אריין, אַזוי לאַנג געדונגען זיך און געפּאַטשט זיך, אַ רענדל ארויף, אַ רענדל אראָפּ, ביז מע האָט זיך אויסגעדונגען פאַרן מעקעד, און טאַקע בא אים גענומען אן אפּדערויף, ער זאָל זיך, כאָלילע, ניט אויפּטרעטן. און אָט אזוי האָב איך אויספאַרקויפט אין איין טאָג, בעכאָצע-כינאָם*) געוויינלעך, דאָס גאַנצע דאָבערע מאָזל. געמאַכט פון אלצדינג געלט און בין אוועק דינגען אַ פור פאַרנעמען דאָס איבערגעבליבענע ביסל אָרימקייט. פאַרן אוועקפאָרן קום איך אהיים, טרעף איך שוין ניט קיין שטוב, נאָר אַ כורווע. די ווענט נאַקעט. אָף דער ערד פעקלעך, מיט פעקלעך, מיט פעקלעך! אָפּן פריפּעטשיק זיצט די קאַץ — טרויעריק. עס האָט מיר אָזש אַ נעם געגעבן באַם הארצן. דאָ אויסגעוואקסן. דאָ פאַרשוואַרצט געוואָרן און פלוצים אין מיטן דערינען — גיי...

זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, ס'אַ פאַרדראָסיקע זאַך.

זייט מיר געזונט און האָט ניט קיין פאַריבל. איך האָב אייך אָנגעקלאַפּט אַ מויעך — איר וועט שוין דערפאַר האָבן וואָס צו שרייבן... אַז מיר וועלן לעבן און געזונט זיין, וועלן מיר זיך נאָך מיסטאָמע זען. אַ גוטן!

אויפגאַבן

1) דערוויסט זיך, ווי האָט זיך געלעבט די אידן באַ דער צאַרישער מאַכט?

2) וואָס פלעגט טאָן די צאַרישע מאַכט, קעדיי אָפּווענדן פון זיך דעם פאָלקס-צאָרן?

3) שרייבט אָן אַ קאָלעקטיווע אַרבעט וועגן דער באַציאונג צו די אידן פון דער צאַרישער רעגירונג לויט אזויגע טעמעס:

א) וואוינרעכט, ב) בילדונג, ג) באַשעפטיקונגען.

פירט דורך אַ פאַרגלייכונג מיט איצטער.

לייענט דורך די דערציילונגען: „גימנאַזיע" און „הונדערט אייגס" פון שאָלעם אַליכעמען.

---

*) האלב אומזיסט.

ש. ראסין

* * *

ס׳איז געווען טעג קאפויר געשטעלטע,
יאָרן קריג פארמאסטענע אף האלז.
מאגייפע, הונגער האָט אין לאנד געוועלטיקט
און ניט געשוינט פון יונג ביז אלט.

ס׳איז געווען טעג־כאלאפים
פון אויפגערודערטן צערייצטן ראנגל,
ווען נעכט פארגעסן האָבן שלאָפן,
און שווערד איז איבער האלז געהאנגען.

היינט שעפט מיין לאנד שוין פרייד פון טויזנט קראנען
און טונען פיין האָט לאנד שוין אויסגעשעפט.
און מיר זאָל זיין דערלויבט היינט פרייען זיך פון דאנען
אריבער אלע אויפגעריכטע קעפ.

וועגן וועלכע טעג רעדט דער פּאָעט? מיט וואָסערע ווערטער רעדט ער וועגן די טעג? וואָס טראַכט ער היינט?

אויפגאבן

1) שטעלט צונויף אַן אלבאָם: „דאָס לעבן און קאַמף פון די ארבעטנדיקע”. צעטיילט זיך אף גרופּקעס, יעדע גרופּקע זאָל באארבעטן אַן אנדער טעמע. טעמעס קאנען זיין אזעלכע:

א) דאָס לעבן און קאַמף פון די פּויערים ביז 1861 י.

ב) דאָס לעבן און קאַמף פון די פּויערים נאָך דער באפרייאונג און זייער אנטייל אין דער ערשטער רעוואָלוציע.

ג) וואָס האָט געגעבן די פּויערים די אָקטיאבער־רעוואָלוציע.

ד) ווי האָבן געלעבט די ארבעטער און ווי האָבן זיי געקעמפט קעגן זייערע באלעבאַטים.

ה) ווי אזוי האָבן געקעמפט די ערשטע רעוואָלוציאָנערן — די פּאָלקיסטן.

ו) ווי אזוי האָבן געקעמפט מיטן צאַריזם די באָלשעוויקעס.

ז) ווי אזוי זיינען פאָרגעקומען די דריי רעוואָלוציעס (פון 1905־טן יאָר, די פעווראלער און די אָקטיאבער־רעוואָלוציע) און מיט וואָס האָט זיך יעדע געענדיקט.

מאטעריאַל וועט איר קריגן אין ביכל „קאמף”, אין די זשורנאלן „פּיאָנער” און „יונגוואַלד”. צו יעדער טעמע זאָלט איר אנמאָלן אָדער ארייַנקלעפּן די פּאָרטרעטן פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין דער רעוואָלו-

ציאָנערער באַוועגונג און וואָס זייער נאָמען איז פֿאַרבליבן אין דער געשיכטע, און אונטערשרייבן א קורצע ביאָגראַפֿיע.

2) נעמט צונויף יעדיעס וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אייער אָרט: וועגן פּויערים-אויפשטאנדן קעגן די פּריצים, וועגן ארבעטער-שטרייקן, דערוויסט זיך וועגן די פּריצים, טשינאָווניקעס און פֿאַבריקאנטן, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט בא אייך, ווי זיינען זיי זיך באַגאַנגען מיט די פּויערים און ארבעטער.

3) שרייבט אָן די ביאָגראַפּיע פֿון די מענטשן, וואָס האָבן גענומען אָן אנטייל אין דעם רעוואלוציאָנערן קאַמף אין אייער אָרט.

4) אין די רעוואָלוציאָנערע טעג אָרדנט איין אוונטן אָדער מאָרגנס פֿאַר אייערע עלטערן און פֿאַר די קינדער, וואָס גייען ניט אין שול.

באַקענט זיי מיט די מער אינטערעסאנטע מאַטעריאַלן פֿון דעם, וואָס איר האָט דערלערנט וועגן דעם טאָג. לערנט אויס רעוואָלוציאָנערע לידער צום אוונט צום זינגען און דעקלאמירן.

מאַכט אזוי, אז די רעוואָלוציאָנערע טעג זאָלן זיין יאָנטויווים ניט נאָר פֿאַר אייער שול, נאָר אויך פֿאַר אייער פֿאַמיליע.

5) מאַכט זיך אינדערהיים רויטע ווינקלען. אין די ווינקלען קלעפּט אָן בילדער, לאָזונגען, אויסשניטן פֿון ציַיטונגען און זשורנאלן, קעדיי ס'זאָל זיין יאָנטעוודיק אויך בא אייך אינדערהיים.

ג. פ. ס. ר.

ב. גלאזמאן

דער אומקער אין הײמלאנד

I

דאָס קלײנע דאמפערל „פּראָגרעסיסט" הױבט אָן דורכצואקערן דורך די
װאסערן פון דניעפּער און פּריפּיעט!

פריש און קיל װײען די פארנאכטיקע װאסערן, װײען די פארנאכטיקע
ברעגן, לײכטן די זון-אָפּגלאַנצן אין קילע בליטשענדיקע טױבן פון ברעג-הײ-
זער. עס דערהערן זיך מיטאמאָל געשרײען און געזאַנגען—יונגע כעװרע,
קאָמסאָמאָליע, מיט פאַרברענטע און פארברױנטע לײבער, אינגלעך און מײד-
לעך, באגריסן פון א שיפל אף זײער אױפן דעם פארבײשװימענדיקן דאמפער.
דאָס שיפל הױדעט זיך אַף די װאַסער-כװאליעס, װאָס דער נאָענט פאַרבײ-
רודערנדיקער דאמפער שלאָגט אױף. הױדעט זיך, װי א הױדלקע. און ס'דוכט
זיך: אין דער נאָענטסטער מינוט קערט עס זיך איבער אין װאסער אריין...
נאָר קאָמסאָמאָליע איז מוטיק. קאָמסאָמאָליע װײסט ניט פון שרעק,—שלײדערן
כעװרע איצט קעגן די װענטלעך פון אונזער דאמפער די אקשאָנעדיקע און
ארױסרופנדיקע װערטער פון דער ליד, װאָס זײ זינגען איצט אין כאָר:

Умереть,
Умереть мы будем рады,
С красным знаменем в руках.

אז װינט און װײטקײט פאַרװײען און צעמישן מיט פארנאכטיק טונקלענ-
דיקע װאסערן די לעצטע אָפּגעריסענע הילכן פונם יונגן געזאנג, שװימט
מיטאמאָל ארױס פאַרן דארשטיקן אױג א בריק, װאָס הױערט*) מיט זײן גע-
קעסטלטער ברײט און לענג איבערן דניעפּר, דאָרטן טיף באַם האָריזאָנט...
מיט לאַנג איז ער פאַרענדיקט געװאָרן, אָט דער בריק, און געעפנט געװאָרן פאר
דורכפאָר פון ברעג צו ברעג,—פון בארגיק-װאלדיקן קיעװ צום פלאכזאמדיקן
טשערניגאָװ,—אָט דער שטאָלצער און גרױסער אױפטו פון דער סאָװעטישער
אינזשענערײ-קונסט: אלע טײלן פון אָט דעם נײעם בריק, די גרעסטע און
מאסיװסטע, װי די קלענסטע און פײנסטע, זײנען פארפארטיקט געװאָרן אף דו-

*) ליגט צעשפרײט.

סישע זאוואָדן און מעטאַל-גיסערייען... און פון ווייטן שיקט מיר דער ריזיקער בלויער מעטאַלן-געפּלעכט זיין טרייסט און בסורע:

— אַהאַ, גישקאָשע, מיר בויען, מיר בויען און מיר וועלן נאָך בויען!

דאָס איז דאָך דיזועלביקע פרייד, וואָס איך האָב געפילט באַם אַנבליק פונם אָקאָרשט אויפגעשטעלטן בריק איבערן פאַרכאַלעמטן, שטילן בוג, בא דער אַלטער שטאָט בראַסלאַוו, און ערגעץ אַנדערש וואו, און אומעטום, וואו איך פלעג נאָר זעען, ווי מע בויט, ווי מע פאַריכט, ווי מע שטעלט ווידער אויף.

איך פלעג זיך ניט קאָנען אָפּרייסן פון אַזעלכע סצענעס און איך פלעג נאָכאַנאַנד האַלטן אין איין כאַזערן:

— מיר בויען... מיר פאַרבן... מיר קאַלכן... מיר בויען... מיר וואַקסן...

נעבן דעם וואַסער-פּלומפּ הענגט אַ וואַנט-צייטונג פון די וואַסער-טראַנספּאָרטלער. איך פּרואוו אַדרייַנקוקן—ס'איז ניט מעגלעך: פינסטער. נאָר מיטאַמאָל גיט פון דער פינסטערניש, וואָס הערשט באַם פּלומפּ, אַ בלישטשע ארויס אַ דריי גרויסע, שווארצע און פעטע אידישע אויסיעס:

— פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

אַז איך שטרענג שאַרפער אַן מיינע בליקן, זע איך, אַז דאָס איז אַ שמאָל אויסגעשניטן צייטונגס-פּאַסיקל, וואָס איז דאָ אויפגעקלעפּט געוואָרן אָף דער וואַנט-צייטונג. עטלעכע אַזעלכע שמאָלע פּאַסיקלעך זיינען דאָ ארויפגעקלעפּט געוואָרן—דיזעלביקע אויפשריפט אין עטלעכע אייראָפּעאישע שפּראַכן: ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש.

— פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

ס'האָט מיך אויפגעהויבן פון ערד און אַ טראָג ארויף געגעבן אָפן דעק פון שיף, דאָס וואַסער איז—דער פרילינגדיקער דניעפּר, און די נאַכט—אַ אוקראַינישע.

שטיל, קיין ריר, קיין ווינטל, קיין שאָרך, שטאַרק-פינסטער, שמעקנדיק פרילינגדיק... איך הער באַשיינפּערלעך, ווי פון די פינסטערע ברעגן, וועלכע מוזן דאָ זיין ערגעץ גאָר נאָענט, כאָטש איך זע זיי ניט, טראָגן זיך רייכעס פון פריש אויפבליענדיקע וועלדער, פון ערד זיך פאַנאַנדערגעמענדיק, גרייט פאַר שעפערישער באַפרוכפּערונג... שטיל און שלעפערדיק דערטראָגט זיך פון דער נאָז פון שיף אַן אויסגעצויגן, האַלב-שלעפעריק רופן, אַ רופן, וואָס איז אַזוי אין איינקלאַנג מיט דער אַרומיקער שלאָפנדיקער, "נאַכטיקער געגנט,— אַ רופן, וואָס שלעפערט איין...

— אַכט... זיבן און אַ האַלב... ניין... אַכט און האַלב...

דאָס מעסט אַ מאַטראָס דעם גרונט פונם טייך. פאַר די יאָרן פון ביר-גער-קריג איז דער דניעפּר פאַרלאָזן געוואָרן, און דער „ברייטער און שטראָמיקער" טייך איז אַפילו פרילינג-צייט ערטערווייז איצט זומפּיק און פלאַך.

אַז איך עקבער טיפער איין מיינע בליקן אין דער פינסטערניש, הויב איך סאָפּקאָלסאָף אָן אויסצוטיילן פון איר הויכע, בערגיקע ברעגן, באַדעקט מיט טונקל-גרינעם, זאַפטיקן וואַלד—די ברעגן פון אַרום מ ע ז ש י ג אָ ר י ע...

ס'אַרא רואיקייט און פרילינגדיקע זאַטקייט עס טראָגט זיך פון דאָרט. צו דערמאָנען זיך נאָר, אַז ערשט מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָט די געגנט דאָ מאַמעש געשוויבלט מיט באַנדיטן... און די שטילקייט פון פרילינג-נעכט פלעגט דעמאָלט אַזוי אָפט צעריסן ווערן פון לעצטע טויט-געשרייען, און פון גאָר שרעקלעכערע פּכאָדים-געשרייען פון פאַרן טויט... און די וואַסערן פונם דניעפּר בא מעזשיגאָריע — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרטאָג. אַ זייגער דריי ערשט. איך שטיי אפן דעק. פרימאָרגן-קילקייט. פאַר מיר — אַ באַרגיקער ברעג. אַ באַוועלדערטער. עס איז נאָך פרי אין יאָר: בוימער זיינען נאָך שיטערלעך און זייען דורך בליקן. אַ שטאָט אַף בערג און אַף טאָלן. די שטאָט איז נאָך איינגעוויקלט אין פרימאָרגן-דעמערונג *). שטיל. פאַרשלאָפן נאָך. עס בלייכן זיך אָבער שוין ווייטע, געפאַרבטע הייזער. עס קרייען הענער. פונם נאָענטן וואַלד אַפן ברעג הערט זיך דייטלעך, ווי עס רופן לויטער קוקאַוקעס, איינע נאָך דער אַנדערער רופן זיי; איינע ווערט אַנטשוויגן. די אַנדערע כאַפּט אויף:

— קו-קו... קו-קו... קו-קו...

II

אין מיין געבורט-שטאָט איז דאָ איצט אַן עלעקטרישע סטאַנציע, עלעקטרישע באַלייכטונג...

אַסאַך, אַסאַך האָט מיין שטאָט פאַר אָט די לעצטע יאָרן איבערגעלעבט: די פּאָליאַקן, סאַווינקאָוו, בולאַק-באַלאַכאָוויטש האָבן אָן אַ שיר מיעסע, שרעקלעכע און פּיינלעכע שפּורן הינטער זיך איבערגעלאָזט... ווען זיי דערוויס איך זיך ביסלעכווייז. מיין מומע, מיין פעטער, מיינע קרויווים און מיינע לאַנדסלייט האָבן ווען דעם אַסאַך, אַסאַך צו דערציילן... נאָר אָט די אַלע וואונדן און ווייטיקן זיינען דאָך באַהאַלטן ערגיץ טיף. און פון אויבנאויף זעט מען זיי ניט דערוויל — זיי זיינען שוין פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ הייטל — מיט אַ הויט טאַקע! — פון נייעם, פון באַנייענדיקן לעבן... און אַף דעם, בעעמעס, האָב איך זיך ווייניק געריכט: אין אַזאַ קורצער צייט זאָל אַ שטאָט, וואָס האָט איבערגעלעבט אַזעלכע ווייטיקן און גרוילן, שוין באַווייזן אַזוי באַדייטנדיק קומען צו זיך...

די גאַסן — ריינע, ציכטיקע, אויסגעברוקירטע, ארומגעקערטע.

...די עלעקטרישע סטאַנציע אין מיין געבורט-שטאָט, איז אויפגעבויט געוואָרן גאָר ניט לאַנג צוריק, און דער גרויסער „רוטשאָק" — וואָס עס גיסן זיך אין אים אַריין פרילינג-צייט פון די אַרומיקע ליימיקע בערג היפּשע ליימיקע שטראָמען, וועלכע פאַרפּלייצן מאַמעש בעשאָס זומערדיקע רעגנס דעם מאַרק, דעם צענטער שטאָט, טראָגן אַוועק די געשטעלן, די רונדוקעס, די סכוירעס, טראָגן אַוועק וועגענער גאַנצע, אַפילע לעבעדיקע פערד און בעהיימעס — אָט אָ דער „רוטשאַק" איז ערשט הייַנטיקס יאָר איינגעאָרדנט גע-

*) דער איבערגאַנג פון פינסטערניש צו ליכטיקייט.

וואָרן אין א פאַרמאַכטן קאַנאַל אריין. איבער אים—א היפשער, ברייטער בריק (גיכער א דאך אזא א גאנצער...), אף וועלכן עס שטייען קלייטן, יאטקעס, געשטעלן אלערליי... דעם גאַנצן מארק פלאנעוועט דער קאָמכאָז (הוראַ!! ניטאָ שוין מער דער שיקער, דער „גאָלאָוואַ״!) אריבערצופירן אהער אף דערדאָזי-קער הילצערנער פלאַטפאָרם, וואָס איבערן קאַנאַל... דאָ איז ריין, ציכטיק. מיט א שיינער אויסזיכט אפן ברעג טייך...

אָ, אין מיין געבורטס-שטאָט איז דאָס לעבן קלאָל ניט איינגעשלאָפן: מע פלאנעוועט, מע פלאנעוועט אָן א שיר. מע איז דורשטיק און הונגעריק נאָך נייעס, נאָך אויפטוען: „מע וועט באווייזן דער וועלט, אָהאָ!״

אין שטאָט בא אונז בויט מען, מע באדעקט און באקלאפט דעכער, מע פלאנצט בוימלעך בא די זייטן גאַס.

... און אז איך גיי ארום אין דער פאָרשטאָט פאפאוטשינע, איז דאָרט שטיל און זאמדיק און זוניק.

די קארשנבוימער בליען. די שייבלעך פון די פענסטער גלאַנצן. פון די פילע בוימער איז אין די געסלעך שאָטנדיק.

איך גיי ארונטער פון טראקט, וואָס ציט זיך ברייט און זאמדיק צווישן פעלדער, קאראבקע זיך ארונטער טאָלן און ארויף בערגלעך, פארביי דעם אידישן לאנדווירטשאַפטלעכן ישעוו. איך לייג מיך אוועק אין מיטן א צעא-קערטן פעלד, וואָס שמעקט מיט הליבעס ערד, מיט פוילעכץ און מיט איינגע-זאַפטער זון.

שטיל ארום. עס באקט. עס בראָט. פליגעלעך און אלערליי אינזעקטן קריכן און פויזען אַף מיר. פון וויטן דערטראָגט זיך דער ביטער-שארפער רייעך פון קארשן-צוויט. שטיל. זוניק. אין באטאָגיקן דרעמל רוט דאָס ארומי-קע לאַנד—רוט און וואקסט... וואקסט... לופט איז אַזוי לויטער, אזוי שטיל. אז פון א גאָר וויטן וועלדל, אף יענער זייט טאָל, הערט זיך אַ גאכאנאנדיקער פארטאָגענער קוקאווקען:

— קו-קו... קו-קו... קו-קו...

און מיטאמאָל: קלעפ. קלאָרע, הילכיקע קלעפ אין לופט. קוים באוועג-דיק מיטן קאָפ—פויל און זוניק...—אף רעכטס, אַף לינקס, דערזע איך ליגנדי-קערהייט, ווי אַף א וויטן בערגל בויען פויערים, א הילצערן הויז, צי א שייער.

עס גלאַנצן ווייסע, אָפגעשיילטע קלעצער. עס בלישטשען ליכטיקע, פרישע ברעטער. עס לויכטן ווייסע, פארקאַשערטע ארבל איבער שווארצע וועסטלעך. און די געגנט איז אזוי דרימלענדיק און זוניק-פארכאלעשט, אז עס איז מאָדנע צו זעען, ווי מענטשן באוועגן זיך דאָרט, ארבעטן, בויען...

אָט יענץ הויז, וואָס מע בויט, איז גאַנץ וויטלעך פון מיר. נאָר די לופט איז אזוי שטיל און אזוי לויטער, און די קלעפ פון די העק און די שלעג פון די האמערן דערטראָגן זיך אזוי דייטלעך צו מיר, און באהערשן, און באדעקן די גאַנצע שלאָפנדיקע געגנט ארום:

טוק-טוק...

III

...קלאפּ-קלאפּ... טוק-טוק...

איך שפּאַן איבער דער גאַס, איבער יענער... אז די שטיינער פון ברוק זיינען מיר טייער, אז יעדעס הויז האָט מיר עפּעס צו דערציילן...

לענגער שטעל איך מיך אָפּ בא די פאַרשיידענע מעלוכע-געביידעס: ווי אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד, האָבן אויך אין מיין היימשטאָט אַלע שילדן פון די מעלוכע-געביידעס אַף זיך אויפשריפטן אויך אין אידיש.

„אויספירקאָם פונם ראַט פון ארבעטער, פויערים און רויטארמייאישע דעפּוטאטן"; „מיליטער-פּאַרוואלטונג פון דער אָפּטיילונג פון דער רויטער אַר-מיי"; „פּאַרוואלטונג פון דער מיליציע"; „פאָלקס-גערכט"; „קאָמונאלע ווירט-שאַפטלעכע פּאַרוואלטונג" און אז. וו. און אז. וו.

כאַפּן כאַפּ איך זיך אויף יעדן פרימאָרגן גאָר פרי—א בליאסק אף טאָג. איך הער, ווי די מומע גייט מעלקן די בעהיימע. זי גייט מיט פּאַרזיכטיקע, שטילע טריט, קעדיי זי זאָל מיך ניט אויפוועקן. נאָר ווער שלאָפט דען... מיינע אויגן פלאָנטערן זיך אינם היימאַט-פרימאָרגן, וואָס הויבט זיך שוין אָן צו גאָלדן קעגן די פענסטער פון מיין צימער.

די פענסטער מיינע קוקן ארויס אַף קסיאָנדזאָווקע—א בארגיק וואלדיק אָרט אַזא, וואוהין—איך געדענק נאָך פון קינדהייט אָן—עלטערע לייט און יונגוואַרג פלעגן גיין שפּאַצירן אין די זוניקע און ליכטיקע שאבעס-נאָך-וואַ-רעמעסן... קעדיי אָנצוקומען אהער, פלעגן אָבער די איינוואוינער פון דער שטאָט דאַרפן מאַכן א גרויסן אומוועג, דורך גאַסלעך און דורך גריבערדיקע ראָוון. כאָטש דער קירצסטער און גרינגסטער וועג פירט אהין גלייך פון צענטר שטאָט, פון דעם מאַרק.

דער קסיאָנדז *), וועמען אָט די גאַנצע געגנט האָט געהערט, האָט קיי-נעם פון דער שטאָט-באַפעלקערונג ניט געלאָזט דורכגיין מיט דעם הויפּט-וועג, וועלכער האָט געפירט דורכן קאַשציאָל **)-הויף. די צווייטע בארגיקע פּאַר-שטאָט—אויך א גוט אָרט פאַר זומערדיקע שפּאַציר-גענג—איז אויך געווען אין גאַלאָכישע הענט, אין די הענט פונם פּאָפּ, און האָט טאַקע אזוי געהייסן: פּאָפּאָווטשינע... א פּאָפּ פון רעכטס, א קסיאנדז פון לינקס, און אין מיטן—דאָס העקדעש-געסל...

נאָר איצטער,—איצטער, אז:

דער מיילעך איז געשטאָרבן,
די מאלקע איז פארדאָרבן,
דער בוים איז אָפּגעבראָכן,
דאָס פייגעלע פון נעסט אנטלאָפן...

איצטער איז גאָר אַן אַנדער וועלט... דער גאָלדענער ציילעם אַפן קאָש-ציאָל בויגט זיך, האַלט באַם איינפאַלן... דורכן הויכן סופיטן-דאך רינט אריין...

---

*) קסיאָנדז—א פּוילישער גאַלעך.

**) קאַשציאָל—א פּוילישער קלויסטער

דער קאַשציאָל פּוסטעוועט... קיינער גיט אַף אים ניט אַכטונג... דער קסיאָנדז איז לאַנג אנטלאָפן מיט דער צוריקלויפנדיקער פּוילישער אַרמיי.

דערפאַר אָבער —

דערפאַר אבער איז איצט אין קאָשציאָל-הויף גאָר לעבעדיק-פריילעך. איר קאָנט הערן א גאַנצן טאָג, ווי דאָרט האַקט מען, זעגט מען, מע גייט פּארשמייעט ארום הין און צוריק. אז א ווינטל ווייעט, שמייסט ער פון דאָרטן ארויס הויפנס גאַנצע מיט גאָלדענע סטרוזשקעס: אהין האָט זיך אריינגעקליבן אן ארימער אידישער סטאָליער מיט זיין פאַמיליע, און האָרעוועט זיך דאָרט גאַנץ פלייסיק.

און די „שטאָט", אז זי וויל איצט גיין אַף קסיאָנדזאָווקע שפּאַצירן, חייסט זי שוין א בעסערן און א קירצערן וועג איידער פריער...

קעגן מיינע פענסטער, וואָס שיינען אויף אין פרימאָרגן-זון, גרינען זיך בוימער, פון צווישן די בוימער הערט זיך פון גאָר פרי דאָס לויטערע, קלאָרע קו-קו פון א קוקאווקע.

קו-קו... קו-קו... קו-קו...

מיר איז גוט. מיר איז רואיק. היימיש. היימאַט...

---

1) געפינט אַף דער קאַרטע דעם וועג, וואו דער שרייבער איז געפאָרן.

2) וועלכע זאַכן רופן ארויס באַם שרייבער א באַזונדער פרייד באַ זיין אומקערן זיך אהיים?

3) שרייבט ארויס די אלע ערטער, וואו ס'ווערט באַשריבן דאָס אויפבויען פון אונזער לאַנד.

4) דערוויסט זיך, וואָס בויט זיך אין אייער אָרט, און באַשרייבט עס.

א. טשעכאָוו

אין די סטעפּעס

פאַר אונז האָט זיך אויסגעשפּרייט דער ברייטער אומענדלעכער פליין, ערטערוויז דורכגעשניטן מיט היגלען. די היגלען גיסן זיך צונויף אין איין לאַנגער קייט, וואָס ציט זיך העט ביזן האָריזאָנט און ווערט פאַרלאָרן אין דער בלויער ווייטקייט. די זון איז אויפגעגאַנגען און האָט זיך שטיל גענומען צו דער ארבעט: ווייט-ווייט פאָרויס, וואו דער הימל גיסט זיך צונויף מיט דער ערד, נעבן די אָנגעשאָטענע בערגלעך און נעבן דער ווינט-מיל, וואָס זעט אויס, ווי א נידעריק מענטשל מיט צעשפּרייטע הענט, האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער ערד א געלער פּאַס; דער פּאַס האָט זיך אויסגעצויגן רעכטס און לינקס צו די היגלען, זיך פאַרגאַנוועט פון הינטן. און באַלד טאַקע האָט דער גאַנצער ברייטער סטעפּ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שאָטנס, האָט א שמייכל געטאָן און געגלאַנצט אין טוי.

דאָס אָפּגעשניטענע קאָרן, די ביטער-גראָז, די ווילדע קאָנאָפּליע — אַלץ, וואָס איז פאַרדאַרט און פאַרברענט געוועזן פון היץ, — האָט איצט אויפגעלעבט, געבלאַנקט, אויסגעוואַקסן אַף דער זון.

איבערן וועג האָבן געשפּאַצירט די סוסלעס. אין דער הויך האָט געשוועבט א סטאַיע קוראָפּאַטקעס, וואָס האָט זיך א דערשראָקענע אויפגעהויבן פון אונטערן וואָגן און מיט א שטילן טררר... טרר... אוועקגעטראָגן זיך צו די היגלען. די גרינע היישעריקן, די גרילן און סטעפּ-באַבעלעך האָבן אין גראָז געגרילט, געפּילדערט.

ס'איז אוועק א קורצע צייט, דער טוי האָט זיך אויסגעדעמפּט, די לופט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן און דער סטעפּ האָט ווידער באַקומען זיין אַרמעטיקן אויסזעען.

אָט פליט איבערן סטעפּ א שפּאַרבער, באוועגט לאַנגזאַם זיינע פליגלען, פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָפּ, ווי ער וואָלט זיך עפּעס פאַרטראַכט, גיט ווידער א מאַך מיט די פליגלען און ווי א פייל אויסן בויגן טראָגט ער זיך איבערן סטעפּ...

אונז אנטקעגן פאָרט א וואָגן מיט סנאָפּעס, ס'ליגט אויסגעצויגן א פאַרשלאָפענע, פון דער זון אָפּגעברענטע מיידל, זי טוט א הויב דעם קאָפּ און קוקט מיט ברייט געעפנטע אויגן אַף די דורכפאָרער.

אָט שטייט אַף אַ היגל א טאָפּאָל; ווער האָט אים אהער פאַרטראָגן? שלאַנק און גרין הויבט ער זיין שטאָלצן קאָפּ צום הימל, און הינטער אים ציט זיך העט וויט ביזן וועג א העל-געלער פּאַס ווייץ; אפן שפּיץ בערגל איז די טוואָרע שוין אָפּגעשניטן, שטייט אין די גאַרבן און אונטן שניידט מען... זעקס פּויערים שטייען אין א ריי, שניידן די ווייץ, די קאָפּעס בלאַנקען אַף דער זון און לייגן אויס שורעסווייז די גאָלדענע ווייץ. די היץ איז גרויס, זי ברענט און שטיקט. א שווארצער קודלאַטער הונט מיט אַן ארויסגעשטעקטן צונג האָט זיך געלאָזן צום וואָגן, ער וויל בילן, נאָר באלד שטעלט ער זיך אין מיטן וועג און קוקט גלייכגילטיק אפן פורמאַן, וואָס שרעקט אים מיטן בייטש: ס'איז הייס, שווער צו בילן!

מיר האָבן אויסגעמיטן די ווייץ און ווידער האָט זיך אוועקגעצויגן דער אָפּגעברענטער פליין, די אומעטיקע פויגלען, דער צעגליטער הימל. ווידער שוועבט אין דער לופטן דער שפּאַרבער.

ס'האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון הינט. זעקס ריזיקע הינט זיינען פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען און האָבן זיך מיט א בילעריי געוואָרפן אַף די פערד. בייזע, מיט בלוט אָנגעגאָסענע אויגן, האָבן זיי ארומגערינגלט דעם וואָגן, געשטויסן זיך און הייזעריק געבילט.

באלד האָט זיך באוויזן א סטאַדע שעפּכן. אַן אלטער פּאַסטוך, אַן אָפּגעריסענער, א באָרוועסער, אין א וואָרימען הוטל מיט א לאַנגן שטעקן אין האַנט און מיט א טאָרבע אַף די פּלייצעס; א צווייטער פּאַסטוך איז געשטאַנען אומבאוועגלעך און גלייכגילטיק געקוקט אַף אונז.

די ווייסע ווינט-מיל ווערט אַלץ נעענטער, בוילעטער; די אלטע פאַרלאטעטע פליגלען אירע הענגען אומבאַהאָלפן, ווי די פליגלען פון א פאַרוואונדעטן פויגל.

די בערגלעך האָבן זיך נאָך אלץ, ווי אן אומענדלעכע קייט, געצויגן פאַר אונז, ס'האָבן געשוועבט די אָפגעשניטענע פאַסן טוואָע, און דער שפּאַרבער האָט זיך לאַנגזאַם געטראָגן איבערן סטעפּ. די לופט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון היץ און די נאַטור האָט געשוויגן... קיין ווינטעלע, קיין וואָלקנדל...

אין א צוקער-פאבריק

I

עס איז סאָף סענטיאַבר. באַטאָג אָבער איז אין פעלד נאָך הייס. ס'איז ניט צו זעען קיין וואָלקנדל אפן הויכן לויטערן הימל. די אָפגעשניטענע פעלדער זיינען אויסגעברענט פון זון. זאַפטיק זיינען נאָר די בלעטער פון די בוריקעס, וואָס זיינען נאָך ניט אויסגעגראָבן.

פון הינטער די טאָפּאָליעס, אָף יענער זייט טייך, ציט זיך א ברייטע סטענגע רויך, וואָס יאָגט ארויס אין געדיכטע מאַסן פון פאַבריק-קוימען און ציט זיך אויס אין אַ שמאָלן, לאַנגן, דינעם וואָלקן.

איך האָב באַמערקט ווייט-ווייט אפן וועג, א גאַנצע ריי וועגענער. דאָס האָט מען געפירט בוריקעס: מע גראָבט זיי איצט, קאָלזמאַן ס'איז נאָך א גוטער שיינער וועטער. פון באַגינען ביז שפעט אין אָוונט גראָבן דאָ די על-טערע די בוריקעס, רייניקן זיי אָפּ פון ערד, שניידן ארום די בלעטער און וואָרצלען, און די קינדער פירן אָפּ די בוריקעס אין צוקער-פאַבריק.

א כאַדאָשים 2—3 דאַרף נאָך געדויערן, ביז מע וועט די בוריקעס אינגאַנצן פון פעלד אראָפּנעמען: שווער איז אין א קירצערער צייט אראָפּצונעמען זיי פון די פעלדער, וואָס פאַרנעמען א שעטעך פון 2000 העקטאר. זייער שווער איז צו ארבעטן דאָ אין די גרויסע היצן, נאָר נאָך ערגער איז, ווען ס'קומט אויס צו גראָבן די בוריקעס אונטערן רעגן אין האַרבסט-צייט: די פיס זינקען דאן אין דעם צעווייקטן באָדן, די הענט ווערן פאַרגליווערט פון קעלט, און די דורכגעווייקטע בעגאָדים באַשיצן ניט פון דעם בייזן מיזרעכדיקן ווינט, וואָס האָט זיך צעהוליעט אפן סטעפּ.

אז איך האָב שוין באַוויזן ארויפצופאָרן אפן סאַמע שפּיץ בערגל, פון וועלכן ס'האָט זיך אָנגעהויבן א מעשופּעדיקער אַראָפּלאָז, האָט זיך געעפנט פאַר מיר א בילד פון א ריזיקער צוקער-פאַבריק. אָט האָט א בלאַנק געטאָן מיט איר וואסער-שפּיגל א גרויסע סאַזשלקע.

פון הינטער דעם ברייטן עק פון סאַזשלקע דערהויבט זיך די געביידע פון פאַבריק מיט דעם הויכן טורעם פון וואַסער-רעזערוואואר, מיט די ריזיקע פענסטער פון דער מאַשינען-געביידע, מיט דעם ריזיק הויכן קאַלך-אויוון און גרויסן קוימען.

הינטער דער פֿאַבריק זעט זיך א גרויסער שעטעך, וואו ס'זיינען צונויפֿ-געלייגט די בוריקעס, אין עק זעען זיך שוין הויכע, אין שורעס אויפֿגעלייגטע קופּעס בוריקעס, וואָס זיינען צוגעדעקט מיט ערד.

אף דער פֿאַבריק פֿילט זיך א לעבן, באַוועגונג. עס רויכערן זיך די קוימענס, מיט ראַש רייסן זיך ארויס וואָלקנס דאַמף פֿון עפּעס א מאַשין.

איינס נאָכן אנדערן הויבן זיך אויף אין דער בוריקעס-אָפּטיילונג וועגע-נער, וואָס לאָדן אויס די בוריקעס און לאָזן זיך דערנאָך אראָפּ צוריק ליידיקע מיט א געקלאַפּעריי און א ליארם.

די פֿאַבריק שלינגט איין יעדע שאָ ביז 20.000 קילאָגראַם בוריקעס. איבער הונדערט פֿורן זיינען באשעפֿטיקט מיטן דערלאַנגען די בוריקעס.

און אָט ניט ווייט פֿון דער בוריקעס-אָפּטיילונג זיינען שטאַרק באשעפֿ-טיקט ארבעטער ארום וואגאנעלעך, אין וועלכע עס ווערן אָפּגעפֿירט די בורי-קעס-שיראים—די צעפּאַרעטע און צעוויקעטע סטרוזשקעס.

בא דערזעלבער ארבעט זיינען פֿאַרנומען צוויי קליינע לאָקאָמאָטיוולעך, וואָס בלאָזן און סאָפּען שטאַרק.

צענדליקער וועגענער, וואָס זיינען געשפּאַנט מיט רואיקע שטילע אָקסן, וועלכע ווערן אָנגעטריבן דורך קינדער, פֿירן צו דער פֿאַבריק קוילן און קאַלך.

דידאָזיקע גאַנצע מאַסע שטיין- און האַלך-מאַטעריאַל ווערט ביסלעכווייז פֿאַרצערט דורך דער פֿאַבריק, וועלכע ארבעט אויס אין מעשעך פֿון 4—5 כאַ-דאָשים צו 57—60 טויזנט קילאָגראַם צוקער אין א מעסלעס. ס'גייט דאָ איצט א פֿיבערדיקע ארבעט. מע טאָר ניט שלאָפֿן, מע טאָר קיין צייט ניט פֿאַרלירן. די ארבעט וואַרט ניט. דאָס פֿילט יעדערער: ווי דער דירעקטאָר, אזוי דער מאַיס-טער און די ארבעטער. דאָס האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן אַפֿילע אף א מעהאַלעך פֿון פֿאַבריק.

II

נאָך א קורצן שמועס וועגן די איניאָנים, צוליב וועלכע איך בין געקו-מען צו פֿאָרן, האָט מיר דער דירעקטאָר פֿאָרגעלייגט צו באַקוקן די צוקער-פֿאַבריק.

צוערשט האָט ער מיך פֿאַרפֿירט אין דער בוריקעס-אָפּטיילונג.

מיט געררויש פֿלעגן דאָ צופֿאָרן שווער-באַלאָדענע פֿורן און אַראָפּוואַרפֿן די בוריקעס אין אונטערשטן גאָרן. אָט דאָ פֿלעגן די בוריקעס שוין אריינ-גענומען ווערן אין דער רעכטער ארבעט: אפֿריער אין דער מעכאַנישער וועש-שעריי, וואו זיי פֿלעגן אויסגעוואַשן ווערן, און נאָכדעם פֿלעגן זיי דורך אן עלעוואַטאָר דערלאַנגט ווערן אפֿן דריטן גאָרן, וואו די שנייד-מאַשינעס פֿלעגן מיט א מוירעדיקער געשווינדקייט פֿאַרוואַנדלען די בוריקעס אין דינע צאַרטע און ווייכע סטרוזשקעס. איך האָב פֿאַרלאָזן די שמוציקע, נאַסע און האַלבפֿינ-סטערע וועשעריי און האָב זיך אָפּגעשטעלט נעבן די דיפֿוזאָרן.

קעסלדער, אָן אויפֿהער שטראָמען דאָ פֿון אונטער די מעסערס פֿון דער שנייד-מאַשין דינע בוריקעס-לאָקשן, וועלכע ווערן אוועקגעטראָגן דורכן אומ-

ענדלעכן געשווינד-לויפיקן רימען, וואָס איז פאַרייניקט מיט די קאָלאָסאַלע אכצן דיפוזאָרן, וואָס געפינען זיך אונטערן דיל.

יעדע דריי מינוט ווערט איין דיפוזאָר אָפּגעליידיקט דורך עפּעס אַן עפענונג, וואָס געפינט זיך פון אונטן.

אַן אַרבעטער עפנט אויף דעם אויבערשטן דעקל, און אַ הייסער שטראָם וואַסער שווענקט אַרום די ווענטלעך פון דיפוזאָר. און גלייך דערנאָך ווערט אין אים דורך אַ ספּעציעלער רער אַריינגעפירט דער שטראָם סטרוזשקעס, וואָס ווערט געבראַכט דורכן רימען. עס געדויערט ניט מער, ווי אַ צוויי—דריי מינוט, און דער גרויסער רעזערוואואַר פון דיפוזאָר איז פול ביז איבער די ברעגן. ער ווערט געשווינד פאַרמאַכט מיט אַ דעקל און אין אים ווערט אַריינגעלאָזן אַ שטראָם זודיקע וואַסער, וואָס איז שוין אַדורך אַ 15 אַזעלכע דיפוזאָרן.

די סטרוזשקעס ווערן דערווייל אָפּגעווענדעט אין אַ צווייטן רעזערוואואַר, וואָס האָט זיך צו דער צייט אָפּגעליידיקט און אָפּגעשווענקט מיט וואַסער. איין גרופּע אַרבעטער בייט אום די צווייטע. די דעקלעך ווערן רעגולער אויפגעעפנט און פאַרמאַכט, די קראַנען—אָפּגעדרייט און פאַרדרייט; עס לויפט דער אומענדלעכער רימען מיט די בוריקעס-סטרוזשקעס, די זודיקע וואַסער אין די טרויבן שטראָמט, און דער זיסער זאַפט ווערט אָפּגעפירט אין די טריקן-הייזער. אָט אַזוי גייט דאָס די אַרבעט און ראַעשט אָן אויפהער.

אַ צופעליקער אָפּהאַלט, עפּעס אַ בראָך אָדער דאָס אומבייטן פון אַ מעסער קאָן אָף אַ קורצער צייט אָפּהאַלטן דעם מעכטיקן גאַנג פון דעם ריזיקן מעכאַניזם, וואָס זיינע אַלע טיילן זיינען זיך ווי עפּעס צונויפגעוואַקסן אין איין קערפּער.

איך האָב זיך אויפגעהויבן אָף די טרעפּ און בין אַריין אין לאַבאָראַטאָריע.

דאָס איז געווען אַ גרויסער זאַל, וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען פון צוויי גאָרן.

דער אונטערשייד צווישן אונטערשטן און אויבערשטן גאָרן איז געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט. אונטן איז דער גאַנצער שעטעך געווען פאַרשטעלט מיט מאַשינעס און פּאָמפּעס. די גרויסע מאַסן רערן, וואָס זיינען באַשטימט פאַרן דאַמף, זאַפטן, פאַרשיידענע סיראָפּן און וואַסערן (ריינע און שמוציקע) האָט פאַרגעשטעלט עפּעס אַ נעץ, אין וועלכער, דאַכט זיך, אפילו אַ געניטער מענטש וואָלט זיך ניט לייכט פאַנאַנדערגעקליבן. אין אייניקע ערטער, אין די ווינקלען, לעמאָשל, וואָס זיינען געווען שטאַרק דערווייטערט פון די פענסטער, האָבן אויך איצט באַטאָג געברענט לעמפּלעך, מאַכמעס אָן פייער וואָלט דאָ געהערשט אַ פולשטענדיקער כוישעך.

אין דערדאָזיקער מעלוכע פון מעכאַניזמען און מעכאַנישער באַוועגונג זיינען אַרומגעגאַנגען מאַשיניסטן, וועלכע טראָגן צוזאַמען מיט די טאָקאַרעס, גיסערס און אַנדערע דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מעכאַניקער“.

מעכאַניקער מיט ערנסטע פּנימער, באַדעקטע מיט סאַזשע, מיט שוואַרצע הענט, פאַרשמאָלצענע בלוזעס און שמאָלע הויזן, אַריינגעלאָזענע אין די

שטיוול, האָבן זיך דאָ, אין דעם לאַבירינט פון רערן און פּאָמפּעס, געפּילט, ווי באַ זיך אינדערהיים, און האָבן זיך גענומען פארן שרויפן-ציער אדער שווערן האַמער מיט דערזעלבער פלינקייט, ווי אַ שניידער פאר דער נאָדל-פאָדים.

אַ צוויי—דריי מיידלעך האָבן זיך דאָ און דאָרט אָנגעבויגן, געווישט מיט לאַנגע טיכלעך די דילן און האָבן אויסגעזעען דאָ ווי פרעמדע פיגורן.

איך האָב זיך אויפגעהויבן אינדערהויך און בין אריינגעפאַלן אין עפּעס גאָר אן אנדער וועלט. קיין מאַשינעס זיינען אין דער אָפּטיילונג ניט געווען און אלץ איז געווען אומבאוועגלעך. ס׳האָבן זיך נאָר געוואָרפן אין די אויגן רעזערוואוארן פון פאַרשיידענער גרויס און אויסזעען.

אָט גייט אַ גאַנצע דריי ענג צונויפגעשטעלטע פּירקאנטיקע קעסלען, וואו די צוקער-זאַפטן ווערן אָפּגערייניקט דורך קאַלך און קוילנזויער. ווייטער ציט זיך אַ גאַנצע באטאריע ליגנדיקע קעסלען, וואָס ווערן דערוואַרימט דורך הייסן דאמף. דאָ ווערט אויסגעדאַמפּט די גרויסע צאָל וואסער, וואָס געפינט זיך אין דעם צוקער-זאַפט. און נאָך ווייטער אַביסל, העכער פון די איבעריקע, דערהויבן זיך דריי קאָלאָסאַלע צילינדערס, אין וועלכע מע קריסטאליזירט אויס צוקער פון די געדיכטע סיראָפּן. די טרויבן און קעסלען זייגען געווען באדעקט מיט אַ דיקן שיכט פעטס אָדער באַשמירט מיט אַ שמירעכץ און כּדי דעם זיינען זיי געווען אָפּגעפאַרבט מיט העל-געלע פארב, קעדיי בעסער אויס-צוהיטן די וואַרימקייט אין די אַפּאַראַטן. די ארבעט, וואָס קומט פאָר אינע-ווייניק אין די אַפּאַראַטן, איז פאַרבאָרגן פון אַ זייטיקן אויג. נאָר וואו-ניט-וואו קאָן מען מערקן דורך אַ קליין גלעזל אין אַ קעסל אַ פאליענדיקע געלבלעכע פליסיקייט.

דאָ איז רואיק, שטיל. ניטאָ די באַוועגונג, וואָס אין דער אונטערשטער אָפּטיילונג.

נאָר געציילטע, איינציקע אַרבעטער זעען זיך דאָ צווישן די ריזיקע פארמאַכטע קעסלען, וועלכע עס איז, דאַכט זיך, ענג אין דעם גרויסן געררי-מיקן זאַל.

ס׳הערט זיך ערגעץ אַ טויבער גערויש פון דאַמף, און פון אונטן, פון דער מאַשינען-מעלוכע, דערטראָגט זיך אהער אַ געקלאַפּעריי פון די רעדער. שטיל-שווייגנדיק שטייען די אַרבעטער צווישן די אַפּאַראַטן, דרייען ווען-ניט-ווען אָפּ אָדער פאַרדרייען אַ שרייפל צי אַ רעדל, עפענען אָפּ דעם פּרוואו-קראַן און צאַפּן אָפּ אין אַ גלעזל אַביסל הייסן זאַפט און שיקן אים איבער דורך אַן אַרבעטערין צו דעם פּרוואו-טישל. ס׳ווערט ווידער אַלץ אַנטשוויגן, ס׳באהערשט אלץ אַ רואיקייט, און די מענטשן, וואָס שטייען, דאַכט זיך, אָן שום אַרבעט, זיינען ווי אנדרעמלט געוואָרן צווישן די געוואלדיק-גרויסע זודיקע קעסלען.

די אַרבעטער זיינען ס׳ראָוו געשטאַנען באַרוועס, פאַנאַנדערגעשפּילעט די בלוזעס און באַפּרייט טיילוייז פון די אויבער-בעגאָדים. ניט קוקנדיק אף דעם אלעמען און ניט קוקנדיק אף די פאַנאַנדערגעעפנטע פענסטער, זיינען די

אַרבעטער געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט פון היץ, וואָס האָט דאָ דערגרייכט אין אלגעמיין ביז 25⁰ + און נעענטער צו די קעסלען ביז 30⁰ +. די היץ און איינאַרטיקייט פון דער אַרבעט מאַטערט שטאַרק איין דעם מענטשן.

די אַרבעט אין צוקער-פאַבריק גייט אַ קיילעכדיקן מעסלעס אָן אויפהער אין 3 מישמוירעס. די אַרבעט איז אַ שווערע און ווירקט אָפּט זייער שלעכט אפן געזונט-צושטאַנד פון די אַרבעטער. אויסגעמאַטערטקייט, איבערמידקייט, רעוומאַטיזם און אַ באַזונדערע נויגונג צו פאַרקילן זיך באַקומען די אַרבעטער ביערושע פון דער פאַבריק.

איך בין אַוועק ווייטער און בין צוגעקומען צו דער „וויסעריי", וואו דער קריסטאַליזירטער צוקער ווערט באַפרייט פון דעם געל-רויטן סיראָפּ. דער צו-קער ווערט דערנאָך אין דיזעלבע מאַשינעס ווידער דורכגעשווענקט מיט ריין וואַסער און נאָכדעם ווערט ער שוין אָפּגעשיקט אין געשטאַלט פון מעלצוקער אין די טריקן-אויוונס.

די אַרבעט האָט געקאָכט. די גאַנצע פאַדלאָגע, ווי אויך די בעגאָדים פון די אַרבעטער, זיינען געווען באַדעקט מיט אַ קלעפּיקן זיסן שיכט, מאַכמעס אין געאייל פלעגט שטאַרק צעשפריצט ווערן דער סיראָפּ.

די היץ אין דער אָפּטיילונג איז געווען נאָך גרעסער, ווי אין די איבע-ריקע אָפּטיילונגען פון פאַבריק. דער געאייל, דער געלויף פון די אַרבעטער, וואָס האָבן פאַנאַנדערגעפירט די גרויסע קריג מיט קריסטאַליזירטן צוקער, האָט צוגעגעבן דעמדאָזיקן ווינקל עפּעס אַ מאָדנעם, אויסטערלישן כאַראַקטער.

לענגער פאַרבלייבן דאָ אין דער היץ, אין ראַעש און ענגשאַפט איז גע-ווען שווער, און איך בין אוועק.

---

1) רעכנט אויס אלע ארבעטן, וואָס ווערן געטאָן, ביז פון אַ בוריק באקומט זיך צוקער.

2) דערקלערט. פאַרוואָס דאַרף האָבן די פאַבריק אזא גרויסן שטעטך ערד.

3) אין וועלכע ערטער פון אונזער פאַרבאַנד איז אנטוויקלט די צוקער-פראָדוקציע?

פ. סוראזשסקי

פון אוראל קיין דאָנבאַס

I

אין סווערדלאָווסק אפן וואָקזאַל איז אַ גרויסע ענגשאַפט. פעטקע האָט זיך דורכגעשטופט צווישן אוילאם און האָט דערזעען עטלעכע פענסטערלעך, און באַ יעדן פענסטערל שטייט אויסגעשטעלט אַ לאַנגע ריי.

ווייסט ניט פעטקע וואוהין מע פאָרט און ווען גייען אָפּ די צוגן. האָט ער אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן:

— וואוהין גיט מען בילעטן?

— מע גיט נאָך ניט.

— נו, וועט מען געבן?

— געבן וועט מען אף סאַמאַרע. וואוהין דאַרפסטו?

— קיין דאָנבאַס.

— דאַרפסטו דאָך טאַקע פאָרן דורך סאַמאַרע. שטעל זיך הינטער מיר, און אין וועלכן אָרט, אַשטייגער, דאַרפסטו?

— וואָס הייסט, קיין דאָנבאַס,—ענטפערט ווידער פעטקע.

— נו, דאָנבאַס איז גרויס,—שמייכלט דער', וואָס שטייט פאַר פעטקען,— דאָרט זיינען פאַראַן אַסאַך שטעט.

פעטקע האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן. איצט איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער ווייס טאַקע גיט, וואוהין ער דאַרף פאָרן. ער האָט אַ זאָג געטאָן דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איז אים געקומען אָף דער צונג.

— קיין יוזאָווקע.

— איצט איז ניטאָ מער קיין יוזאָווקע,—האָט דער מענטש געזאָגט.

— וואָס הייסט ניטאָ?

— איצט איז סטאַלינאָ.—ער האָט זיך אויסגעהוסט און ווייטער גערעדט:—אויב פאָרן מיט דער באַן, וועט דיר אויסקומען אָנצולייגן אַסאַך וועג. בעסער זאָלסטו נעמען אַ בילעט ביז סאַמאַרע, דאָרטן זעצסטו זיך אויף אַפּן דאַמפער, וואָס גייט קיין צאַריצין (איצט הייסט עס סטאַלינגראַד), און פון דאָרטן קיין דאָנבאַס איז אַ שפּיי צו טאָן. אַזוי' וועט דיך קאָסטן וועלוועלער.

— קומט אויס, אַז מע דאַרף פאָרן איבער דער וואָלגע?

— אַוואַדע.

— נו, אויב אַזוי, פאָר איך טאַקע מיט דעם וועג. און וואוהין פאָרט איר?

— קיין טשעליאַבינסק.

— איך פאָר אויך דורך טשעליאַבינסק?

— נו, יאָ: טשעליאַבינסק, זלאַטאָוסט, אופאַ.

— אַי, ווי גוט! וועל איך, הייסט עס, קענען אין זלאַטאָוסט זיך אָפּשטעלן.

II

זיצט זיך אַזוי פעטקע אין וואַגאָן מיט אַ בילעט אין קעשענע, און דער צוג טראָגט אים צווישן וועלדער און בערג. זיי זעען זיך אין דער ווייטער בלויקייט פון צאָפן און פאָרויס שפּרייט זיך אַ ברייטער סטעפּישער פליין. פון טשעליאַבינסק אָן גייען סטעפּעס. דאָס גראָז גיט געקאָסעט, פעלדער ווייניק, דערפער באַגעגנט מען זעלטן. ס'הערן זיך שמועסן:

— אַט ווען מע זאָל אַהער ברענגען טראַקטאָרן, טשערעדעס שאָף מיט רינדער, וואָלט דאָ געוואָרן אַ לעבן.

פעטקע האָט זיך דערמאָנט אָן די טראַקטאָרן, וואָס ער האָט געזעען אין לעני‌נגראַד, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— אײנגיכן װעלן מיר האָבן טראַקטאָרן, װיפל דו װילסט.

— װאו װעט מען נעמען?

— פון „רױטן פוטילאָװעץ". איך האָב אַלײן געזעען, װי מע מאַכט זײ.

עס האָבן זיך װידער באַװיזן די בערג. לענגויס דעם װעג האָבן זיך געצױגן הױכע װעלדער, און פעטקען האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז זײ פאָרן אַף צוריק.

דאָס איז געװען דער דאָרעמדיקער אוראַל. ער האָט אױסגעזעען שענער, װי דער צאָפנדיקער און מיטעלער אוראַל. די בערג זײנען דאָ העכער און אָפגעהאַקטער, די סאָלן זײנען טיפער, די טײכלעך שטרעמיקער, און די אָזערעס צװישן די בערג זײנען אַזױנע בלױע.

דער צוג האָט זיך אַזױ װי פאַרפּלאָנטערט צװישן די בערג. ס'האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז ער װאַרפט זיך פון אײן זײט אין דער אַנדערער. גלײך ער װיל זיך אַרױסרײסן אַף דער פרײ. נאָר אַרױסרײסן זיך קאָן ער ניט. װי נאָר ער איז אַרומגעגאַנגען אײן באַרג-שפיץ, װאַקסט שױן אױס אַן אַנדערער, נאָך אַ העכערער, און דער צוג פאַרנעמט זיך װידער אין דער זײט אַרײן, זוכנדיק אַ װעג אַרױס.

אין אײן אָרט האָט מען זיך לאַנג געדרײט אין אַ טיפן קעסל-גרוב, דערנאָך איז מען אַרײן אין אַ שמאָלן באַרג-שפאַלט, װאו ס'האָט גערױשט אַ טײך אין דער טיף.

אין אָװנט האָט פעטקע דערזעען אין מאַירעװ-זײט באַם זון-פאַרגײן אַ הױכן, הױכן באַרג. ער האָט אױסגעזעען, װי אַ רױז צװישן קאַרליקעס.

— װאָסער באַרג איז דאָס?—האָט פעטקע געפרעגט.

— טאַגאַנאַי,—האָט געענטפערט אַן אַלטער אוראַלער.—דאָס איז באַ אונז דער העכסטער באַרג.

— און אַרױפדראַפען זיך אַף אים קאָן מען?

— קאָנען קאָן מען, נאָר מע דאַרף זיך אָנמאַטערן,—ער איז שטאַרק הױך און אָפגעהאַקט.

אין זלאַטאוסט זײנען זײ אָנגעקומען שפעט אין אָװנט. פעטקע האָט איבערגענעכטיקט אַפן װאָקזאַל. אינדערפרי האָט ער זיך אָנגעפרעגט באַם היטער, װי קומט מען אין שטאָט אַרײן, און זיך געלאָזט אַהין מיטן שאָסײ.

III

זײער גוט האָט פעטקע פאַרבראַכט דעם טאָג. קײן אײן מינוט איז באַ אים ניט געגאַנגען פאַרלױרן. װי נאָר ער איז אַרײנגעקומען אין שטאָט אַרײן, האָט ער באַגעגנט צװײ פּיאָנערן, װאָס זײנען געלאָפן און פרײלעך געשמועסט צװישן זיך. פעטקע האָט זײ געפרעגט:

— װאו איז אײער אָרגאַניזאַציע?

— מיר גייען טאַקע אַהין, — האָבן געזאָגט די פּיאָנערן. — פון וואַנען ביסטו?

— איך בין פון מאָסקווע.

די כעוורע האָבן אים אָנגעקוקט מיט נייגיריקייט. פּעטקע האָט זיי דערציילט, אַז ער איז אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן אוראַל, איצטער פאָרט ער קיין דאָנבאַס און אים ווילט זיך זעען דעם זאַוואָד אין זלאַטאוסט.

— קום, די כעוורע וועלן דיך פירן, —האָבן די פּיאָנערן פאַרגעלייגט.

אין אַ האַלבע שאָ אַרום איז פּעטקע געווען אַפן זאַוואָד. ער האָט געזעען, ווי מע מאַכט העק, מעסערס, גאָפּלען, שווערדן, ביקסן.

— פּעטראָוויטש, —האָט זיך געווענדעט איין פּיאָנער צום מאַיסטער, — ווייז אַקאָרשט דעם מאָסקווער כאַווער, וואָסערע העק מע מאַכט דאָ בײַ אונז.

דער מאַיסטער האָט אַ שמייכל געטאָן, גענומען אַ שטיק אייזן און אנידערגעלייגט אַפן קלאָץ, גענומען אַ נייאינקע, עורשט געמאַכטע האַק און האָט געזאָגט:

— אָט האָסטו אייזן, עמעסע אייזן, טו אַ טאַפּ. און אָט האָסטו אַ האַק, איצט קוק.

דער מאַיסטער האָט זיך פאַרמאָסטן און געטאָן אַ האַק איבערן אייזן.

— געזעען?

פּעטקע האָט זיך אָנגעבויגן איבערן אייזן. אַ קאַרב — די טיף, ווי אַ פינגער.

— איצט טו אַ קוק אַף דער האַק.

פּעטקע האָט באַקוקט דעם שאַרף. קיין סימען פון אַ קאַרבעלע ניטאָ.

דער מאַיסטער האָט אונטערגעווינקען מיט אַן אויגל:

— ווי געפעלן דיר אונזערע סאָוועטסקע העקעלעך. האַקן אייזן, ווי אַ שפּאָן. זיי זיינען אַ כידעש אפילע אין אויסלאַנד.

— און וואו נעמט מען דעם אַרץ פאַרן טשוהון, —האָט פּעטקע געפרעגט דעם מאַיסטער, ווען ער האָט אים באַוויזן דעם שמעלץ-אויוון.

— אַרץ נעמט מען פון די באַקאַלישע שאַכטן, ניט ווייט פון זלאַטאָוסט, — האָט געזאָגט דער מאַיסטער. דאָרט וואָלט געקאָנט קלעקן אַף צען אַזוינע זאַוואָדן, ס'איז פאַראַן דאָרטן מער, ווי דריי מיליאַרד פוד. ס'איז דאָ נאָך אַ באַרג—„מאַגניט-באַרג", איז אין אים דאָ מער, ווי צען מיליאַרד פוד אייזן-אַרץ. אַהין איז נאָך קיין באַן אפילע ניט דורכגעפירט געוואָרן. דאָס אָרט איז נאָך אַפילע ניט גענוג אויסגעפאָרשט געוואָרן.

דער אָוונט פאַלט צו אין די בערג זייער פרי. פּעטקע האָט נאָך ארוםגעבלאָנקעט איבער דער שטאָט מיט דער כעוורע, איז געווען אַף אַ הויכן ברינעם באַרג, פון וועלכן מע האָט אָנגעזעען דעם באַרג טאַגאַנאַי.

אפּדערנאַכט איז ער אוועק אַפן וואָקזאַל.

IV

דורך בערג און דורך די וואָלגער סטעפּעס איז פּעטקע אָנגעקומען קיין סאַמאַרע. פונם וואָקזאַל איז ער גלייך אוועק צו דער שיף. אז פּעטקע האָט דערזעען די וואָלגע, האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ פאַר פרייד. אָט איז ער, דער באַרימטער טייך! ווי לאַנג האָט אים פּעטקע געזעען אין טרוים? און אָט איז ער שוין אין סאַמאַרע.

ס'איז אפּגעגאַנגען אַ גרויסע שיף מיטן נאָמען „טראָצקי". פּעטקע האָט גענומען אַ בילעט אפן דעק און האָט געוואַרט, ווען עס וועט אפּגיין די שיף.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, די שיף איז שוין געווען אָנגעלאדן, האָט זי געגעבן אַ רעווע און זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פונם ברעג. אין מיטן טייך האָט זי גענומען אַ פולן גאַנג. סאַמאַרע איז געשוואומען צוריק, שוין סיזראַן איבערגעשוואומען. דאָרט האָט פּעטקע געזעען אַ לאַנגן, לאַנגן בריק. קוקנדיק אף דעם בריק, האָט פּעטקע ערשט רעכט פאַרשטאַנען, ווי ברייט עס איז די וואָלגע.

ס'איז אָנגעקומען דער אָוונט. אַ פינסטערניש האָט אַרומגעהילט די ברעגן, נאָר דאָך האָט זיך געוואָלט קוקן און קוקן.

ס'האָבן זיך באַגעגנט שיפן, אויך אזוינע גרויסע, ווי „טראָצקי", און ווען זיי זיינען פאַרבייגעפאָרן מיט זייערע בלישטשענדיקע פייערן, האָט זיך אויסגעדאכט, אז דאָס שווימט אַפן וואַסער אַ גאַנצע שטאָט.

אפן שיף-דעק איז אויך אינטערעסאַנט. אומעטום מענטשן. מע רעדט, מע לאַכט, מע זינגט, גלייך ווי אַלע האָבן זיך צונויפגעקליבן אף אַ גרויסן יאָנטעוו. איטלעכן איז פריילעך, ס'זעט זיך ניט קיין איין אומעטיק פּאָנים. פיר טעג האָט געדויערט דערדאָזיקער יאָנטעוו אַפן וואַסער. וויפל נייע ערטער האָט פּעטקע געזעען, וויפל האַפּנס זיינען געבליבן פון הינטן. פּעטקע וואָלט געוועז אַ באַלן, אַז די נעסיע זאָל זיך ציען אַ כוידעש און מער.

אַסאַך מענטשן האָבן זיך געוואונדערט אף פּעטקען, ווי לאָזט זיך עס אַזאַ שנעק אליין אין וועג אַריין. פּעטקע האָט נאָר געשמייכלט:

— וואָס איז, איך בין 5 יאָר אַלט?

איינע אַן אַלטיטשקע פרוי, וואָס איז געפאָרן מיט צוויי אינגלעך, האָט אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נו, זיינען עס היינט קינדער געוואָרן, כאַטש נעם און האַלט זיי אַפן שטריק. געלאָזט זיך אין אַזאַ וויטעניש!

די קינדער אירע האָבן אָבער געקוקט מיט קינע אַף פּעטקען.

V

אין סטאַלינגראַד האָט פּעטקע גענומען אַ בילעט אַפן באַן ביז נאָראַווקע. די נאַכט איז געווען אַ וואַרימע, די פענסטער אין וואַגאָן זיינען געווען אָפן.

פּעטקע קוקט אין פענסטער און זעט אומעטום פייערן—בלוילעכע, גרינלעכע, געלבלעכע, רויטלעכע. זיי טוקן זיך, פינטלען אמאָל נעענטער, אַמאָל ווייטער. פון צייט צו צייט טוקט אַרויס אַ פלאַם, ס'העלט אין דער פינסטערניש אַ זאַוואָד איינגאַנצן אין רויך און אין פלאַמען. מע זעט, ווי עס טאַנצן פייערדיקע צונגען, וואַרפנדיק אַן אָפּשיין אַף וואָלקנס רויך. און ס'דאַכט זיך, אַז זיי פאָרן ניט איבער אַ סטעפּ, נאָר איבער אַ גרויסער שטאָט, וואָס האָט ניט קיין עק.

אָט דאָס איז דאָנבאַס!

שפּעט אין דער נאַכט איז פּעטקע אַנטשלאָפן געוואָרן. אינדערפרי האָט פּעטקע דערפילט, ווי עמיצער טאָרעט אים:

— כאַווער פּיאָנער, גאָרלאָווקע!

פּעטקע איז אַרויס אַפן וואָקזאַל.

אָט איז ער אין גאָרלאָווקע, אַף דער עלטסטער שאַכטע פון דאָנבאַס.

מיט אַ יאָר פופציק צוריק, ווען אַף די ווילדע סטעפּעס פון איצטיקן דאָנבאַס האָבן אַרומגעבלאָנקעט די גרויסע טשערעדעס שאָף און רינדער פון די דאָנער פּריצים, האָט מען דורכגעפירט אַן אייזנבאַן און אויסגעבויט די ערשטע שאַכטע. די שאַכטע האַלט זיך נאָך איצט אין איין פאַרברייטערן.

אַז פּעטקע איז אַרויס אַפן פּלאַץ, האָט ער דערזען אין דער באַלקע שוואַרצע רערן, שוואַרצע טורעמס, פאַרויכערטע קאַזאַרמעס און הייזער. אַלץ אַרום איז געווען שוואַרץ און פאַרויכערט. דער רויך האָט אַרויסגעשפּאַרט פון די קוימענס און געלייגט זיך איבער דער באַלקע, ווי אַ נעפּל, און פון דעם נעפּל האָבן זיך אַרויסגעזען ווייטע שאַכטן מיט שוואַרצע קוימענס און טורעמס.

ס'איז געווען גאַנץ פרי, דאָ און דאָרט האָבן זיך געהערט הודאָקעס, וועלכע האָבן גערופן די אַרבעטער צו דער באַטאָגיקער מישמוירע.

VI

פּעטקע איז צוגעקומען נאָענט צו דער שאַכטע. ס'קלאַפּן מאַשינעס, ס'גליטשן זיך שטאָלענע קאַנאַטן. קאַסטנס ווייזן זיך פונם פינסטערן שאַכטע-מויל, וואַרפן אַרויס פון זיך וואַגאָנעטקעס מיט קוילן, און לאָזן זיך אַראָפּ צוריק אין דער פינסטערניש מיט ליידיקע וואַגאָנעטקעס און מיט מענטשן. און די באַוועגונג—אַרויף-אַראָפּ, אַראָפּ-אַרויף גייט אָן אויפהער, ווי אַ זייגער.

די וואַגאָנעטקעס-טרייבער כאַפּן זיי אונטער טרייבן זיי ווייטער אַף דער פּלאַטפאָרם און קערן זיי איבער. און די בערג מיט קוילן וואַקסן יעדע שאָ, יעדע מינוט. די שורעס רויטע וואַגאָנעס, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אַף די רעלסן, באַוויזן ניט אַריינצונעמען אין זיך די אַלע בערג מיט קוילן.

---

1) געפינט אַף דער קאַרטע דעם וועג, מיט וועלכן פּעטקע איז געפאָרן.

2) פאַרוואָס רופט זיך די געגנט, וואוהין פּעטקע איז געקומען, „דאָנבאַס"?

3) ווי ווערט באַשריבן די רייזע אין די בערג? אַפן טייך? אין סטעפּ?

4) ווער פון אייך ס'האָט געררייזט, זאָל אָנשרייבן זיינע איינדריקן.

ס. מעטש

אַף די ברעגן פון טייך סוויסלאטש

I

די שטאָט מינסק שטייט באַם טייך סוויסלאטש, א ביי-פלוס פון בערעזינע, אָדער, ווי ער הייסט אין ווייסרוסלאנד—בערעזע.

סוויסלאָטש איז זייער א שיין טייכל, א לויטערס, א קלאָרס, א שטראָמענדיקס. עס קייקלט זיינע קלאָרע וואַסערן צווישן די זאַמדיקע ברעגן, אָפּטמאָל שיפּועדיקע, די טונקעלע סאָסנעס טשעפּען זיך אָן אַף די שיפּועים, און די שלאַנקע אָלכעס האָבן זיך צוגערוקט גלייך צום וואַסער און קוקן אין אים ווי אין אַ שפּיגל. ארום און ארום ציען זיך פעלדער, וועלדער מיט ווייסרוסישע דערפלעך.

אומעטום זעט זיך דאָ זאַמד: זאַמדיקע פעלדער, זאמדיקע וועגן, זאַמדיקע אויסגראָבונגען. אַף דעם זאַמד וואַקסט גוט די סאָסנע, און אין די סאָסנע-וועלדער איז די ערד באַדעקט מיט אראָפּגעפאַלענע נאָדלען, אָדער זי איז באוואקסן מיט גרויען יאָגעל און מיט טרוקענע קוסטעס ווערעסק. סאָף זומער בליט דער ווערעסק, און די בינען קלייבן צונויף זייער האָניק.

אין מינסקער געגנט זיינען פאַראן זייער פיל מאָך-זומפּן, ארום וועלכע ס'שטייען די טונקעלע וועלדער אָדער ס'שפּרייטן זיך אויס די פאַראַקערטע פעלדער.

אזא לאַנד, ווי דער צאָפנדיקער טייל פון מינסקער געגנט, וואָלט געקענט זיין איינס פון די שענסטע ערטער אין אונזער פאַרבאנד.

די וועלדער אירע זעען אויס ווי וואונדערשיינע פּארקן.—אזוי ריין און שיין זיינען זיי: די גלייכע שטאַמען פון די סאָסנעס שטייען ווי זיילן פון א ריזיקן מויער. וואָסערע פּרעכטיקע דעמבעס וואַקסן דאָ! וואָסערע ליפּעס און בערעזעס! דער גראַב וואַקסט דאָ אויך אומעטום, און ס'קומט אויס זייער מאָדנע זעען צוגלייך מיט דידאָזיקע דאָרעמדיקע בוימער און מיט דעם ווייכן קלימאַט געוויקסן, וואָס וואקסן נאָר אין די קאָלטע פּאָליארע לענדער.

דער פרילינג הויבט זיך דאָ אָן זייער פרי און איז אָנגעפילט מיטן שאַלן און זינגען פון פאַרשיידענע מינים פויגל; דער ווינטער איז זייער אַ מעסיקער, אָפּטמאָל אינגאַנצן אָן שניי. דער זומער איז אַ גאַנץ הייסער. די הייסע לופט ווערט אָפט אָפּגעפרישט דורך שלאַקס-רעגנס. נאר באזונדערס שיין איז דאָ דער האַרבסט.

II

אדאנק דעם זייער גינסטיקן קלימאַט, וואָלט דאָ די ערד געקאָנט זיין זייער פּרוכטבאַר, ווען נאָר מע זאָל ארום איר ארומגיין ווי ס'געהער צו זיין.

זי וואָלט געקאָנט דערנעהן אַ סך גרעסערע באַפעלקערונג ווי איצטער. פּרוכט-
ביימער וואַקסן דאָ אויסגעצייכנט, האָגאָם מע פאַרנעמט זיך מיט זיי זייער ווייּ
ניק. די זומפּן גיבן אַ גרויסן רעזערוו פון טאָרף, וועלכער איז אַ זעלטענע
באַמיסטיקונג פאַר דעם זאַמדיקן באָדן—און טאָרף איז דאָ אומעטום אונטער
דער האַנט.

אומעטום קאָנט איר זעען נעבן די פעלדער, באַזונדערס נעבן גריקע-
פעלדער. נעבן די לאָנקעס, בײַ די וואַלד-ראַנדן, גרויסע שווערע בינשטאָקן
אין אויסגעהוילטע קלעצער. אייניקע שטייען אויף דער ערד, אייניקע זיינען
צוגעפעסטיקט צו די גרויסע דעמבעס. וועגן דידאָזיקע בינשטאָקן זאָרגט קיי-
נער ניט. מע לאָזט זייער אָפּט די בינען אפן גאַנצן ווינטער אין דרויסן און
מע באַוואָרנט זיי אפילו ניט פאַרן פראָסט און פאַרן הונגער: וועלן זיי אויס-
לעבן, איז גוט, ניט—מאַכט אויך ניט אויס. ניט געקוקט דערויף, איז ווייס-
רוסלאַנד באַרימט מיט איר שמעקנדיקן ליטערן האָניק. שטעלט אייך פאָר,
ווען די אַלע רייכקייטן זאָלן ווי געהעריק ווערן אויסגענוצט,—וואָסער אַ שיי-
נע און רייכע געגנט דאָס וואָלט געקאָנט ווערן.

נאָר צוליב דעם דאַרפן די מענטשן, וואָס וואוינען אין דעם אָרט, קע-
נען אָנווענדן צו דערווירטשאַפט די דערגרייכונגען פון דער אַגראָנאָמישער
וויסנשאַפט. דער ווייסרוסישער פויער, וועלכער איז הונדערטער יאָרן געווען
פאַרקנעכטעט פון די פוילישע און רוסישע פריצים, האָט דאָס ניט געקאָנט
וויסן. דער פויער ווייסט ניט, ווי אַזוי צו באַמיסטיקן זיין זאַמדיק פעלד. די
איינציקע באַמיסטיקונג, וואָס איז אים באַקאַנט, איז בעהיימישע. נאָר צוליב
דעם דאַרף מען האַלטן אַסאַך בעהיימעס. און אָט זעען מיר אַזאַ שרעקלעכן
פאַקט, אַז פויערים האַלטן בעהיימעס נאָר צוליב מיסט. אויב מע האַלט זיי נאָר
צוליב מיסט, דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, ניט זאָרגן פאַר זיי מיט האָדעווען:
זיי דאַרפן זיך אַליין געפינען עסן. דערפאַר קאָן מען זעען סטאַדעס מאָגערע,
הונגעריקע בעהיימעס מיט איינגעפאַלענע זייטן און אָפּגעצויגענע ריפּן אַרומ-
וואַנדערן איבער די אָפּגעשניטענע פעלדער און איבער די לאָנקעס אין די
וועלדער. שוין אין סענטיאַבר כּוידעש הערן די בעהיימעס אויף צו געבן מילך.

די פאַסטוכער זיינען פויערשע קינדער, וועלכע פאַרברענגען מיט די
בעהיימעס פון זינט דער שניי קריכט אַראָפּ ביזן אויספאַלן פון שניי אין
האַרבסט, ד. ה. דעם גרעסטן טייל פון יאָר און קאָנען זיך דעריבער ניט לער-
נען אין שול, ווי ס'געהער צו זיין.

די פאַסטוכער מיט זייערע סטאַדעס ברענגען גרויסן שאָדן די וועלדער
און טאָרף-זומפּן, די רייכקייטן פון ווייסרוסלאַנד. די בעהיימעס גריזשען אַרום
די יונגע ביימלעך, און די פאַסטוכלעך צינדן אונטער ביימער און טאָרף-
זומפּן, צעלייגנדיק אַ פייער פאַר קעלט און רעגן אָדער פון לאַנגווייל. אין
אַ טרוקענעם וועטער קאָן מען אָפּט זעען רויך-וואָלקנס און באַנאַכט—פלאַמען
אפן האָריזאָנט,—דאָס ברענט אַ טאָרף-זומפּ, וואָס די פאַסטוכלעך האָבן אונ-
טערגעצונדן. ס'וועט ברענען כאָדאָשים-לאַנג, ביז ס'וועלן זיך אָנהייבן גרויסע
רעגנס.

האַרבסט, ווען ס'ענדיקן זיך די הויפּט-אַרבעטן אין פעלד, קאָן מען זעען, ווי ס'שלעפּן זיך אַף די קויטיקע וועגן שורעס פורן. די פערד זיינען קליינע, ווי די קעצלעך, מיט גרויסע בייכער, מיט ביינערדיקע רוקנס. דער וואָגן איז אויך א קליינער, די רעדער אָן אייזערנע שינעס, צעפּאָרענע, די כאָמעטן צעבראָכענע, מיט שטריקלעך צונויפגעבונדענע, דער שפאָן איז געמאכט פון שטריק. נאָכן וואָגן, וואס איז אָנגעלאָדן מיט האָלץ, שלעפּט זיך נאָך דער באַלעבאָס פון דעם פערד און וואָגן אין לאַפּטיעס. דאָס פירט ער האָלץ פונם וואלד צו דער סטאנציע אָדער צום טייך—דאָס איז זיין איינציקער פאַרדינסט, וואָס פאַרגרינגערט אביסל זיין שווערע גויט.

איזי כאַריק

מ י נ ס ק

1

אַרום יעדער שטאָלצער גאַס—צו הונדערט שטילע געסלעך,
מיט הייזער נידעריקע, ווי שעפּסן אונטער באַרג...
ס'האָט מינסק אָן זיי, אָן אַלעמען פאַרגעסן,
און אלע וועגן פירן נאָר צום מאַרק.

און דאָ, אין טיף, אין וואַרימקייט פון בלאָטעס,
אין הייזלעך הילצערנע שוין אויסן שטאָט פאַרשאַרט,—
גייט אויף א וויטיק זאַפטיק און גערעאָטן,
און ס'ציטערט אויף א פויסט אין יעדער קינדיש האַרץ.

מע האט דאָ ניט פאַרפלאנצט קיין בוימער און קיין פּאַרקן,
שפּילט מען זיך דאָ הוילינקע אין שטויב...
און ס'גיסט זיך אָן א פויסט א יונגער און א שטאַרקער,
און ווען-עס-איז ווערט ער א זעץ טאָן אין אַ שויב.

ווערט ווען-עס-איז אַ האַס אַ שפּאַר טאָן דורכן זינען,
און שטרענג, און שאַרף א שניט טאָן איבער האַרץ...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שפּילן זיך דאָ קינדערלעך, שפּילן זיך דאָ פּיניעס
און קייקלען זיך דאָ הוילינקע אין זאַמד.

2

אין יעדן הייזעלע, אין יעדן קאַמער
רעדט אַ ניי-מאַשין, אַ הובל, צי אַ האַמער.

נאָך קליין איז דאָ, נאָך שטיל איז דאָ דער רויש פון די מאַשינען,
נאָר יעדער איינער מידט זיך דאך ביז נאַכט און פון באַגינען...

אין הייזלעך הילצערנע ווערן אומרואיק די גלידער,
אין הייזלעך הילצערנע ווערן אומרואיק די לידער...

באם בויערן, באם הובליען, בא דער דראַטווע, באַ דער אָל,—
זינגט מען הויך, זינגט מען הייס, און אַלע מיטאַמאָל:

—„אַי-אַי-אַי,—יאַשקע פאָרט אוועק,
לאָמיר זיך געזעגענען, דער פּאַיעזד גייט אוועק".

דורך טעג אזוי, דורך נעכט אַזוי, דורך קיילעכדיקע וואָכן...
אז וואו איז נויט און וואס איז נויט באַ פראסטע באַלמעלאכעס.

3

און ווען דאס לאנד האט זיך צערודערט און צערעדט
מיט טויזנט פויסטן, טויזנט הימנען אין איין אטעם, —
האט זיך צעטראָגן דאַן אַן אייליקער דעקרעט
פון אוראַלער בערג ביז מינסקער בלאָטעס...

יעדערער פון אונז—מיט אומרואיקן ווייטיק,
אין וועמעס לעבן עס האָט ארבעט שטרענג געשטראָמט,
— זאל זיך גרייטן,
— זאל זיך גרייטן,
— זאל זיך גרייטן,
— זאל זיך לערנען אַף אריין אין סאוונארקאם!

יעדער איינער איז אצינד שוין ניט קיין איינער,
יעדער קאָפ—איז איצט אַ קאָפּ פון טויזנט קעפּ.
מיר מוזן איצט צוזאַמען און פאַרייניקט — — —
— נידער מיט...
— און נידער!
— און—עס לעבט — — — !

4

האט מינסק אוועקגעשיקט אַ צוג מיט הייסע יונגען,
האט פיניע אויך צווישן זיי געברענט...

ס'האָט הינטער זיי קיין מאַרשן קיינער ניט געזונגען
און ניט געפּאַטשט מיט יאַנטעוודיקע הענט.

צו גרויס, צו גרויס איז אָפּן פראָנט דער אומרו,
און ס'קאָן דער הימל פּלאַצן איבער מינסק — — —
און אויב מע דאַרף — וועט מען צוריק ניט קומען
און שטילערהייט שוין בלייבן אונטער ביקס...

ווי אזוי ווערן אויסגעטריקנט די זומפּן

אין פיל ערטער לעבן די ערד־אַרבעטער זייער ענג. דערביי האָבן זיי ארום זיך גרויסע זומפּן, וועלכע פאַרדאַרבן די לופט מיט זייערע אויסדאַמפונ־גען און זיינען די סיבע פון פאַרשיידענע קראַנקייטן, באַזונדערס פון מאַליאַ־ריע. קעדיי צו געפינען מער פרייען שעטעך און צו מאַכן געזונט די לופט, ווערן די זומפּן אויסגעטריקנט געוויינלעך אף אזאַ אויפן: מע גראָבט קאַנאַלן אף א געוויסער שטרעקע איינעם פון דעם אנדערן. דאָס וואַסער פליסט אָפּ אין די קאַנאַלן, אזוי אז דער באָדן צווישן זיי ווערט אויסגעטריקנט. דאָס איז אייגנטלעך דער עלטסטער און איינפאַכסטער מיטל צום טריקענען די זומפּן. א גרויסער טייל פון די באַוואוסטע פינסקער בלאָטעס איז אויסגעטריקנט גע־וואָרן דורך גראָבן קאַנאַלן אף א לענג פון 4300 קילאָמעטער. די אַמאָליקע שרעקלעכע און שעדלעכע זומפּן זיינען אזוי ארום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אויסגעצייכנטע לאָנקעס, און די העכערע ערטער — אין טוואָרע־פעלדער.

אין מאַירעוו־אייראָפּע גייט צו די טריקענונגס־אַרבעט פיל שנעלער און רעגלמעסיקער. אין נאָרוועגיע, לעמאָשל, ווערט יעדעס יאָר אויסגעטריקנט און אָפּגערייניקט איבער 7000 העקטאַר ערד.

פאַראַן אין אייראָפּע א לאַנד, וואו ס'וואָלט ניט געוואַקסן קיין איינציק טוואָרע־קערנדל, ווען די איינוואוינער וואָלטן ניט אויסגעטריקנט די בלאָטעס און זומפּן. דאָס לאַנד איז האָלאַנד. האָלאַנד איז אינגאַנצן דורכגעשניטן פון באַוואַסערונגס־קאַנאַלן, אזוי אז ווען מע זאָל א קוק טאָן פון א הויכן פונקט, פון אן אַעראָפּלאַן, לעמאָשל, וועט עס אויסזעען, ווי צעשניטן אף קליינע רעגלמעסיקע פירעקן, וואָס יעדער פון זיי איז אָפּגעטיילט פון א צווייטן דורך שמאָלע פאַסיקלעך וואַסער. קעדיי צו קומען פון דאָרף אין פעלד, מוזן די האָלענדישע פּויערים פאָרן אף שיפלעך איבער עטלעכע קאַנאַלן, וועלכע דינען זיי אַנשטאָט שאָסייען און וועגן. ווילן זיי פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן אין שטאָט, אָדער פאָרן אין אן אנדער דאָרף, מוזן זיי שווימען מיט א שיפל איבערן וואַסער.

די גראָבנס און קאַנאַלן, וואָס ציען אָפּ דאָס וואַסער, ווערן אין אַנדערע זומפּיקע געגנטן געגראָבן ברונימס, ניט ווייט איינער פונם אנדערן; אין די זומפּיקע ברונימס פליסט אָפּ דאָס וואַסער און דער באָדן ווערט טרוקן

און גוט צו דער ארבעט. אף אזא שטייגער איז אויסגעטריקנט געוואָרן א זומפּיקע געגנט אין דאָרעם־פראַנקרייך. אין גאָר נאַסע ערטער העלפן ניט קיין ברונימס און גראָבנס, מאַכמעס בלויז די אויבערשטע באָדנפאַכן ווערן דאָרט אויסגעטריקנט. אָבער דאָס איז ווייניק, עס מוז אויך אויסגעטריקנט ווערן דער אונטערבאָדן. צו דעם צוועק ווערן געלייגט אין דער ערד רערן, אין וועלכע ס'קלייבט זיך אָן דאָס וואסער. פון די רערן פליסט עס אָפּ אין די אונטערערדישע קאַנאַלן, און פון דאַנען ווערט עס אָפּגעפירט ערגעץ אין א טייך. אזוי איז מען זיך נויהעג אין ענגלאַנד. קעדיי אויסצוטריקענען די דאָרטיקע זומפּן און בלאָטעס, האָט מען געמוזט לייגן אזוי פיל רערן און אונטערערדישע קאַנאַלן, אזוי אז זייער לענג דערגרייכט צוזאמען צען מיליאָן קילאָמעטער. אַנדערש גערעדט, מיט די דאָזיקע רערן וואָלט מען געקאָנט ארומגאַרטלען דעם גאנצן ערדקוגל צווי הונדערט און פופציק מאָל.

י. י. זינגער

אין וואלד

I

איבערן גרויסן „פאראמב״ *) אין טאָפּאָליצער וואַלד האָט די הייסע טאָמעז־זון גלייך געשפּיזט, געטריקנט די אלטע געלבלעכע נאָדלען, וואָס האָבן געקנאַקט אונטער די טריט, און געשמאָלצן די זשיוויצע אף די גרויסע קלעצער, וואָס זיינען געלעגן צעוואָרפן, ווי די געפאַלענע ריזן. זי האָט געשטיפּט די זון, מיט גלאַנציקן שאַרף פון האַק און זעג, און געבראָטן די רויטע, פאַרשוויצטע פּעניִמער פון דער מייע „דראטשעס״ **), וואָס זיינען איבערן „פּאראמב״ געווען צעוואָרפן, צו פּאָרלעך, איינער אפן קלאָץ, איינער פון אונטן, — פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג מיט גלאַנציקער זעג אין האָלץ געפירט, געהויבן די הענט אראָפּ און ארויף, ארויף און אראָפּ, אָן אן אָפּרו, אָן אן אָטעם, ניט אָפּווישן דעם נאַסן שטערן און הענט, וואָס זיינען אינגאַנצן מיט דינעם געלבלעכן זעגעכץ באדעקט, און ציען, ציען אָן אן אָנהויב און אָן א סאָף.

— האַלט!

— וואָס איז, קרום?

— עס דארף שוין זיין מיטאָג, איך פיל די זון אף די פּלייצעס!

איינער נאָכן צווייטן האָבן פאריסן דעם קאָפּ צו דער זון, פאַרלייגט א האַנט איבער אן אויג און אונטערגעברומט:

— מיטאָג, שוין עפּשער אריבער.

*) דער טייל וואלד, וואָס מע האקט.

**) ארבעטער אין וואלד, וואס זעגן קלעצער אף בוי־מאטעריאל.

פון דאָ און דאָרט האָבן זיך פרויען-פיגורן, מיט ערדענע טעפּלעך אין די הענט, געשאַרט, געטראָטן מיט רויטע באָרוועסע פיס אין אָפּגעברענטע ברוינע גראָזן; אין בוזעם מיט די רויטע טיכלעך אף די קעפּ געמאַכט אַן איינדרוק פון ווייט, ווי אַ מאַכנע ווילד-שוואָמען וואָלטן זיך ארויסגעריסן פון דער ערד און איבערן וואַלד געשפּאַצירט; דאָ האָט אַ יונג מיידל זיך אַוועקגעזעצט אף אַן אונטערגעזעגטן קלאָץ, צוגעלייגט אַן אויג צום טריט און פאַרזיכטיק אַ פאַרשטאָכענע נאָדל אַרויסגעצויגן. „דראַטשעס" זיינען אַראָפּ פון דער הויך, אויסגעווישט די נאַסע שטערנס, איבערגעגלעט די וואָנסן און זיך אף די ליגנדיקע קלעצער אויסגעזעצט. זיי האָבן אָפּגעדעקט די קעפּ, און שווייגנדיק און געלאַסן איין לעפּל נאָכן צווייטן געשעפּט. די לאַבנס ברויט געבראָכן און צוזאַמענגערוקטע קני אונטער די ברעקלעך אונטערגעשטעלט. ווייבער זיינען געזעסן שטיל, יעדע נעבן איר מאַן, געכאַפּט זייטיק אַ בליק, ווי ס׳האַלט אין טעפּל, באַטראַכט די גראָבע אָדערן, וואָס ווידמען זיך איבערן האַלז בא יעדן גיס.

ערשט אַז מע האָט איבערגעקערט די טעפּלעך און די וואָנסן אָפּגעווישט, איז די הייסע לופט געוואָרן אביסל פרייער. דער אוילאָם האָט זיך צוזאַמענגערוקט, ארויסגעשלעפּט פון די בוזים-קעשענעס טאָרבעלעך מאַכאָרקע, גענומען איינער באַם אנדערן אַ שטיקל פייער, מעכאַבעד געווען זיך מיט אַ פינגער טיטון און מיט די שטייפע פינגער, פון שטענדיק האַלטן די זעג, געמאַטערט זיך עס צו פאַרוויקלען אין דינעם פאַפּיראָס-פאַפּיר. די ווייבער זייען אויך געוואָרן אביסל פרייער און געוואָלט דערגיין בא די מאַנסבילן:

— וואָס איז דאָס פאַר מאַשינעס, וואָס מע שלעפּט אפן שליאַך?

— מאַשינעס?

— נו, יאָ. אַט שוין נעבן דער קוזניע. עפּשער אכט פאָר פערד אין איין וואָגן געשפּאַנט און פון אָרט ניט צו רירן.

— דער רועך ווייסט דאָס. עפּעס דעם „פאַראָמב" אויך געמאָסטן.

— עפּשער צו דער מיל פירט מען?

— עפּעס צוויי הויכע מענטשן, מיט סמאָלענע הויזן און לעדערנע קאַפּעלושן, קריכן אין דער זייט און האָלדערן, ווי די אינדיקעס, עפּעס ניט קריסטן, ניט אידן...

— יאָ, יאָ. איך האָב אויך געזען. דער שמיד איז ארויס, אַ ראָד האָט זיך צעבראָכן...

„דראַטשעס" האָבן געקנייטשט מיט די שטערנס, אַ טראַכט געטאָן וועגן ווייבערס רייד, נאָר די זון האָט הויך אַ ברי געטאָן אין די אָפּגעדעקטע קעפּ, און, אויסברעכנדיק די געזונטע, צוזאַמענגעפּרעכטע ביינער, האָט יעדעס פּאָרל זיך צו זיין קלאָץ שווער געשלעפּט.

II

צומאָרגנס, בעאייס די זון האָט זיך שוין געהאַט פאַרקליבן גאָר הויך, אף דער וואלד-ערד האָבן אויסגעצויגענע שאָטנס יעדע באַוועגונג פון אַ

דראַטש געקרימט,—האָבן זיך טעמפּע, ניט זייטלעכע „אויען“ און „וויאַען“ דורכגעריסן צווישן די בוימער, און איידער דער עכאָ האָט צייט געהאַט זיך אײַנגאַנצן אויסזיינגען, זיינען שוין אַנדערע אים פאַרקראָכן אין דער מיט, הויך און געדיכט, ווי מע וואָלט א מויער אייינגענומען. וואָס ווייטער האָבן זיך די „אויען“ און „וויאַען“ דייטלעכער געהערט, באַגלייט פון קנאַלן מיט בייטשן און שיטערע, אויסגעצויגענע האָפּ, האָפּ, האָפּ.

פּופּציק ברוסטן האָבן זיך געטוליעט צו טעמפּן אייזן, געשריען: האָפּ, האָפּ! אָפּגעשפּרונגען גיך פון אָרט, און א הוילער ברום פון א ריזיקן קעסל, ווי פון עפּעס א געפאַלענער כאַיע, האָט א צייט מיט עטלעכע ווידערקוילעס געציטערט אין וואַלד.

דער אוילאָם האָט אָפּגעווישט די שטערנס, באַטראַכט דעם שוואַרצן אָפּגעבליאַקעוועטן קעסל מיט די גראָבע מעשענע ניטן, געקאָפּעט אין אים מיט די שפּיץ שטיוול, צוגעהערט זיך צו זיינע הוילע ברומען און געשאָקלט מיט י קעפּ:

— א ריז דאָס איז, אַ ריז!

האָט זיך דער שמיד דערנעענטערט, געשטויסן מיטן שטיוול אין קעסל. צוגעדירט מיט די פינגער צו די שאַרפע, שפּיציקע און ריזיקע ציין פון א קיילעכדיקער זעג-מאַשין און א שורע שטאַרקע ציין פון צווישן זיינע פאַרקאַפּטשעטע ליפּן באַווייזן.

— שוין איינמאָל מאַשינעס! וואָס דאָס וועט צעשניידן אין א שאָ, וועלן דאָס הונדערט פאָר הענט ניט מאַכן אין א טאָג.

„דראַטשעס“ האָבן אָנגעשטעלט די אויגן אַף די גלאַנציקע, אויסגעפּילטע ציין און פאַרצויגן די ברעמען. דער שמיד האָט זיך צוגעבויגן צו די שרייפלעך, צוגעמאַכט אַן אויג און באַרימעריש דערציילט:

— אָט אַזוי רוקט מען אריין דעם קלאָץ, א פיר צו אַף רעדלעך און א כאַפּ אריין. קיין סאַך מענטשן דאַרף ער ניט, נאָר מע מוז זיך היטן די פעל, ניט איינמאָל האָט דאָס שוין א מענטשן אריינגעכאַפּט.

— שוין געאַרבעט אמאל דערביי. געשטאַנען א דראַטש זיך אַזוי בא דער אַרבעט און מיטאַמאָל—היפּ! אריין א פאָלע אין די ציין, ווי א הונט וואָלט אָנגעכאַפּט. איך שריי: אַרויס פון קאַפּאָטע, ארויס די הענט פון די ארבל.

III

אין טאָפּאָליצער וואַלד איז צום שטענדיקן איינטאָניקן געברום פון זעגן און העק, אָפּקלאַנגען פון האָלץ-העקערישע זיפּצן און פויערשע האָפּ-האָפּס, צוגעקומען גאַנץ נייע קלאַנגען פון שטאָל און אייזן.

אַף אַן אָפענעם גרויסן פּלאַץ האָבן זיך צענדליקער מענטשן באַוועגט, טייל האָבן געגראָבן, פאַרקראָכן אַלץ טיפער און טיפער, ביזן גאַרטל, ביזן האַלז און באַלד אינגאַנצן פאַרשוואונדן. פורלעך ציגל האָבן זיך איינס נאָכן אַנדערן פויל געשלעפּט, פירקאַנטיקע פורלעך קאַלך מיט פאַרווייסטע באַלעגאָלעס האָבן געצויגן. און מיטאַמאָל האָט זיך גאָר א הויכער סלופּ באַוויזן,

מיט א ריזיקן עלעקטרישן לאַמטערן אַף דראָטן, א רעזערוואואר אַף רעדער, ווי א פֿאַרבלאָנדזשעטער מאַסע-וואַגאָן, איז געשטאַנען אין מיטן פּלאַץ, גע-זופּט וואַסער פון א לאַנגער ברעזענטענער קישקע און ניט אויפֿגעהערט זידן און קאָכן און אלע מאָל ארויסגעלאָזן א שמאָל שנירעלע פּאַרע, צוזאַמען מיט א שניידנדיקן קוויטש. די דראָטשקעס זייַנען זיך געשטאַנען אַף זייערע ערטער, געצויגן מיט א זעג אין האַלדז, ווי טאָמיד, ניט אָפּרוענדיק זיך קיין רעגע, ניט אָפּווישנדיק דעם נאַסן שטערן פון שווייס, ניט געקאָנט אָפּלאָזן, ווייל איין פּאָר הענט האָבן די צווייטע גענויט צו ציען, און זיך איינגעהערט צום קוויטשען פון רעזערוואואר און צו די שניידנדיקע קוילעס פון די מענטשן.

זיי האָבן זיך געטאָן זייער זאַך, אמאָל נאָר די זעג געפּיילט אָדער א לאַנג שנירל אין א האלאָוועשקע געצייכנט, אלץ ווי פריער, שווייגנדיק. דער זודיקער רעזערוואואר שיסט אלע מאָל אויס א כוצפּעדיקן הייזעריקן קוויטש פאַר יעדן פון די פּויערים, וואָס ארבעט, פאַר די קלעצער, די געפאַלענע ריזן, און פאַרן אלטן וואַלד, אין וועלכן זיי זייַנען געבוירן:

— פּ-ס-ס-!.. זעט, ווי זיי שטייען און בויגן זיך! שוין צענדליקער יאָרן, ווי זיי שטייען אזוי און בויגן זיך, אָט נאַראָנים.

פון יענער זייט פּלאַץ, ארום די גריבער און מאַשינעס, האָט אין מיטן העלן טאָג א פּאַרקאַן אָנגעהויבן אויסוואַקסן, אזוי ברייט און הויך, אז נאָר די שפּיצלעך שינדלען פון דאַך האָבן, ווי א שורע פויגעלעך, ארויסגעקוקט. פון הינטער דעם פּאַרקאַן האָט דאָס זידן און קלאַפּן נאָך גערדיכטער און טעמ-פּער געברויזט ווי פריער.

פון דער זייט פּאַרקאַן איז די ארבעט געגאַנגען ווי פריער. פּויערים האָבן זיך געשלעפּט מיט פערד און וועגעלע. אונטערגעשטעלט אן אָקסל, אז ס'איז געגאַנגען באַרג ארויף. געהאַקט מיט א האַק, געשלעפּט מיט קויעך, אלץ ווי אמאָל, ווי טאַטעס און זיידעס האָבן געלעבט און געארבעט. אסאַך מאָל האָט זיך א קוקו פאַרקליבן ערגעץ אַף רעכטס צי אַף לינקס און געקוקט זיך לאַנגזאַם און פאַרטרויערט. אמאָל א העזל פאַרביי מיט לאַנגע אויסגע-צויגענע אויערן און פאַכדאָנישן בליק. א געל וועווריקל האָט זיך געשפּאַצירט פון בוים צו בוים און געזוכט א ניסל, — אלץ ווי אמאָל, גלייך ס'וואָלטן זיך גאָר קיין סמאָלענע נעפּאַשעס אין טאָפּאָליצער וואַלד ניט געפונען, — נאָר מיטאמאָל האָט א שנירעלע פּאַרע צעשפּאַלטן די לופט און א שניידיקן פייף געטאָן, און טאָפּאָליץ איז פאַרציטערט געוואָרן. פּויערשע פערד האָבן פאַריסן די קעפּ פון היי, פאַרצויגן די גאָלעכער און מיט די הינטנס געשטופּט די וואָגנס אַף צוריק, און פּויערים האָבן די אויגן אַף דער קנוילנדיקער פּאַרע געהויבן, געשניטן די הענט אין די לייצעס און אריבערגעשריען צו די וואַלד-מענטשן:

— צעלייגט זיך און קוויטשעט אַף גאָטס ערד, אז אומעגלעך גאָר א פערד באַם טאָרבעלע היי אוועקשטעלן...

IV

די טעג האָבן אָנגעהויבן ווערן אַלץ קילער און קילער, און די וואַלד־ערד אַלץ טונקעלער און האַרטער. א פּאָר שאָ נאָך מיטאָג פלעגן זיך גלייך פייערדיקע ריטער גאַנוועגען צווישן די סאָסנעס, אָנצינדן די נאָדל־קעפּ, און א נעפּל, ווי א רויך, פלעגט זיך אויפהויבן און אַלץ אין זיך פאַרהילט.

„דראַטשעס" פלעגן פאַרלייגן די זעגן, די האַק אין א שטיקל קלעצל איינגע־שפּאָלטן, אַף די אַקסלען פאַרלייגט און זיך געלאָזט אהיים. איבערן וואַלד פלעגט זיך דער רויטער עלעקטרישער לאַמטערן באַמבלען הין און צוריק און אָפּשלאָגן זיך אַף ווייט ארום, ווי א גרויסע, קיילעכדיקע לעוואַנע אין קילער הארבסט־נאַכט.

— אַט באַלד, באַלד,—האָט דער שמיד געזאָגט,—געציילטע וואָכן, וועט אוועק אַן ארבעט, אז א רויך וועט גיין...

אין וואַלד זיינען די „סמאָלענע" מיט גרויסע האנט־לאַמטערנעס ארום־געקראָכן, פויערים האָבן גאַנצע שייטן קין געפּלאַקערט און באַם שיין גע־אַרבעט.

— מע דאַרף דורכפירן די ליניע ביז די ערשטע שנייען,—האָבן טעסלערס, אָנגעפּאָרענע שטאָט־ארבעטער מיט כּנאַליעריע בלייפעדער אין די כאַליאַ־ווען, איבערגעגעבן,—שוין נאָך וואַגאָנעס געפּאָרן. נאָך וואָס שלעפּן צוואַנציק פּאָר פערד, אז אַף דער ליניע וועלן דאָס איין פּאָר פערד שפּילנדיק אָנפירן. אין די הייזלעך פלעגט זיין שטיל און טונקל, בא באַלעבאַטים, פויערים, וואָס זיצן אַף אייגענער ערד, פלעגט זיין לעבעדיק, געדאַרפט שניידן קרויט, כאַזיירים קוילען און קאַלבאַס מאַכן. שכיינים פלעגן זיך צונויפקלייבן, מאַיסעס דערציילט, א קלוג וואָרט געהערט.

V

איבער דער געדיכטעניש פון גרינע סאָסנע־קעפּ האָט זיך א שוואַרצער קוימען געהויבן, געריכן זיך אין דער הויך און מיט בלויען הימל פאַרשפּעט. איבער דער גאַנצער לענג פון וואַלד זיינען וואַגאָנס הין און צוריק איבער די ליניעס געפלויגן, און די פערד, מערסטנס בלינדע, האָבן אויסגעצויגן לאַנגע פיס, מוירע האָבנדיק, אז אָט־אָט זאָל זיי די קלאַפּנדיקע מאַסע אַף די הינ־טערשטע פיס ניט אַרויף. איבערן „פּאַראַמבּ" זיינען נאָך דאָ און דאָרט גע־וועןן צעוואָרפן שטעלן מיט האַלב דערזעגטע קלעצער, כייל זיינען געלעגן אי־בערגעדרייט מיט קאָפּ אראָפּ און פיס ארויף און ארום אנדערע האָבן זיך גאָר געוואַלגערט אויסגעריבענע שליף־שטיינדלעך און נאַסע, פון רעגן דורכגע־ווייקטע האַלאַוועשקעס. זעלטן זיינען נאָך וואו ניט וואו פאַרלעך דראַטשעס געשטאַנען און געבויגן זיך ארויף און אראָפּ, נאָר קיינער האָט זיי ניט באַמערקט.

VI

אפן „פאראמבּ“ איז די ארבעט געגאַנגען גיך. שוואַרץ־פאַרשמירטע פאַרשוויצטע זייגען, ווי שיידים, אָף די דעכער געקראָכן און מיט גרויסע פענזלען הייסעסמאָלע געשמירט; ארום פארקאַן האט מען שטעכעדיקע דראָטן געצויגן, און איבערן הויכן אייזערנעם קוימען האָט זיך א „סמאַלע־נער“ געדראַפּעט, ווי א קאַץ, געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז ער האָט צום סאַמע שפּיץ דערגרייכט און זיך מיט א שטריק צום אייז פאַרבונדן.

א שטריק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, פויערים האָבן א גרויסע גרינע סאָס־נע־צווייג אָנגעבונדן, געצויגן באַ רעדלעך און באַלד איז די צווייג געווען אין דער הויך און פון שפּיץ קוימען אָף וויאָרסטן אַרום זיך געזעען.

נעבן צווייג האט א גרויסע פאָן זיך געטשעפעט און אין שניידנדיקן הארבסט־ווינט ראשיק געפלאַטערט.

אַרום פאַרקאַן זייגען כעוורע אַרומגעקראָכן און, צומאַכנדיק אַן אויגל, געפּרואווט זיך צילן מיט שטיינדלעך.

---

1) וואָסערע אויפּאַגים פון וואלד־באארבעטונג ווערן באשריבן אין דער דער־ציילונג ?

2) וואָסער איינדרוק האָט געמאַכט דאס אָנקומען פון די מאשינעס אין טאפּאליק אָף די דראַטשעס, אָף די פויערים־באלעבאטים, אַפן שמיד, אָף די פויערשע פערד ?

3) שרייבט אויס די ערטער פון דער דערציילונג, וואו ס'ווערט באשריבן די אר־בעט פון די דראַטשעס, פון דער מאשין.

4) שרייבט אויס אַלע נייע ווערטער.

אָף די פּליטן

א גאַנצן זומער טראָגן די טייכן אין יאַם אריין אָף די רוקנס פון זייערע וועלן דאָס רייכטום פון אַרומיקן לאַנד—דאָס געהילץ פון די וועלדער. פּאַמעלעך, אָן ראַעש שווימען איבערן טייך די לאַנגע פּליטן. אָף יעדן פון זיי געפינען זיך פון פאָרנט 2 מענטשן באַ א לאַנגן רודער און פון הינטן צוויי. נאָר פון צייט צו צייט וואַרפן זיי זיך איבער מיט א פּאָר ווערטער.

אין מיטן פּליט איז איינגעאָרדנט א ביידל פון שטרוי, וואו ס'רוען די ארבעטער—דאָ איינער, דאָ דער אנדערער. דאָ שלאָפן זיי אויך, ווען דער פּליט שטייט צו צום ברעג.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצן זיי צוזאַמען און שמועסן. איינער הויבט אָן א פאָלקס־ליד, און אין א ווײַלע אַרום פאַרייניקן זיך צו אים אַלע איבע־ריקע, האַלטן אים אונטער און זינגען אין דריי און פיר שטימען. און ס'דאַכט זיך, אז דאס קלינגט די נאַטור אליין פון גוט אויסגעשטימטע אינסטרומענטן.

א געדיכטער נעפּל שפּרייט זיך אינדערפרי איבער דעם וואַסער-שפּיגל, איבערן פלייץ. אף א מעהאלעך פון עטלעכע טריט פון ברעג קאָנסטו ניט אונטערשיידן קיין וואַסער פון יאַבאָשע, נאָר אָט האָט א פּאַטש פון רודער געשטערט די שטילקייט, און גלייך נאָכדעם קלינגען אָפּ איבערן טייך די אויסרופן פון די פליט-לייט.

די שטימען הערן זיך גאָר נאָענט. דער פליט און די מענטשן זיינען אַרויסגעשוואומען פון גרויען נעפּל. זייערע סילועטן גליטשן זיך, שווימען, דערנעענטערנדיק זיך צו אונז. דאָס זיינען דאָך אונזערע נעכטיקע זינגערס! ס'ארא הויכע זיי זיינען, העל-בלאָנדע! מיט וואָס פאַר א קויעך זיי ארבעטן דאָס בא די רודערס, דאס זיינען מענטשן געזונטע, פאַרהאָרעוועטע פון דער



שווערער ארבעט. נאָך אַן אויסגעשריי! נאָך א מאָל... איצט זיינען פאַרטויבט געוואָרן אין נעפּל די ווערטער. די מענטשן און דער פליט פאַרשווינדן ווי-דער. עס זעען זיך נאָר זייערע שאָטנס. עס האָט א פּאַטש געטאָן א רודער, איינס, צוויי, נאָך אַן אויסגעשריי—און אַלץ גיסט זיך צונויף אין א גרויער מאַסע פון נעפּל, א שטיל שווייגנדיקע, ווי די ערד.

און נאָר אין עטלעכע שאָ אַרום בייט זיך דאָס בילד.

פּאַמעלעך דרינגט דורך די זונען-שיין. דער נעפּל ווערט צערונען און דער טייך הויבט אָן צו גלאַנצן אין זיינע גרינע ברעגן. ווייט, ווייט ציט זיך דער פליט. אָט דערנעענטערט זיך צו אונז א צווייטער...

אָט אזוי פליסט דער טייך, אָט אַזוי טראָגן זיך פאַרביי מענטשן, שווימען אוועק אין דער ווייט אריין אונטערגעהאַקטע ביימער...

ווער פון אייך ס'האָט געזען, ווי מע טרייבט פליטן, זאָל וועגן דעם אָנשרייבן.

א. כאַריק

אין וועלדער געדיכטע, אין וועלדער ווייסרוסישע
ווער וועט היינט האַלטן די וואַך?
— ס'וועלן היינט הערצער מיט פייער צעקושן זיך, —
היינט אין אַ בלוילעכער נאַכט...

שטילער, פאַרמאַטערטע, רואיקער, טייערע,
ווער וועט פאַרהיטן די רו?
ס'וועלן היינט ווינטן און רואיקע פייערן
שטיל מיט אייך ריידן אַף דו.

און ווער ס'וועט היינט פאַלן — וועט מוזן פאַרגעסן
אַ פאַרלאָשענעם קאָפּ אַף דער ביקס...
— זאַמדיקע, שטילע, פאַרוואָרפענע געסלעך,
היים, אונזער בלוטיקע מינסק!

אידן אין ראַטנפאַרבאַנד

אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען לויט די לעצטע סטאַטיסטישע יעדיעס פאַראַן 2.800.000 אידן, פון זיי אַף אוקראַינע ארום 1.750.000, אין ווייסרוסלאַנד 450.000, און די איבעריקע — אין ר. ס. פ. ס. ר. און אין אנדערע רעפּובליקן פון פ. ס. ס. ר.

די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג קאָן געטיילט ווערן אַף דריי טייל: $^1/_3$ זיינען מיטגלידער פון פראָפאַריינען, $^1/_3$ — קוסטאַרן, באַלמעלאָכעס און פויערים און $^1/_3$ — הענדלער און מענטשן מיט אומבאַשטימטע פאַרנאָסעס.

די אנטיסעמיטן שרייען אַף אַלע גאַסן, אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז אַ פאָלק פון ספעקוליאַנטן. ס'איז, ווי מיר זעען, אַ ליגן: בּאַ $^2/_3$ פון אַלע אידן אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען ארבעטנדיקע. דאָך אָבער איז דער % פון ניט-אַרבעטנדיקע צווישן דער אידישער באַפעלקערונג (אַ גאַנץ $^1/_3$) מער ווי בּאַ דער רוסישער אָדער אוקראַאינישער באַפעלקערונג. דאָס דערקלערט זיך מיט אַ ריי געשיכטלעכע סיבעס. אידן זיינען אין מעשעך פון צענדליקער און הונדערטער יאָרן ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו קיין פּראָדוקטיווער אַרבעט: צו לאַנדווירטשאַפט און צו גרויס-אינדוסטריע. אין געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד זיינען אידן געווען באַגרעניצט אין אסאך רעכט. זיי האָבן ניט געטאָרט וואוי-נען אין גרעסטן טייל פון דער רוסישער מעדינע און זיינען געווען פאַר-שפּאַרט אין דעם אַזוי גערופענעם טכום — אין אַ באַשטימטן טייל פון מאַירעוו-רוסלאַנד. קימאַט אַלע אינדוסטריעלע ראַיאָנען זיינען געווען פאַרשלאָסן פאַר אידישע איינוואוינער. האט די אידישע באַפעלקערונג געמוזט זיך גריבלען און

שווינבלען אין די קליינע שטעטלעך און שטעט פון טכום, ציענדיק אין א גרויסער מאָס איר כאַיונע פון קליינעם האַנדל און לופט-פּאַרנאָסעס.

א גרויסער טייל אידישע באָפעלקערונג איז פאַר די לעצטע 40 יאָר אריבערגעפאָרן פון רוסלאַנד קיין אמעריקע, קיין אפריקע און א. וו.

מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאריינען

לויט די יעדיעס פון די פּראָפ. אָרגאַנען זיינען אין פּ. ס. ס. ר. אין 1924 יאָר געווען 300.000 אידן מיטגלידער פון פּראָפאַריינען. דאס מאַכט אויס בענויגייע צו דער אלגעמיינער צאָל מיטגלידער פון פּראָפאַריינען (6.000.000) *)— 5%, אין דער צייט ווען די אידישע באָפעלקערונג מאַכט ניט אויס מער ווי 2% פון דער באָפעלקערונג פון ראַטנפארבאנד. בענויגייע דער אידישער באַפעלקערונג מאַכט אויס די צאָל מיטגלידער פון פּראָפאַריינען 11%, אין דער צייט ווען די צאָל אלגעמיינע מיטגלידער פון פּראָפאַריינען צו דער צאָל באַפעלקערונג פון פּ. ס. ס. ר. מאַכט אויס ניט מער ווי 4%.

אף אזא אויפן זעען מיר, אז צווישן דער אידישער באפעלקערונג בילדן די מיטגלידער פון פּראָפאַריינען א באַדייטנדע גרופּע. צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון פאַמיליע מאַכן זיי אויס א גאַנץ דריטל פון דער אידישער באַפעלקערונג.

צוליב די אויבן אָנגעוויזענע סיבעס זיינען די אידישע ארבעטער פאַרנומען מערסטנטייל אין ניי-און לעדער-אינדוסטריע. אין דער גרעסערער אינדוסטריע (מעטאליסטן, כעמיקער, טעקסטילער א. א.) בילדן זיי א קליינעם טייל.

שאָלעם אליי‌כעם

אידישע גליקן

I

(א בריוו פון מענאכעם-מענדל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינע-
שיינדל אין קאַסרילעווקע)

ריישיס**) בין איך דיר מודיע, אז איך בין באָרעכאַשעם געזונט. דאָס געמלעכע פון דיר צו הערן. אָמיין.

וועהאַשייניס***) זיי וויסן, אז איך האָב שוין געהאַנדלט מיט וואלד. וואָרום א אימעניע אליין אָן א וואלד איז ווי א שטוב אָן א קוימען. דער גאַנצער אַנטיק פון יעדער אימעניע איז דער וואלד. ווערסטו דאָך מיך געוויס פרעגן, ווי קום איך צו וואלד? האָב איך אָנגעטראָפן גראַדע צו איינעם פון

*) איצט איז שוין פאַראַן בא 9 מיליאָן. פון זיי אידן-מיטגלידער בא 400,000.

**) ריישיס—ערשטנס.

***) וועהאשייניס—צווייטנס.

די גרויסע מעקלערס, רוף איך מיך אָן צו אים: גיט מיר עפּעס א רעכטע אימעניע מיט א וואלד, איך האָב קוינים.—„אָך, מאכט ער צו מיר, מיטן גרעסטן קאָוועד! איך האָב, זאָגט ער, פון אייערטוועגן א וואַלד, קיין מענטש, זאָגט ער, איז דאָרט נאָך ניט געוועזן; ס'איז דאָרטן, זאָגט ער, פאַראַן בוימער פון זינט די וועלט שטייט, דעמבעס הויכע ביז דער כמאַרע, פון איין זייט א באַן. פון דער אנדערער זייט א טייך. נאָר ווי אזוי מיינט איר, זאָגט ער, א טייך? אָט איז דער וואלד און אָט איז דער טייך. א האַק א בוים, א פליוך אין וואַסער!" — — —

דערהערט אזעלכע דיבורים, בין איך באַלד אוועק נאָכשמעקן א קוינע אף דעמדאָזיקן וואלד. אז איך בין געקומען צום קוינע און האָב אים פאָרגע־לייגט, אז איך האָב אזא און אזא וואלד, פון איין זייט א׳ באַן, פון דער אנ־דערער זייט א טייך, א האַק א בוים, א פליוך אין וואסער, איז אים דאָס געשעפט באלד געפעלן געוואָרן. האָט ער מיך באַלד א נעם געטאָן אפן צימבל און האָט מיך באַלד אנגעהויבן צו פאַרהערן: ווי אזוי הייסט דער וואלד, און וואו שטייט ער, און וואָסערע בוימער וואַקסן דאָרט, וויפל ארשין זיינען זיי פון דער ערד, וויפל האַלטן זיי די הויך און וויפל די ברייט, פון וואנען הויבן זיך אָן די צווייגן, וואָס פאַר א קאָרע איז אַף זיי, און ווי אזוי גייען די סלאָ־יעס אינעווייניק, און ווי אזוי פאָרט מען אהין, און ווי אזוי איז דער וועג, און צי ס'איז דאָרטן ווינטער שנייען?.. האקלאל, ער האָט מיך באשאָטן מיט רייד און מיך ניט געלאָזט אויסריידן א וואָרט. ערשט אפן סאָף רופט ער זיך אָן צו מיר: „וואָס טויג אונז פוסטע דיבורים, איר ברענגט מיר בעסער אן „אָפּיס" פונם וואלד, וועלן מיר נאָכדעם ריידן".—צו וואָס טויגן אייך, זאָג איך, אָפּיסן? אמער, אָט טו איך א שפּרונג אף איין פוס און ברענג אייך אהער צו פירן דעם מויכער אליין, דעם באלעבאָס פונם וואלד, איז דאָך בעסער פון טויזנט אָפּיסן!" האַקלאַל, איך לויף אוועק צו מיין מויכער און כאַפּ אים און ברענג אים אריין גלייך צום קוינע אין צימער אריין. מיין קוינע מיטן מויכער האָבן זיך דערזעען, איז אַף זיי אָנגעפאַלן א געלעכטער, איך האָב געמיינט, זיי וועלן ביידע דעם שלאַק באקומען. „אָט דאָס איז אייער באַלעבאָס פונם וואַלד?" — מאכט צו מיר דער קוינע. — „אָט דאָס איז אייער קוינע אפן וואַלד?" — מאַכט צו מיר דער מויכער.

פונם וואלד האָט זיך אויסגעלאָזט א סטעפּ; ניט קיין וואלד, ניט קיין בוימער, ניט קיין טייך, א נעכטיקער טאָג! אומזיסט געדולט א קאָפּ אי יענעם אי זיך; אומזיסט געבראָכן די פיס, געריסן שטיוול. איך האָב ארויסגעזעען, אַז וועלדער איז ניט פאַר מיר און מיט אזעלכע ליגנערס האַנדלען איז ניט פאַר מיין קאָפּ. זיי קאָנען דיר אויסטראַכטן אפן הימל א יאריד! וואָס זשע האָב איך געטאָן? האָב איך מיך באַצייטנס א נעם געטאָן צו אן אנדער געשעפט, צו זאוואָדלעך (דאָס הייסט, פאַבריקן, וואָס מע מאכט צוקער). דאָס איז היינט דאָס בעסטע פון אלע געשעפטן; אידן קויפן זאַוואָדן, און די מעקלערס פאַר־דינען געלט. ווערסטו דאָך מיסטאמע וועלן וויסן, ווי קום איך מיך צושלאָגן צו אזא פונדאמענטאלנע געשעפט, וואָס איך ווייס גאָר ניט, מיט וואָס מע עסט

דאָס? איך האָב מיך באַקענט מיט איינעם א מעקלער פון זאַוואָדן, ווייזט אויס א גאַנץ ערלעכער און דערצו האָט ער גרויס קענטשאַפט. ער קומט אריין, זאָגט ער, צו אלע גרעסטע. „פון וואנען, מאכט ער צו מיר, איז א איד?"—פון קאַסרילעווקע, זאָג איך. אליין בין איך, הייסט דאָס, א יאַמפּעלער, זאָג איך, צוגעשריבן בין איך אין מאַזעפּעווקע. און איידעם בין איך פון קאַסרילעווקע, און האנדלען האנדל איך אין יעהופּעץ.

— וואָס איז אזעלכעס, מאַכט ער צו מיר, אָט דאָס קאַסרילעווקע, א דאָרף צי א שטעטל?

— וואָס איז שאַיעך, זאָג איך, א שטעטל, א גאַנצע שטאָט!

— מעגן דאָרטן אידן וואוינען?

— נאָך א מין מעגן!

— נו, און א טייך, מאַכט ער, איז בא אייך פאַראַן?

— נאָך א מין טייך, זאָג איך, שטינקיילע הייסט דער טייך.

— נו, און פון א באַן, מאַכט ער, איז עפּעס ווייט?

— סאכאקל, זאָג איך, א וויאָרסט עטלעכע און זיבעציק. וואָס איז, זאָג איך, אקעגן וואָס פרעגט איר דאָס?

— גיט מיר, מאַכט ער צו מיר, די האַנט, אז צווישן אונז וועט דאָס בלייבן; איך קאָן אייך אָנזאָגן א בסורע, רעב מענאכעם מענדל, אז מיר וועלן איינגיכן ביידע פאַרדינען געלט און אסאַך, א פולע היטל! ס'איז מיר נאָר וואָס, זאָגט ער, אריינגעפאַלן א מאַכשאָווע, וואָס טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָר, האינע: אזוי ווי קוינים אף זאַוואָדן איז היינט פאַראַן אכאַך און קיין זאַוואָדן איז ניטאָ; וויפל ס'איז געווען זאַוואָדן, האָט מען אויסגעקויפט און מער וויל מען ניט פאַרקויפן; לאָכן *) האָט זיך דער אוילאָם א נעם געטאָן צו בויען פרישע צאַפּלדיקע זאַוואָדן, און מאַכמעס אין די דערפער טאָרן קיין אידן ניט וואוינען, לאכן זוכט מען ערטער אף זאַוואָדן נאָר אין די קליינע שטעטלעך, דאָרטן, וואו אידן וואוינען; היינט פאַרשטייט איר שוין, אז אייער קאַסרילעווקע איז פונקט אָנגעמאָסטן, אז ס'זאָל דאָרט זיין א זאַוואָדל? און אזוי ווי איר זעט מיך, האָב איך גראַדע א קוינע אף צו בויען א זאַוואָדל אף אַ האַלבן מיליאָן קערבלעך, נאָר קיין אָרט איז ניטאָ: מע האָט פאַרכאַפּט אלע ערטער! ווייסט איר ניט, מאַכט ער צו מיר, מיט וועמען רעדט מען און צי קריגט מען דאָרט בוריקעס און אַ פּלאַץ אף צו בויען א זאַוואָדל?

— אָך, מאַך איך, מיטן גרעסטן קאָוועד; איך האָב דאָרטן, זאָג איך, א ווייב ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, מיט שווער און שוויגער, מיט א גאַנצער מישפּאָכע. איך קאָן באַלד אוועקשרייבן אהינצו א בריוול און איר מעגט, זאָג איך, זיין זיכער, אז מע וועט מיר טייקעף אָפּענטפערן!

דעריבער שרייב איך דיר וועגן דעם און בעט דיך טאַקע, זאָלסט זיך זעען מיט אַזריעל דעם סטאַראָסטע און מיט מאָשקע דעם רויטן, ער רייבט זיך צווישן פּריצים, לאָז ער אויסטאַפּן באַ זיי, צי קאָן מען האָבן א פּלאַץ און וויפל קאָן מען האָבן בוריקעס און ווי טייער, און טאקע באַלד מיר אָפּ-

*) לאכן—דעריבער.

ענטפערן דורך א בריוול. מע קאָן דאָ, פאַרשטייסטו מיך, כאַפּן א גראָבס, טאקע א צען—פופצן טויזנט! און מאַכמעס איך בין פאַרנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בעקיצער; אינם אנדערן בריוו וועל איך דיר ארויס-שרייבן אלצדינג. לעסאַטע זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט האַצלאָכע, גריס איטלעכן באזונדערס גאָר פריינטלעך.

פון מיר דיין מאַן מענאכעם מענדל.

איקער שאָכאַכטי*): איך האָב מיך צעפרעגט בא מיין איצטיקן שו-טעף, ווער איז דער קוינע, און בין געוואָר געוואָרן, אז דער קוינע איז זייער א הייסער קוינע צו זאַוואָדלעך: עס מעג זיין א ווינט-מיל, אבי ס'איז מיט א קוימען און ס'פייפט! לאַכן האָף איך, אז דאָס געשעפט איז געוויס א גע-שעפט און מיר וועלן פאַרדינען געלט, כאָטש אפילע מיר זיינען דערביי היפשע עטלעכע שוטפים.

II

(א בריוו פון שיינע-שיינדל פון קאַסרילעווקע צו איר מאַן מענא-כעם-מענדל אין יעהופּעץ).

צו מיין טייערן מאַן מענאַכעם-מענדל זאָל לעבן.

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זיינען אלע אין בעסטן גע-זונט, דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אף ווייטער ניט ערגער.

צווייטנס, שרייב איך דיר, אז איך האָב דיין מעגילע געלייענט און גע-לייענט און האָב ניט פאַרשטאַנען איין וואָרט, וואָס דו ווילסט! דו פרעגסט זיך נאָך, צי ס'איז דאָ פּלאַץ. שרייב איך דיר, אז אף דעם נייעם בייסוילאָם איז פאַראַן גענוג, עס וועט קלעקן פאַר האַלב יעהופּעץ! און וואָס פרעגסטו זיך אלץ נאָך אף בוריקעס? פאַרוואָס פרעגסטו זיך שוין ניט אָן אין איינ-וועגס אף קרויט, אף כריין און אף פּאַסטערנאַק? און דער טייך? אַזאַ מאַזל אף דיינע שוטפים, וואָס פאַר א וואַסער בא אונז איז! קומט ערעוו פייסעך, טרינקט מען יאַשטשערקעס, און זומער ווערט דער טייך גרין, ווי גראָז; איך וואָלט וועלן, אז דיינע יעהופּעצער פיינע בעריעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט די מאָגנס, זאָלן פאַרזוכן אונזער וואַסער ארום טאַמעז?.. ניין, מענדל, לאָז זיי דיר קרענקען דאָרטן אין יעהופּעץ. מיר וועלן זיך שוין באַגיין אזוי, אָן זייערע זאַוואָדלעך. שלאָג דיר ארויס פון קאָפּ דידאָזיקע אלע נאַרישקייטן, דו וועסט אזוי מאַכן זאַוואָדלעך, פונקט אזוי ווי דו האָסט געמאַכט וועלדער, אימע-ניעס און צוקער! איך בין דיר אָרעוו, אז איידער דו וועסט זיך ארומקוקן, וועלן דיך דיינע שוטפים באַנעמען פון קאָפּ ביז די פיס, וואָרום דו ביסט גע-ווען א שלימאַזל און וועסט בלייבן א שלימאַזל. ווי עס ווינשט דיר פיל גוטס און גליק

דיין פרוי שיינע-שיינדל.

*) איקער שאָכאַכטי—דעם איקער האָב איך פאַרגעסן.

1. פון וועלכער צייט ווערט דאָ דערציילט? פון וואָס זעט מען דאָס?
2. מיט וואָס פארנעמט זיך מענאכעם-מענדל? ווי רופט זיך אָן אזאַ פראָפעסיע?
3. ווי מיינט איר — האָט מענאכעם-מענדל געהאט א יעדיע אין וואלד, אין זאַוואָדן? פון וואָס זעט מען דאָס?
4. ווי באַציט זיך צו מענאכעם-מענדלען זיין ווייב? דער שרייבער?
5. צי האָט איר ניט געהערט אמאָל ווי מע זאָגט: „ער איז א מענאכעם-מענדל"?
6. פארוואס הייסט די דערציילונג „אידישע גליקן"?

שאָלעם אלייכעם

די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך

I

די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך געפינט זיך פונקט אין דער מיט פונעם „טכום", וואו מע האָט אוועקגעזעצט אידן קאָפּ אף קאָפּ, ווי הערינג אין א פעסל, און דער נאָמען פון דערדאָזיקער בארימטער שטאָט איז קאַסרילעווקע.

פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען קאַסרילעווקע? אָט פון וואַנען:

בא אונז אַן אָרימאַן, דאָס ווייס יעדערער, האָט אסאך נעמען: פאַראַן א געמיינער מאַן, און אַן אָרימאַן, און א געפאלענער, און א דאַלפן, און פאַראַן נאָך א נאָמען: א קאַסריעל, אָדער א קאַסריליק. קאסריליק—דאָס איז שוין ניט גלאָט אַזוי א קאַפּצן, א שלימאַזל: דאָס איז שוין, פאַרשטייט איר מיך, אַזא מין אָרימאַן, וואָס פאָלט ניט אראָפּ באַ זיך מיט זיין אָרימקייט; אדעראַבע, ס'איז גאָר א געדולע! אף אונזער לאָשן הייסט עס „אַן אָרימס און א פריילעכס"...

פאַרשטעקט אין אַ ווינקעלע, העט ווייט, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, שטייט זיך די שטאָט קאַסרילעווקע פאַרכאָלעמט, גלייך ווי מיט איר געהער זיך גאָרניט אָן אָט דער גאַנצער טארעראַם מיטן הארמידער, מיט דער לויפעניש, יאָגעניש, מיט די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן, וואָס מענטשן האָבן צוגעטראַכט. ניט נאָר פון אַווטאָמאָבילן, פון לופטשווימערײַ און אַוויאַטיקע, — זיי האבן אַ לאַנגע צייט פון אונזער אלטער געוויינלעכער אײַזנבאַן ניט געוואָלט הערן און ניט געוואָלט גלייבן אַפילע, צי ס'איז גאָר פאראַן ערגעץ אַ באַן אף דער וועלט. „ווייס איך וואָס, — האָבן זיי געזאָגט, — כאַלוימעס, נעכטיקע טעג, אַפּן הימל אַ יאריד, אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך"— און נאָך אַזעלכע שאַרפע ווערטער. ביז עס האָט זיך געטראָפן אַ מאַיסע. איינער אַ קאַסרילעווקער באַלעבאָס האט באַדארפט האבן קיין מאָסקווע, איז ער געפאָרן און געקומען צוריק און געשוואָרן מיט וואָסערע איר ווילט שוואָרעס, אז ער אליין איז געפאָרן ביז סאַמע מאָסקווע מיט דער באַן דריי פערטל שאָ... האָט מען דאָך מיסטאמע געמאכט אים אויסצודרייען: ווי שווערט דאָס אַ איד אַ באַלעבאָס אַף אזא האַרטן ליגן? לאָזט זיך אויס אַ מאַיסע, אז מע

האָט אים ניט גוט פאַרשטאַנען: ער איז טאַקע מער ניט געפאָרן מיט דער
באַן, ווי דריי פערטל שאָ, דאָס איבעריקע איז ער שוין געגאַנגען צופוס. ווי
די מאַיסע איז — דער פאַקט מיט דער באַן איז אַ פאַקט, וואָס מע קאָן קענן
אים גאָרניט זאָגן. אויסגעהערט, אויסגעהערט, קלוימערשט צוגעשאָקלט מיט
די קעפּ, און אינעווייניק אין האַרצן גוט געלאַכט און געזאָגט: „וואָס קומט
ארויס — די רעדער דרייען זיך, דער קוימען פייפט, דער וואַגאָן פליט, אידן
פאָרן קיין מאָסקווע און קומען צוריק"...

II

איר ווילט אוואדע וויסן, ווי אזוי זעט אויס קאַסרילעווקע? שיין, אזוי
ווי גאָלד. און ווער שמועסט פון דער ווייטנס! פון דער ווייטנס כאַפּט דאָס
דעם אָנבליק פון... אַ וואָס זאָל איך אייך, אַשטייגער, זאָגן? פון אַ סאַניש-
ניק, וואָס איז געדיכט אָנגעזעצט מיט סעמיטעשקעס, אָדער פון אַ לאָקשנ-
ברעט מיט פאַרפל אַסאַך. ווי אָף אַ טעלער ליגט פאַר אייך די שטאָט, און
איר קאָנט זי זעען פאַר אַ מייל מיט אַלע אירע אַנטיקלעך, ווארום די שטאָט
גופא, פאַרשטייט איר מיך, שטייט אָף אַ באַרג, דאָס הייסט, אָף דער שטאָט
האָט זיך אָנגערוקט אַ באַרג, און אונטערן באַרג שטייען הייזלעך אסאַך, איינס
אָף דאָס אַנדערע. קיין גאַסן איז ניט שאַיעך צו זאָגן, מאַכמעס די הייזער
בּייען ניט געבּויט, אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן נאָכן צירקול, און קיין סאַך
פּלאַץ צווישן די הייזער איז אויך ניטאָ: לעמאַי זאָל שטיין אומזיסט אַ ליי-
דיקער פּלאַץ, אַז מע קאָן דערויף אַנידערשטעלן אַ שטוב?

פונדעסטוועגן האָט קיין יעסורים ניט, פאַראַן גאַסן אויך: גרויסע גאַסן
און קליינע געסלעך, און שמאָלע געסלעך, און הינטערגעסלעך. אַי וואָס, ס'איז
ניט עפּעס אַזוי גלייך, אַביסל געדרייט באַרג-אַראָפּ, באַרג-אַרויף — און פּלוצים
באַט אייך אַ שטוב, אָדער אַ קעלער, אָדער גלאַט אַ גרוב? ווערט איר אַ ברייטע
האָבן ניט גיין אייגער אליין באנאכט אָן אַ לאַמטערן! פאַר די קליינע מענ-
טשעלעך זאָלט איר זיך ניט זאָרגן: אַ קאַסרילעווקער אין קאַסרילעווקע צווישן
קאַסרילעווקער וועט ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן קיינמאָל; איטלעכער טרעפט צו
זיך אַהיים, ווי אַ פויגעלע צו זיך אין נעסט אריין...

און ווייטער איז פאַראַן אין מיטן שטאָט אַ ברייטער האַלבקיילעכדי-
קער, און עפּשער אַ פּירעקעדיקער פּלאַץ, וואָס דאָרטן זיינען די קלייטן, די
געוועלבן, די יאטקעס, טישלעך און שטעלעכלעך. און דאָרטן שטעלט זיך
אויס דער מאַרק אלע פרימאָרגן, וואו עס פאָרן זיך צונויף אַסאַך פויערים
מיט אַסאַך פויערטעס מיט אַלערליי מינים סכוירעס און עסנווארג: פיש מיט
ציבּעלעס, מיט כריין, מיט פּעטרעשקע און מיט שאַר יעראַקעס. דאָס ביסל
שאַר יעראַקעס פאַרקויפט מען, און מע קויפט בּאַ די אידן אַנדערע באַדער-
פענישן. און דאָרטן טאַקע, אָף דעמזעלבן פּלאַץ, ליגן אויסגעצויגן באַטאָג
אַלע ציגן פון שטאָט און וואַרימען זיך קעגן דער זון. דאָ געפינט זיך אויך

דאָס מערכעץ*), וואו אידן באָדן זיך, און אלץ איבעריקע גוטע ערטער, וואָס לאָזן זיך הערן פון דער ווייטן... ניין, קאסרילעווקע ווייסט נאָך ניט פון קיין „קאַנאַליזאַציע", וואסערלייטונג, עלעקטריציטעט און נאָך אַזעלכע לוקסוס-זאַכן.

1) ווי אזוי באשרייבט שאָלעם אליכעם דאָס שטעטל קאסרילעווקע (דאָס אָרט, דאָס אויסזעען, די סאַניטאַריע, די באַפעלקערונג) ?
2) אין וואָסער סאָרן רעדט דאָ שאָלעם אליכעם וועגן קאסרילעווקע ?
3) מיט וואָס געפעלט אייך די דערציילונג ?
4) באשרייבט אליין אייער שטעטל.
5) מיט וועלכע ווערטער רעדט שאָלעם אַליכעם וועגן אן אָרימאַן. וואָס הייסט — געדולע, מיט וועלכע ווערטער קאָן מען אויסדריקן דעמזעלבן געדאַנק.

א. כאַריק

ב ר ו י ט

I

אזוי צי אזוי, נאָר סע שמעקט שוין מיט מאַרט,
האָבן אידן געגרייט זיך, געערדט און געוואַרט.

איז פון שטאָט אָנגעקומען אַ יונגער יעווסעק,
די ערדן צעטיילט זיי,—און ווידער אין וועג...

זיינען קינדער, און רינדער, און טאַטעס, און פערד
געפאָרן, געקומען, — און אָט איז די ערד...

שטייט דאָרט אַ פּאַלאַץ צעשטויבט און צעשטערט,
און מיט לאָזע און גראָז איז באוואקסן די ערד.

האָבן זיך עלטערע אידן פאַרקלערט...
— וואָס טוט מען, ווי טוט מען, גיי שפּיל זיך מיט ערד!

קוקט מען און שווייגט מען... אַז גרויס איז די לאַסט,
צי וועט מען דאָ בלייבן, צי קומט מען צו גאַסט...

איז דער אינגסטער, אַ פלינקער, אַראָפּ אף דער ערד...
— וואָס איז דאָ צו טראַכטן? — און שפּאַנט אויס די פערד.

*) מערכעץ — באָד.

איז דער אינגסטער דער ערשטער צום פּאַלאַץ אַוועק,
זיינען אַלע אַראָפּ פון די פערד, און אָן עק.

II

ליגט אין טוי דער זומער אַפן פעלד,
דער הימל האָט זיך שוין אַף ראָז צעגאָסן.
מע קוקט אין שויב: דער הימל איז שוין העל
— אַ גאַנצן טאָג וועט מען היינט קאָנען קאסען!

איז גוט ארויס אין לייוונטענעם העמד,
די ברייטע הענט אַ פּאַך טאָן אינדערלופטן,
שאַ-און-שטיל. עס וואַכט די גאנצע ערד,
יונגע זאנגען וויגן זיך און רופן...

III

עס קלינגט און בלאנקט אין ברייטן טאָל,
און קלונג-און-קלאַנג פון שאַרפן שטאָל
פאַרגייט זיך אין די קאָסעס...
טוי און זון, און שטיקער גאָלד
רינט פון הויך און פאַלט אין טאָל
צעמישט זיך מיט די גראָזן.

די זון איז דאָ, נאָר ס'איז ניט הייס,
נאָך ליגן טראָפּנס טוי, ווי שווייס —
צעטרייסל און צעשפריץ זיי.
קאָסעס ראנגלען זיך אין גראָז,
קאָסעס ווערן פייכט און ראָז,
פייכט און ראָז און היציק.

פייכטע גראָז בלייבט שטיל און רוי,
— ברידער,—הערט,—ניט איילט אזוי;
קאָסעס ציטערן פאַר שטיינער!
די זון איז הויך און ס'הילכט און ס'ברענט,
עך, וואו נעמט מען טויזנט הענט,
איין פּאָר הענט איז ווייניק!..

אַף די נייע ערדן

I

אין קאָלאָניע

רוישיק, מיט אַ הודזשעריי און סאָפּען רייסן זיך אריין אין דרעמלענדיקן נייעם אידישן דערפל דריי פאַרשטויבטע אַווטאָמאָבילן און רופן אַרויס אַ צערודערונג, אַ באַוועגונג.

פון די שוין פאַרטיקע הייזלעך שיטן זיך ארויס ווייבער און קינדער און קוקן נייגיריק נאָך. פון די נאָענטערע פעלדער, פון די זיך בויענדיקע געביידעס ציען זיך צו אייך, צום אָרט, וואו די אַווטאָמאָבילן זיינען ווי איינגעגראָבענע אין דר׳ערד שטיין געבליבן, באַגאָסענע מיט שווייס מענער.

מע רינגלט אונז ארום, און ווען מע דערווייסט זיך, אז ס׳איז געסט פון צענטער, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר ערד־איניאָנים, ווערט דאָס רעדל ענגער, געדיכטער.

מיט צעפלאַמטע פּענימער, מיט אַ באַזונדער פייערל אין די אויפשטראַלנדיקע אויגן ריידן זיי, אָט די ניי־געבאַקענע ערד־ארבעטער, וועגן צושטאַנד פון טוואָועס אַף די פעלדער, וועגן דער גערעטעניש, וועגן די אויסזיכטן אַף צו פירן אַ געזונטן, פויערשן לעבן. די פּענימער—שוואַרץ־פאַרברענטע, די הערצער צעכריאַסטעטע, פרייאָטעמענדיקע, די הענט שטייפע, מעסטן זיי שטייפע, וואָגיקע רייד, דערציילן וועגן זייערע אויפטועכצן און וועגן נאָך נויטיקע אַגראָנאָמישע מאָסמיטלען.

ס׳פּילט זיך—מענטשן האָבן באַשלאָסן גרונטלעך צו דערלערנען און ביזן סאָף אויסשעפּן אלץ, וואָס ס׳איז נויטיק צו טאָן, קעדיי אויפבויען אַ געזונטע און זיכערע פּויערשע ווירטשאַפט.

די, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך אויסבויען, ריידן וועגן דעם מיט אומרו אין דער שטימע.

וואו וועלן זיי זיך אהינטאָן, אויב כאָטשוועכאָלילע זיי וועלן ניט פאַרענדיקן די געביידעס? וואו וועלן זיי די גערעטעניש אהינטאָן? וועגן אומקערן זיך נאָך אַף אַ ווינטער אַהיים, אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל—קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין—קיינער דערלאָזט גאָר ניט אַזאַ געדאַנק.

די שווערסטע פראַגע איז איצט—הייזער־בויאונג. ס׳פעלט אַרבעטס־קראַפט. די איבערוואַנדערער האָבן אזוי פיל ארבעט אין פעלד, אַרום דעם היי, באַ די הייזער, אז אליין פאַרנעמען זיך מיט לייגן די ווענט קאָנען זיי ניט.

שטייט אַן אומרו צווישן אָט דעם טייל איבערוואַנדערער. ווער ווייסט, צי מע וועט פאַרענדיקן די געביידעס.

מיר שטעלן זיך אָפּ באַ די טוואָועס. הויכע, גאָלדענע זאַנגען, העכער פון אַ מענטשן־קאָפּ. שווערע, שוין אָנגעגאָסענע, בויגן די זאַנגען זייערע קעפּ־

דאָס פעלד אַ ריינס, אַ גלייכס, ווי פון איין גוס. ניטאָ קיין איין פרעמ-דער זאַנג, קיין איין אנדערער געוויקס.

— אָט א פעלד, אָט אַ ריינער ווייץ! — האלטן זיך אונזערע נימ-

אידישע מיטפאָרער אין איין כידעשן און מיט פויערשע אויגן עסן זיי די פעלדער.

— אַוואָדע אַ 200 פוד פון אַ דעסיאטין!

מיר באקוקן דעם צוגעגרייטן שוואַרצן פאַר. אַ גלייכער, אף דין באַ-

אַרבעטער, ווי מיט שוואַרצן מאָן באַשאָטענער ערד-שעטעך. מע קריכט אַראָפּ פון אווטאָמאָביל, באַטאַפּט און באַקוקט, און ס'בלייבט: גוט, זייער גוט באַאַרבעט.

און אָט אַרבעטן אַ דריי פּאָר „קאָסילקעס”. צו צוויי יונגעלייט אַף דער מאַשין—און נאָך זיי לייגט זיך, אין גלייכע פּאַסן, די אונטערגעשניטענע גראָז. דער צונויפקלייבער אַרבעט געלאַסן און גוט, אָט אַזוי ווי ער וואָלט קאַמע יאָרן שוין בא דער ארבעט געווען.

דער פּאַרוואַלטער פון דער קרייזישער ערד-אָפּטיילונג קאָן ניט גיוועהר זיין די פויערשע טעווע: ער וואַרפט אַראָפּ דאס פּידזשאַקל, בעט מעכילע דעם אידישן באָכער און מיט גרויס פאַרגעניגן, אָט ווי אַ שווימער, ווען ער כאַפּט זיך אריין אין אַ טיפן וואַסער, נעמט ער ארבעטן בא אָפּקלייבן און אויסלייגן די היי.

אָבער... ס'ארבעט זיך בא אים שוואַכער, און ניט אזוי גלייכגראַדיק, ווי באַם יונגן אידישן שטעטלדיקן באָכער.

II

דער אָטריאַד פון טראַקטאָרן

פון דער וויטן הערן מיר זייער הודושען און בויגן ארום אַ ריי פעלדער, ביז מיר דערלאַנגען זיך צו זיי.

אין פיר גלייכע שורעס קריכן זיי אָט די שטאָלענע באַשעפענישן און לאָזן נאָך זיך איבער טיף אויפגעאַקערטע און שוין פאַרבראָנעוועטע ערד. צו צוויי כעוורע-לייט אַף יעדן טראַקטאָר ארבעטן זיי, איינער פירט אָן מיט דער מאַשין, דער צווייטער קוקט נאָך נאָכן אַקערן. אַלע זיינען זיי איבערוואַנדע-רער. ניט לאַנג צוריק דורכגעגאַנגען טראַקטאָריסטן-קורסן, איז איצט באַאַר-בעטן זיי די פעלדער פון זייער קאָלעקטיוו.

דער אינסטרוקטאָר רעדט מיט אַ באַזונדער וואַרימקייט וועגן דער אַר-בעט פון די איבערוואַנדערער-טראַקטאָריסטן.

— פאַרשטייט איר מיך, פאַראַיאָרן האָבן מיר געהאַט דאָ אָן אָן עק בעדונגענע טראַקטאָריסטן,— האָבן מיר פון זיי געהאַט צאָרעס. געטאַכט פיל בלויזן, ניט פאַראַקערטע. איצט אָבער ארבעט דאָס ראָוו יעדער קאָלעקטיוו אַף זיין אייגענעם פעלד — אַרבעט ער מיט כיישעק, מיט איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט.

— אַי, זיי קאָנען די מאַשין ערגער, פירן אמאָל עפּעס איבער,—טאַינעט דער אינסטרוקטאָר זיך מיט עמיצן אויס,—איז אַף וואָס בין איך דאָ, און אַף וואָס איז די רעמאָנטן-ווארשטאט. נישקאָשע, ס'לוינט.

אַף איין טראַקטאָר ארבעט אַ אידל פון אַ יאָר זעכציק, אַ קליינער, אַ דאַרער, אַ ברוינער, ווי בראָנזע.

— דאָס פאַרביים ער דעם זון, — דערקלערט דער אינסטרוקטאָר, — דער זון איז דורכגעגאַנגען די טראַקטאָריסטן-קורסן, — האָט זיך אָבער דער אידליק

איינגעשפּאַרט, ער וויל זיך אויך אויסלערנען די טוירע. האָט ער זיך געלערנט, אַרבעטנדיק מיטן זון צוזאַמען, ביז וואַנען — אָט איר זעט — ער אַרבעט שוין אַליין און ניט ערגער פאַר זיין בענאַק. איר וועט זען, — פאַרענדיקט ער, — אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט ניט זיין קיין איין איבערוואַנדערער, וואָס זאָל ניט קאָנען אַרבעטן מיט אַ טראַקטאָר.

ס'טראָגט זיך דער אַווטאָמאָביל, ס'לויפן פאַרביי פעלדער און לאָנקעס. די ברייטע ראַכוועסדיקע סטעפּ איז מילד באַגאָסן דורך די ברענענדיקע שטראַלן פון דער טאַמעוזדיקער זון.

א. כאַריק

דאָס ליד פון די ישואָווניקעס

העגט געהאָדעוועט צום בויען!
איז יעדע האַנט אַ קרעפטיקער בריטאַן,
איז גוט מיט זיי צווישן ערד און טויען
אין ברוסט אַ זעץ טאָן זיך: — פאַראַן!

פאַראַן אַ ערד, איז גוט אַף איר צו טרעטן...
און גראָז איז פעט אַזוי און גרין.
באַ קיינעם דאַרפן מיר קיין ברויט ניט בעטן, —
מיר רייסן דאָס פון יעדער דעסיאַטין.

ערד, געשמאַקע, פעטע גרונטן.
און זון, וואָס גיסט זי אָן, וואָס צייטיקט און וואָס ברענט.
מיר שטייען קעגן אייך דאָ הויכע און געזונטע,
נאַט! — מיר שענקען אייך פאַרהאַרטעוועטע הענט.

מיר האָבן הענט, און הענט איז אונזער אייגנס,
אַז וואָס פאַרמאָגן מיר נאָך דאָ אַף גאָרער וועלט! — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָבן ישואָווניקעס פאַרצויגן
אַ ליד אַ פּראָסטע איבער פעלד.

קאַמענעצקי

דער נאָוואָראָסייסקער האַפן און זיין עלעוואַטאָר

נאָוואָראָסייסק איז איינער פון די בעסטע האַפנס אַפן שוואַרצן יאַם. ער ווערט קיינמאָל ניט פאַרפראָרן, און צאַפן-קאַווקאַז, ווי אויך דער בייוואָלגישער קאַנט, קאָנען שטענדיק דורך אים טראַנספּאָרטירן קיין אויסלאַנד זייער

טוואוע און די פּראָדוקטן פון פּיצוכט. זיבן לאַנגע ברייטע לאָדונגס-בריקן ציען זיך פון צאָפן-ברעג ווייט אין וואַסער אריין. זיי זיינען באַזאָרגט מיט די נויטיקע מיטלען צו אויסלאָדן און אָנלאָדן די גרויסע שיפן, וועלכע שטעלן זיך בײַ זיי אָפּ.

א געדיכטע נעץ פון באַן-ליניעס פלעכט ארום דעם גאַנצן האַפן מיט זיינע לאָדונגס-בריקן און פאַרייניקט זיי מיט דער באַן-סטאַנציע, וועלכע געפינט זיך ניט ווייט פון דאָרטן.

אָבער דער שטאָלץ פון נאָוואָראָסייסקער האַפן איז זיין באַרימטער עלעוואַטאָר, איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט, וועלכער איז איינגעאָרדנט נאָך די בעסטע אַמעריקאַנישע מוסטערן. ער ווערט זייער שטרענג באַוואַכט, און ניט לייכט ווערט דערלויבט אים צו באַקוקן. דאָס איז א גאַנץ שטעטל פון טוואוע-קאַמערן און פילשטאָטיקע ביניאָנים, וועלכע זיינען ארומגעשפּונען מיט א נעץ פון באַן-ליניעס. אין מיטן שטייט דער קאָלאָסאַלער הויפּט-ביניען, א 9-שטאָקיקער ריז, אַרום 60 מעטר די הויך. ווייט איינער פון דעם אַנדערן זיינען צעוואָרפן אַכט „טורעמס”, קלענערע עלעוואַטאָרס, געבויט נאָכן זעלביקן פּלאַן, אפן זעלביקן אויפן; זיי זיינען אַלע פאַרייניקט צווישן זיך און מיט דעם הויפּט-עלעוואַטאָר דורך לאַנגע געדעקטע קאָרידאָרן, וואָס ציען זיך הויך איבער דער ערד אף הויכע געמויערטע סלופּעס. אַזאַ קאָרידאָר, קימאַט א קילאָמעטער די לענג, ציט זיך אויך פון דאַנען, איבער די גאַסן פון האַפן, צום ברעג; דאָרט צעטיילט ער זיך אף צוויי צווייגן, וועלכע פאַרענדיקן זיך בײַם סאָף פון די צוויי ספּעציעלע טוואוע-בריקלעך. אומעטום זעען זיך הונדערטער פראַכט-וואַגאָנעס, איינקע שוין ליידיקע, אַנדערע נאָך פול מיט טוואוע.

דער אויפזועער פירט מיך אריין אין איינעם פון די טורעמס. דירעקט פון די וואַגאָנעס ווערט די טוואוע ארויסגעשאטן אין די קאַמערן פון אונטערשטן קעלערשטאָק. א ברייטער אומענדלעכער שטאַרקער לייוונט (טראַנספּאָרטיאָר), אנגעצויגן אף באַוועגלעכע וואַלצן, ציט זיך פון אונטערשטן שטאָק צום צווייטן. דער פירער גיט א ריר א הייבער, און דער טראַנספּאָרטיאָר הייבט זיך אָן גיך צו באַוועגן איבער די וואַלצן: דער אויבערשטער טייל — פון אונטן ארויף, און דער אונטערשטער — פון אויבן אַראָפּ. מיטן טראַנספּאָרטיאָר לויפט באַלד ארויף א ריטשקעלע טוואוע, וועלכע פליסט וואונדערבאַר פון אונטן ארויף. כ'בין ניספּאעל געוואָרן פון דער קונציקער פּאַשעטקייט פון מעכאַניזם, און אן אַנטציקטער בין איך דערגאַנגען ביזן ארט, וואו דער טראַנספּאָרטיאָר פאַרבויגט זיך צו אונטן. דאָ האט זיך די טוואוע געגאָסן, ווי א קליינער וואַסערפאַל, און איז פאַרפאַלן געוואָרן אין א ליוק פון א ווערטיקאַלן זייל. דער פירער עפנט א טירל, און איך דערזע, אַז דא לויפט גיך ארויף א ווערטיקאַלער לייוונט מיט צוגעפּעסטיקטע קליינע קעסטעלעך. די טוואוע פאַלט אין די קעסטעלעך און טראָגט זיך שנעל צו אויבן. דער ווינט, וועלכער ווערט קינסטלעך באַשאַפן דורך דער שנעלער באַוועגונג, באַפרייט די טוואוע פון שטויב און מעקענע, און א פולקום ריינע וואַנדערט זי ווייטער.

מיר גייען איבער צום דריטן שטאָק. דאָ פאַלט די טוואָוע אין די קאַסטנס פון צווי גרויסע וואָגן, וועלכע וועגן אָפּ זייער גיך צו 100 פוד מיטאמאָל. פון דאַנען גייט זי ווידער איבער אף האָריזאָנטאַלע טראַנספּאָר־טיאָרן, וועלכע טראָגן זי שנעל דורך די לאַנגע קאָרידאָרן צום הויפּט-עלע-וואַטאָר. ס'איז א פאַרגעניגן צו זעען, ווי ס'גיסן זיך אומויפהערלעך די גאָלדענע טוואָוע=טייכעלעך, צו פיר אין יעדן קאָרידאָר. ס'איז שטיל. ס'הערט זיך מער ניט דער שאָרך פון די שוועבנדיקע טראַנספּאָרטיאָרן, פון די באַ-וועגלעכע וואלצן און דאָס שוואַכע רוישן פון די „טוואָוע=פאַלן". אלע מעכאַ-ניזמען ווערן געטריבן דורך עלעקטרישער קראַפט, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אין דער קאָלאָסאַלער סטאַנציע פונם עלעוואַטאָר. עס זעען זיך ניט קימאַט קיין אַרבעטער, נאָר וואו-ניט-וואו שטייען רוואיק איינצלנע מענטשן און גיבן אַכטונג, אז אַלץ זאָל גיין אין אָרדענונג. די טייכעלעך לויפן איבער די קאָ-רידאָרן ביז די לאַדונגס-בריקלעך, וואו זיי פאַרשווינדן אין די טיפע רוימען פון די אָקעאַנישע שיפן. אָנלאָדן אף אזא אויפן 10.000 פוד דויערט ניט מער ווי 1 שאָ מיט 40 מינוט; איינציייטיק קאָנען געלאָדן ווערן 4 שיפן מיטאמאָל. ווען קיין שיפן זיינען ניטאָ, גיסן זיך די טייכלעך טוואָוע אריין אין די קאָלאָ-סאַלע רעזערוואוארן פון הויפּט-עלעוואַטאָר. אייניקע פון זיי קאָנען אריינעמען צו עטלעכע הונדערט טויזנט פוד. אָפּן אָכטן שטאָק אַרבעטן 8 וואָגן, וועלכע וועגן אָפּ אין עטלעכע מינוט צו 200 פוד יעדערע. אָפּן ניינטן שטאָק געפינען זיך 360 געמויערטע ברונימער, אַרום 24 מעטער די טיף, וועלכע באַהאַלטן אין זיך צו 10.000 פוד יעדערער. דורך אַן עפענונג פון אונטן קאָן די טוואָוע לייכט אריבערגיין אף טראַנספּאָרטיאָרן און אריבערגעטראָגן ווערן צו דער שיף. אלע קאַמערן פון עלעוואַטאָר קאָנען איינצייטיק אַריינעמען 8 מי-ליאָן פוד טוואָוע, גאַנצע 8.000 פראַכט-וואַגאָנעס!

כ'האָב הייס באַדאַנקט דעם פירער פאַר זיינע פריינטלעכע דערקלערונ-גען, און טיף באַווירקט פון דער קונציקייט פון איצטיקער טעכניק, האָב איך א צופרידענער זיך צעשיידט מיט דער גרויסאַרטיקער איינריכטונג. „יאָ,— האָב איך א טראַכט געטאָן,—עלעקטריפיקאַציע קאָן טאַקע באַפרייען די מענטשהייט. זי מוז זיך נאָר פריער באַפרייען פון דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל".

אויפגאַבן

I

1) וואָסערע געגנטן פון אונזער פאַרבאַנד ליגן בא די ברעגן פון שוואַרצן און אַזאָווישן יאַם? ווייזט אָן אַף דער קאַרטע זייערע גרעניצן.

2) געפינט אף דער קאַרטע די פּאָרטן פון שוואַרצן און אזאָווישן יאַם.

3) דורך וועלכע שטעט גייט דורך די אייזנבאַן: מאָסקווע-אדעס, מאָסקווע-סעוואַסטאָפּאָל, מאָסקווע-נאָוואָראָסייסק.

4) געפינט אף דער קאַרטע די אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען: אין אוקראַינע, אין קרים.

5) שרייבט אָן אַ קאָלעקטיווע ארבעט וועגן דער אידישער לאַנדווירט-שאַפט.

באַמערקונג: צעטיילט זיך אַף גרופקעס. איין גרופקע זאָל צונויפ-נעמען יעדיעס וועגן דער געאָגראַפישער לאַגע פון די קאָלאָניעס (ווי ווייט פון יאַם, באַ וועלכע טייכן, נעבן וועלכע שטעט, וואָסער באַן גייט דורך), די צווייטע — וועגן קלימאַט, די דריטע וועגן געוויקסן א. א. וו. יעדיעס קאָנט איר באַקומען דורך שרייבן בריוו אין די שולן פון די קאָלאָניעס, פון דער געאָגראַפיע פון פ. ס. ס. ר., פון די צייטונגען „שטערן" און „עמעס", פון די אַרטיקלען און דערציילונגען פון אונזער ביכל, פון טשעמעריסקיס ביכל: „די איד. ערד-איינאָרדענונג" און פון רעזניקס ביכל: „מאַטעמאַטיק פון לעבן" פארן 4-טן יאָר, ביילאַגע.

II

1) דער שטעטח פון אוקראַינע איז 393.000 קוו. קיל. די צאָל באַפעל-קערונג איז 26.000.000. ווי גרויס איז די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין אוקראַינע אף 1 קוו. קילאָמעטער?

2) פון 26.000.000 באפעלקערונג פון או. ס. ס. ר. זיינען אוקראַינער 19.208.000, אידן 1.772.000, רוסישע 3.575.000, איבעריקע 1.325.000. רעכנט אויס, וויפל % בילדעט יעדע נאַציע.

III

1) געפינט אף דער קאַרטע דעם אָנהויב פון טייך דניעפּר. דורך וועלכע גובערניעס גייט ער דורך אין זיין אויבערשטן טייל?

2) געפינט די גרעסערע ביי-טייכן פון אויבערשטן דניעפּר.

3) ווייזט אָן די גרעניצן פון וו. ס. ס. ר.

4) געפינט אף דער קאַרטע די גרעסערע שטעט פון מאַזירעוודיקן קאַנט, וועלכע זיינען אייך מער באַקאַנט. מיט וואָס זיינען זיי אייך באַקאַנט?

5) אין מאַזירעוו-קאַנט זיינען דאָ אסאך זעג-מילן, שוועבעלעך-פאַבריקן, סמאָלע-זאַוואָדן. דערקלערט, פאַרוואָס איז עס אַזוי.

6) דער צאָפנדיקער טייל פון מאַזירעוו-קאַנט רופט זיך אָן אָזערעס-געגנט. קוקט זיך איין אף דער קאַרטע און דערקלערט, פאַרוואָס הייסט זי אזוי.

7) ווייזט אָן אף דער קאַרטע, דורך וועלכע שטעט גייט דורך די אייזנ-באַן: מינסק-מאָסקווע; האָמעל-לענינגראַד.

IV

1) דער שטעטח פון ווייסרוסלאַנד איז 109.800 קוו. קיל. די צאָל באַ-פעלקערונג איז 4.204.000. רעכנט אויס, ווי גרויס איז די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד אף 1 קוו. קיל.

2) אין ווייסרוסלאַנד לעבן 4.204.000 מענטשן. פון זיי אידן 450.000. רעכנט אויס, וואָסער פראָצענט מאכט אויס די אידישע באַפעלקערונג.

צענטראַל-אינדוסטריעלער ראַיאָן

דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג פון אונזער רעפובליק פאַר-
נעמט זיך מיט ערד-אַרבעט. די אינדוסטריע איז נאָך ניט גענוג אַנטוויקלט.
גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן געפינען זיך ניט אין פילע ערטער.

מער ווי אומעטום אין אונזער לאַנד געפינען זיך פאַבריקן און זאַוואָדן
אין מאָסקווער און אין די אַרומיקע גובערניעס. דערדאָזיקער קאַנט רופט זיך
אָן צענטראַל-אינדוסטריעלער ראַיאָן.

אַף דעם גרעסטן טייל פאַבריקן פון דעם קאַנט ווערט אויסגעאַרבעט
טעקסטיל (געוועבטע מאַטעריע) און מעטאַל-אויסאַרבעטונגען. די טעקסטיל-
פאַבריקן באַזאָרגן אַלע פעלקער פונם פאַרבאַנד מיט שטאָף, ציץ, געוואַנט,
פאַדים. די מעטאַל-זאַוואָדן באַזאָרגן דאָס לאַנד מיט לאָקאָמאָטיוון, מאַשינעס,
לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַכשירים א. א. וו.



כוץ דער גרויסער אינדוסטריע איז אין דעם קאַנט זייער פאַרשפּרייט
די קוסטאַרעריי. די אויסאַרבעטונג פון די קוסטאַרן: שלעסער, מעסערס, העק,
ווילעס, גראַבאַייזנס, שיך — צעגייען זיך איבערן גאַנצן פאַרבאַנד.

דער צענטראַל-אינדוסטריעלער ראַיאָן האָט זייער א גרויסע באַדייטונג

פארן גאנצן פארבאנד: זיין גרויס-אינדוסטריע און קוסטאַרעריי שטעלן מיט זיך פאָר א גרויסן טייל פון דער פאָלקס-ווירטשאפט.

אין דעמדאָזיקן ראיאָן געפינען זיך אין דער ערד גרויסע אויצרעס קוילן,—דער אזוי גערופענער מאָסקווער קוילן-באַסיין—און גרויסע שטרעקעס טאָרף. אין דער לעצטער צייט האָט מען אויסגעבויט צוויי גרויסע עלעקטרישע סטאנציעס: איינע אין שאַטורע, וואָס ווערט באַהייצט מיט טאָרף, און די צווייטע אין קאשירע, וואס ווערט באהייצט מיט קוילן. דידאזיקע סטאנציעס גיבן עלעקטרישע ענערגיע פאר דער מאָסקווער אינדוסטריע, וועלכע אנט-וויקלט זיך און פארגרעסערט זיך פון יאָר צו יאָר.

אין צענטראל-אינדוסטריעלן ראיאָן גייען אריין אכט גובערניעס אינ-גאנצן און צוויי טיילווייז. דאָס זיינען די גובערניעס: מאָסקווער, וולאדי-מירער, ניזשני-נאָווגאָראָדער, איוואנאָווא-וואָזנעסענסקער, יאראָסלאוולער, קא-לוגער, טווערער, קאסטראָמער, א טייל פון טולער און ריאזאַנער גובערניעס.

אויפגאבן

1) געפינט אף דער קאַרטע די אויסגערעכנטע גובערניעס און ווייזט אָן די גרעניצן פון צענטראל-אינדוסטריעלן ראַיאָן.

2) דערקלערט, פארוואָס הייסט דער ראַיאָן צענטראלער.

3) געפינט אף דער קאַרטע די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטרען. ווייזט אָן די ערטער, וואו ס'געפינען זיך די ערד-אויצרעס פונם ראַיאָן, די גרויסע עלעקטרישע סטאנציעס.

4) קוקט זיך צו, וויפל באַן-ליניעס צעגייען זיך פון מאָסקווע. ווייזט אָן די ענדפונקטן, וואוהין יעדע ליניע פירט.

אין לאנד פון די וועבער

I

אף די ברעגן פונם טייך ציט זיך אַ לאַנגע שורע פאַבריקן מיט הויכע קוימענס. ווייטער גייען גרויסע, געמויערטע הייזער און ווידער פאַבריקן און פאבריקן אָן אַ סאָף.

דער שווארצער רויך פארהילט דעם הימל, דער שאַרפער ריייעך פון ווייערקייטן מאַכט שווער דעם אָטעם.

די פאַבריק-פייפלעך שניידן דורך די לופט און אף זייער רוף ווערן די גאַסן פאַרפלייצט מיט אַרבעטער. צו די פאַבריקן ציען זיך אָן אן אויפהער מאַכנעס מענטשן. די פאַנאַנדערגעעפנטע טירן ציען אין זיך אַריין די לעבע-דיקע שטראָמען: אַלע איילן זיך צו זייערע ווערקשטעלן. אין 10—15 מינוט שטייען שוין אלע אַף זייערע ערטער.

אָט איז אַ גרויסער זאַל, פון 19 מעטר די ברייט און 55 די לענג; די סטעליע פון זאַל האלט זיך אף עטלעכע שורעס טשוהונענע זיילן, — דאָס איז איינע פון די וועבעריי-אָפטיילונגען. זי איז אינגאנצן פאַרשטעלט מיט וועב-שטולן. אייזערנע וואַלן און רימענע פאסן פלעכטן אַרום די גאנצע גע-

ביידע, ווי מיט א ריזיקער, שוואַרצער נעץ. דער הילצערנער דיל איז שמוציק און אָפּגעלופּעט.

אַלע זייגען שוין קימאט אַף זייערע ערטער, נאָר קיין לעבן פילט זיך נאָך ניט — די דאַמפ-מאַשין האָט מען נאָך ניט געלאָזן.

יעדער פאַבריק-קאָרפּוס האָט זיך זיין לעבנס-צענטער, זיין האַרץ — די דאַמפ-מאַשין. דאָסדאָזיקע האַרץ געפינט זיך אין א באַזונדער געביידע.

אין דעדאָזיקער געביידע בליאַסקעט אַלץ פון ריינקייט. אָנהויבנדיק פון די גרעסטע טיילן, ווי דאָס טרייב-ראָד און דער וואַל, וואָס איז די גרעב פון א מענטשנס קערפּער, און ענדיקנדיק מיט די קלענסטע זאכן, ווי די קליינע שרייפּלעך אין די אייל-קעסטעלעך, — גלאַנצט אַלץ ווי נײַ. דער דיל איז אויסגעלייגט מיט פאַרשיידנקאָלירענע פּליטקעס, וועלכע ווערן יעדן טאָג אויסגעווישט מיט פייכטע שמאַטעס. די ווענט זיינען אָפּגעפאַרבט; די פאַרענטשעס באַ די לייטערס גייען מיט פאַרשיידענע באַפּוצונגען. איצט שטייט דער שטאָלענער גיגאַנט אָן באַוועגונג. ס'העגנגען אַראָפּ רואיק די שטאָלענע קאַנאַטן, וואָס פאַרייניקן דעם טרייב-ראָד מיט די הויפּט-וואַלן פון יעדן גאָרן.—דערווייל רוט נאָך די פאַבריק. נאָר מיטאַמאָל לאָזן זיך הערן איבער אַלע אָפּטיילונגען, איבער אַלע וואַרשטאַטן סיגנאַל-קלונגען, וועלכע גיבן צו וויסן, אַז באַלד ווערט געלאָזן די דאַמפ-מאַשין. ס'דויערט א מינוט 2—3, ס'דערהערט זיך דער צווייטער קלונג — און גלייך נאָך דעם הויבט זיך אָן דרייען דאָס טרייב-ראָד און נאָך אים די וואַלן.

דער גרויסער זאַל מיט זיינע 300 ווערקשטעלן און מיט די 2000 אַרבעטער האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט און אָנגעהויבן הודיען. דאָס אומויפהערלעכע קלאַפּן פון די „טרייבערלעך", וואָס וואַרפן איבער די שיפעלעך מיט פאָדים פון איין עק געוועב צום צווייטן מיט א שנעלקייט פון 120—150 מאָל אין א מינוט, דאָס קלינגען פון די מעטאַלענע טיילן—דאָס אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין אייגהייטלעכן, נאָר זייער שטאַרקן און אומויפהערלעכן ראַעש. דיידן איז אוממעגלעך. די וועבער פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן לויט דער באַוועגונג פון די ליפּן, אָדער מע בויגט זיך אָן צום סאַמע אויער און מע שרייט אַהין אַריין מיטן גאַנצן קויעך, וואָס מע וויל זאָגן. די רעדער דרייען זיך, די מאַשינעס קלאַפּן, די שיפעלעך לויפן אַרום איבערן געוועב. די אויגן קוקן נאָך דער באַוועגונג פון פאָדים. און די פעדים ציען זיך און ציען אָן אן עק די אַרבעט קאָכט.

II

אין איוואַנאָווא-וואָזנעסענסקער גובערניע איז פאַראַן ביז 30 טעקסטיל-פאַבריקן. די גרעסטע פון זיי איז די פאַבריק „ראַדניקי". דאָס איז א גאַנצע אַרבעטער-שטאָט מיט 11.000 אַרבעטער.

איוואַנאָוואָ קוקט קיין טורקעסטאַן. די ברייטע מיילער פון די פליק-מאַשינעס שלינגען איין מיליאָנען פּוד באַוול אַ יאָר.

איוואַנאָוואָ האָט א רייכע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. די רויטע

גובערניע האָט געגעבן ניט איין הונדערט העלדן פון דער רעוואָלוציע און ניט איין פירער פון די אַרבעטער (פרונזע, בובנאָוו, סאמאילאוו און אַנד.).

אין די צאַרישע צייטן איז אין איוואַנאָווא געווען אַ גרויסער פּראָצענט אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערן. ניט איין מאָל האָבן די שטילע גאַסן פון איוואַנאווא געזען אויפשטאנדן און שלאַכטן. אין איוואַנאווא האָט זיך אויסגעבילדעט דער ערשטער אַרבעטער-ראַט אין 5-טן יאָר, נאך פריער ווי אין לענינגראד.

אַפילע אין דער צייט פון דער מילכאָמע זיינען די איוואַנאווער ארבעטער ארויסגעטראָטן מיט דעמאָנסטראציעס קעגן דער בלוטיקער אימפעריאַליסטישער שכיטע. און אין דער צייט פון בירגער-קריג איז ניט געווען אזאַ אָרט אין אונזער פאַרבאנד, ס'איז ניט געווען אַזא געפערלעכער פראָנט, וואו די איוואַנאווער קאָמונאַרן זאלן ניט זיין. באַזונדערע פאָלקן האט מען פון זיי אויסגעבילדעט און געוואָרפן זיי אף די געפערלעכסטע ערטער, ווי פערעקאָפ, אוראַל און אַנד.

ניט אומזיסט רופט מען איוואַנאווא „די שטאָט פון צוזאַמענשלוס". זי האָט עס ערלעך פאַרדינט. די איוואַנאווער אַרבעטער האָבן עס דערוויזן סײַ באם פאַרטיידיקן אונזער לאנד פון די אַרבעטער-סאנים, סײַ באם אויפבויען אונזער ווירטשאַפט.

לאַקאָמאָטיוו № 100

אפן זאַוואד האָט זיך געפילט עפעס אַ באַזונדערע, ניט קיין געוויינלעכע שטימונג. ס'איז, דאכט זיך, יאָנטעוו, ניט קיין אַרבעטס-טאג, און בלויע בלוזעס פון ארבעטער שווינדלען אין די ווארשטאַטן און אפן הויף. פון די פארברוינטע פּענימער, באדעקטע מיט סאושע און מיט שווייס, שלאגט אַ פרייד, גלייך ווי דער פריילינג-פרימארגן וואלט געבראכט מיט זיך אן אומגעריכטן גליק.

די זון האט געבלענדט די אויגן. א לייכט ווינטל האט געשאָקלט די שפּיצן פון די בוימער פונם דערבייאיקן פארק און פריילעך אונטערגעיאָגט די ברוינע קנויגלן רויך פון די פאבריק-קוימענס.

ווייטער אביסל, דאָרט, וואו די שטאָלענע, גלאנציקע רעלסן האבן דורכגעשניטן די גרינס פון פעלד, האט מען געקאנט זען א באזונדערע לעבעדיקייט.

אף די רעלסן איז געשטאַנען א נייער לאקאמאָטיוו, וואס האָט אף דער זון געשיינט מיט פרישע פארבן, מיט קופערנע און שטאָלענע ביילן.

פון קוימען האט געשלאָגן א בלויער רויך.

פון פאָרנט, פון הינטן און פון די זייטן פון לאקאמאטיוו האט זיך דייטלעך געזען א גרויסע אויסגעמאלטע ציפער 100 №.

דער מעטאַלורגישער זאוואָד, וועלכן מע האָט ניט לאנג געלאזט אין

גאנג נאך אן איבערייס, האט שוין ארויסגעלאזט דעם הונדערטסטן לאקא-מאטיוו.

וועגן דעם האט געוואוסט די גאנצע באפעלקערונג פונם אַרבעטער-שטעטל און איז איצט צוזאמען מיט די טאטעס, מיט די מאַמעס, מיט ווייב און קינדער געקומען אַפן גרויסן יאַנטעוו פון אַרבעט.

דער גאַנצער הויף פון זאַוואָד איז פול.

אַלע האָבן זיך צונויפגעשטופט ארום לאָקאָמאָטיוו, און ס׳האָט זיך געדוכט, אז די ציפער № 100 שפיגלט זיך אפ בא יעדערן אין די אויגן.

— כאווײרים, מענטשן טײערינקע, לאזט אַ קוק טאָן אף אים... מע זאָגט—דער הונדערטסטער נומער. מיין מאַן און מיינע צוויי זין אַרבעטן ד׳אָך אפן זאַוואָד...

און די אלטיטשקע האט זיך דורכגעשטופט צום לאָקאָמאָטיוו. דער אוילאם קוקט אף איר און שמייכלט.

דער זאַוועקאם*) איז אויך דאָ אין זיין פולן באשטאַנד.

אײנער פון די כאַווײרים איז ארויפגעקראכן אפן לאָקאמאָטיוו און אויס-געשטרעקט די האַנט.

— שא, שטילער, מע וועט באלד האלטן א רעדע.

מע מאכט מיט די היטלען. דער פארזיצער פון קאמיטעט קוקט אפן אוילאם, דעקט אָפּ דעם פליך און הויבט אָן:

— מיט צוויי יאר צוריק, כאווײרים, זיינען מיר געוואָרן די באלעבאטים פון זאַוואָד. ניט גרינג האָט זיך איינגעגעבן אוועקשטעלן די ארבעט.

דערמאָנט זיך, וויפל שוועריקייטן האָבן מיר געהאט. און איצט לאָזן מיר אַרויס דעם הונדערטסטן לאקאמאָטיוו. מיר האבן געזיגט.

דער ווינט בלאָזט פאַנאַנדער דאס העמדל פונם רעדנער, כאפט אים ארום מיט שטראָמען פאַרע און רויך, גלייך ווי ער וואָלט אים באַגייסטערט צו פאַרזעצן זיין רעדע.

— מאָרגן הויבן מיר אָן דעם 101-טן לאָקאָמאָטיוו.

ארבעט שטייט נאָך פאַר אַסאַך...

די פעניעמער פון די ארבעטער זיינען אָנגעשטרענגט, אויפמערקזאַם. און יעדערער פילט, ווי עס וואקסן אין אים, פונקט ווי אין אָט דעם נאָענטן, איי-געגעם לאָקאָמאָטיוו, פרישע קרעפטן אף נייער אַרבעט.

דער לעצטער פייף.

דער אוילאָם האָט זיך א לאָז געטאָן פון די רעלסן.

ס׳האָבן א ציטער געטאָן די טיילן פון לאָקאָמאָטיוו, די רעדער האָבן א ריר געטאן, און דער לאָקאָמאָטיוו איז אוועק.

א הילכיקער „אורא״. און גלייך נאָך דעם מעכטיקע קלאַנגען פונם „אינטערנאַציאָנאַל״.

*) זאַוואָדישער קאמיטעט פונם פראפעסיאנעלן פאריין.

צום לעצטן מאָל האָבן א שיין געטאָן די ציפערן 100... 100... 100.
דער לאָקאָמאָטיוו איז פאַרשוואונדן אין דער ווייט.
די ארבעטער זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.
ערגעץ וואו האָט זיך געלאָזט הערן א ליד.
אירע קלאַנגען האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער ווארימער פרילינגס-לופט און אוועקגעשוואומען אין גרינעם פאַרק און געוועקט נייע קראפט צו אַרבעט און קאַמף.

אויפגאַבן

I

1. פאַרגלייכט דעם מאַסשטאַב פון דער קאַרטע, וואָס אין ביכל (ז. 228), מיטן מאַסשטאַב פון דער קאַרטע, וואָס הענגט בא אייך אין קלאַס.

2. געפינט אף דער קאַרטע די שטעט: מאָסקווע, לענינגראַד, כאַרקאָוו, אָדעס. אף וואָס פאַר א שטרעקע און אין וואָס פאַר א ריכטונג געפינען זיי זיך פון אייער שטאָט און איינע פון דער אנדערער (די שטרעקעס רעכנט אויס לויטן מאַסשטאַב מיט א מילימעטער-ווירע).

3. קוקט זיך צו, ווי ס'ווערן באַצייכנט די מעלוכע-גרעניצן און די אינע-וויניקסטע גרעניצן. מעסט אויס די שטרעקע פון דער מאַירעווודיקער גרעניץ פון אונזער פאַרבאַנד.

4. וועלכע יאַמען האָט, אונזער פאַרבאַנד. באטראכט די ברעגן פון די יאמען — ווי גייט די ברעג-ליניע.

II

1. קוקט זיך צו, ווי ס'ווערן באצייכנט אף דער קארטע נידעריקייטן, הויכקייטן, בערג.

2. געפינט אף דער קאַרטע די אוראַלער בערג, די קאַווקאַזער בערג, די קרימער בערג.

3. געפינט די מיטלרוסישע און וואַלדאַיער הויכקייטן און ווייזט אָן, וועלכע טייכן הויבן זיך דאָרטן אָן, וואו פליסן זיי און וואוהין פאַלן זיי אריין.

4. וועלכע טייכן הויבן זיך אָן אין די אוראלער בערג, וואו פליסן זיי און וואוהין פאלן זיי אריין.

5. ווייזט אָן אף דער קאַרטע די הויפט-וואַסערשיידונגען פון אייראָפּע-אישן טייל פון פאַרבאַנד.

6. ווייזט אָן, וועלכע טייכן פאַלן אריין אין די יאַמען פון צאָפן-אָקעאַן, אין באַלטישן יאַם (אייניקע פון זיי ענדיקן זיך ניט אין אונזער פאַרבאַנד. ווייזט אָן, וועלכע), אין שוואַרצן און אזאָווישן יאַם, אין קאַספּישן יאַם.

7. דער רעליעף פון שווארציאַמיקן באַסיין רופט זיך אָן דאָרעמדיקער שיפּוע; דער באַסיין פון צאָפנדיקן אָקעאַן רופט זיך אָן צאָפנדיקער שיפּוע. קוקט זיך איין אין רעליעף פון אייראָפּעאישן טייל פון פאַרבאַנד און דער-קלערט, פאַרוואָס רופן זיי זיך אזוי.

8. געפינט אף דער קאַרטע די קאַנאַלן, וועלכע פאַרייניקן די טייכן: צאָפּן-דווינע, וואָלגע און נעווע.

באווייזט אף דער קאַרטע, ווי מע קאָן פאָרן מיטן וואסער פון ארכאַנ-געלסק ביז אַסטראכאַן, פון ארכאַנגעלסק ביז לענינגראַד.

9. מאַכט פון זאַמד מאָדעלן פונם רעליעף און וואַסער-שיידונג אין אייער ראַיאָן.

מאכט מאָדעלן פון באַסיין און ברעג-ליניע פון אונזערע יאַמען.

מאכט א מאָדעל פונם רעליעף און וואסער-שיידונג פון אייראָפּעאישן טייל פון פאַרבאַנד.

צייכנט אָן אַ קאַרטע פון אייראָפּעאישן טייל פון פאַרבאַנד.

10. וועגן די טייכן וואָלגע און דניעפּר לייענט איבער אין קאַמענעצקיס ביכל: „די ערד—א ווערקשטוב פאַרן מענטשן", ערשטעס העפט.

באַמערקונג. וועגן לייענען און צייכענען פּלאַנען און קאַר-טעס לויטן מאַסשטאַב קאָנט איר זיך גרינטלעך באַקאַנען אין ביכל „דער יונגער געאָגראַף".

ה. ליוויק.

אין שניי

I

לאַנגע ווינטערדיקע נעכט,
ווייסע שטראַלנדיקע טעג,
האָב איך איינגעשפּאַנט מיין פערד
לאָזן זיך אין ווייטן וועג.

איז דער וועג מאָנאַטן לאַנג,
צים זיך, ווי א זילבער-שנור,
פאָר איך מיטן זילבער-שנור,
מורמל עפּעס א געזאַנג.

אינם פוטער איינגעדרייט,
אָפּגעדעקט די אויגן גאָר, —
קוק איך, ווי די זון גייט אויף,
קוק איך, ווי די זון פאַרגייט.

און דער שניי, ער שיט און שיט,
דעק איך אויך די אויגן צו,

לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און ליג...
און דער שליטן פליט און פליט.

בלייבט דאָס פערד אין מיטן שטיין —
כאַפּ איך זיך פון דרימל אויף,
גיב א שמיץ און גיב א פייף
דורך די קלאַפּנדיקע ציין.

II

צו א טויער צוגעפאָרן,
קלאַפּ איך, רוף:
כ'בין דערפראָרן, — גוטע מענטשן,
עפנט אויף!

שפרינגען הינט אף קייטן, בילן,
מענטשן — אויף.
גייען. איינער, הער איך, מורמלט:
— עפן אויף.

שרייט א צווייטער: — פריער פרעג זיך:
וואָס און ווער?
וואו א וואַנדערער, א שלעפּער,
קומט אהער...

מורמלטווידער איינער: — עפן,
פרעג, ניט פרעג...
אונזער מאַזל שוין: מיר וואוינען
אָפן וועג.

III

וואוינען זיך מענטשן אין מיטן דער וועלט,
רואיק און ווארים איז זיי.
עסן געפאַנגענע הירשן און פיש,
טרינקען צעגאַנגענעם שניי.

לייגן זיך שלאָפן, ווען ס'קומט נאָר די נאַכט,
אלע צוזאמען אין בעט,
דעקן זיך איבער אריבערן קאָפּ,
שלאָפן אין טאָג אריין שפעט.

הוליעט אין דרויסן א צאָפן-זייט-ווינט,
נעמט מען א האַק און מע שפּאַלט
שייטלעך נאָך שייטלעך אין אויוון אריין,
שייטלעך פון אייגענעם וואַלד.

באַקן זיך פּלעצלעך און פּרעגלען זיך פיש.
קאָכט זיך א קעסל מיט טיי, —
וואוינען זיך מענטשן אין מיטן דער וועלט
רואיק און וואַרים אין שניי.

ווי לעבן די סאַמאָיעדן

I

ברייט און ווייט האט זיך פארשפּרייט די טונדרע*). זי איז דורכויס באדעקט מיט א גלייכן, גלאטן שניי, אף וועלכן מע באגעגנט פון צייט צו צייט שניי-בערגלעך, וואס זיינען פארבליבן נאָכן לעצטן שטורעם-ווינט. דאָ און דאָרט זעען זיך, האַלב פאַרזונקענע אין שניי, קליינע וועלדלעך פון קרומע, פּיצינקע יאָלקעס.

עס דאַכט זיך, אז קיין שום לעבן קאָן ניט עקזיסטירן אין דעם ווייסן שניי-לאנד, וואו קיין לעבעדיקע באשעפעניש קאָן ניט געפינען קיין נערונג און שוץ. ס'גייט אויף א העל-רויטע זון, גייט זיך דורך באַם הימל-ראַנד גי-דעריק, גידעריק, באַגילט מיט פּורפּור דעם פאַרשנייטן שעטעך, וואַרימט ניט קיינעם, און באַלד פאַרגייט ער, דער קיילעכדיקער גרויסער קויל.

נאר די שנייען זיינען ניט אזוי טויט, ווי ס'דאַכט זיך. דא איז פאַראַן א לעבן, א פארבארגנס אָפן ערשטן קוק. זומער-צייט, וועלכע ציט זיך באַ צוויי כאדאשים, לעבט אויף די טונדרע: ס'וואַקסט אויס גראָז, קליינע קוס-טעס, ס'לעבן אויף די קלייניגקע וועלדעלעך, ס'הערט זיך דאס צוויטשען פון פויגעלעך, ס'וואַנדערן ארום פאַרשיידענע כאַיעס. גאנצע כמאַרעס קאמארן פאַרשטעלן די זונען-שיין און לאזן ניט רוען קיין איין לעבעדיקע באשע-פעניש; איבער דער טונדרע וואַנדערט ארום דער סאַמאָיעד מיט זיינע הונ-געריקע הירשן-סטאַדעס.

ווינטער אבער איז שווערער צו באַמערקן, האַגאַם א לעבן איז דאָך דא. דיזעלבע סאַמאָיעדן לעבן דא אין זייערע טשומען, וועלכע זיינען צע-וואַרפן זייער ווייט איינער פון אַנדערן, און היטן זייערע שפּייזער, די הירשן. דער הירש וואַנדערט ארום איבער די שניי-פעלדער, צעגראַבט מיט די טלאָען דעם שניי און באַקומט ארויס פון דאַרטן יאַגל-מאָך, מיט וועלכן ער דער-נערט זיך. צווישן די שניי-בערגלעך וואַנדערט ארום דער צאַפּנדיקער פוקס,

*) פאַרפראָרענע זומפּן אין די קאַלטע צאָפן-לענדער.

דער בייזער וואָלף, און אין די וועלדלעך לעבן גאַנצע טשאַטעס ווייסע פּעלדהינער.

מיט איין וואָרט, ס'קאָכט דאָ אַ פאַרבאָרגן, אומגעזעען שטיל לעבן.

פון גאַנץ פרי אָן איז איוואַן ארומגעלאָפן איבער דער טונדרע אַף זיינע לייכטע ליזשעס, האָט באַקוקט די צעשטעלטע פּאַסטקעס, נאָר, ווי אַף צולאכעס, זיינען אַלע געווען ליידיק. שוין עטלעכע טעג, ווי ער קאָן ניט כאַפּן קיין איין פיקסל, גלייך ווי עמיצער וואָלט אומיסטן ארויסגעטריבן אַלע כאַיעס פון דער טונדרע.

איוואַן האָט זיך אומגעקערט אַ בייזער צו זיין טשום און האָט זיך געשראָקן, אַז דער שניי-שטורעם זאָל אים ניט פאַרכאַפּן אין מיטן שניי-מידבער. עמעס, ניט דאָס ערשטע מאָל קומט אויס איבערליגן אונטערן שניי, נאָר היינט האָט ער פון גאַנץ פרי אָן נאָך אין מויל ניט געהאַט, און ליגן אַ הונגעריקער אונטערן שניי איז ניט אַזאַ אנגענעמע זאַך.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ מאַליצע—אַזאַ מין פעלץ פון הירשענע פעל, מיטן פוטער אַראָפּ, וואָס טוט זיך אָן אַפן נאַקעטן לייב, און פון אויבן אַ סאָוויק, אויך אַ מאַלבעש פון הירשענע פעל, נאָר מיטן פוטער אַרויף. אַף די פיס הירשענע דאָפּלטע שטיוול, און אַפן קאָפּ אַ הירשן היטל מיט אויערן-לאַפּן. פאַר דער קעלט האָט ער ניט מוירע געהאַט, ווייל ער איז געווען וואַרים אָנגעטאָן. געשראָקן האָט אים נאָר דער הונגער.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אלץ מערער און מערער, און איוואַן האָט געמאַכט אַלץ גיכערע טריט און געגלישט זיך איבערן שניי. פּלוצים האָט זיך צעווילדעוועט דער שניי-שטורעם, אויפגעהויבן גאַנצע הויפנס שניי, און ס'איז געוואָרן אַ כוישעך ניט אַ שפּאַן צו טאָן. דער ווינט האָט געוואָיעט, דער שניי האָט געשמיסן אין פּאָנים און פאַרקלעפּט די אויגן. איוואַן האָט געמוזט גיין לאַנגזאַם, ווייל צוויי שפּאַן ווייטער האָט ער גאָרנישט געזעען. ס'איז אים געבליבן נאָר איין זאַך: זיך פאַרלאָזן אַף זיין אויער און אַף זיין נאָז: עפּשער וועט זיך דערהערן אַ בילן פון אַ הונט, אָדער עפּשער וועט ער דערפילן אַ גערוך פון רויך.

צום סאָף האָט ער זיך פונדעסטוועגן דערקליבן צו זיין טשום און האָט אָנגעטאַפּט אין דער פינסטער דעם אַריינגאַנג און אַף אַלע פיר אַריינגעקראָכן אין זיין וואוינונג.

II

דער טשום איז געווען געמאַכט פון עטלעכע דרענגלעך, וואָס זיינען געווען אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד אַף אַ געוויסער שטרעקע איינס פון צווייטן און אויבן פאַרבונדן אַזוי, אַז ס'איז געבליבן אַ לאָך פאַרן רויך. דער געפלעכט פון דרענגלעך איז געווען באַדעקט מיט הירשענע פעל אין צוויי רייען: די אונטערשטע מיט די פוטער אַראָפּ, די אויבערשטע מיט די פוטער אַרויף. אַפן דיל זיינען געווען אויסגעשפּרייט מאַטן, אויסגעפלאַכטענע פון ברעזענע צווייגלעך, אַף וועלכע ס'זיינען געווען אויסגעשפּרייט פעל. און אין

מיטן טשום איז געווען אַ ליידיק שטיקל אָרט, אַף וועלכן ס'האָט געברענט אַ פייער. אַף צוויי שטעקנס איז געהאַנגען אַ טשותונען קעסעלע. אונטערן קע-סעלע האָבן געקנאַקט טרוקענע צווייגלעך, און דער רויך האָט זיך געצויגן ארויף צום שמאָלן לאָך.

אָפן אַנדערן טאָג האָט זיך איוואַן אָנגעהויבן שטארק באַאומרואיקן וועגן זיינע הירשן, וועלכע האָבן זיך געפּאַשעט אין דער טונדרע. „וואָס וועט זיין, טאָמער פארגייען זיי ערגעץ ווייט, און דער שטורעם וועט זיי פאריאָגן, און וועלף וועלן אַף זיי אָנפאַלן?"

ווען די הירשן זאָלן אומקומען, דאַן וואָלט אומגעקומען די גאַנצע סאַ-מאָיעדישע מישפּאָכע. ניטאָ נאָך אַזאַ כאַיע, וועלכע זאָל זיין אזוי וויכטיק פאַרן מענטשן, ווי דער הירש פאַרן צאָפן-מענטשן: ער גיט אים עסן, קליידונג, אַ וואוינונג, און מיט אים פירט ער איבער זיין וואוינונג פון איין אָרט אָפן צווייטן. פון די אָדערן פונם הירש מאַכן די צאָפן-מענטשן פאָדים צום נייען; פון די הערנער מאַכן זיי שטוב-קיילים, פון די ביינער מאַכן זיי שליטעלעך און ליזשעס.

דער הירש גיט דעם מענטשן אַלץ און אַליין באַקומט ער גאָרנישט, ווייל זיין עסן געפינט ער זיך אַליין אונטערן שניי.

ס'איז אָנגעקומען די צווייטע נאַכט, און דער שטורעם האָט זיך נאָך אַלץ ניט געשטילט. איוואַנס מישפּאָכע האָט אויפגעגעסן אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אין טשום, און איז בעזעסן אַ הונגעריקע, ווארטנדיק, ווען וועט מען שוין קאָ-נען ארויסקריכן פון טשום.

ניט דאָס ערשטע מאָל איז אויסגעקומען איוואַנען הונגערן אַזוי. באַם

דרויכערדיקן קאהאנעצל, וואָס איז באשטאנען פון אַ שיסעלע מיט פיש-אייל איז ער געזעסן, די פיס אונטער זיך, און געמורמלט אונטער דער נאָז עפּעס ענלעכס אַף אַ לידל.

אָפּן צווייטן טאָג, ווען איוואן מיט זיין עלטערן זון וואסיל האָבן געכאפּט און איינגעשפּאנט די הירשן, האָבן זייערע פרויען צעגומען די משומען און צונויפגעלייגט זיי אַף די נארטעס—לאנגע, הויכע, שמאָלע שליטנס. אַף אַנדערע שליטנס האָט מען אָנגעלייגט די שטוב-זאכן, אַף די דריטע—פעל פון די געהארגעטע כאיעס, אַף די פערטע האָבן זיך אויסגעזעצט די קינדערלעך מיט די פרויען, און אַף די סאמע פאָדערשטע זיינען געזעסן איוואן מיט וואסילן און אָנגעטריבן די הירשן מיט לאנגע שטעקנס.

דער גאנצער צוג, וואָס איז באשטאנען פון אנדערהאלבן טוץ שליטנס, צו יעדן איינגעשפּאנט צו צוויי—דריי הירשן, האָט זיך געלאָזט אין וועג, אויסגעצויגן זיך אין איין לאנגע שורע.

אין אַ וואָכן צוויי ארום זיינען זיי אָנגעקומען צו די אוראַלער בערג, וואו ס׳הויבן זיך אָן די וועלדער, און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ לענגערע צייט.

מ. טייטש

וואָס טוט די ראטנמאכט פאַר די פעלקער פון וויטן צאָפן

ווי באוואוסט, ציט זיך רוסלאנד אַף טויזנטער קילאָמעטער דורך אייראָפּע און אַזיע (סיביר), פאזע די ברעגן פון צאָפנדיקן אייז-אָקעאן. דידאזיקע ברעגן שטעלן מיט זיך פאר אַ טונדרע, וועלכע איז 9—10 כאדאָשים אין יאָר דורכגעפרארן אַף עטלעכע ארשין אין דער טיף און איז די גאנצע צייט פארדעקט מיט אַ דיקער שניי-קאלדרע. נאר 2—3 כאדאָשים אין יאָר ווערט זי פון אויבן אביסל אָפּגעגאנגען און זי ווערט דאן פארדעקט מיט קורצדויערדיקע געוויקסן —איבערהויפּט יאגעדעס-קוסטעס, וואָס דינען אלס שפּייז פאַר די אומגעהויערע פויגל-מאכנעס, וועלכע פליען זיך אהין צונויף אַף יענער צייט. אין דערדאזיקער טונדרע הערשט לאנגע כאדאָשים אַ קעסיידערדיקע נאכט, די פרעסט זיינען די גרעסטע אָפּן גאנצן ערד-קוגל, און דאָרט וואוינען נאָר די אָרטגעבוירטיקע פונם לאנד, וואָס זיינען באוואוסט אונטערן אלגעמיינעם נאָמען—די צאָפן-פעלקער. באלד נאך דער טונדרע, ווייטער אַף דארעם, ציען זיך אומדורכגייבארע וועלדער, די אומענדלעכע טאיגע, וועלכע איז נאָך גאנץ ווייניק אויסגעפארשט און וואו עס פילן זיך, ווי בא זיך אינדערהיים, נאר די איינגעבארענע טאיגע-איינוואוינער, וואס די צארישע רעגירונג האט פאר זיי געהאט דעם נאמען „אינאָראָדצעס”.

די טונדרע מיט דער טאיגע זיינען אָבער רייך מיט כאיעס און מיט פויגל. די פעל פון די כאיעס און דער ווייכער פוך פון די פויגל ווערט זייער הויך געשאצט סאי אפן אינערלעכן, סאי אפן אויסערלעכן מארק. דאָס ליגט אָבער אין די הענט פון די ארטיקע אייגנוואוינער, וועלכע ווייסן בא זיך אינ-דערהיים, וואו איין און וואו אויס, און זיינען דארטן די איינציקע יעגער. פרעגט זיך, ווי אזוי באקומט מען דאס ארויס פון זייערע הענט?

די צארישע רעגירונג האט זיך אָן אייצע געגעבן. די אלע „אינאראד-צעס" זיינען יעגער-איבערוואנדערער. זיי שטייען אף אַ נידעריקער שטופע פון אנטוויקלונג, זיי פארשטייען זייער ווייניק אין געשעפטס-זאכן. דארף מען זיך אַ נעם טאן צו זיי מיט די בורזשואזע „קולטורעלע" מיטלען. ערשטנס, דארף מען ראטעווען זייערע נעשאמעס פונם געענים. האט די צארישע רע-גירונג געגומען שיקן אַהין אירע פּראַוואָסלאווישע גאלאכים.

דערפון האבן אלע מאל אנגעהויבן די קאפיטאליסטן אין די אַלע ער-טער, וואו זיי האבן געוואלט פארכאפן אין זייערע הענט אפריער דעם מארק און נאכדעם די גאנצע מאכט. נאכן גאלעך פארט גלייך דער סויכער, וואס קלייבט זיך אויסצונארן די טייערע סכוירעס פאר אַ בלישטשענדיקן גראשן-בלעכל און פאר אנדערע ביליקע „קולטורעלע" זאכן. וואס האט געקאנט זיין „קולטורעלער" און ביליקער אין רוסלאנד, ווי בראנפן? די אומקולטורעלע צאפן-פעלקער, וואָס זיי קומט אויס אויסצושטיין די שטארקסטע פרעסט, האָבן זיך מיט גרויס אימפעט ארויפגעווארפן אפן דערווארימדיקן געטראנק, וועלכן זיי האבן ביז דעמאלט אינגאנצן ניט געקענט, און פאר בראנפן האט מען בא זיי באקומען זייערע גרעסטע רייכטימער.

אָבער אין די שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען איז די ווירקונג פונם בראַנפן געווען זייער אַ געפערלעכע, און ער האָט זייער שעדלעך גענומען ווירקן אַף זייער געזונט. דער רעזולטאַט פון דער „קולטור", מיט וועלכער מע האָט זיי באַזאָרגט, איז געווען זייער אַ טרויעריקער: די „אינאַראָדצעס" פון ווייטן צאָפן האָבן שנעל גענומען אויסשטאַרבן...

נאָר אָט איז געקומען די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, און צווישן אַלע ענדע-רונגען, וואָס זי האָט גענומען איינפירן אין לעבן, האָט זי געווענדעט איר אויג אויך אַף די אויסשטאַרבנדיקע צאָפן-פעלקער.

די ראַטנמאַכט האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס זי האָט אָרגאַניזירט באַם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט אַ ספּעציעלן צאָפן-קאָמיטעט, וואָס האָט דעם ציל צו דערלערנען אַלזייטיק דעם צושטאַנד פון די צאָפן-פעלקער און העלפן געזינטער און נאָרמאַלער מאַכן זייער לעבן און ביסלעכ-ווייז אַריינציען זיי אין דער סאָוועטישער בויאונג. דער צאָפן-קאָמיטעט האָט דורכגעפירט אַ גרויסע אַרבעט, וואָס איז קוידעמקאָל באַשטאַנען אין צונויפ-זאַמלען די גויטיקסטע יעדיעס וועגן די פעלקער.

די צונויפגעקליבענע יעדיעס וועגן דער באַפעלקערונג פון די צאָפן-געגנטן כאַפּן שוין אַרום ניט ווייניקער ווי 30 פעלקער אין דער צאָל פון 177.916 פערזאָן. די נעמען פון די פעלקער זיינען דאָס ראָוו קיינעם ביז

איצט ניט געווען באַוואוסט. עס איז גענוג אָנצורופן די נעמען פון אַזעלכע שוואַטים, ווי אָלטשי, אָראָקי, נעגידאַלער, קאַלאַנער, מאַנעגרער א. אז. וו., קעדיי צו זעען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַזעלכע פעלקער, וואָס האָבן זיך קיינעם קיינמאָל ניט געכאַלעמט! אָף וויפל דער טויט האָט שוין ביז איצט אויסגעקאָסעט דידאָזיקע פעלקער, קאָן מען קלאָר זעען פון אייניקע ציפערן. פון די אלעאוטן, וואָס אָף זייער נאָמען זיינען אָנגערופן אַ גאַנצע ריי אינזלען (צאָפן-סיביר), איז באַ היינטיקן טאָג איבערגעבליבן אָפן וויטן מיזרעך ניט מער, ווי 460 פערזאָן. די סאַמאָיעדן, וואָס האָבן אומגעוואַנדערט מיט זייערע רייכע הירשן-סטאַדעס איבערן צאָפן פון אייראָפע און סיביר און זיינען געווען איינע פון די גרעסטע צאָפן-פעלקער, זיינען איבערגעבליבן אין דער צאָל פון 21.658 פערזאָן. אָבער די 30 פעלקער זיינען נאָך ווייט ניט אַלץ, וואָס דער צאָפן פאַרמאָגט אין זיין באַפעלקערונג. נאָך פאַראַן אַסאַך ניט קיין אויסגעפאָרשטע געגנטן. אָטן קאָמטשאַטקער האַלב-אינזל איז פאַראַן אַ גרויסער ראַיאָן, וואָס פאַרנעמט טויזנט קילאָמעטער אין דער לענג און 400 קילאָמעטער אין דער ברייט, וואו עס האָט נאָך ביז איצט ניט געטראָטן קיין פוס פון קיין אייראָפייער. אָט די און אַנדערע ענלעכע געגנטן וואַרטן נאָך אָף זייערע אויספאָרשער.

ווייטער האָט דער צאָפן-קאָמיטעט זיך גענומען אָרגאַניזירן סאָוועטישע קולטורעלע באַזעס אָפן וויטן צאָפן. דידאָזיקע באַזעס דאַרפן אויספילן פאָלגנדיקע אויפגאַבן: דערנערונג-קאָאָפעראַטיווע, מעדיצינישע, קולטורעלע און וויסנשאַפטלעך-אויספאָרשערישע.

אָבער פירן די אַרבעטן ווי געהעריק אין די אומשטענדן פון וויטן צאָפן וועט זיך דורך פרעמדע הענט ניט איינגעבן אין דער פולער מאָס, און מע דאַרף דערצו האָבן מענטשן אָרטיקע, וואָס קאָנען די אָרטיקע שפראַכן און דעם שטייגער-לעבן פון די פעלקער. אַזעלכע מענטשן זיינען נאָך אָבער גיטאָ אָדער זיי זיינען פאַראַן אין אַ קנאַפער צאָל. דעריבער איז איינע פון די הויפט-זאַכן פון דער ראַטנמאַכט—צוגרייטן אָ ר ט י ק ע טוער, און עס ווערט איצט טאַקע געלייגט די גרעסטע אַכט אָף דער אַרבעט. דער קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקס-בילדונג האָט שוין אין דעם זין דורכגעפירט אַ גרויסע אַרבעט, און וואָס ווייטער ווערט זי אַלץ מער פאַרברייטערט.

צוליב דעם וואַנדערנדיקן אַרט לעבן פון דידאָזיקע פעלקער איז אונזער געוויינלעכע ראַטנשול פאַר זיי ניט צוגעפאַסט, און זיי פאָדערן איינגאַנצן אַן אַנדער שול, אָנהויבנדיק דערפון, וואָס פאַר די צאָפן-פעלקער, וועלכע האַלטן שטענדיק אין איבערוואַנדערן און וואָס זיינען צעוואָרפן אָף הונדערטער קילאָמעטער, מוז מען האָבן ניט קיין שולן, וואו די קינדער קומען לערנען און נאָכדעם קערן זיי זיך אום אַהיים, נאָר מע מוז האָבן א י נ ט ע ר נ אַ ט ן, ד. ה. אַזעלכע שולן, וואו די טאַלמידים זאָלן וואוינען די גאַנצע צייט פון זייער לערנען זיך און זיי זאָלן דאָרט באַקומען זייער פולע אויסהאַלטונג. דאָס אייגענע דאַרפן זיך באַדייטנדיק אונטערשיידן אויך די פראָגראַמען. אַזעלכע שולן-אינטערנאַטן זיינען פאַרבונדן מיט אַסאַך גרעסערע הויצאָעס. אָבער די

ראַטנמאַכט שטעלן ניט אַפּ די אַלע שווערקייטן און זי טוט אַלץ, וואָס מעג־לעך, קעדיי וואָס גיכער צו פאַרענדיקן מיט דער שענדלעכער ירושע, וואָס זי האָט באַקומען פון דער צאַרישער רעגירונג.

אויפגאַבן

1) לייענט איבער אין איוואַנאָווס געאָגראַפיע (ערשטער טייל) די דער־ציילונגען וועגן צאָפן.

2) געפינט אָף דער קאַרטע די אַווטאָנאָמע קאַרעלער רעפּובליק, די געגנט קאָמי.

3) געפינט אָף דער קאַרטע די שטעט אַרכאַנגעלסק, מורמאַנסק.

4) ווייזט אָן אָף דער קאַרטע, דורך וועלכע שטעט גייט דורך די אייזנבאַן: לענינגראַד—מורמאַנסק; מאָסקווע—אַרכאַנגעלסק.

5) לייענט איבער טראַצקיס דערציילונג „אַהין און צוריק".

מאַטעמאַטישע אויפגאַבן

1) דער שטעטך פון צאָפן-מיזרעך-געגנט איז 1.083.000 קוו. קיל. די באַפעלקערונג 2.364.000 מ. רעכנט אויס, וויפל קומט אויס מענטשן אָף איין קוו. קיל. אין וויפל מאָל איז די באַפעלקערונג אין אייער געגנט געדיכטער?

2) פון צאָפן-קאַנט האָט מען אין 1923 י. ארויסגעפירט געהילץ: דורך דער דווינע 2.260.000 טאָן, דורך דער וואָלגע 5.880.000 טאָן, דורך דעם מאַ־רינישן קאַנאַל און נעווע 4.186.000 טאָן. רעכנט אויס אין פּראָצענטן, וויפל האָט מען ארויסגעפירט דורך יעדער טייך.

אין לאַנד פון די פאַסטוכער

ברייט און ווייט האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט דער אומענדלעכער קיר־גיזער קאַנט, וועלכער בילדעט איצטער די קאַזאַקסטאַנישע סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליק. אָף דעם ריזיקן שטעטך (בא 2 מיליאָן קוו. קילאָמעטער) האַלט זיך אויף דאָס קליינע קירגיזיש-קאַיסאַקישע פאָלק.

פון פריער א דערשלאָגנס, אַן אונטערדריקטעס, [בויט עס איצטער, אדאַנק דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, זיין לעבן מיט זיינע אייגענע הענט.

די נאַטירלעכע רייכטימער פון קאַזאַקסטאַן זיינען געוואַלדיק גרויס: נאַפט, קוילן, גאָלד, קופּער, זאַלץ, פיש און אנד. אין ראַיאָן פון עקיבאַסטוס און מאַיקאַאין קאָן מען באַקומען, לויטן אויסרעכענען פון די געלערנטע, ביז 9 מיליארד פּוד קופּער. ווען מע זאָל גוט א זוך טאָן, וויפל „מאַיקאַאינען" וואָלט מען געפינען... דערווייל אבער האָבן די קירגיזן פון דידאָזיקע אשירעס א קליינעם נוצן.

די אינדוסטריע איז זייער א שוואַכע: אין איר זיינען אריינגעצויגן דערווייל ניט מער, ווי 3.000 ארבעטער-קירגיזן און ביז 20.000 סעזאָן-ארבע־טער (באַם פיש-פאַנג).

ביז 67% פון דער פּראָדוקציע פונם לאַנד פאַלט אַף דער פי־צוכט.

נאָך ביז הײַנטיקן טאָג פירט דער גרעסטער טייל קאַיסאַקן א שווער לעבן פון פאַסטוכער־וואַנדערער, וואָס הענגט אָפּ אין א גרויסער מאָס פון די בלינדע קויכעס פון דער נאַטור און זײַנען קעגן איר אינגאַנצן אומבאַהאָלפן.

דער וואַנדערער,' לעמאָשל, איז ניט געוואוינט צו פאַרגרייטן פוראַזש פאַר זײַנע סטאַדעס. די פי דאַרף זיך אַליין געפינען פיטערונג. מיט די טלאָען דאַרף זי זיך אַרויסגראָבן עסן פון אונטערן שניי.

ס'טרעפט אָפּטמאָל, אז ווינטער־צײַט גייט דורך איבערן סטעפּ א רעגן, און דער שניי ווערט פאַרפראָרן, ווי אײַן אויסגאָס, און די פי קאָן ניט אַרויס־באַקומען קיין נערונג פון אונטערן שניי. דאַן קומען אום גאַנצע סטאַדעס. אַזעלכע אומגליקן רופן אָן די קירגיזן „דזשוט".

דער „דזשוט" אין 20־טן יאָר און די טריקעניש פון 21־טן יאָר האָבן פאַרקלענערט די צאָל פי אין קירגיזיע קימאַט אַף צוויי דריטל. אונטער דער ווירקונג פון דידאָזיקע אומגליקן האָבן זיך די קירגיזן אָנגעהויבן צו פאַר־טראַכטן איבער זייער לאַגע און אָנגעהויבן זוכן מיטלען, ווי צו קעמפן מיט דער נאַטור, אז זיי זאָלן ניט זײַן אַזוי אומבאַהאָלפן קעגן איר.

וואו נאָר די קלימאַטישע באַדינגונגען דערלויבן עס, גייען די קירגיזן איבער צו ערד־אַרבעט. דערווייל פאַרנעמט אבער דער פאַרזיי־שעטעך א קליינעם טייל פון דער קירגיזער טעריטאָריע. און פון דעם גאַנצן פאַרזיי־שע־טעך פון קירגיזיע ווערט באַאַרבעט דורך די קירגיזן ניט מער ווי 20%.

אין דער לעצטער צײַט בילדן זיך ספּעציעלע קירגיזישע ישוואָוים. נאָר אין אַקמאָלינער גובערניע אַליין זײַנען די לעצטע צײַט געגרינדעט געוואָרן עטלעכע צענדליק ישוואָוים.

אַפן קירגיזער צוזאַמענפאָר פון די ראַטן איז אײַן פאָרשטייער אַרויס־געטראָטן מיט אַזאַ רעדע:

— מיר זײַנען מיד פון דעם שווערן וואַנדערן איבער די סטעפּעס, גיט אונז וואַסער פאַר די פי און ערד אַף צו באַאַרבעטן. „ערד אַף צו באַאַר־בעטן" — דאָס איז דער פאַרשפּרייטסטער לאָזונג אין קירגיזיע.

אַ י ש ע

אַף הונדערטער ווי־אָרסט ציען זיך די טורקעסטאַנער סטעפּעס. אין בלויען הימל הענגט א פלאַם־פײַערדיקע זון.

אָן א פערד אין סטעפּ, אָן א קעמל אין דעם מידבער קאָן מען ניט אויסקומען: זייער זעלטן באַגעגענען זיך קירגיזישע קיביטקעס*), זייער זעלטן טרעפן זיך ברונימס, זייער זעלטן גייען רעגנס.

דער ווינט רוישט אין פאַרדאַרטן סטעפּ־גראָז, וואו ניט וואו לויפט דורך אָן עקדעש, ווייזט זיך א מיללוואַרף אָדער א שילדקרעט. אין דעם מידבער

*) קיביטקעס — לייכטע הײַזלעך.

איז א טויט-שטילקייט. וואוהין דו זאָלסט ניט קוקן, וועסטו גאָרנישט ניט זעען. אַכוץ זאַמדיקע בערגלעך, וואָס שטייען, ווי פאַרגליווערטע יאַם-כוואַליעס.

וואו ניט וואו, נעבן די טייכלעך, שטייען איינגעהויקערטע ליימענע הייזלעך מיט פלאַטשיקע דעכער.

ניט ווייט פון דער אייזנבאַן-ליניע, אַפן ברעג פונם טייך סיר-דאַריע, שטייט זיך א שטעטל אַוליע-קענט. ווען ניט דער טייך, וואָלט דאָ קיין שטאָט ניט געווען. באַלד נאָך דער שטאָט גייען גרינע פירעקיקע פעלדער. נאָך זיי פאַרשפרייט זיך דער ברענענדיקער מידבער, און ווייט אַפן האָריזאָנט זעען זיך הויכע בלוילעכע בערג, וואָס גלאַנצן פון ווייטן מיט זייערע ווייסע היטלען מיט די באַשנייטע בערג-שפּיצן. אין אָוונט ווערן זיי באַפאַרבט דורך דער פאַרגייענדיקער זון אין א ראָזעווען קאָליר.

אין דעמדאָזיקן שטעטל, וואָס האָט זיך פאַרלאָרן צווישן די טורקע-סטאַנער מידבאָריעס, איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען פאַראַיאָרן זומער צוליב א רעוויזיע.

איינמאָל אין אָוונט איז אַריינגעקומען צו אונז אין ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אין אויעזדישן אויספיר-קאָמיטעט, א יונגע קירגיזישע פרוי.

„אַישע"—האָט זי אָנגעוויזן אַף זיך און געשמייכלט.

זי האָט אויסגעזעען פון א יאָר זעכצן, ניט מער, א גאַנץ שיינע. ס'האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן, אַז זי איז ניט אינגאַנצן ענלעך צו די איבעריקע קירגיזישע פרויען, וועלכע זיינען אַזוי דערשלאָגן און אונטערטעניק. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אָנגעקנייטשט דעם שטערן און אָנגעהויבן

ריידן. איך האָב קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. מיר האָבן אַריינגערופן דעם איבערזעצער.

זי האָט גערעדט מיט היץ און קאַעס.

— אַישע האָט ליב מעמעטן. א שיינער באַכער מעמעט! א געזונטער, א דרייסטער—דעם ווילדסטן פערד קאָן ער איינצוימען. מעמעט האָט מיט איר געוואָלט כאַסענע האָבן, נאָר איר טאַטע האָט ,זי ניט געוואָלט אָפּגעבן אָן קאַלים*). מעמעט איז א פּאַסטוך, אַן אָרימער מאַן, פאַרמאָגט ער ניט אזוי פיל געלט צו באַצאָלן פאַר איר קאַלים. דער טאַטע האָט גענומען קאַלים באַם אַלטן איבראַהים ראַכמעטאַוו—דעם גרעסטן גוויר אין דער געגנט, און האָט זי אים אָפּגעגעבן פאַר א ווייב. נאָר וואָס איז זי שולדיק, אז זי האָט אים פיינט, דעם אַלטן איבראַהים.

איינמאָל, ווען דער מאַן איז אוועק אַף דער יאַגד, איז אַישע אוועק צום טאַטן און אים געמאָלדן, אז מער גייט זי ניט צוריק צו איר מאַן. זי ווייסט, איצט איז א נייַ געזעץ—סאָוועט. דאָס געזעץ פאַרטיידיקט די פרוי.

דער טאַטע האָט זי גענומען שלאָגן, נאָר אַישע האָט אים ניט געפאָלגט: זי איז אוועק אין שטאָט, געקומען צום ריכטער און דערציילט אים, אז זי וויל זיך געטן מיט איר מאַן.

„גיב דרייסיק טויזנט רובל דיין מאַן, וועל איך דיר געבן געט"—האָט דער ריכטער געפּאַסקנט. וואו זאָל זי נעמען 30 טויזנט רובל, אז זי האָט אַפילע קיין טויזנט ניט. איז אָט איז זי געקומען זוכן שוץ און גערעכטיקייט.

— נויט דעם ריכטער צו האַלטן דעם נייעם געזעץ, דעם סאָוועט-געזעץ.

אַישע האָט זיך ארומגעקוקט און בייז א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

מיר האָבן באַלד ארויסגערופן דעם ריכטער. דאָס איז געווען א גע-פּאַקטער איינגעהויקערטער זאָקן, מיט א שניי-ווייסער „טשאַלמע" **) אַפן קאָפּ, און מיט א זיידענעם כאַלאַט אין פּאַסיקלעך. ער איז אַריינגעקומען מיט אַ אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צוגעלייגט די הענט צום האַרצן און באַגריסט אונז אַפן מיזרעכדיקן שטייגער „סעליאַם-אַלייקום".

מיר האָבן אים דערקלערט, וועגן וואָס מע האָט אים ארויסגערופן, און אים געגעבן צו פאַרשטיין, וואָסער א פעלער ער איז דאָ באַגאַנגען.

ער האָט זיך דערשראָקן און צוגעזאָגט. אַז ער וועט מער אַזוי ניט טאָן.

און אַישע האָט געשיינט פאַר סימכע, וואָס זי איז פון היינט אָן פריי, און געזאָגט אַף א צעבראָכענעם רוסיש: כ'דאַנק זייער, כאַווײרים! א גוטער סאָוועט-געזעץ.

---

*) באַ די מיזרעך-פעלקער צאָלט דער כאָסן נאָראן דער קאַלעט פאָטער. דאָס הייסט קאַלים. די ראַטנמאַכט קעמפט מיט דעם ווילדן מינהעג.

**) א טוך, וואָס די מאַכמעדאַנער וויקלען ארום זייער קאָפּ.

באָוול

I. פון וואַנען שטאַמט דאָס ציצן העמדל

פון די ברעגן פון דער ברייטער וואָלגע ביז די ווייטע טורקעסטאַנער בערג פאַרשפּרייטן זיך אומענדלעכע מידבאָריעס און סטעפּעס. נאָר צוויי באַלעבאַטים ווייסט דער מידבער,—ווינט און זון. נאָר זיי הערשן אומגעשטערט איבער די אומענדלעכע, אַנגעגליטע זאַמדן, נאָר זיי פילן זיך דאָ גוט און היימיש. ס'דוכט זיך, אַז גאָרנישט קאָן דער מענטש ניט ארויסבאַקומען פון די אומגעהויערע באַוועגלעכע זאַמדן.

אָט פון דאַנען טאַקע, פון די ווייטע מידבאָריעס, איז צו אייך געקומען דאָס געוויינלעכע ציצן העמדל, וואָס איר טראָגט זומער.

ווען איר טוט עס אָן, האָט איר עפשער קיינמאָל ניט א טראַכט געטאָן, פון וואַנען נעמט עס זיך, וואו איז עס אויסגעוואַקסן, וואָס איז עס אויסגעשטאַנען אויף זיין וועג, ביז עס איז אָנגעקומען אין קראָם, וואו די מאַמע האָט עס געקויפט.

ניט מיטאַמאָל איז עס געוואָרן אַזאַ שיינע, לייכטע און שטאַרקע. טויזנט ווייאָרסט האָט עס דורכגערייזט, צענדליקער הענט און מאַשינעס האָבן זיך ארום אים געאייסעקט.

די פילפאַכיקע באַאַרבעטונג האָט אַזוי אומגעענדערט זיין אויסזעען, אַז ס'איז זייער שווער צו געפינען אַן ענלעכקייט צווישן אים און דעם געוויקס, פון וועלכן עס שטאַמט—דעם באַוול. אייער העמדל האָטווירקלעך געוואַקסן אַמאָל אין די הייסע טורקעסטאַנער זאַמדן. פיל מי און קענטעניש האָבן געמוזט ארייַנלייגן די מענטשן, ביז זיי האָבן באַקומען פון קנאָספּ פון באַוול-געוויקסן אַזאַ פּאַשעטע זאַך, ווי א ציצן העמדל.

II. וואָס איז אַזוינס באַוול

מיט א יאָרהונדערט צוריק פלעגן די מענטשן פון איירָאָפּע אָנטאָן זיך אין קליידער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון ליין, וואָל, פּענקע און זיידנס. איצט אָבער האָט באַוול קימאַט זיי ארויסגעשטויסן. אַלע ארבעטער און אַלע פּויערים אין אונזער לאַנד און אין אַנדערע לענדער טוען זיך אָן אין קומאַטש, מיטקאַל און ציץ, וואָס ווערן געמאַכט פון באַוול.

וואָס זשע שטעלט מיט זיך פאָר דערדאָזיקער באָוול און ווי אַזוי וואַקסט ער?

איידער ער ווערט צייטיק איז עס א פּאַשעטער גרינער קוסט.

דריי—פיר וואָכן, נאָכדעם ווי ס'באַווייזן זיך די קנאָספּן, גייען ארויס פון זיי גרויסע, ווייסע בלומען, וועלכע ווערן אָפן צווייטן טאָג רויט. די בלומען זיינען ענלעך אַף רויזן, און א פעלד פון באָוול אין דער צייט פון בליען איז ענלעך צו א גרויסן רויזן-סאָד.

אינגיכן פאַלן די בלומען אראָפּ און אַף זייער אָרט באַווייזן זיך גרינע שישקעס, ענלעכע צו מאָן-קעפּלעך, ווי א נוס די גרויס. די שישקעס זיינען דער וויכטיקסטער טייל פונם באָוול-געוויקס.

ווען זיי ווערן צייטיק, הויבן זיי אָן פּלאַצן, און פון זיי באַווייזט זיך ארויס שיינע, ווייסע וואַטע, וואָס איז ענלעך צו הויפנס שניי.

III. ווי נעמט מען צונויף די וואַטע

דאָס צונויפנעמען די וואַטע קומט פאָר דריי מאָל דורכן זומער. די זאַמלער גייען אַרום מיט גרויסע קערבלעך און נעמען פּאָרזיכטיק ארויס די וואַטע פון די קעפּעלעך אזוי, אז זי זאָל זיך ניט צערייסן און ניט פאַרשמוצן זיך מיט ערד אָדער בלעטלעך.

זייער שווער קומט אָן דעם פּויער אויספירן דידאָזיקע וואַטע. דאָרטן, וואו זי וואַקסט, איז יעדעס ביסל וואַסער אָן אויצער. פיל קויכעס דאַרף מען אָוועקלייגן אַף צו באַקומען דאָס וואַסער און צו פאַרהיטן עס, ווייל אָן דעם ווערט די ערד א זאַמדיקער, אומפּרוכטבאַרער מידבער.

ווען די וואַטע איז שוין צונויפגענומען, גייט זי ניט גלייך אַף די גרויסע טעקסטיל-פאַבריקן. פריער דאַרף מען זי נאָך אָפּרייניקן, זי זאָל באַקומען א פּאָנים פון עמעסער וואַטע, און ערשט נאָכדעם וועט זי גיין אַף די פאַבריקן, וואו ס'וואַרטן אַף איר צענדליקער מאַשינעס און טויזנטער ארבעטער.

באַם צונויפנעמען די וואַטע פאַלן אַריין אין די קערבלעך אויך זוימען, בלעטלעך און גלאַט שמוץ. דאָס אַלץ דאַרף מען אָפּרייניקן, קעדיי מע זאָל ניט פירן קיין איבעריקע אומנוצלעכע מאַסע אַף דער באַן. פון טורקעסטאַן ביז מאָסקווע איז א מעהאַלעך פון 3.700 וויאָרסט, און באָוול פירט מען איבער מיליאָנען פּוד יערלעך.

ווען די וואַטע איז שוין צונויפגעזאַמלט, לאָדט מען זי אָן אַף קעמלען, און דער קאַראַוואַן שלעפּט זיך פּאַמעלעך צו די רייניקונגס-זאַוואָדן. דאָרטן זיינען פאַראַן ספּעציעלע מאַשינעס, וועלכע רופן זיך „דזשין". זיי טיילן אָפּ די זוימען פון דער ווייסער וואַטע. די זוימען ווערן ניט פאַרפאַלן: פון זיי מאַכט מען אייל, און מיט דער מאַקוכע האָדעוועט מען בעהיימעס.

סאָסנאָווסקי

באוואסערט א מידבער

אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַראַן א מעדינע מיטן נאָמען דאַגעסטאַן. איז דאָרטן א היץ און א טריקעניש ניט צום אויסהאַלטן.

מער ווי א העלפט לאַנד איז באַדעקט מיט בערג. אף די בערג איז אפילע קיל, און פייכטקייט איז דאָ גענוג. נאָ וואָס פאַר אן ערד-ארבעט קאָן שוין זיין צווישן פעלזן און אָפּגרונטן?

צווישן קאַספּישן יאַם און די בערג איז דאָ א שטיק פלאַך-לאַנד מיט פרוכטבאַרן באָדן. נאָר קיין וואַסער איז דאָרט ניטאָ. דעריבער פלעגן הונגערן סאַי די דאגעסטאַנער פון בארג-לאַנד, סאַי די דאגעסטאנער פון פלאַך-לאַנד, לעבנדיק אין דאַכקעס נאָר מיט ארייַנגעפירטן ברויט. אין הונגעריקן 21-טן יאָר איז מען געזעסן אינגאַנצן אָן ברויט.

מער ווי 100.000 דעסיאַטין זייער פרוכטבארע ערד, וועלכע קאָן ארויסגעבן פון זיך אי ברויט, אי רייז, אי וויינטרויבן, שטייען פאַרוויסטע אונטער די פאַרסאַרפנדיקע*) שטראַלן פון דער זון.

אין די 70-ער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט האָט די צאַרישע רעגירונג זיך גענומען באַלעבן די טאָלן פון דאַגעסטאַן דורך א קאַנאַל פונם טייך סולאַק. די ארבעט האָט זיך זייער לאַנג געצויגן. די דאַגעסטאַנער האָב מיט פאַרכאַלעשטע ליפּן געוואַרט אפן וואַסער. א קאַנאַל האָט מען אויסגעגראָבן, נאָר קיין וואַסער איז ניט געגאַנגען. מען האָט עפּעס ניט אויסגערעכנט, עפּעס פאַרזעען, און קיין וואַסער איז ניט געגאַנגען.

נאָר ס'זיינען געקומען די דאַגעסטאַנער קאָמוניסטן און האָבן אויפגערודערט דאָס גאַנצע פאָלק.

— נעמט זיך פאַר די לאָפּעטעס, ברידער. אונזער רעטונג ליגט אין אונזערע הענט. מיר קאָנען מיט דער לאָפּעטע וואונדער באַווייזן. אויב ניט אַליין, וועט קיינער פאַר אונז ניט טאָן, און אויב ניט איצט, איז ווען זשע?

פון אַאול צו אַאול האָט זיך געקייקלט א פלאַמיקער רוף פון א נייעם גלויבן—פון זעלבסטטעטיקייט, שעפערישקייט, קאַמף מיט סטיכיע, אויפלעבונג.

געווען איז עס אין מוירעדיקן אומפארגעסלעכן 21-טן יאָר.

און טויזנטער מענטשן האָבן זיך גענומען פאַר די לאָפּעטעס מיט דער פולסטער אנטשלאָסנקייט. אייניקע זיינען געגאַנגען אף דער ארבעט מיט מוזיק און מיט פאָנען. אַנדערע האָט מען דורך מאָביליזאַציע צו דער אַרבעט ארויסגעפירט.

ס'האָט ברויט פאַר די גרעבער געפעלט, ס'האָט וואַסער געפעלט. קיין דאַך ניט געווען, אונטער וועלכן מע זאָל זיך קאָנען באַהאַלטן פון דער באַטאָגיקער היץ. מענטשן האָבן זיך שוך-גריבער געמאַכט און אין זיי זיך אויסגעצויגן, שיצנדיק זיך פונם היילן פון די פאַרסאַרפנדיקע ווינטן.

*) פאַרבדענענדיקע.

אָט וואָס איך האָב געזעען אין 1923 יאָר אין דאַגעסטאַן.

סאָף יולי. אומהיימלעך פאַרגעלט און אויסגעברענט איז דער דאַגעסטאַנישער סטעפ. פארגעלט זיינען אויך די בערג-שיפּואים. אין שטאָט ווערן די בלעטער אף די בוימער פאַרגעלט, ווי אין האַרבסט. נאָר די זון ברענט ווי אום זומער, אומבעראַכמאָנעסדיק.

מיר פאָרן איבערן סטעפ אף א פייערלעכער צערעמאָניע — באַגעגענען דאָס וואַסער, וועלכע קומט אָן דורכן קאַנאַל פון אָקטיאַבר-רעוואָלוציע. לאַנג גאַרט*) שוין דער דאַגעסטאַנער סטעפ נאָכן וואַסער. איך האָב באַגעגנט דאָס וואַסער א וויאָרסט צען פאַר דער שטאָט מאַכאַטש-קאַלאַ. איבערן אויסגעטריקנטן, מיט שפּאַלטן באַדעקטן רויט-געלן דעק פון קאַנאַל האָט שטיל-שטיל זיך געקייקלט מוטנע וואַסער. פאַרויס האָט זיך געצויגן א קליין שטרעמעלע, וואָס האָט זיך מיט א לייכטן שיפען איינגעזאַפּט אין דער הונגעריקער ערד. פון צייט צו צייט האָט זיך דאָס וואַסער פאַרהאַלטן. עס האָט זיך אָנגעזאַמלט, אף צו קאָנען איבערשטייגן א בערגל, וואָס האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט.

באַם ברעג איז געגאַנגען נאָכן וואַסער מיט א שטעקן אין האַנט דער אינזשענער, דער פאַרוואַלטער פון דער בויאָוגג.

אליין איז ער א געבוירענער דאַגעסטאַנער. ער ווייסט גוט, וואָס פאַר א לעבן איז דאָ אָן וואַסער, און וואָס קאָן דאָ דאָס וואַסער געבן. און ער פירט מיט וואונדערלעכע אַקשאָנעס און קאַלטבלוטיקייט דאָס וואַסער אף דעם פאַרבערענטן סטעפ. שוין $1^{1}/_{2}$ יאָר פאַרברענגט ער דאָ מיט די גרעבער אין איבערמענטשלעכער האָרעוואַניע. די $1^{1}/_{2}$ יאָר זיינען שוין פאַריבער. און אָט שוין 5 טעג, זייט דאָס וואַסער איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דעם טייך סולאַק צו דער שטאָט, און די 5 טעג ציען זיך ווי 5 יאָר.

דער אינזשענער פירט דאָס וואַסער מיט די אָנגעצויגענע לייצעס. ניט מיטאמאָל, עס קאָן נאָך אָנמאַכן צאָרעס, דידאָזיקע קוויטיקע סטיכיע, ווען זי זאָל זיך פון דער קייט אָפּרייסן.

אונטער דער האַנט האָט ער אָנגעגרייט א מענטשן 20—25 אף דעם פאַל, אויב עפּעס וועט אומדערוואַרט געשעען. אָט אַזוי גייען זיי אַלע דריי: דאָס וואַסער, דער אינזשענער, די אַרבעטער.

אַרום האַלבע נאַכט זיינען מיר נאָך א מאָל געפאָרן צום קאַנאַל. דאָס וואַסער האָט זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט אף דריי וויאָרסט. באַם שיין פון דער לעוואָנע, פונקט ווי באַטאָג, זעט זיך דאָס קייקלען פון וואַסער.

— נו, ווי איז מיט דעם וואַסער?

צו אינדערפרי האָט דאָס וואַסער פאַרענדיקט זיין „גלענצנדן מאַרש“ און מיט א לוסטיקן, יונגן גערויש זיך אַריינגעריסן אין באַסיין באַ דער סטאַנציע. דער קאַנאַל האָט געמאַכט פּרוכטבאַר 60.000 דעסיאַטין זעלטענע ערד, וועלכע איז ביז איצט געשטאַנען א וויסטע. ווען מע וועט דעם קאַנאַל

*) שטרעבט.

דערפירן ביז דער סטאנציע מאנאס, וועט מען קאָנען באוואסערן א שעטעך פון 80.000 דעסיאטין. כוץ דעם וועט מען דעם קוילעך פון דעם וואסער קאָנען אויסנוצן פאר אן עלעקטרישער סטאנציע.

די טויטע וויסטעניש וועט אויפבליען, וועט אויפשטיין צו א ניי לעבן.

א פריילעכער, פרייליגנדיקער געזאַנג הערט זיך אין גערויש פון דעם וואסער, וועלכע וועקט גרויסע האָפענונגען.

מ. ראפעס

דער ראטן-מיזרעך

א דריי טויזנט ווערסט פון מאָסקווע ליגט א גרויס לאנד — די ראַטן-מיטל-אַזיע. אין צאָפן-זייט גרעניצט עס מיט קירגיזיע, אין מאירעוו-זייט, דורכן קאַספישן יאם — מיט קאווקאז. אין מיזרעך און אין דאָרעם קומט זיך דער ראטן-מיזרעך צונויף מיט די קאָלאָניאַלע און האלב-קאָלאָניאַלע פעלקער: אַפגאניסטאן און פערסיע, כינע און אינדיע. איצטער האָבן זיך דאָרטן געשאַפן די אוזבעקער און די טורקמענער סאָציאַליסטישע ראטן-רעפובליקן, וואָס גייען אריין, אלס גלייכבארעכטיקטע מיטגלידער, אין אונזער גרויסן פארבאנד פון סאָציאַליסטישע ראטן-רעפובליקן, און צוויי אַווטאָנאָמע קאנטן: דער טאדזשיקער און דער קארא-קירגיזער.

דידאָזיקע לענדער, וואָס זיינען ערשט נעכטן געווען פארשקלאַפט פון צאריזם, זיינען דורך דער ראטנמאכט געוואָרן גלייכבארעכטיקטע מיטגלידער פונם פרייען פארבאנד. באפרייט האָבן זיי זיך אדאַנק דעם פראָלעטאריאט, אדאנק דער רעוואָלוציע פונם ארבעטער-קלאס, אדאנק דער אָנפירערין פון דער רעוואָלוציע — דער אל. ק. פ. (ב).

דידאָזיקע רעפובליקן זיינען איצט אָרגאַנישע טיילן פון דער ארבעטער-באפעלקערונג פון אונזער פארבאנד, און מיטל-אַזיע הויבט אָן ווירטשאפטלעך פאנאנדערבליען.

איציק פעפער

אַלי-בען

(פאָעמע)

א

אין אן אַלטן אַאול*) באַ אי-פעטרי,
ניט ווייט פונם צאַרסן גורזוף,
האָט נאָך קינדווייז אלי-בען געקלעטערט
און געפאַשעט פרעמדע שאָף.

*) א דאָרף אין קרים און אף קאווקאז.

איז אלי-בען געוואקסן אין שטויבן,
אין זון, אין בערג, אין קויט;
געגרייט פאַר פרעמדע—טרויבן,
געזייט פאַר פרעמדע—ברויט.
און פאַרנאַכט, ווען די זון פלעגט זיך זעצן,
פלעגט נאָך דרימלען דער לעצטער פלאַם,
האָט גענומען אלי-בען זיינע נעצן
און געגאַנגען צום שווארצן יאַם.

ב

האָבן אין אַאולן פארשפרייט זיך קלאנגען,
גרייטן זיך טאָטערן ווידער צום פיין.
איינגיכן וועט קומען ווראַנגעל,
פאַרנעמען שאָף און וויין.
רוישן כוואַליעס, הוידען זיך וועגן,
יעדער טאָג איז גרויזאַם און וויסט,
אלי-בען ווייסט אין קרים אלע ברעגן,
אלי-בען האָט געניטע פיס.
רופט צונויף אלי-בען א זיצונג
אין אַאול לעם צאַרטן גורזוף:
— קיינמאָל ניט געבן די פריצים
די בערג און די שאָף.
— קיינמאָל ניט געבן! ניט געבן!
זאָל לעבן דער פאַסטוך אלי-בען!
אזוי איז פאַרשריבן.
און אזוי איז געווען.

ג

אין סאַמעטענע שאָטנס דרימלען קיפאַריסן,
און דער יאָם איז טונקל, הוידעט זיך און וואַרט
ווייסן אלע טאָטערן, מ׳וועט שוין ווידער שיסן,
ועלן בערג זיך טרייסלען שוין א גאַנצע נאַכט.
אָף דעם באַרג אַי-פעטרי רוען מידע וואָלקנס,
פונם בארג אי-פעטרי פאַלן שווערע טריט.
ווען אַלי-בען גייט מיט זיינע שטרענגע פאָלקן,
מעגן טאָטערן שלאָפן רואיק ביז גאַנץ פרי.

ד

גייען וואָלקנס אף די בערג, ווי שטענדיק,
שטילע וואָלקנס, ווי זאַטע שאָף;

האָבן דען בערג אַן ענדע!
האָבן דען וואָלקנס אַ סאָף!
קומען מענטשן, ווייטע, פון צאָפן,
קאַלטע און הייסע, ווי פראָסט.
איז וואָגנגעל פון קרים אנטלאָפן,
בערג און יאַם פאַרלאָזט.

ה

ניט דער יאַם האָט געוווישט און געשטורעמט,
ס'האָבן טאָטערן אַן אויפרוף געלייענט:
ניטאָ שוין קיין רייכע און אָרימע,
ניטאָ שוין קיין גרויס און קיין קליין.
אַלע ווייַנגערטנער, סעדער און רינדער,
אַלע הייזער, און בערג, און שאָף —
געהערן אַף שטענדיק די קינדער
פון טאָטערשן קליינעם גורזוף.
און אַלץ, וואָס איז נעכטן פאַרבליבן,
האָבן זונען פון דאָרעם פאַרברענט; —
דעם אויפרוף האָט אונטערגעשריבן
סעקפאַרקאָם*) אַלי-בען.

1) שטעלט צונויף אַ פּלאַן פון דער ליד. 2) באַשרייבט לויט דער ליד די נאַטור פון קרים, די באַזונדערקייטן פון די איינוואוינער. 3) דערציילט, וואָס נאָך ווייסט איר פון קרים.

די נאַטירלעכע ראַיאָנען אין פסס"ר

דער ראַטנפאַרבאַנד פאַרנעמט לויט זיין שעטעך דאָס צווייטע אָרט נאָך ענגלאַנד, קימאַט אַ זעקסטכיילעק פון דער גאַנצער יאַבאָשע. ער פאַרשפּרייט זיך פונם צאָפנדיקן אייז-אָקעאַן ביז טראַנסקאַוקאַז (3.500 קיל.) און פונם באַלטישן יאַם ביזן גרויסן אָקעאַן (7.000 קיל.).

לויט זיינע נאַטירלעכע באַדינגונגען, ד. ה. לויטן באָדן, רעליעף און געוויקסן (די אַלע דריי צוזאַמען הייסן לאַנדשאַפט) און לויטן קלימאַט, טיילט ער זיך אַף נאַטירלעכע ראַיאָנען.

אַזעלכע ראַיאָנען זיינען פאַראַן זעקס-ליי:

1. טונדרעס. 2. טאַיגעס. 3. וואַלד-סטעפּעס. 4. שוואַרצערדיקע סטעפּעס. 5. מידבער-סטעפּעס. 6. באַרג-לאַנד.

(געפינט אַף דער קאַרטע פון פ. ס. ס. ר. (ז. 215) די ראַיאָנען. צייכנט באַ זיך אין די העפטן אַזעלכע קאַרטעס).

*) סעקרעטאַר פון פּאַרטיי-קאָמיטעט.

טונדרע און טאיגע

דער קלימאַט פון דער טונדרע איז זייער א האַרטער. כוץ מאָך, לי-שאַיעס און קליינע יאַגעדעס-קוסטן קאָן דאָ גאָרנישט וואקסן. ס'באַגעגענען זיך אויך אָפט נידעריקע, קלייניקע איוועס און בערעזעס.

די מיטעלע טעמפעראַטור פון יאָר איז נידעריקער פון נול. דער זומער און דער פרילינג זיינען זייער קורצע (פון 6 ביז 8 וואָכן).

די טונדרע שטעלט מיט זיך פאָר א פאַרפרוירענעם זומפ, וועלכער ווערט אין זומער צעגאַנגען נאָר פון אויבן, אָן ערעך אף א מעטר, און פון אונטן איז אייביקער פראָסט.

זומער-צייט פליען זיך אָן אהער אסאך פויגלען און קלייניקע כאַיעלעך. אף ווינטער אָבער בלייבן נאָר הירשן, וועלכע דערנערן זיך ביטן מאָך, וואס זיי גראָבן אויס פון אונטערן שניי.

וואָס ווייטער צו דאָרעם, באַווייזן זיך אין דער טונדרע מערער קוסטן און בוימער, ביז ס'הויבן זיך אָן די גרויסע **טאַיגע-וועלדער**.

דאָ איז דער באָדן שוין אביסל אנדערש: עס איז אין אים שוין פאראן זאַמד און ליים. דערהויפט וואקסן דאָרט נאָדל-בוימער. דער קלימאַט איז דאָ אויך זייער א קאַלטער (מיטעלע יאָר-טעמפעראטור פון 0 ביז 30+). דער פרילינג און זומער געדויערן ביז 125 טעג, און אין דאָרעמדיקן טייל אפילע ביז 160 טעג.

דאָ קאָן מען זיך שוין פאַרנעמען מיט ערד-ארבעט, אָבער אין א באַ-גרענעצטער מאָס: די ערד איז שלעכטע און אָפטמאָל קומען פריע פרעסט. דערפאר אָבער זיינען דאָ פאראן אסאך טייערע כאַיעס און פויגל. אין די וועלדער גייען דורך גרויסע טייכן מיט אסאך ביי-טייכן, אף וועלכע מע קאָן איבערפירן האָלץ פון די וועלדער.

אין דאָרעמדיקן טייל פון דעם ראַיאָן גייען שוין בלעטער-וועלדער. דער קלימאַט ווערט שוין ווייכער, אף די זומפיקע ערטער וואקסט גוטע גראָז, און דעריבער קאָן מען זיך דאָ פארנעמען מיט ערד-אַרבעט און מיט פי-צוכט.

וואַלד- און שוואַרצערדיקע סטעפעס

ווייטער קיין דאָרעם גייט די וואלד-סטעפ-געגנט. דאָ זיינען זייער גו-טע באַדינגונגען פאר ערד-אַרבעט: דער קלימאַט איז א ווייכער. די מיטעלע יאָר-טעמפעראַטור איז פון 80+ ביז 90+. דער באָדן איז ערטערווייז א שוואַרצערדיקער און אין א טייל אן אש-גרויער. בוימער באַגעגענען זיך אמערסטן בלעטערדיקע. אין דעם ראַיאָן גייט אריין דער דאָרעמדיקער טייל פון ווייסרוסלאַנד און דער צאָפנדיקער טייל פון אוקראינע.

נאָך ווייטער קיין דאָרעם גייען די **שוואַרצערדיקע סטעפעס**.

אהער גייט אריין דאָרעם-אוקראינע, צאָפן-קאַווקאַז, מיטעלע וואָלגע און אנד. דער קלימאַט איז א וואַרימער (מיטעלע יאָר-טעמפעראטור פון 70+ ביז 100+). דער באָדן איז דאָ זייער א גוטער, א שוואַרצערדיקער, נאָר די וואַ-סער-אָפּזעצונגען זיינען דאָ ניט קיין גלייכמעסיקע: ס'טרעפן זיך אָפט זומער

טריקענישן. צו דאָרעם צו, נעענטער צום יאַם, ווערט דער באָדן ברוינלעכער. ער האָט שוין ניט מער, ווי 4% פוילעכץ.

דער פרילינג און זומער דויערן דאָ פון 180 ביז 250 טעג. דאָ זייט



מען אַסאַך קולטורן, וועלכע האָבן ניט אַזוי מוירע פֿאַר טריקעניש, צום ביישפּיל: קוקורוזע, קערלעך און אַזוינע קולטורן, וואָס ס׳לוינט זיי צו באַוואַסערן.

מידבער-סטעפּעס

די נאַטירלעכע ראַיאָנען בייטן זיך ניט נאָר פֿון צפֿון קיין דאָרעם, נאָר אויך פֿון מערעוו קיין מיזרעך. וואָס ווייטער קיין מיזרעך, ווערט דער אונטערשייד צווישן דער מיטעלער טעמפּעראַטור פֿון יאַנוואַר און יולי גרעסער, רעגנס גייען ווייניקער. די סטעפּעס פֿאַרנעמען וואָס ווייטער קיין מיזרעך אַלץ אַ ברייטערן שטעך. און אין דאָרעם-מיזרעך, אָנהויבנדיק פֿון דער אונטערשטער וואָלגע, ציען זיך קיין מיזרעך אויף אַ גרויסן שטעך טרוקענע סטעפּעס, וועלכע גייען איבער אין אייניקע ערטער אין אַ מידבער. איבערן הייסן טרוקענעם קלימאַט וואַקסן דאָ נאָר ביטערער פּאָלין און אָנבלעטערדיקע בוימער—סאַקסאַול.

מיט לאַנדווירטשאַפֿט קאָן מען זיך פֿאַרנעמען נאָר אין די ערטער, וואו ס׳איז דאָ וואַסער. דערפֿאַר אָבער בײַ קינסטלעכער באַוואַסערונג וואַקסן דאָ זייער טייערע קולטורן; רייז, באַוול, פֿרוכטן, טאַבאַק. אין אַסאַך ערטער גראָבט מען דאָרט קאַנאַלן און ברונימס אויף דורכצופֿירן קינסטלעכע באַוואַסערונג פֿון די פֿעלדער.

באַרג-לאַנד

די באַרגיקע געגנטן זיינען זייער פֿאַרשיידן מיט זייערע נאַטירלעכע באַדינגונגען: פֿון אונטן צעשפּרייטן זיך סטעפּעס, אויף די בערג-שיפּועים וואַקסן געדיכטע וועלדער, נאָך העכער גייען לאָנקעס און אויף די שפּיצן פֿון די גאָר הויכע בערג ליגט אייביקער שניי. אין סאַמע דאָרעם פֿון אונזער פֿאַרבאַנד, אין טראַנסקאַווקאַז, וואַקסן אַזוינע געוויקסן, וואָס קאָנען וואַקסן נאָר אין די הייסע לענדער.

אויפֿגאַבן

I

1) מאַכט אַ קאָלעקטיווע באַשרייבונג וועגן די נאַטירלעכע באַדינגונגען פֿון אייער ראַיאָן: א) דער קלימאַט (מיטעלע טעמפּעראַטור פֿון יאַנוואַר און פֿון יולי, אָפּזעצונגען), ב) די לאַנדשאַפֿט (באָדן, רעליעף, געוויקסן), ג) כאַיעס (שטוב-כאַיעס, ווילדע כאַיעס).

באַמערקונג: צעטיילט זיך אויף גרופּקעס, יעדע גרופּקע זאָל נעמען איין אויפֿגאַבע (דורכאַרבעטן די אויפֿגאַבע קאָן מען לויט אייגענע באַאָבאַכטונגען און לויט ביכלעך).

2) צו וועלכן נאַטירלעכן ראַיאָן קאָנט איר צורעכענען אייער געגנט?

II

1) מאַכט אף דער קאַרטע אַ רייזע פון מורמאַנסק ביז באַקו און פון לענינגראַד ביז וולאַדיוואסטאָק.

רעכנט אויס, וואָס איר וועט באַגעגענען אַפן וועג: די שטעט, די טייכן, די נאַטירלעכע רייכטימער, די פעלקער.

2) ווייזט אָן אַף דער קאַרטע די הויפּט-ראַיאָנען פון פאַרבאַנד: וואַל-דיקע, לאַנדווירטשאַפטלעכע, אינדוסטריעלע.

3) ווייזט אָן די וועגן פון אונזער ברויט-האַנדל מיט אויסלאַנד.

מאַטעמאַטישע אויפגאַבן (געצענט. ברוכצאָלן)

1) דער שטעטך פון פ. ס. ס. ר. איז 22.200.810 קוו. קיל. די באַפעל-קערונג פון פ. ס. ס. ר. איז 139,7 מיליאָן. רעכנט אויס די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג פון פאַרבאַנד אף איין קוו. קיל. (די רעזולטאַטן זאָלט איר פאַרקיילעכיקן ביז צענטלעך).

2) שטעטך און געדיכטקייט פון די ראַטן-רעפּובליקן.

רעפּובליק	שטעטך	באַפעלקערונג (אין מיליאָנען)		
		שטאָטישע	דאָרפישע	צוזאַמען
ר. ס. פ. ס. ר. . .	19.683.300	15.237	81.508	96.746
או. ס. ס. ר. . . .	393.000	5.163	20.837	26.000
וו. ס. ס. ר. . . .	109.800	697	3.525	4.204
ט. ס. פ. ס. ר. . . .	193.000	1.150	4.270	5.421
טורקמ. ס. ס. ר. . .	473.000	109	805	914
אוזבעקער ס. ס. ר. . .	322.000	741	4.062	4.803

רעכנט אויס די געדיכטקייט פון יעדער רעפּובליק. פאַרגלייכט זיי מיט דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין אייער ראַיאָן.

3) דער ערד-שטעטך פון פאַרבאַנד איז 22.210.800 קוו. קיל. פון דעם שטעטך ווערט באַאַרבעט 44,6%. רעכנט אויס, וויפל קוו. קיל. ערד ווערט באַאַרבעט.

4) פונם גאַנצן שטעטך פון פאַרבאַנד פאַרנעמען די וועלדער 862 מיליאָן העקטאַר. וואָסער פּראָצענט פונם גאַנצן שטעטך פאַרנעמען די וועלדער?

5) דערוויסט זיך אין ערד-אָפּטייל, ווי ווערט פאַנאַנדערגעטיילט די ערד פון אייער ראַיאָן אף אַקער-ערד, לאָנקעס און וועלדער. דריקט עס אויס אין פּראָצענטן.

6) ביז דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע איז די ערד אין אונזער לאנד גע-וועז אַזוי פארטיילט:

פויערים	35%
מעלוכע	35%
פריצים	26%
מאַנאסטירן און גאַלאַכים . . .	4%

נאָך דער רעוואָלוציע:

פויערים	97%
ראטן-ווירטשאַפטן	3%

מאַכט דערפון א קיילעכדיקע דיאגראַם.

7) אין פ. ס. ס. ר. וואוינען 139,7 מיליאָן מענטשן. פון זיי וואוינען אין די שטעט 15,4%. רעכנט אויס, ווי גרויס איז די שטאָטישע באַפעלקערונג.

אין לאַנד פון שווארצן גאָלד

I

— הער, באָכערל, שטיי אויף!

פעטקע האָט זיך אָנגעהויבן ציען מיט אַ שלעפעריקן געניץ און געעפנט די אויגן. פאַר אים שטייט דער אַלטער קאָנדוקטאָר און שמייכלט:

— נו, ביסטו אַ פעפער, באָכערל, — ווארף זיך אַרויס פון דאַנען.

פעטקע האָט אף גיך אָנגעטאָן אַפּן אקסל דעם רוק-זאק און אַראָפּ אַף דער פלאַטפאָרם. ס'איז געווען 7 אזייגער אינדערפרי. ס'האָט ערשט אָנגע-הויבן צו טאָגן.

— וואוהין זשע גייט מען?

דאָס האָט פעטקע ניט גאָר גוט געוואוסט. ער איז אַפּן באָקוער וואַק-זאל און דארפן דאַרף ער אַפּן טורעם נומ. 23 צום פעטער מאַקסים. אַזוי שטייט באַ אים פאַרשריבן אין ביכעלע. ער האָט זיך ווידער אנגעהויבן אויס-גלייכן די ביינער. א קלייניקייט עפעס: די גאַנצע צייט אין וואַגאָן, פון לע-נינגראַד ביז באַקו. כאָטש די ביינער ברעכן און אַלע אייוורים טוען ווי. דאָך איז פעטקע זייער צופרידן און שטאָלץ. נאָר וואו זשע איז דער טורעם נומ. 23? ער האָט געפרעגט א רויט היטל (מיליציאָנער).

— פאָר צו מיט דער באַן קיין סאבונטשי, דאָרטן וועט דיר יעדערער באַווייזן.

אין וואַגאָן איז געווען אַ שטופעניש, אָנגערויכערט, די גאַנצע צייט אַף די פיס, נאָר פאָרן איז אויסגעקומען ניט גאָר לאַנג.

אף דער אַלטער געביידע פון דער סטאַנציע הענגט אן אַלטער, אָפּגע-קראָכענער שילד: „סאבונטשי".

דער אוילאם האָט זיך אַרויסגעשאָטן פונם וואַגאָן.

— וואו איז דער טורעם נומ. 23?

— וואָס דאַרפסטו?

— איך דאַרף צום פעטער מאַקסים — דאָרט איז ער.

— אויב אַזוי, קום מיט מיר, איך וועל דיך צופירן.

ס'טריפט אַ רעגנדל. שמוציק. פון בײדע זײטן װעג — רויטער זאַמד, אומעטום גריבער און בערגלעך.

די ערד, וואָס איז פונם רעגן צעווייקט געוואָרן, איז אין פיל ערטער פאַרגאָסן געוואָרן מיט עפעס אַ מין שוואַרצער פליסיקייט, וואָס גלאַנצט אָפּ קעגן דער זון מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן.

פעטקע האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און אַ פרעג געטאָן זיין באַגלייטער וועגן דער פליסיקייט.

— נאַפט, — האָט אַ בורטשע געטאָן דער אַרבעטער.

— אָט דאָס איז גאָר? און פעטקע האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַזאַ מין בענזין, לייכט און לויטער.

— וואָס איז דאָרטן?

פון דעם פרימאָרגנדיקן נעפּל שטאַרצן אַרויס הויכע שוואַרצע זאַכן, וואָס פאַרשטעלן דעם גאַנצן האָריזאָנט, ווי א ריזיקער וואַלד.

אַז זיי זיינען צוגעקומען נעענטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען הונדערטער הילצערנע טורעמס. הויך, ווי אַ פירגאָרנדיק הויז. פון אינעווייניק האָט זיך געהערט אַ געקלאַפּעריי פון אַ מאַשין.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— מאַקסים, ליב דיר מיט דיין גאַסט! — האָט אויסגערופן דער באַגלייטער.

פון דער טיר האָט זיך אַרויסגעשטעקט מאַקסימס גרויער, צעשויבערטער קאָפּ.

— א, פעטקע! אַ גאַסט, א גאַסט! וואס מאַכסטו? אף אַ כוידעש, צו גאַסט? געטאָן ווי א כאַכעם. קום אַריין!

פעטקע האָט זיך פאַרזיכטיק דורכגעשטופט אינעווייניק אין טורעם. אינעווייניק איז ניט אַזוי פויגלדיק: ווענט פון ברעטער, אַן ערדענער דיל, פאַרשמירט מיט פעטס און מיט נאַפט. אין מיטן אַן הילצערנער קאַסטן, בא וועלכן ס'זעט זיך אָפּן דעק א שוואַרצער לאָך, וואס גייט אַראָפּ טיף אין דר'ערד. נעבן אים זיצט אַן אַרבעטער, אַ פערסיאַנער. ער גיט אכטונג אף דעם שמוציקן קאַנאַט, וואָס לאָזט זיך אראָפּ פון שפיץ טורעם אין דעם טיפן ברונים.

מאַקסים האָט זיך געפּאָרעט אין ווינקל פון דעם טורעם. פעטקע איז צוגעגאַנגען ביזן סאַמע ברונים. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ ליגט דער גאַנצער סאָד פון דער אַרבעט.

דער קאַנאַט האָט זיך געהויבן ארויף. צום ערשטן האָט ער זיך געצויגן פּאַוואָליע. נאָר באַלד האָבן זיך דערטראָגן פון דער טיפעניש פון ברונים פאַרדומפּענע קלאַנגען פון קלעפּ... אלץ העכער און דייטלעכער.

פלוצים איז פונם ברונים אַרויסגעקראָכן עפעס אַ מאָדנע, לענגלעכע

באַשעפעניש, פון אַ קלאַפּטער דריי די לענג. די באַשעפעניש איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, גלייך ווי זי האָט זיך ערשט באַרעכנט, וואָס זאָל זי טאָן. נאָכדעם האָט זי זיך לאַנגזאַם אראָפּגעלאָזט אף אַ הילצערן ברעטל, וואס דער פערסיאַנער האָט אונטערגעשטעלט.

ס'האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ, און פון דער באַשעפעניש האָט זיך געגעבן אַ גאָס אַ געלבלעכע פליסיקייט. די פליסיקייט האָט גערונען איבער דער קאָרעטע, וואס האָט זיך געצויגן ווייטער אין דער וואַנט אַריין... די באַשעפעניש האָט זיך אַלע ווײַלע אויפגעהויבן, געהוידעט זיך אין דער לופטן און ווידער געטוקט זיך אין דער טיפעניש פונם ברונים.

פעטקע האָט אָנגעשטעלט אַפן פעטער אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן.

— וואָס, זונדל, פאַרשטייסט ניט דעם סייכל דערפון? — האָט געשמייכלט דער פעטער. — אַ קליינע כאָכמע שטעקט דערין. ווי דו זעסט, ליגט די נאַפט זייער טיף אין דער ערד. גראָבן פון אירעטוועגן אַ ברונים, ווי מע גראָבט געוויינלעך פאר וואַסער, וואָלט געקאסט זייער טייער. האָט מען צוגעקלערט אזאַ מין עקבער, וואס גראָבט אויס אַ לאָך, וואָס רופט זיך נאַפט-ברונים. די ברונימער זיינען אָפטמאָל זייער טיפע, ביז $1^1/_2$ וויאָרסט. אז מע קומט צו צו דער נאַפט, הייבט מען זי אָן אַרויסבאַקומען, ווי דו האָסט געזעען. דאָס, וואָס דו זעסט, איז גאָרנישט. אָט וועל איך ענדיקן מיין מישמוירע *), וועל איך דיר ערשט באַווייזן כידושים.



די נאַפט טורעמס אין באַקו.

II

ווען דער פעטער האָט געענדיקט זיין צרבעט, איז ער געגאַנגען מיט פעטקען צו דעם אָרט, וואו ס'זיינען געשטאַנען אין אַ ריי נאָענט איינס צום אַנדערן טורעמס.

*) מישמוירע—איבערבייט.

ניט ווייט פון די טורעמס אַף אַ הונדערט קלאַפטער האָט געשפּריצט אַ הויכער, שיינער פאָנטאַן. די געלבלעכע פליסיקייט האָט אַרויסגעזעצט פון דער ערד און געשפּריצט אין אַלע זייטן און מיט גאַנצע כוואַליעס זיך געפּליעסקעט אין דער ערד.

פּעטקע האָט פון גרויס פאַרוואונדערונג דאָס מויל ניט געקאָנט עפענען.

— נו, זונדל, וואָס ווערסטו דערויף זאָגן? געפעלט עס דיר עפּעס? — האָט דער פעטער מאַקסים זיך געוווּנדערט.

— פאַרוואָס זשע זעצט זי פון דער ערד? — האָט פּעטקע געפרעגט.

— פאַרשטייסטו מיך, — האָט מאַקסים אים געגעבן צו פאַרשטיין, — דאָרטן אין די טיפענישן פון דער ערד, וואו ס'זאַמלט זיך אָן אַסאַך נאַפט, ווערן אָפטמאָל נאַפט-גאַזן. און אַז מע בויערט דורך די ערד ביז צו זיי, שפּאַרן זיי דאָס אַרויס און שלעפּן מיט זיך מיט אויך די נאַפט.

— אַך, ס'אַרא גרויסער פאָנטאַן, — האָט פּעטקע גערעדט מיט אַנטציקונג.

— הע, ס'איז גאָרניט אַזאַ גרויסער, — האָט דער פעטער געשמייכלט. — אַז איך בין געווען אַזאַ ווערוריקל ווי דו, האָט ניט ווייט פון דאַנען אָנגעהויבן שפּריצן אַ פאָנטאַן. דאָס איז געווען טאַקע בעעמעס אַ גוואַלדאַוונער פאָנטאַן. דעם ערשטן טאָג האָט ער געגעבן אַ מיליאָן פּוד נאַפט. דער, וואָס דו זעסט, אין זיך אַזוי אַ פאָנטאַנדל, ניט אַזוי אַי-אַי.

— פונדעסטוועגן דאַרף מען גיין, פאַרן עסן גייט מען קיין טאַנק ניט. ווערסט זיך נאָך אָנקוקן אַף זיי, — האָט דער פעטער געטאָרקעט פּעטקען, וואָס האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פונם שיינעם פאָנטאַן.

אַ גאַנצע וואָך איז פּעטקע געגאַנגען מיטן פעטער איבער די נאַפט-גרובן. וואָס האָט ער זיך דאָרטן ניט אָנגעזען! ער איז געווען אַף די זאַוואָדן, וואו מע אַרבעט איבער די נאַפט. ער האָט געזען, ווי ס'ברענען די גאַזן, וואָס שפּאַרן פון דער ערד, וועלכע מע פלעגט אַמאָל רעכענען פאַר געטער און מע פלעגט זיך צו זיי בוקן און בעטן. ער האָט געזען, ווי מע לאָדט אָן די נאַפט אין די וואַגאָן-ציסטערנעס און אין די נאַפט-שיפן. ער האָט געזען, ווי ס'גייט אַריין די נאַפט אין די טרויבן, וואָס ציען זיך אַף הונדערטער ווייאָרסטן פון איין עק קאַווקאַז ביזן צווייטן.

שטאַרק איבעראַשט געוואָרן איז ער פון אַ נאַפט-סרייפע. דריי טעג האָט געפלאַקערט דער נאַפט-פאָנטאַן, און באַנאַכט האָט זיך געדוכט, אַז אַ גוואַלדאַוונער פאַקעל פלאַקערט און רייסט זיך אין הימל אַריין. ערשט אפן פערטן טאָג האָט זיך איינגעגעבן מיט גרויס מי אים צו פאַרלעשן...

מע האָט געשמועסט, אַז דאָס האָבן אונטערגעשיקטע שפּיאָנען אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל.

ווען פּעטקע האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַם פעטער געפרעגט, צי איז עס טאַקע עמעס.

— ס'קאָן זייער שיין זיין, — האָט געענטפערט דער פעטער. — מיר זיינען זיי, די בורזשויען, ווי זאַלץ אין די אויגן. זיי האָבן אַ ווייטיק, ס מיר

בויען אויף אונזערע כורוועס. כוץ דעם איז עס דאָך טאקע נאפט. ניט אומ-זיסט רופט מען עס: שווארץ גאָלד. אין דער עמעסן איז עס בעסער, ווי גאָלד.

— מיט וואָס זשע איז דאָס אזוי טייער,—האָט זיך פעטקע געכידעשט.

— נאָך אַ מין טייער! מיט איר שפּייזן זיך די עראָפּלאַנען און לופט-שיפן. היינט אַווטאָמאָבילן, טראקטארן. די גרויסע שיפן, פאבריקן און זאוואדן הויבן אָן די לעצטע צייט זיך באהייצן מיט נאפט. נאפט איז די בעסטע הײ-צונג. און דערפאר טאקע רייסן זיך איבער איר די קאפיטאליסטישע מעלוכעס בא די נעזער.

— פאַרוואָס זשע רייסן זיי זיך? ס'איז דאָ ווייניק?

— ווייניק ניט, אַזוי אָף אַ 150—200 יאר וועט פונדעסטוועגן נאָך קלעקן. אָבער מער ווי אין דער גאנצער וועלט נאפט פארמאגן מיר. עמעס, איצט באַקומען מיר ארויס פון דער ערד זייער ווייניק, דערפאר וואָס די ווייסע האָבן אונז אַ גוטן כורבן אָנגעמאכט, ווען זיי האָבן דאָ געבאלעבאטעוועט. נאָר מיר בויען אויף אונזער לאנד און איינגיכן וועלן מיר קאָנען פארשטעקן אין גארטל ניט נאָר איירָאפּע, נאָר אַפילע אַמעריקע, וואס בלאָזט פון זיך מיט איר אשירעס *).

— אוואדע וועלן מיר זיי איבעריאָגן,—האט פעטקע געזאָגט פעסט, און אין זיינע אויגן האט זיך געזעען אַ זיכערקייט.



די שווארצע רינגעלעך באווייזן די ראַיאָנען פון נאפט.

*) אשירעס—רייכקייט.

דנעפּרבוי

צווישן דנעפּראָפּעטראָווסק און זאַפּאָראָזשיע איז דער דנעפּר באַדעקט מיט שוועלן (אַזוי רופט מען פעלזן אין מיטן טייך) און זיין וואַסער פליסט דאָ מיט גרויסער קראַפט.

די געגנט, וואו דער טייל דנעפּר גייט דורך, האט א פעטן שוואַרצ-ערדיקן באָדן, וועלכער גויטיקט זיך אָבער אין קינסטלעכער באַוואַסערונג. ווייל ס'טרעפן זיך דאָרט גאַנץ אָפט טריקעניש.

אין דערדאָזיקער געגנט איז אַ מאַנגל אין הייצונגס-מאַטעריאַלן: ניטאָ ניט קיין וועלדער, ניט קיין טאָרף, ניט קיין קוילן. די געגנט איז זייער רייך מיט פארשיידענע ערד-אויצרעס, נאָר די אינדוסטריע קאָן זיך ניט גענוג אַנטוויקלען, ווייל ס'פעלט הייצונג.

סאַי פאַר די פאַבריקן און זאַוואָדן, סאַי פאַר דער לאַנדווירטשאַפט איז זייער נויטיק צו עלעקטריפיצירן די געגנט.

דער דנעפּר מיט דער גרויסער קראַפט פון זיין וואַסער קאָן געבן א מעגלעכקייט אָף אויסצובויען אַן עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס זאָל באַפרידיקן סאַי די לאַנדווירטשאַפט, סאַי די אינדוסטריע.

דעם דנעפּר וועט מען פאַרצאַמען מיט א הרעבליע פון 720 מעטער די לענג. די דאָזיקע הרעבליע וועט אויפהויבן דאָס וואַסער פונם דנעפּר אָף 37 מעטער די הויך. ווען מע וועט דאָס וואַסער לאָזן אין שטאָלענע טרויבן, וועט עס גיין מיט אַזא קראַפט, אַז ס'וועט ברענגען אין באַוועגונג ריזיקע טורבינעס, וואָס שטייען נאָך די טרויבן. ווען מע וועט פאַרייניקן די טור-בינעס מיט עלעקטרישע מאַשינעס, וועט מען באַקומען טאָק פון גוואַלדיקער קראַפט.

וויכטיק איז נאָך, וואָס דערדאָזיקער טאָק וועט קאָסטן זייער ביליק, ווייל מע וועט ניט באַדאַרפן קיין שום הייצונג, ניט איבערפירן די הייצונג אָף דער באַן אָדער איבערן וואַסער אָף שיפן, צאָלן פאַר אָנלאָדן און אויס-לאָדן די הייצונג.

כוץ דעם וועט דאָס וואַסער פאַרטרינקען די שוועלן, איבער וועלכע ס'קענען ניט פאָרן קיין שיפן און דער טייל דנעפּר וועט ווערן פריי פאָרן דורכגאַנג פון שיפן ביזן שוואַרצן יאַם.

די פאַרצאַמונג פונם דנעפּר וועט אויך אויפהויבן די גערעטעניש פון דער אַרומיקער ערד, ווייל מ'וועט קענען באַוואַסערן גרויסע שטרעקעס אַקער-לאַנד, וואָס גיבן איצטער זייער קליינע האַכנאָסע איבער דער טריקעניש.

ווי מיר זעען, וועט דער דנעפּרבוי באַרייכערן די געגנט: געבן ביליקע ענערגיע פאַר די פאַבריקן און די זאַוואָדן, פאַר די אייזנבאַנען און פאַר דער לאַנדווירטשאַפט; באַוואַסערן די אַרומיקע ערד, און עפענען א וועג פאַר די שיפן איבערן דנעפּר ביזן שוואַרצן יאַם. דאָס וועט זיין די גרעסטע עלעק-טרישע סטאַנציע אין פאַרבאַנד און איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט: זי וועט געבן ביז 500.000 פערד-קראַפט.

פון באלטישן יאם אין קאספּישן און אין אזאָווישן

קוקט זיך צו צו דער קאַרטע פון דעם אייראָפּעאישן טייל פון אונזער פאַרבאַנד, וועט איר זעען, אַז דער אָנהויב פון דעם טייך וואָלגע געפינט זיך ניט ווייט פונם אָנהויב פון אַנדערע גרויסע טייכן, ווי אשטייגער דנעפּר, וואָס פאַלט אריין אין שוואַרצן יאַם, און דווינע, וואָס פאַלט אריין אין באַלטישן יאַם. ווען מיר זאָלן נעמען נאָך די ביי-טייכן, וועלן מיר זעען, אַז די טייכן גייען צו נאָך נעענטער איינער צום אַנדערן.

שוין א לאַנגע צייט ווערט אויסגענוצט די נאָענטקייט פון די טייכן אַף אריבערצופירן אַף זיי מאַסאָעס — צוליב דעם ווערן צווישן זיי דורכגעגראָבן קאַנאַלן, וואָס פאַרייניקן די טייכן. דער וויכטיקסטער קאנאַל איז בא אונז דער מארינסקער, וואָס פאַרייניקט דעם באַלטישן יאַם מיטן קאַספּישן.

גרויסע שיפן, אַף וועלכע מע פירט ברויט, נאַפט, זאַלץ, גייען איבער דער וואָלגע ביז דער שטאָט ריבינסק, וואו ס'פאַלט אריין אין דער וואָלגע דער טייך שעקסנע.

דאָ איז דער אָנהויב פונם מארינישן קאַנאַל, וואָס גייט פון ריבינסק ביז לענינגראַד. אַף דעם קאַנאַל קאָנען קיין גרויסע שיפן ניט פאָרן, דעריבער מוז מען אין ריבינסק איבערלאָדן די מאַסאָעס פון די גרויסע וואָלגער שיפן אין קלענערע.

איצט טראַכט מען צו צום דורכגראָבן א קאַנאַל, וואָס זאָל פאַרייניקן דעם קאַספּישן יאַם מיטן שוואַרצן.

אָנהויבנדיק פון סאמאַרע ביז סטאַלינגראַד, פליסט די וואָלגע אַלץ קיין דאָרעם-מאַירעוו. נאָך סטאַלינגראַד מאַכט זי א קער אַף דאָרעם-מיזרעך.

דער טייך דאָן, וואָס פליסט קיין דאָרעם-מיזרעך, מאַכט אין דעמזעלבן אָרט א קער קיין דאָרעם-מאַירעוו. צווישן די צוויי טייכן באַקומט זיך א שמאָלע שטרעקע פון 97 קילאָמ. אַף דעם אָרט, צווישן די שטעט סטאַלינגראַד אַף דער וואָלגע און קאַלאַטש אַפן דאָן וועט מען דורכגראָבן דעם קאַנאַל. דידאָזיקע אַרבעט פאָדערט זייער אַסאַך געלט, מי און צייט. נאָר עס לוינט זיך, ווייל דער קאַנאַל וועט אריינטראָגן א גרויסע אויפלעבונג אין די נאָענטע געגנטן. ער וועט מאַכן זייער ביליק דאָס איבערפירן פון וואַלד-מאַטעריאַלן פון וואָלגע אין ראָסטאָווער פאָרט אַפן טייך דאָן; ער וועט דערנענטערן דאָס אייזן פון אוראַל מיט די קוילן פון דאָנבאַס; ער וועט געבן א מעגלעכקייט אַרויסצופירן ברויט קיין אויסלאַנד פון סיביר, צאָפן-קאַווקאַז און ביי-וואָלגער געגנטן.

דערדאָזיקער קאַנאַל וועט זייער אויפהויבן דיווירטשאַפט פון אונזער לאַנד.

אונזערע נאַטור-רײַכטימער

אונזער סאָוועטן-לאַנד רעכנט זיך פאַר אײנע פון די רײַכסטע לענדער אין דער וועלט. פאַראַן אַסאַך אַנדערע רײַכע לענדער, אָבער דידאָזיקע לענדער האָבן שוין זײערע רײַכטימער באַלד אויסגענוצט, און בײַ אונדז הייבט מען ערשט אָן זיי אויסצונוצן.

אין וואָס באַשטייען די רײַכטימער פון אונזער לאַנד?—שטיינקוילן, אַרץ (ניט קיין באַאַרבעטער מעטאַל), נאַפט, וואַלד און הונדערטער מיליאָנען דעסיאַטין אַקער-ערד. אויב מע זאָל דידאָזיקע ערד פאַרזייען, קען עס קלעקן פאַר אַ האַלבע וועלט צום עסן.

און וויפל אַנדערע רײַכטימער זײַנען אין אונזער לאַנד פאַראַן?—גאָלד, פּלאַטין, מעש, פאַרשיידענע טײַערע שטיינער.

ניט אומזיסט זײַנען אונדז די אויסלענדער מעקאַנע און קוקן מיט גיריקע אויגן אויף אונזערע רײַכטימער.

ווען אין רוסלאַנד האָט געהערשט דער קייסער, האָבן די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן געהאַלטן אונזערע רײַכטימער אין זײערע הענט. אין דאָנבאַס און אין אוראַל האָבן די בעסטע פאַבריקן געהערט צו די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן. אין באַקו האָבן זיי פאַרכאַפּט די נאַפט. עס האָט שוין געהאַלטן, אַז זיי זאָלן אויך נעמען אין זײערע הענט אונזערע וועלדער, פיש-פאַנג און די רײַכטימער פון סיביר און טורקעסטאַן.

איר וועט פרעגן:

— פאַרוואָס האָבן דאָס די אויסלענדער אַזוי גרינג אַלץ גענומען אין זײערע הענט?

דערפאַר, ווײַל די צאַרישע מעלוכע האָט ניט געקאָנט ווי עס באַדאַרף צו זײַן פירן די באַלעבאַטישקייט פון לאַנד.

אַרץ, שטיינקוילן, נאַפט, וואַלד זײַנען אָבער נויטיק געווען אין רוסלאַנד גופא. און אַזוי ווי די צאַרישע רעגירונג האָט אַליין ניט געקאָנט דאָס באַאַרבעטן, האָט זי אַרײַנגעלאָזן אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן:

— נעמט, באַאַרבעט, וואָס איר דאַרפט, און וואַרפט אונדז אויך צו אַ ביסן.

און אַזוי האָבן די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן אַלץ גענומען אין זײערע הענט און געלעבט אַ גוטן טאָג.

נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט די סאָוועטן-רעגירונג געגעבן אַלע אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, צוגלײַך ווי די רוסישע, אין האַלז און נאַקן. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַליין אַלץ גענומען באַאַרבעטן, און די פאַרדינסטן גייען אויף נוצן פאַר דער אַרבעטער-פּויערשער מעלוכע.

איצט לאָמיר זען, אין וואָס עס באַשטייען די רײַכטימער אין אונזער לאַנד.

אוראל

וואָס איז אזוינס אוראַל? דאָס איז אַ בערגקייט, וועלכער טיילט אָפּ אייראָפּע פון אַזיע. דער אוראל איז אויסגעצויגן אף 12.000 וויאָרסט. מיט איין עק שפּאַרט ער אָן אין די אומענדלעכע וועלדער פון פּעטשערער קאַנט, און מיטן צווייטן—אין די דאָרעמדיקע באשקירער סטעפּן.

אוראַל איז דער זיידע פון דער רוסישער אינדוסטריע. שוין מיט 200 יאָר צוריק האָט מען געבויט אין אוראַל פּאַבריקן, אַרויסבאקומען אַרץ, געגאָסן טשוהון, אייזן און מעש.

אויסער אייזן און מעש, האָט מען געפונען גאָלד, פּלאַטין, מאַרמאָר, פאַרשיידענע פאַרביקע און טייערע שטיינער, זאַלץ און שטיינקוילן.

די רייכטימער פון אוראל קאָן מען ניט אויסשעפּן. אוראל איז אָנגעפילט מיט רייכטימער. וואו מע רירט זיך צו—געפינט מען עפּעס.

אין אוראל האָט מען געבויט פּאבריקן און זאוואָדן. עס זיינען געווען מעלוכישע און פּריוואטע. די מעלוכישע האָבן אָבער שלעכט געאַרבעט און האָבן דערלייגט געלט. די פּריוואטע האָבן אין גרעסטן טייל געהערט צו אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן. זייערע פאַבריקן האָבן גוט געאַרבעט און זיי האָבן אַסאַך פאַרדינט.

איצט געהערן אלע פאַבריקן צו אונזער מעלוכע, איצט אַרבעטן זיי גוט און אפילע די, וועלכע קאָלטשאַק האָט רואינירט, האָט מען שוין אויך פאַריכט און זיי אַרבעטן אין פולן גאַנג.

קעדיי די פאַבריקן זאָלן גוט ארבעטן, דאַרף מען האָבן גענוג אַרץ און הייץ-מאטעריאלן.

אַרץ איז אין אוראל פאַראַן זייער אסאך. ניט דער גאנצער אוראל איז נאָך אויסגעפאָרשט. אין צפאָן-און דאָרעם-זייטן פון אוראל זיינען פאַראַן נאָך ניט קיין אָנגערירטע רייכטימער. איבערהויפּט איז רייך מיט אַרץ דער דאָרעם-טייל פון אוראל. דאָרט איז פאַראַן דער מאַגניטנער באַרג, וועלכער האָט צען מיליאַרד פּוד אייזן-אַרץ, און צו דער באארבעטונג איז מען נאָך ניט צוגעטראָטן.

באהייצונגס-מאטעריאל איז אין אוראל אויך אסאך. אין צפאָן-זייט שטייען ניט קיין אָנגערירטע מיליאָנען דעסיאטין וואלד.

ווייניק באארבעט זיינען אנדערע רייכטימער פון אוראל: פּלאטין (צען טויזנט פּוד, אין אנדערע לענדער קריגט מען גאָרניט), מאַרמאָר, טייערע שטיינער. דאָס וועט אלץ קלעקן אף אסאך צענדליקער יאָרן.

דאָנבאַס

אין דאָנבאַס געפינט זיך דער בעסטער סאָרט שטיינקוילן (מער ווי 50 מיליאַרד טאָן) און די בעסטע זאוואָדן פון סאָוועטן-פארבאנד. ניט ווייט פון דאָנעץ, אין קריוואָי ראָג אַז נעבן קערטש, גראָבט מען אייזן-אַרץ (פאַראַן ביז

70 מיליאַרד פּוד). און ניט לאַנג, מיט דריי יאָר צוריק, האָט מען אויסגעפונען אין קורסקער גובערניע טייערע אייזן-אַרץ.

מיט 50—60 יאָר צוריק איז דאָנבאַס געווען אַ סטעפּ. האָט מען זיך אַרומגעזעען, אַז אונטער דער שווארצער ערד ליגן רייכע שיכטן שטיינקוילן, און דער סטעפּ איז באַדעקט געוואָרן מיט שטעט, מיט אייזנבאַנען, מיט פאַבריקן.

אַף דאָנבאַס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן די פראַנצויזן און בעלגיער, זיי האָבן געבויט פאַבריקן און זאַוואָדן און האָבן גערעכנט, אַז זיי וועלן אַף אייביק דאָ געוועלטיקן.

אָבער אזוי ווי פון אוראַל, אזוי אויך פון דאָנבאַס האָט מען זיי ארויסגעטריבן, און דער באַלעבאָס איז די פּראָלעטארישע מעלוכע.

פאר דער צייט פון בירגער-קריג האָבן די ווייסע פאַרטרונקען אַסאַך שאַכטן, קאָליע געמאַכט פאַבריקן. נאָר די דאָנבאַסער אַרבעטער האָבן עס געבראַכט אין אָרדענונג, און די ארבעט גייט פאָרויס.

אויסער שטיינקוילן און אַרץ זיינען אין דאָנבאַס פאַראַן זאַלץ-גריבער, וועלכע קאָנען געבן איבער 20 מיליאָן פּוד זאַלץ.

די שטיינקוילן אין סיביר האָבן גאָר קיין כעשבן ניט. זיי ציען זיך אַף הונדערטער וויאָרסטן. איין קוזנעצער באַסיין קאָן געבן 250 מיליאַרד טאָן טשערעמכאָווער האָט 150 מיליאַרד טאָן שטיינקוילן.

נ אַ פ ט

אונזער סאָוועטן-פאַרבאַנד איז רייך מיט נאַפט. די באַקוער און גראָזנער נאַפט-קוואַלן זיינען די רייכסטע אין דער וועלט.

ביז דער מילכאָמע האָט רוסלאַנד געגעבן ביז 700 מיליאָן פּוד נאַפט אין א יאָר, איצט אַביסל ווינציקער. עס גייט ניט דורך קיין כוידעש, אז עס זאָלן זיך ניט עפענען נייע קוואַלן מיט נאַפט.

נאַפט רעכנט זיך פאַרן בעסטן באַהייצונגס-מאַטעריאַל. נאַפט באַנוצט מען אין די פאַבריקן, זאַוואָדן, דאַמפערס א. א. וו.

אונזערע אויצרעס פון באַהייצונגס-מאַטעריאַלן זיינען אומבאַגרעניצט, און אונזער אינדוסטריע קאָן קוקן רואיק אין דער צוקונפט — באַהייצונג וועט קלעקן.

אנדערע רייכטימער

דער גאַנצער צאָפן איז באַדעקט מיט וואַלד. אונזער וואַלד פאַרנעמט 500 מיליאָן דעסיאַטין. לויטן צאָל וואַלד פאַרנעמט פ. ס. ס. ר. דעם ערשטן אָרט. איצט טאָרף. טאָרף איז אין פ. ס. ס. ר. פאַראַן אזוי פיל, אז מע קאָן גאָרניט באַרעכענען, וויפל ס'איז דאָ. אַ קליינער ביישפּיל: אין מאָסקוועער גובערניע איז פאַראַן אַף 100 יאָר טאָרף פאַר דער גאַנצער גובערניע.

בא אונז איז דאָ אסאך באוול אין טורקעסטאן און אין טראנסקאוקאז. לויט דער טעקסטיל-אינדוסטריע שטייט פ. ס. ס. ר. אפן דריטן אָרט נאָך ענגלאנד און אמעריקע.

איצט טרעטן מיר צו צו בויען אַ גאַנצע נעץ עלעקטרישע סטאַנציעס,

וועלכע וועלן געבן אַ קאָלאָסאַלע עלעקטרישע קראַפט פאַר דער אינדוסטריע און דאָרפס-ווירטשאַפט.

באַ עלעקטריפיקאַציע און באַ אַזאַ רייכטום פון אונזער לאַנד שטייט פאַר אונזער מעלוכע אַ גרויסע צוקונפט.

די גרעסטע עלעקטרישע סטאַנציע איז וואָלכאָווער (לענינגראַדער גובערניע). זי איז שוין פאַרענדיקט און גיט לענינגראַד ליכט און באַוועגונגס-קראַפט אף 80.000 פערד-קראַפט.

איצט שטייט אף דער ריי די בויאונג פון אַ וואַסער-עלעקטרישער סטאַנציע אף די דניעפּר-שוועלן.

דאָס וועט זיין איינע פון די גרעסטע עלעקטרישע סטאַנציעס אין דער וועלט.

דאָס איז נאָך אַלץ אַן אָנהויב. אונזערע טייכן און אָזערעס קאָנען געבן ענערגיע ביז 20 מיליאָן פערד-קראַפט.

אַרבעט וועט קלעקן אף אַסאַך דורעס, און אין דער ערשטער ריי פאַרן איצטיקן אונטערוואַקסנדיקן דאָר—פאַר די פּיאָנערן—אונזערע קינפטיקע בויער פון סאָוועטן-לאַנד.

עלעקטריפיקאַציע

עלעקטרישע ענערגיע און אירע מאַילעס

דער טאָך פון דער עלעקטריפיקאַציע באַשטייט אין דעם, וואָס די ענערגיע פון דעם ברען-מאַטעריאַל ווערט איבערגעאַרבעט אין אַ שטראָם פון עלעקטרישער ענערגיע, וועלכע קאָן אַריבערגעטראָגן ווערן דורך קופּערנע דראָטן אף הונדערטער קילאָמעטער. דאָס גיט אַ מעגלעכקייט ברייט אויסצונוצן די אָרטיקע הייץ-מאַטעריאַלן, ווי טאָרף, ברוינע קוילן און אַנדערע מינים באַהייצונג, וועלכע ס'לוינט ניט ווייט אַריבערצופירן. ביז דער לעצטער צייט האָט מען די פאַבריקן און זאַוואָדן געמוזט בויען אין די ערטער, וואו ס'באַקומט זיך דער ברען-שטאָף, אָדער טראַנספּאָרטירן דעם הייץ-מאַטעריאַל צו די פאַבריקן. איצט קאָן מען די פאַבריקן בויען אין די ערטער, וואו מע דאַרף זיי האָבן, און באַקומען פאַר זיי די נויטיקע ענערגיע פון די ווייט ליגנדיקע שטאַרקע עלעקטראָסטאַנציעס. דאָס פאַרקלענערט אָף אַסאַך די הוצאָעס.

כוץ די אויבנדערמאָנטע מאַילעס, האָט דער עלעקטרישער שטראָם נאָך פיל אַנדערע. ער קאָן לייכט אַריבערגיין אין אַנדערע פאָרמען פון ענערגיע: ער קאָן גלייכצייטיק באַלייכטן, אַרבעטן און וואַרימען; ער פאַרלירט ניט אומזיסט קיין ענערגיע, ווען דער מאָטאָר ווערט אָפּגעשטעלט. די עלעקטרישע מאַשין פאָדערט $2^1/_2$ מאָל ווינציקער ברען-שטאָף אין פאַרגלייך מיט דער דאַמף-מאַשין.

הידרא- (וואַסער)-עלעקטריפיקאציע

די באַדייטונג פון דער עלעקטריפיקאציע קאָנען מיר נאָך פיל בוילעטער באַנעמען, ווען מיר ווייסן, אז זי גיט די מעגלעכקייט אויסצונוצן אזעלכע קוואַלן פון ענערגיע, וועלכע זיינען ביז איצט געגאַנגען פאַרלאָרן: דאָס איז די אומגעהויערע גרויסע קויכעס פון די וואַסערפאַלן און גיך-פליסנדיקע טייכן. ביז איצט האָבן די מענטשן אויסגענוצט נאָר אייניקע קליינע טייכן אף בויען וואַסער-מילן. איצט גיט זיך איין אויסצונוצן די גרעסטע וואַסערפאַלן, וואָס פריער פלעגן זיי מיט זייער ווילדער קראַפט און שיינקייט ארויסרופן נאָר כי-דעש און היספּאַילעס.

אויפגאַבן

I

1) ווייזט אָן אף דער קאַרטע די ערטער, וואו ס׳געפינט זיך נאַפט: באַקו, גראָזני, עמבע.

2) ווייזט אָן אף דער קאַרטע, דורך וועלכע וועגן פירט מען די נאַפט און אירע פּראָדוקטן קיין מאָסקווע, קיין אויסלאַנד.

3) רעכנט אויס אלע פּראָדוקטן, וועלכע באַקומען זיך פון נאַפט. שטעלט צונויף אַ קאָלעקציע פון די פּראָדוקטן.

II

1) ווייזט אָן אף דער קאַרטע די ראַיאָנען, וואָס זיינען רייך מיט קוי-מיט מעטאַל.

2) לייענט איבער אַף פאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען פון אייזן די פּאַב-ריק-מארקע. געפינט אף דער קאַרטע די שטעט, וואו ס׳געפינען זיך די אָנ-געוויזענע פאַבריקן.

3) כוץ קוילן און נאַפט, באַנוצט מען אויך אנדערע מינעראַלע הייצונג: טאָרף, סלאַנעץ. זיי רופן זיך אָן—אָרטיקע מינעראַלע באַהייצונג, ווייל ס׳לוינט זיי אויסצונוצן נאָר אפן אָרט און ניט צו טראַנספּאָרטירן.

וואָסערע אָרטיקע מינעראַלע הייצונג ווערט גענוצט אין אייער ראַיאָן?

III

1) וואָסער אינדוסטריע איז פאַרשפּרייט אין אייער ראַיאָן: גרויסע אונטערנעמונגען, קליינע (קוסטאַרישע)?

פון וואַנען באַקומען זיי רויוואַרג? וואָסערע הייצונג נוצן זיי? פאַר וועמען ארבעטן זיי אויס זייערע פּראָדוקטן?

א לאַנד א גרויס, א לאַנד א רויטס...

פייערטעג פאַראַן אַסאַך בא ראטנלאנד,
און אָט איז נאָך אַ פייערטאָג —
דער פייערטאָג פון פעלקער, דוירעס-לאנג געמאטערטע,
וואָס האָבן אויפגעבערויזט מיט צאָרן מיט פאַרטאיעטן,
און אף מיט בלוט און ווייטיק אָנגעזאפטער ערד
געבויט אַ לאנד — דאָס לאנד פ. ס. ר. ר.

ס'וועט נאָך גערעגל זיין אף רויט צי טויט, גערעגל מעכטיקער.
אַזאַ געשלעג, וואָס קיינמאָל ניט געוועזן נאָך,
ס'וועט טרייסלען זיך און הוידען פון אייראָפּעס קראָמען פרעכטיקע
ביז דער וואנט דער אוראלטער כינעזישער*),
בא מי בא מוירדישער פון גאָרער וועלט דאן איין באגער:
אַ לאַנד אַ גרויס, אַ לאַנד אַ רויטס — עפ—עס—ער—ער.

פ. ס. ר. ר.

די באזונדערע ראטן-רעפובליקן ויינען פאַרייניקט אין איין „פארבאנד פון סאָציאליסטישע ראַטן-רעפובליקן" (פ. ס. ר. ר.).

די קאָנסטיטוציע פונם פארבאנד איז באשטעטיקט געוואָרן דעם 6 יולי 1923 י. דעריבער איז דער 6 יולי בא אונז אַ יאָנטעוו.

אין די יאָרן פון בירגער-קריג האָבן אלע ראטן-רעפובליקן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אף דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפעריע, אָנגעשטרענגט זייערע פאריייניקטע קויכעס קעדיי ביצוקומען די קאָנטר-רעוואָלוציע.

נאָכן ניצאָכן איבער די פיינט האָבן די ראַטן-רעפובליקן געשאַפן דעם פארבאנד. דער ראטנפארבאנד איז אַ פרייוויליקער. יעדעס פאָלק, וואָס גייט

*) צוליב פאַרטיידיקונג פון אויסלענדישע אָנפאלן און ווירקונגען איז בא דער גרעניץ פון כינע צוריק מיט יאָרן אויסגעמויערט געוואָרן אַ פעסטונג-וואנט.

ארײַן אין אונזער פֿאַרבאַנד, האָט פֿולע רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג: וויל דאָס פֿאָלק, קאָן עס אָפּילע אַרויסטרעטן פֿון פֿאַרבאַנד און בילדן אַ זעלבשטענדיקע מעלוכע. ניט אויף צוואַנג איז געבויט אונזער פֿעלקער-פֿאַרבאַנד. מיר גיבן יעדן פֿאָלק די מעגלעכקייט פֿון פֿרייער אַנטוויקלונג.

אינם באַשטאַנד פֿון פ. ס. ר. ר. גייען אַרײַן פֿאָלגנדיקע זעקס רעפּובליקן: 1) רוסישע סאָציאַליסטישע פֿעדעראַטיווע ראַטן-רעפּובליק (ר.ס.פ.ר.ר.), 2) אוקראַיִנישע סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליק (או. ס. ר. ר.), 3) ווײַס-רוסישע סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליק (וו. ס. ר. ר.), 4) טראַנסקאַווקאַזער פֿעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליק (ט.ס.פ.ר.ר.), 5) אוזבעקישע סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליק און 6) טורקמענישע סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליק

דער העכסטער מאַכט-אָרגאַן פֿון פ. ס. ר. ר. איז דער אַלפֿאַרבאַנדישער ראַטן-צוזאַמענפֿאָר.

אינם מעשעך צייט צווישן די צוזאַמענפֿאָרן געהערט די העכסטע מאַכט אינם ראַטנפֿאַרבאַנד דעם אַלפֿאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט.

אויף דיזעלבע יעסוידעס זײַנען געבויט די העכסטע מאַכט-אָרגאַנען אין די איינצלנע רעפּובליקן.

ווי אַזוי איז געבויט די ראַטנמאַכט

די ראַטנמאַכט איז געבויט אַזוי, אַז די גאַנצע אַרבעטנדיקע באַפֿעלקערונג פֿאַרוואַלטעט מיט דער מעלוכע.

אין יעדן דאָרף, שטעטל, שטאָט און אַנדערע ישואָווים ווערן אויסגעווײַלט דעלעגאַטן אין די ראַטן: אין די דערפֿער צו איינעם אויף יעדע הונדערט אײַנוואוינער, אין די שטעט צו איינעם אויף יעדע טויזנט אײַנוואוינער די דעלעגאַטן ווערן אויסגעקליבן אויף 2 יאָר. די דאָרפֿס-ראַטן פֿון יעדן וואָלאָסט שיקן זייערע פֿאָרשטייער—איינעם פֿון צען דעלעגאַטן—אויפֿן ראַטן-צוזאַמענפֿאָר פֿון וואָלאָסט, וועלכער קומט פֿאָר איין מאָל אין 2 יאָר. דער וואָלאָסט-צוזאַמענפֿאָר טיילט אויס פֿון זיך אַן אויספֿיר-קאָמיטעט (וואָלאויספּירקאָם), וועלכער איז דער מאַכט-אָרגאַן אינם גאַנצן וואָלאָסט ביזן צווייטן צוזאַמענפֿאָר און פֿירט אָן מיט אַלע אָרטיקע איניאָנ׳ם פֿונם וואָלאָסט.

אין או. ס. ר. ר. איז אין די לעצטע יאָרן אײַנגעשטעלט געוואָרן אַנשטאָט וואָלאָסטן—ראַיאָנען. די ראַיאָנען כאַפּן אַרום אַ גרעסערע טעריטאָריע, ווי די אַמאָליקע וואָלאָסטן.

דער וואָלאָסט-צוזאַמענפֿאָר טיילט אויס דעלעגאַטן אויפֿן קרייז-צוזאַמענפֿאָר פֿון די ראַטן, צו איין דעלעגאַט אויף יעדערע טויזנט אײַנוואוינער. אויפֿן קרײַזישן ראַטן-צוזאַמענפֿאָר שיקן אויך זייערע פֿאָרשטייער די שטאָט-ראַטן, צו איינעם אויף יעדע צוויי הונדערט ווײַלער. דער קרייז-צוזאַמענפֿאָר קומט אויך פֿאָר איין מאָל אין צוויי יאָר און ווײַלט אויס דעם קרייז-אויספֿירקאָם, וועלכער איז דער העכסטער מאַכט-אָרגאַן אינם קרייז ביזן צווייטן צוזאַמענפֿאָר. די קרייז-צוזאַמענפֿאָרן שיקן זייערע פֿאָרשטייער אויפֿן גובערניאַלן ראַטן-צוזא-



אדמיניסטראטיווער בוי
פון פ.ס.ר.ה

מענטשער : צו איין דעפוטאַט אַף יעדע צען טויזנט דאָרפישע וויילער און איינעם
אַף יעדע צוויי טויזנט שטאָטישע וויילער.



איצט איז אף אוקראינע, און אויך אין אייניקע אנדערע געגנטן פון ראטנפארבאנד, אָפּגעשאַפט געוואָרן די גובערניעס. דאס ווערט געטאָן צוליב דעם, אַז די צענטראַלע מאכט זאָל זיך דערנעענטערן צו די ערטער. די קרייזן האבן דירעקטע באַציאונגען מיטן צענטר.

די גובערניאַלע, קרייז-און וואָלאָסט-צוזאַמענפאָרן פון די ראטן באהאנדלען און לייזן אלע ווירטשאפטלעכע, קולטורעלע׳ וועגן געזונט-אָפּהיטונג און אַנדערע פראגן פון אָרטיקן לעבן, און אויך אזעלכע, וואס האבן אַן אַלפאַר-באַנדישע באדייטונג.

די גובערניאַלע, קרייזישע ראטן-צוזאַמענפאָרן שיקן זייערע פאָרשטייער אַפן ראטן-צוזאַמענפאר פון דער רעפובליק, וועלכער וויילט אויס דעם צענטראלן אויספיר-קאָמיטעט פון דער רעפובליק. דער צ. א. ק. איז דער העכסטער מאכט-אָרגאַן אין דער רעפובליק אינם מעשעך צוויסן צווישן די ראטן-צוזאַמענפאָרן. דער צענטראלער אויספיר-קאָמיטעט באשטימט דעם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן.

י. י. זעווין

מע קלייבט אויס א פרעזידענט

אַז עס איז געקומען דער טאָג פון די וואַלן, האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פילן יאָנטעוודיק.

בענעלע, מיין מוזיניקל, זיבן יאָר אַלט, האָט ארויסגעהאנגען אַן אַמעריקאַנער פאָן אין אונזער פענסטער, און האָט מיר געזאָגט, אַז היינט איז א גרויסער יאָנטעוו פאר אַלע בירגער, ווייל אין דעם טאָג זעט מען איין די גלייכהייט פון אמעריקע. דעהאַינע: איך בין גלייך אַפילע מיט דעם פרעזידענט פון די פאַריינִיקטע שטאַטן, ווייל ער האָט ניט מער ווי איין שטימע און איך האָב אויך איין שטימע, זיינען מיר טאַקע ביידע גלייכע יאַכסאָנים.

קלער איך: עס איז אַפילע דאָ צווישן אונז אַ שטיקעלע אונטערשייד, אַ גרויסע נאַפקעמינע, קאן מען זאָגן, נאָר איך האָב פיינט זיך צו שפּאַרן מיט אַ קינד. בענעלע זאָגט אַזוי, זאָל זיין אַזוי. צו וואָס זאָל איך אים אָפּעסן דאָס הערצעלע? געבנוג אַמעסנפעש האָבן מיר געהאַט אין הויז אין די עטלעכע וואָכן פאַר די וואַלן. דאָס גאַנצע הויז איז בא אונז אוועק כאַדראָם, דער שאַלעם-באַיס איז צעשטערט געוואָרן, און ניט איך, און ניט מיין אַלטע האָבן געקאָנט האָבן אַ מינוט רו. קעסיידער אַזוי: מיין זון שלוימקע, אַ באָכערל פון 15 יאָר, האָט געהאַלטן פאַר דעם רעפובליקאַנישן*) קאַנדידאַט. מיין צווייטער זון, דזשייקע, וואָס איז שוין באַ מיר אַ באַרמיצווע-איינגל, איז געווען שטאַל און אייזן פאַר דעם דעמאָקראַטישן*) קאַנדידאַט, און מיין

*) בורזשואזע פארטיי אין אַמעריקע.

*) בורזשואזע פארטיי אין אמעריקע.

אינגסטער, מיין מוזיניקל, בענעלע, וואָס איז אַ גרויסער שטיפער, האָט גאָר געהאַלטן מיט די סאָציאַליסטן. דאָס איז אַלץ גערעדט פון די אינגלעך. איך האָב אָבער דריי מיידלעך, וואָס זיינען עלטער פון די אינגלעך, און זיי מישן זיך אויך אין פּאָליטיק. מיין עלטסטע טאָכטער, בעטסי, וועלכע איז א לערערין, האָט מיר געזאָגט, אַז מע דאַרף גאָר שטימען פאַר אַ מיסטער רענדל. פרעג איך: ווער איז דער מיסטער רענדל? עפּעס קיינער רעדט גאָרניט פון אים. דערקלערט זי מיר, אַז מיסטער רענדל איז פון דער פּאַרטיי, וואָס וויל צושליסן אַלע ביר-הייזער. קלער איך: אַ גוטע זאַך איז דאָס אַפּילע; אָבער ווי גייט מען שטימען פאַר א מאַן, וואָס קיינער האָט פון אים ניט געהערט און קיינער קען אים ניט? מיין צווייטע טאָכטער, פלאָסי, אַרבעט באַ ווייבערשע היט און זי האט געוואָלט, אַז איך זאָל שטימען פאר איינעם עפּעס א מיסטער דזשעקסאָן. פרעג איך: ווער איז ער? דערציילט זי מיר, אַז ער איז אויך אַ סאָציאַליסט און טאַקע דער ריכטיקער סאָציאַליסט, ניט ווי מיסטער מטייז, פאַר וועלכן בענעלע צערייסט זיך, שרייענדיק. און מיין דריטע טאָכטער, דזשעני, האָט געוואָלט, אַז איך זאָל גאָר ניט שטימען. זי גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז אונזערע אַמעריקאַנער וואַלן זיינען אַ קאַפּיטאַליסטישער שווינדל, אַריינצונאַרן די אָרימע מענטשן אין זאַק אריין, — אַז די אָרימע זאָלן מיינען, אַז זיי מאַכן קלוימערשט די רעגירונג, און אין דער עמעסן הערט זיי די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג ווי דעם קאָטער.

איז ווי איך האָב אייך געזאָגט, איז די מילכאָמע באַ מיר אין הויז אָנגעגאַנגען עטלעכע וואָכן פאַרן טאָג פון די וואַלן. נאָר אַז דער טאָג איז שוין געקומען נאָענט, זיינען מיינע קינדער געוועזן ווי אַף מעסערס. זאג איך צו זיי: וואָס רייסט איר זיך אַזוי? מיינע סאָנים זאָלן דאָס פאַרמאָגן, וואָס די קאַנדידאַטן קאָן אַרויסקומען פון אייערע רייד. איר, מיידלעך, קענט דאָך אפילע ניט שטימען. און איר, נאַרישע יונגען, זייט נאָך צו יונג צו האָבן א דייע! הערט אויף זיך צו רייסן! אָבער מיינע רייד העלפן ניט און מע רייסט זיך ווייטער.

קעסיידער אַזוי: פלאָסי מיט בענעלען רייסן זיך פאַר זייערע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. בעני זאגט, אַז פלאָסיס סאָציאַליסט איז גאָר קיין סאציאַליסט ניט. זאגט פלאסי, אַז בעניס איז קיין סאציאַליסט ניט. זאָגט בעני: „דיינער איז אַ ליגנער!“ זאגט פלאסי: „דיינער איז אַ פאַרפירער!“ דאן נעמען זיך צו די קיילים שלוימקע מיט דזשייקען. דזשייקע שרייט: „אַהאַ, דו ביסט פאַר די קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן!“ שרייט שלוימקע: „דו ביסט פאַר די, וואָס מאכן כארעוו דעם קרעדיט פון לאַנד!“ ווערט דזשייקע אין קאַעס און שרייט: „וואס איז דער מער מיט דעם קוילן-טרעסט, מיטן מילך-טרעסט, מיטן פליישׁ-טרעסט און מיט דעם פּאַנאַמע-קאַנאַל?“ שלוימקען דאַרף מען אויך קיין פינגער אין מויל ניט לייגן (פלוידערן איז א לייכטע זאַך). איך זע, אַז מיין באַרמיצווע-אינגל ווערט אַן אָנגעצונדענער, און עס האַלט שוין באַ פּעטש, נאר די עלטסטע טאָכטער, די לערערקע, מישט זיך אריין, נעמט איין

אינגל פאַר איין אויער און דעם אַנדערן פאַר אַ צווייטן אויער און זאָגט, זיי זאָלן זיין אַביסל סטאַטעטשנער. נאָכדעם הויבט זי זיך אָן אליין צו האַמפּערן מיט דזשעניין, און מע קריגט זיך, און מע שרייט, און מע צעווייַנט זיך, און מע כליפּעט, און מע שלוכצט אַזוי ווי נאָך א טויטן, ראַכמאָנע ליצלאָן.

די נאַכט פאַרן אָפּשטימען קום איך צו גיין א מידער, אַ פאַרמאַטערטער.

באַגעגנט מיך מיין אידענע אין קיך און זאָגט צו מיר עפּעס שעמעוודיק:

— כאַים, איך וויל דיר עפּעס זאָגן, נאר איך שעם זיך.

— וואָס שעמסטו זיך?— פרעג איך,— ביסט עפּעס א קליין מיידעלע? ביסט דאָך אַ מאמע פון זעקס קינדער, זאָלן לעבן.

— נו, כאַים,— זאָגט זי,— ער האט מיך איבערגערעדט.

קוק איך איר אין די אויגן אַביסל פאַרוואונדערט, און שריי אויס מיט קאַעס:— אידענע! וואס פלאַפּלסטו? ווער איז ער, דער ער? זאָגט זי: אונזער בענעלע, א קינד, האט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר פון איין זייט, אַז איך זאל האַלטן מיט די סאָציאַליסטן, און אונזער בעטסי, פון דער צווייטער זייט, האָט זיך געבעטן ראַכמאָנעס, אַז איך זאל האַלטן מיט די, וואס ווילן צושליסן די ביר-הייזער. נו, האב איך ניט געוואוכט, וואָס צו טאָן. דאָס האַרץ מיינס, פיל איך, ווערט צעגאַנגען אין מיר—עס ווילט זיך מירביידן צופרידנשטעלן. דאַן זאָג איך צו בעטסין: דו ביסט דאָך אַ גרויסע, טאָ לאָז ניט בענעלן זיך אָפּעסן דאָס האַרץ. ער איז נאָך אַ קינד. לאָמיך זיין אַף זיין צאַד. עס פאַרשטייט זיך, אַז מענטשן ווערלן האָבן גענוג צו עסן, ווערלן זיי אויפהערן צו שיקערן. און בעטסי זאָגט: איך וועל זעען, אַז דער פּאָפּאָ זאל שטימען, ווי איך וויל.

אַז מע האָט דערלאַנגט אָונט-ברויט, האָב איך געבעטן די קינדער, אַז מע זאל באַם טיש ניט ריידן קיין וואָרט פון פּאָליטיק. אָבער דזשעני האָטזיך ניט איינגעהאַלטן. זי האָט אראָפּגעכאַפּט בא שלוימקען פון לאַץ א קנעפּל, אַף וועלכן עס איז געווען דאָס בילד פון אַ קאַנדידאַט, און האָט דאס אַריינגעוואָרפן אין שיסל סופּ. בענעלע און דזשייקע האבן זיך צעלאַכט. נעמט שלוימקע מיט קאַעס און דרייסט אַראָפּ זייערע קנעפּלעך, און אויך אין סופּ! דאָ בין איך שוין געוואָרן אין קאַעס און זאג, אַז איך וועל שטימען פאַר מיסטער רענדל, וואָס וויל שליסן די ביר-הייזער. זע איך, ווי מיין פּלאַסי בלאָזט זיך אָן און זאָגט, אז זי וועט קיין סופּ ניט עסן: וואָרום זאָל איך עפּעס נאכגעבן דאָפּקע בעטסין? דערפאַר וואָס זי, פּלאַסי, האָט געארבעט אין שאָפּ, קעדיי בעטסי זאל קאָנען גיין אין שולע? און זי צעווייַנט זיך אַפן קאָל. דאָ גיי איך שוין גאָר אַרויס פון די קיילים, און איך גיב א געשריי: איך וועל גאָר ניט שטימען, איך וועל פאַלגן דזשעניןן. „אורא, זאל לעבן די רעוואָלוציע!“— האָט דזשעני אויסגערופן, זיך שטעלנדיק אף אַ שטול.— „נידער מיט דער קאַפּיטאַליסטישער באַנדע מיט זייערע נאכשלעפּער, די פאָלקס-פאַרפירער!“

— „ריבוינעשעלוילאָם!“ — כאַפּט זיך אויף מיין אידענע.— „זעץ

זיך אוועק, מעשוגענע! וואס האָסטו זיך געשטעלט שרייען? לייט וועלן דאָך אָנלויפֿן אויף דיין בייז וואונדער, דו נאַרישע מויד!"

אז איך האב איבערגעלעבט יענע נאַכט, בין איך שטארקער פֿון אייזן, די קינדער האָבן מיך ניט געלאזט שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. זיי האבן זיך געקריגט און געשריען, און געזוכט כאָטש איבעריידן די מאַמע, יעדער אויף זיין זייט.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי זע איך פֿון פֿענסטער, ווי אין גאַס איז לעבע־דיק, און די שכיינים גייען אָפּגעבן זייערע שטימען.

קומט אריין בעטסי, א פֿאַרפּוצטע לעקאָווער יאָנטעוו, אַ מעכאַיע אויף איר אַ קוק צו טאָן, און רוימט מיר איין אין אויער אַ סאָד, אַז די מאַמע האַלט שוין מיט איר, און אַז איך זאל זיין אַ גוטער פּאַפּאַ, אויך האַלטן מיט איר און שטימען קעגן שיקרעס.

טראַכט איך מיר: „דיר, מיין טאָכטער, איז וואויל! דו האָסט א גוטע שטעלע, בא דיר איז היינט יאָנטעוו, אָבער פלאסי און דזשעני אַרבעטן היינט געבעך, און זיי אַרבעטן שווערער פאר דיר; זאָל איך שטימען פאר דיין מיס־טער רענדל און זיי פֿאַרביטערן דאָס הארץ?"

שלוימקע, דזשייקע און בענעלע לאָזן מיך ניט אָפּ און זאגן, אַז זיי גייען מיך באַגלייטן צום שטים־קאָסטן, און יעדער דולט מיר א קאָפּ מיט זיינע טאַינעס. איך שטופּ זיי אָפּ און לייג אָפּ די זאך אויף שפּעטער — איך וועל זיך נאָך מעיאַשעוו זיין; און אין הארצן טראַכט איך זיך: טאָמער וואָלט געווען א סוואָרע טאַקע צו פֿאָלגן דזשענין און גאָר ניט שטימען? עס שאַדט אַמאָל ניט צו פֿאָלגן אַ נאַר. סאָפּקאָלסאָף מאַן איך זיך הארץ און גיי אָפּ־געבן מיין שטימע. ווי צו שטימען ווייס איך נאָך אַלץ ניט, אָבער איך קלער אז בא דער לעצטער מינוט וועט שוין מיר דער אויבערשטער העלפֿן און אריינגעבן אין מויעך אַ געדאַנק, ווי יויצע צו זיין פֿאַר אַלעמען.

און אַז איך קום אַהין, און איך זאָג זיי מיין נאָמען, קוקן מיך אלע אָן ווי אַ גרינעם *), און מע זאָגט מיר, אַז אין בוך שטייט פֿאַרשריבן, אז איך האָב שוין געשטימט.

פֿרעג איך זיי: „ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין? איך בין דאָך היינט פֿון הויז ניט אַרויס!" אָבער זיי שמייכלען, די שרייבער, וואָס זיצן דאָרט, און דער גראָבער פֿאָליסמאַן שמייכלט אויך, און א מאַן מיט אַ לענטע אויף זיין לאַץ רופֿט מיך אָפּ אָן אַ זייט און זאָגט צו מיר אין אידיש:

— פֿארפֿאַלן, מיסטער, דאָ איז באַגאַנגען געוואָרן אַ שווינדל: איינער האָט זיך דאָ אריינגעכאַפּט אַביסל פריער און אָפּגעשטימט אויף אייער נאָמען.

— געזונט זאל ער זיין! — זאָג איך, — ער האט מיר פֿאַרשפּאָרט אַן אומאַנגענעמע אַרבעט, און די קינדער וועלן צו מיר קיין טאַינעס ניט האָבן.

איך בין אוועק און געהערט, ווי דער מאַן מיט דער לענטע האָט גע־

*) א גריגער — אַן אויסלענדער הייסט אין אמעריקע א גרינער.

לאכט. אז איך האָב דאס דערציילט מיינע קינדער, האבן זיי אויך געלאַכט. זאלן זיי לאַכן געזונטערהייט.

---

1) ווי מיינט איר, איז דזשעני געווען גערעכט, ווען זי האט געזאגט, אז די וואלן זייגען נאר אף צו באשווינדלען די מאַסן?

2) ווער זיינען די עמעסע באלעבאטים אין די בורזשואזע לענדער?

3) פאַרוואס לוינט זיי אלגעמיינע וואל-רעכט?

אויפגאבן

1) פאַרשט אויס, וואסערע אַרבעט פירט דער אָרטיקער ראַט, וואסערע קאָמיסיעס זיינען באַ אים דאָ און וואָס טוט יעדע קאמיסיע.

2) קלייבט אויס פאָרשטייער פון אייער קלאַס אף די וואַלן, זיי זאלן פאַרשרייבן און באַקענען נאכדעם אין קלאַס די איבעריקע קינדער, ווי די וואלן זיינען פארגעקומען.

3) שטעלט צו דעם אויסגעקליבענעם ראַט אן אָנזאג, אין וואָס נויטיקט זיך אייער שול.

4) באַטראכט באַ זיך אין קלאס, מיט וואס וואָלט איר געקאנט באַהילפיק זיין דעם ראַט באַ די וואלן.

5) באטראכט בא זיך, אין וועלכער קאמיסיע פונם ראַט קאן אייער שול נעמען אן אנטייל.

מאטעמאטישע אויפגאבן

רעכנט אויס אין פראָצענטן: א) דעם קלאַסן-באשטאַנד פון דער באפעלקערונג (וויפל ארבעטער? קוסטאַרן? פויערים? הענדלער?). ב) דעם באַשטאַנד פון ראַט.

ד. פ.ס.ס.ר. און אנדערע לענדער

שאלעם אלייכעם

אין ניו־יאָרק

I. אַך, וואס פאר א שטאט!

טרראך טאַררעראַך-טאַך-טאַך-טאַך! טאַך! דזין-דזין-דזין-גלין-גלאַן! הו-הא! הו-הא! הו-האַ! דו-דו-דו-דו-דו! פ-יו! אַי-אַי-אַי-יאַ-אַי-אַי! און ווידער אמאָל — טראַך טאַררעראַך-טאַך-טאַך-טאַך-טאַך! — אָט דאָס זיינען געווען די קוילעס מיט די געוואַלדן, וואָס מיר האָבן דערהערט אין דער ערשטער מינוט, אז מיר זיינען אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק.

אַך! וואָס פאַר אַ שטאָט! און וואָסערע הויכע הייזער! זעקס עטאַזשן איז אַ געלעכטער. פאַראַן הייזער פון צוועלף עטאַזשן און פון צוואַנציק, און פון דרייסיק, און פון פערציק און נאָך העכער. און פענצטער! טויזנט פענסטער!..

הייגט די באַנען אין שטאָט! איר האָט זיך נאָר וואָס אריינגעזעצט אין וואַגאָן — אַהאַ! איר פליט שוין, ווי די אָדלערס, אין דער הויך, איבער אַ לאַנגן שמאָלן בריק אַף צו דערהאַרגעט ווערן. ווערט דאָס אָנגערופן באַ זיי „עלעווייטער”. מיינט איר, אז איר זייט שוין פאַרטיק? האָט צייט אביכל. איר קריכט אַרויסעט פונם „עלעווייטער” און איר זעצט זיך איבער אין אַן אנדער וואַגאָן, און איר לאָזט זיך אַראָפּ ווי אין אַ קעלער אַריין, און איר לויפט אונטער דער ערד מיט אַזא אימפּעט, אז עס שווינדלט אייך אין די אויגן. דאָס ווערט שוין אָנגערופן באַ זיי „צאָבוויי” (סאָבוויי — אונטערערדישע באַן). פאַרוואָס הייסט דאָס „עלעווייטער” און דאס „צאָבוויי”? — זאגט מיין ברודער עליע, אז „עלעווייטער” נעמט זיך פונם ווארט „לייטער”. און „צאָבוויי” זאגט מען באַ אונז אויך, אז מע טרייבט אַן אַ פּאָר אָקסן. לאַכט פון אים אונזער כאַווער פיניע מיט סאַקאָנעס. ער זאגט: ס׳א מאָשל צקעגן א טאָרבע פלעקער! אָקסן, זאגט ער, קוים וואָס זיי קריכן, און אָט דאס פליט! ענטפערט אים דערויף עליע: „דערויף איז דאָס אַמעריקע, ס׳זאל פליען”... מישט זיך אריין מיין שוועגערין בראכע און זאגט, אז מער פאַרט זי שוין ניט, אַן עק! ניט מיטן „עלעווייטער”, ניט מטן „צאָבוויי” — זי זאל וויסן גליקלעך ווערן. זי וועט, זאגט זי, שוין בעסער גיין צופוס. איידער

אַזוי מעשוגענערווייז פליען העגדום-פּעגדום איבער דער כמאַרע, אָדער לויפן אונטער דער ערד. דערביי האָט זי געזאָגט אַ ווערטל: „הויב מיך ניט און וואַרף מיך ניט”... א מאָדנע אידענע, מיין שוועגערין. בײַ מיר, וואָלט איך,



פּאַרקערט, געפּויעלט, איך זאל ארומפאָרן מיטן „עלעוויײטער” און מיטן „צאַבהיי” א גאַנצן טאָג מיט א גאַנצער נאכט. מיין כאוועך מענדל אויך דאָס אייגענע.

II. אין שאַפּ

איך קאָן אייך אָנזאָגן אַ בסורע: מיין ברודער עליע און אונזער כאַווער פּיניע ארבעטן שוין אין שאַפּ, אַף דער פאַבריק, הייסט עס. ווי אַזוי מע ארבעט אין שאַפּ, קאָן איך אייך אַקוראט ניט זאגן, ווארום איך ווייס אַליין ניט. מע לאָזט מיך נאָך אהינצוצו ניט אריין, וואָרום איך בין נאָך צו קליין. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פון מיין ברודער עליע און פון אונזער כאַווער פּיניע. אַלע אַפּדערנאכט, אַז זיי קומען אהיים פון שאַפּ, דערציילן זיי אונז כידושים. זיי קומען אַלעמאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק.

מיין שווּעגערין בראָכע איז ניט צופרידן. די מאַמע אויך ניט. זיי באַוויינען אונז, וואס מיר דאַרפן אזוי האָרעווען אין אַמעריקע, ביכדיי צו מאכן א לעבן. אַ קלייניקייט—אַרבעטן אין שאַפּ! אַז האלב זיבן אינדערפרי מוז מען שוין זיין אַף דער אַרבעט. א שאָ נעמט צו דאָס פאָרן אַהין. עפּעס איבערכאַפּן דארף מען. הייגט רעכנט אויס, ווען מיר דאַרפן אויפשטיין? און פאַרשפּעטיקן טאָר מען ניט קיין מינוט אַפילע! וואָרום טאָמער פארשפּעטיקט איר, רעכנט מען אייך אַראָפּ פאר עטלעכע מינוט אַ האלבן טאג אַרבעט.

איך האב מוירע, אַז מיר וועלן זיך מיטן שאַפּ ניט עלטערן. מיין ברודער עליע זאגט, אַז די אַרבעטער האָבן צאָרעס פונם פאָרמאַן. יעדער שאַפּ האָט אַ פאָרמאַן, אַן עלטסטן, אַן אויפזעער. און ניט נאָר איין פאָרמאַן. יעדער שטאָק האָט זיך זיין פארמאַן. אַף דעם שטאָק, וואו עליע אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ ראָשע מערושע. ער איז אַליין אַמאל געווען א שניידער. האָט ער זיך ארויסגעאַרבעט און איז געווארן אַן עלטסטער. די ארבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פונם באָס, פון באַלעבאָס, הייסט עס.

מע האָט אַרויסגעלאָזט א קלאָנג אין שאַפּ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער. אַזוי, אז ווען איר וועט ניט קומען, וועט איר פאַרשפּעטיקן. וואָס זאָגט איר אַף אַזא הונט? און אונזער כאַווער פּיניע דערציילט פון זיין שאַפּ נאָך שענערע מאיסעס. זייער פאָרמאַן, זאגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין אַ פּייפּער אריין, אין א צייטונג, הייסט עס. לייענען אַ צייטונג באַ דער אַרבעט—כאַיעס ניט זיכער! רויכערן שמועסט מען ניט. אַ ווארט טאר מען ניט אויסריידן צווישן זיך. ס'איז אַזוי שטיל, זאגט ער, אז מע קאן הערן א פליג! אויסער דעם טראסק מיטן גראגערן פון די מאַשינעס.

נאָך אַ מאַילע האָט זיין שאַפּ. דאָרט ווערן די פרעסלעך אָנגעוואָרימט מיט גאַז. דאָ זאָגט מען ניט גאַז, נאָר „געז", דאָס הייסט, שטינקען שטינקט עס אַזוי, ווי באַ אונז גאַז. נאָר מע טאָר ניט זאָגן גאַז. מע דאַרף זאָגן געז. אַקוראַט פארקערט. סע זאָל באַ אונז אינדערהיים הייסן געז, וואָלט מען דאָ, מיסטאמע, געזאָגט גאַז.

האַקיצער, די געז פון די פרעסלעך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ פאלן כאַלאָשעס און מוזן וואַרפן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע". דאס הייסט, אַז עס קומט אָפּנעמען פאר דער וואָך, וואָס מע האט פאַרדינט, ווערט אַ לאָך. דאָ האט איר פאַרשפּעטיקט פינף

מינוט — אראָפּ א האַלבער טאָג. דאָ זייט איר צו פרי אַוועקגעגאנגען — אראָפּ אַ האלבער טאָג. דא זייט איר געפאַלן כאלאָשעס—פארפאלן אַ טאָג.

גיין, מע קאן שוין מער ניט אַריבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין א שטרייק.

III. דער שטרייק

מיר דאכט, אַז ס׳איז גאר ניטאָ קיין בעסערע זאך אַף דער וועלט, ווי אז מע שטרייקט. דאָס האט א פּאָנים, ווי אז איר לערנט בא א רעבן, וואס שלאָגט זיך צו שטארק. נעמט מען אָפּ בא אים די קינדער און מע זוכט אן אנדער מעלאמעד. דערווייל הערט איר אויף צו גיין אין כיידער. מיין ברודער עליע און אונזער כאַווער פיניע האבן אויפגעהערט צו גיין אין שאפּ. אונזער שטוב האָט שוין גאָר אן אנדער פּאָנים, זייט זיי זיינען אינדערהיים. אזוי האבן מיר זיי אָנגעקוקט איין מאָל אין וואָך — זונטיק, ווארום, ווי איך האב אייך שוין דערציילט, אַז מע ארבעט אין א שאפּ, מוז מען אויפשטיין קאַיאָר, ביכדיי מע זאָל כאָלילע ניט פארשפּעטיקן. און אַז זיי זיינען געקומען אהיים, פלעג איך שוין שלאָפן. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זיי האָבן געארבעט „אָווערטיים״. דאָס הייסט, אַז אַלע אַנדערע ארבעטער זיינען געגאנגען אהיים, זיינען אונזערע לייט נאָך געזעסן אין שאפּ באַ דער ארבעט. ניט דערפאר, וואָס מע האָט זיי געגנויט פון קאָהאָל, זיי זיינען פאַרבליבן אַרבעטן, ביכדיי זיי זאָלן מער פאַרדינען. אַי, אז ס׳איז געקומען צום צאָלן, האָט מען באַ זיי אָפּגעריסן טעג—וואָס זיינען זיי שולדיק? „עלעהיי גאַזלאָנים זיינען אונז באַפאלן״... אַזוי האָט געזאָגט מיין ברודער עליע.

— עלעהיי דו ביסט אַ לעקיש! — זאָגט צו אים מיין שוועגערין בראָכע. ווען זי, זאָגט זי, זאל ארבעטן אין א שאפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. זי זאגט, אז אלע פּאַרלייט מיט אַלע באָסעס וואָלטן בא איר געקייט די ערד. און איר מעגט איר גלויבן. בראָכע קאָן!

דערפאַר האָט זי זיך געקילט דאָס האַרץ, אַז אלע שעפּער (פאבריקן) האָבן דערקלערט א שטרייק. דאס הייסט, אלע שניידער, וויפל ס׳איז פאַראן אין ניו-יאָרק, האבן אוועקגעלייגט שער און אַייזן — א גוטן טאָג. וויי, וויי, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאן! אינדערהיים, אַפן גאס, אין טעאַטער. מע קלייבט זיך צונויף אהינצוצו אלע שניידערס פון גאנץ ניו-יאָרק אף אַ מיטינג, און מע רעדט, און מע רעדט, און מע רעדט. איר הערט זיך דאָרט אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאל ניט געהערט: „דזשענעראל שטרייק״... „יוניאָן״ (פאריין)... „אָרגאניזירט״... „אכט און פערציק שטונדן״... „העכערע סכירעס״... „בעסערע באהאַנדלונג״... „שטרייקברעכערס״... „פּי-קעטס״*)... און נאך און נאָך אזעלכע ווערטער, וואָס איר פארשטייט זיי

*) בא א שטרייק שטעלן די אַרבעטער ארויס פּיקעטן, זיי זאלן ניט צולאזן קיין שטרייק-ברעכער.

ניט. מיין כאוועד מענדל זאָגט, אז ער פאַרשטייט זיי יאָ, נאָר געבן מיר צו פאַרשטיין קאָן ער ניט. „וועסט עלטער ווערן, זאָגט ער מיר, וועסטו אַליין פאַרשטיין". עס קאָן זיין. דערוויל קוק איך זיך צו, ווי דער אוילאם היצט זיך, און עס בייסן מיר די הענט. עס געלוסט זיך מיר זיי אַלע אראָפּכאַפּן אַף פּאַפּיר, אויסמאָלן איטלעכן באַזונדער, ווי ער זעט אויס, וואָס ער טוט, ווי אזוי ער שטייט און ווי אזוי ער רעדט.

לעמאַשל, נעמט מיין ברודער עליע. ער אליין רעדט ניט קיין וואָרט. ער גייט נאָר צו צו איטלעכס רעדל און שטעקט אַריין די נאָז. אדער ער לייגט צו אָן אויער. בעאייס מאַיסע בייסט ער די נעגל און איז שטאַרק אויפ-גערעגט. א פאַרגעניגן צו זעען מיין ברודער. ווי ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ יעדן איינציקן, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אלעמען מערוצע, *) וואָס יענער זאָל ניט זאָגן. אט איז צוגעקומען א שניידער מיט א פּאָנים פון א קאַטשקע. אַז ער רעדט, פּאַטשט ער מיט די ליפּן. דער שניידער האָט אים אָנגענומען בײַ א לאַץ און טרייסלט אים און רעדט אין אים אַריין, אַז ס'איז אַרויסגע-וואָרפן דער גאַנצער טאַרעראַם. די שניידערס וועלן מיט זייער שטרייק גאָר-ניט אויספירן, מאַכמעס די „אַסאָסיאיישאָן" (אָרגאַניזאַציע) פון די „מאַנופעק-טשורערס" (פאַבריקאַנטן) איז צו שטאַרק פאַר אונז! שאָקלט אים מיין ברודער צו מיטן קאָפּ. און איך האָב זייער מוירע, אַז מיין ברודער עליע ווייסט אַזוי, וואָס באַטייט „אַסאָסיאיישאָן" און „מאַנופעקטשורערס", ווי איך... וואָרום אָט איז צוגעגאַנגען צו עליען אַן אַנדער שניידער מיט א גולקע אַף איין זייט קאָפּ — פון דער לינקער זייט. ער האָט גערעדט און אַלע מינוט אויסגערופן: „ניין, מיר מוזן קעמפן, אויסקעמפן ביזן סאָף!"... האָט אים מיין ברודער אויך אויסגעהערט און אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָן אָוויירע, וואָס מיין שוועגערין איז דאָ ניטאָ. זי וואָלט אים שוין עפּעס אַריינגעזאָגט.

דערוויל גייט אַוועק אַ טאָג נאָך א טאָג. דער שטרייק איז א שטרייק. די אַרבעטער זיינען שטאָל און אייזן. מיטינגען מאַכט מען אַלע טאָג און אַלע מאָל אַף א נייעם פּלאַץ. די מאַנופעקטשורערס, הער איך זאָגן, האַלטן זיך אויך שטאַרק, זיי ווילן ניט נאָכגעבן. זיי וועלן אָבער מוזן נאָכגעבן. אזוי זאָגן אַלע. ניטאָ א זאַך, וואָס די אַרבעטער זאָלן ניט אויספירן. עס האַלט שוין בײַם לעצטן מיטל. אַז דאָס וועט ניט העלפן, איז עק וועלט! אזוי זאָגן אונזערע לייט. וואָס איז דאָס פאַר א מיטל? מיר וועלן זיך צונויפזאַמלען אַלע שטרייקער פון גאַנץ ניו-יאָרק און מיר וועלן דורכגיין איבער די „סטריטן" (גאַסן) מיט א „מאַרטש" (מאַרש). דאָס הייסט, טויזנטער און טויזנ-טער שניידערס וועלן זיך דורכשפּאַצירן מיט די פּאָנען איבער דער שטאָט. מיר און מיין כאַווער מענדל איז דאָס דאָפּקע געפעלן. מיר וועלן זיין די ערשטע. רעדט זשע אָבער מיט מיין שוועגערין בראָכע, זאָגט זי, אַז בא איר זעט דאָס אויס, ווי קינדער שפּילן זיך אין סאָלדאַטלעך... זי זאָגט: „אַן אָוויירע אייערע שיך".

וואָס זאָגט איר דערויף?...

---

*) איינשטימיק.

שאָלעם אַש

אנקל מאזעס

1. אין שטעטל

אַמאָל האט זיך אין קוזמין, אַ קליין שטעטל אין פוילן, פּלוצלינג באַוויזן אַ פרעמדער אין מאָדנע געקעסטלטע הויזן, מיט אַ ברייט שטייף קאַפּעלושל, מיט גרויסע גאָלדענע רינגען אַף די הענט און אַ גאָלדענער קייט אַף דער סאַמעט-געקעסטלטער וועסט; אַ מענטש אָן וואָנסעס, נאָר מיט אַ בערדל. אַלטע איינוואוינער האָבן באַלד אין דעם פרעמדן דערקענט יאָסל קאַשן-מאכערס עלטסטן זון, וועלכער איז אוועק מיט יאָרן צוריק אין די ווייטע מעקוימעס, און האָבן אים אָפּגעגעבן דעם ברייטן שאָלעם-אלייכעם. באַלד איז דאָס גאַנצע שטעטל געוואָר געוואָרן פון דעם „אמעריקאנער", וואָס איז צוריק אַהיים געקומען פון די ווייטע, ווייטע מעקוימעס. און אין אָוונט איז יאָסל קאַשן-מאכערס שטיבל באלאגערט געוואָרן פון קרויווים, נאָענטע און ווייטע, פון שכיינים און גלאט איינוואוינער פונם שטעטל, וועלכע זיינען געקומען נאָכפרעגן זיך נאָך זייערע, וואָס זיי האָבן אין אמעריקע. האָט איינער געהאט אַ זון אין אַפריקע, אין בראַזיליע אָדער אַפילע אין לאָנדאָן (ענגלאנד), איז מען געקומען זיך נאָכפרעגן אַף אים באם אַמעריקאנער, ווייל וואָס דאָס איז אַזוינס אמעריקע האט מען נאָך ניט גאנץ גוט געוואוסט אין שטעטל, און אלץ האט געהייסן דענסטמאָל אמעריקע. פון יענער זייט גרעניץ אָן, האט זיך אויסגעוויזן, איז איין איינציקע גרויסע שטאָט, און די שטאָט הייסט אמעריקע.

באַלד האט דאס שטעטל אָנגעהויבן צו קלינגען פון דעם „אַמעריקאַנערס" רייכטום. מע האט דערציילט פון אַ שטעקן מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ, וואס ער האט געבראכט דעם פאָטער זיינעם, און פון מאטאָנעס, גאָלדענע זייגערס און קייטן, וואס ער האט געבראכט די ברידער און דער גאַנצער מישפּאָכע. און האט ער זיך נאָר שאבעס אין גאַס אַרויסגעוויזן אין אַ נייעם געקעסטלטן אנצוג, אין אַן אויבעראָק מיט אַ זיידענעם אונטערשלאק, האט דאס אַרויסגערופן אַזאַרוישעם*), אַז דאס גאנצע שטעטל האט נאָר גערעדט וועגן „אַמעריקאַנערס" רייכטום. דער „אמעריקאנער" האט אָנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן מיט די איינוואוינער פון שטעטל, אויסגעפרעגט יעדן באַקאַנטן, פון וואס ער מאכט א לעבן, וויפל ער פאַרדינט אַ וואָך, און וויפל ער באַדאַרף אַ וואָך. אַריינגעקומען אין פרעמדע שטובן און געזען, ווי מע וואוינט און ווי מע לעבט, וואס מע עסט און אף וואָס מע שלאָפט, און אַז מע האט אים געפרעגט, צו וואָס באַדאַרף ער דאס וויסן, אויב ער וויל געבן פּאַרנאָסע, האָט ער געשמייכלט:

— אַ מענטש דאַרף אַלצדינג וויסן, עס איז גוט צו וויסן.

*) איינדרוק.

אין אַ געוויסער צייט ארום איז דער „אמעריקאנער" פאַרשוואונדן געוואָרן פון שטעטל, מיטגענומען אַ איינגערן ברודער מיט זיך, איבערגעלאָזט דעם פאָטער, זאָגט מען, אַ פאָר הונדערט רובל דאָס מילכל צו פאַרגרעסערן, און אַזוי ווי ער איז געקומען פון דער „אַמעריקע", אַזוי איז ער פאַרשוואונדן.

נאָך נאָך דעם „אַמעריקאנער" האט זיך דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו לאָזן קיין אַמעריקע. קיינער האט אין אָנפאנג ניט באמערקט, ווי דאס שטעטל ווערט ביסלעכווייז שיטערער און שיטערער. צוערשט האָט דער „אַמערי-קאנער" איבערגענומען זיינע אייגענע: די ברידער, דערנאָך די מישפּאָכע, די ברידערס קינדער, די פעטערס. דערנאָך האבן זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו אים קינדער פון דעם מעכוטן, באַקאַנטע און גלאַט אַזוי „לאַנדסלייט" נאָך שיפס-קאַרטן. עס האבן זיך אָנגעהויבן צו יאכסענען צום „אַמעריקאַנער" גלאט פרעמדע אידן. געזוכט אַבי נאָר אויסצוגעפינען אַ שטיקל מעכוטנשאַפט און דערוויזן עס אין בריוו און געבעטן אַ שיפסקאַרטע. דער „אַמעריקאַנער" זאָגט ניט אָפּ. און דאס שטעטל ווערט איינציקווייז אויסגערונען. גאַנצע מישפּאָכעס ווערן פאַרשוואונדן. אַזוי פאָרן זיי נאָך נאָך דעם „אַמעריקאַנער", ווי ער וואָלט זיי מיט אַ קישעף אַהין געצויגן.

2. דער „אַמעריקאַנער" אין אַמעריקע

אין געוועלב פון קליידער איז געשטאנען דער „אַמעריקאַנער", דער אנקל מאָזעס, אָן אַ ראק, און האט מיט אַ גרויסער שניידערשער שער זיך אָפּגעשוירן די נעגל פון די פינגער. איבער דער גאנצער לענג פון געוועלב זיינען געשטאנען לאַנגע, ברייטע טישן, אף וועלכע עס איז געווען אָנגעלייגט ביז אין האַלבן באַלקן אַריין קופּעס מיט קליידער פון אַלערליי אַרט: רעק, מאַרינאַרקעס, הויזן און וועסטן.

באַ די טישן האבן זיך אַרומגעדרייט שטאַרקע יונגען, ברייטביייניקע, מיט שטייפע אַרויסגעשטעלטע ברוסטן, און האָבן געשוויגן פאר אים, פאַרן „אנקל". נאָר פון צייט צו צייט האט איינער געוואונקען דעם צווייטן מיט די אויגן. עס איז נאָך געווען זייער פרי און די שניידער=אַרבעטער זיינען ערשט אַריינגע-קומען צו דער אַרבעט.

— קוזמין קריכט—קוק, קוק, ווי קוזמין קריכט,—האט דער אנקל מאזעס געוויזן מיט דער גרויסער שער אַף די אַריינגעקומענע אידן, אַ טייל מיט בערד, אַ טייל אָן בערד, אַ טייל אַלטע, שוין איינגעהויקערטע, אַ טייל יונגע, מיטל-יאָריקע, וועלכע זיינען מיט אַ געוויסער פוילקייט אַריינגעקומען אין געוועלב אַריין און אַרויסגעלאָזט זיך אַף די טרעפּ אַף די אויבערשטע שטאָקן, וואו עס זיינען געווען די ווערקשטעלן.

— קוק, קוק, ווי קוזמין קריכט,—היי, דו גרינער נאָטע! ווי האט מען אים גערופן אין דער היים? נאָטע פוטערמילך,—האט ער אָפּגעשטעלט איינעם פון די אַרבעטער, אַ מיטליאָריקן אידן, וועמעס אויגן עס זיינען נאָך געווען האַלב פאַרצויגן מיט שלאָף, און ער איז געגאַנגען פוילנדיק זיך.

— וואָס קריכסטו? — וואָס מיינסטו, דאָ איז קוזמין? אין קוזמין איז מען געקראָכן, אין אַמעריקע לויפט מען. הארדי-אָפּ, פאַרשטאַנען? — חויב די פּיס, דו אוגערקע!

די אידן באַ די טישן מיט די קליידער האבן אויפגעלאַכט, ווי געוואָלט צופרידן"ן שטעלן דעם אנקל—אָבער צו לאַכן האבן זיי ניט געוואגט. דער „אָנקל" האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן. די שיטערע געלע ברעמען זיינען פאַרטרונקע געוואָרן אין די פעטס פון זיין פּאָנים. און אַז די יונגען האבן געזען דעם אָנקלס „נאַקעטע" אויגן, וואס זיצן אין זיין ברייט פעט פּאָנים, זיינען זיי פאַרשטומט געוואָרן.

3. דער שטרייק פון די קוזמינער לאַנדסלייט

עס איז געשען אַ וואונדערלעכע זאַך—די לאַנדסלייט פון קוזמין, אָנקל מאזעס מישפּאָכע, זיינען אַרויס אין שטרייק. צוערשט האט אָנקל מאזעס גאָרניט פאַרשטאַנען, וואס עס איז געשען. געזען, ווי די לאַנדסלייט הויבט זיך אויף אין מיטן טאָג און לייגן אַוועק די נאָדל און פאַרלאָזן דעם שאָפּ האט ער געמיינט—עפּעס אַן אומגליק איז געשען.

— וואס איז געשען? וואוהין גייט איר?

די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגעגאַנוועט פון שאָפּ, ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען אַ גענייווע, און געשעמט זיך צו קוקן דעם אָנקל אין די אויגן אַריין. איינציקווייז האָבן זיי זיך אַרויסגעשלייכט. האט דער אָנקל אָפּגעשטעלט שלוימע דאָרפס-גייער, אַ גוטן באַקאַנטן פון דער היים.

— שלוימע, וואוהין גייסטו?

— איך ווייס ניט. מע האָט מיר געהייסן, גיי איך.

— וואָס בין איך, אַ פרעמדער? — האט דער אָנקל געשריען, — באַ מיר שטרייקט מען? פאַר מיין גוטס, וואס איך האב אייך אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, האַלט אייך אויס מיט וויב און קינדער. די ביזנעס*) זיינען דאָך נאָר צוליב אייך—שטרייקט מען באַ מיר! גוט, גוט, איך וועל זיי שוין ווייזן שטרייקן.

די לאַנדסלייט האָבן גאָרניט געענטפערט. פאַרלאָזט דעם שאָפּ און צוניפגעקליבן זיך טאַקע אין דער שול, פון וועלכער דער אָנקל איז געווען גאַבע.

לאַנג האָט געדויערט, ביז עס איז געלונגען דעם פאַריין פון די שניידער צו אָרגאניזירן אָנקל מאזעסעס שאָפּ. זייער לאַנג איז עס זיי טאַקע ניט געלונגען. די לאַנדסלייט האָבן דעם אָנקל ניט געקענט אַקעגן גיין. זיי האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי אזוי זיי וועלן קענען דעם אָנקל שלעכטס טאָן. — „ער איז דאָך אונזער „פּאַרנאָסע-געבער", — האָבן זיי אף אלע טאַינעס אָפּגעענטפערט. ענדלעך איז געלונגען אין דער שטיל צו אָרגאניזירן דעם אָנקלס

*) געשעפטן.

שאפ, אין געהיים פון איין לאנדסמאן צום אַנדערן, ביז דער שטרייק איז אומ-געריכט אויסגעבראָכן פאַרן אַנקל און אַלע זיינע באַהעלפערס.

אין אָנפאַנג איז קוזמין געווען זייער באַגייסטערט צו קעמפן. אַז מע האט געדאַרפט גיין „פּיקעטן" פאַרן אַנקלס שאפ, האָבן זיך אַלע געריסן. אויסגעקליבן אָבער האט מען שלוימעלע פארמאן, יאסל דאָרפס-גייער, אידן סעדער-האַלטער און פישערס, אידן, וועלכע קענען צוריק געבן אַ קלאַפּ, ווען מע וועט דאַרפן. זיי האָבן גענומען ברויט און אָפּגעזאָדענע קאַרטאָפלעס אין די קעשענעס און זיך אַוועקגעשטעלט אַזייגער זעקס אינדערפרי פאַרן אַנקלס שאפ. געשטאנען און געהיט:

טייכמאַל איז דער אַנקל אַרויס צו זיי און פּרובירט מיט זיי ריידן:

— וואָס וועט זיין דער סאָף פון שטיין?

— מיר ווייסן ניט. געהייסן שטיין, שטייען מיר. — האָבן די אידן אָפּ-געענטפערט.

— אָבער וואָס ווילט איר! לאָזט מיך הערן, וואָס איר ווילט.

— מיר ווייסן גאָרניט, טשארלי... — אַלץ טשארלי... מיר זיינען פּראָסטע סאָלדאטן, געהייסן שטיין, שטייען מיר, — האָבן די אידן אָפּגעענטפערט מיט אַ זעלנערישן טאָן.

— וואָס, טשארלי האט אייך געבראַכט קיין אַמעריקע? טשארלי האט געגעבן אַרבעט? פאַרנאָסע געגעבן? אַ גאַנץ יאָר גייט איר אויך צו טשארלין?

— אַזוי געהייסן.

טשארלי האט פון ערגעץ וואו געלט געקראָגן; טשארלי איז געווען דער פאַרשטייער פון שניידער-פאַריין, וואָס איז געקומען אויסלייזן די לאנדסלייט פון אַנקל מאָזעס. קוזמין האָט געגרוט. ניט קיין שאַבעס, ניט קיין יאָנטעוו, ס'איז אינדערוואָכן, און מע אַרבעט ניט. און צו דעם איז קוזמין ניט געווען צוגעוואוינט. שוין אַכט טעג, ווי דער שטרייק דויערט, און קוזמין האָט אָנ-געהויבן צו פילן אַ בענקשאַפט נאָכן שאפ. נאָך האָבן זיי ניט געפילט קיין הונגער, אַביסל האָט יעדער געהאט אַליין אָפּגעשפּאָרט און באַהאַלטן פאַרן שטרייק, און אַביסל האָט די יוניאָן מיט מי צונויפגעשלעפּט, נאָר קוזמין האט ניט געקענט אַרומגיין ליידיק, דער „טאַכלעס" האט געפּיקט און גענאָגט דאָס האַרץ, ווי אַ בייזער וואָרים.

און טשארלים פּאָפּולערקייט בּאַ די קוזמינער לאנדסלייט האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַלן. וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן דער שטרייק און מע האט קיין רעזולטאטן ניט געזען, האָבן די קוזמינער לאנדסלייט אָנגע-הויבן צו מורמלען אָף טשארלין:

— וואָס וועט זיין דער סאָף? אַלטע אידן לאָזן זיך פירן פון אַ אינגל, הע, שיין זעען מיר אויס.

טשארלי האָט געהאלטן פאַר זיין כיוו פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג, אַלס אַ קינד פון זיין פאָטער, וואָס האט פריער געאַרבעט אין אַנקל מאָזעס שאפ, צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון דעמראָזיקן שאפ.

און מיטאמאָל האָט ער געזעען זיין אַרבעט פון כאַדאָשים און יאָרן צו-נישט.

נאָר אין דעם האָט זיך אַריינגעמישט ארן זשאכלינגער. ארן זשאכלינגער איז געוועז טשארליס פּאָטערס אַ כאַווער פון דער היים, און די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן פאַר אים דערעכערעץ געהאט, דעריבער האָבן זיך אַלע אַף דער פאַרזאמלונג איינגעשטילט און אויסגעהערט, וואָס ארן האָט צו זאָגן.

— אידן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — קוים מיט צאָרעס און גרויס מאטערניש זיינען מיר אוועק פון אנקל, וואָס ארבעט מיט אונז שווער, ווי פּאַרע מיט די אידן אין מיצראים, און קוים זיינען מיר שוין באלד אויסגעלייזט, נאָך אַביסל איבערצוטראָגן דעם צאַאר פון הונגער, פאַרבענקט איר זיך נאָכן שאפּ. זאָג איך אייך, אז איר וועט אַלע אויסשטארבן, ווי קנעכט...

אַ שרעק איז אַנגעפאַלן אַף קוזמין, און אַ שעמעוודיקייט האָט אַרומגענומען די אידן. די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן מיטאמאָל דערפילט אַ גאַנץ אַנדערן טאַם אין קאַמף מיט אַנקל מאזעס. און שלוימע דאָרפס-גייער האָט זיך געגעבן אַ רוף אָן פאַר אַלע:

— אידן, מיט מיר קומט! מיר וועלן אַרויסטרייבן די לאַנדסלייט פון שאפּ. אז ניט ארבעטן — זאָל קיינער ניט אַרבעטן.

און די לאַנדסלייט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן באַלאַגערן דעם אַנקלס שאפּ.

---

1) מיט וואָסער אַ ציל האָט דער „אַנקל“ געטאָן טויזוועס זיינע לאַנדסלייט?

2) פאַרוואָס איז געוועזן אַזוי שווער צו אָרגאַניזירן אַ פאַריין צווישן דעם אַנקלס אַרבעטער?

3) שרייבט אויס פון דער דערציילונג, ווי אַזוי האָט זיך באַציגן צום שטרייק דער אַנקל, טשארלי, ארן, די פרויען?

דזשעק לאָנדאָן.

אַן אַרבעטער-קינד

I

אַ לאַנגער, צעצויגענער פייף, וואָס האט זיך פון ווייטן געלאָזט הערן, האָט דזשאָנין געצוואונגען אויפצושטיין. די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אַפן בלעכענעם וועק-זייגער, וואָס איז אַף דער פּאָליצע געשטאַנען. די ווייזערס האבן געוויזן האַלב זעקס. דער גאַנצער פאבריק-אוילאָם איז שוין געוועז אַף די פיס. זי האָט אַף דער פּלייצע אַ שאַל פאַרוואָרפן און געזאגט:

— מע מוז שפּאַנען! — און פאַרדרייט דעם לאָמפּ.

זיי זיינען טאַפּנדיק פון די טרעפּ אראָפּ און פון שטוב אַרויס. דרויסן איז געוועזן לויטער און קאַלט, און דזשאני האט אַ ציטער געטאָן באַ דער ערשטער באַרירונג מיט דער פרישער לופט. די שטערן האָבן נאָך לעשן זיך ניט אָנגעהויבן, און די גאנצע שטאט איז נאך געשלאָפן. דזשאני און די מאַמע האבן קוים די פיס געשלעפּט.

אפגעאנגען פופצן מינוט שווייגנדיק, האט זיך די מאַמע אָף רעכטס געווענדעט:

— פארשפעטיק ניט, — האט זי אים צום לעצטן מאָל פאַרזאָגט פון דער פינסטערניש ארויס, וואָס האט זי ווי איינגעשלונגען.

ער האט גאָרניט געענטפערט און רואיק זיך ווייטער געגאַנגען. אין פאבריק-ראַיאָן זיינען די טויערן אומעטום אָפן געווען, און באַלד האט ער זיך אויסגעמישט מיטן אוילאָם, וואָס האט זיך אין דער פינסטער געאיילט פאַרויס. אַז ער איז צו דער טיר פון פאַבריק צוגעקומען, האט זיך ווידער דערהערט אַ פייף. ער האט אַ קוק געטאָן צו מיזרעך-זייט. איבער די דעכער פון די ביניאָנים, וואס האָבן זיך אין הימל אַריין געצויגן, האט אָנגעהויבן צו שימערן א בלאַסלעכע שיין. טאַקע נאָר אין דער מינוט האט ער דעם טאָג אין די אויגן געזען, און באַלד זיך אָפגעטאָן פון אים, זיך אויסמישנדיק מיט דער אַרבעטער-מאַסע.

ער האָט פארנומען זיין אָרט אין איינער פון די לאַנגע רייען בא די מאַשינעס. פאַר אים, איבער אַ קאַסטן מיט קליינע שפולקעס אָנגעפולט, האבן זיך שנעל געדרייט גרויסע שפולעס. אָף זיי האט ער ארויפגעוויקלט דזשוט-פעדים פון די קליינע שפולקעס. די ארבעט איז געווען איינפאַך. דאס איינציקע, וואָס מע האט געפאדערט פון אים, איז געווען — פלינקייט. די קליינע שפולקעס האבן זיך אזוי שנעל צונויפגעוויקלט און ס'איז געווען אַזוי פיל גרויסע שפולעס, וואָס האבן זיך אַרויפגעוויקלט, אז ער האט קיין איין פרייע מינוט ניט געהאַט.

ער האט געאַרבעט מעכאַניש. ווען אַ קליינע שפולקע האט זיך צונויפגעוויקלט, האט ער מיט דער לינקער האַנט אָפגעשטעלט די גרויסע שפולע און גלייכצייטיק מיט צוויי פינגער אונטערגעכאַפט דעם אַנטלויפנדיקן עק פאַדים. אין דערזעלבער צייט האט ער מיט דער רעכטער האנט געכאַפט דעם פרייען עק פאָדים פון דער קליינער שפולקע. דידאָזיקע פאַרוויקלטע אַרבעטן זיינען דורךביידע הענט שנעל אויסגעפירט געוואָרן איינע נאָך דער אַנדערער. ווי בליצן האָבן זיינע פינגער געגלאַנצט, בעשאַס ער האט די פעדים אין אַ קניפל צונויפגעבונדן און אַ לאָז געטאָן די שפולקע. ס'איז ניט געווען קיין שווערע זאַך דידאָזיקע קניפלעך צו מאַכן. ער האט זיך איינמאָל באַרימט, אז ער וואלט זיי אין שלאָף געקאָנט פאַרקניפן. און דעריבער האט זיך אים טיילמאל געדוכט, אז זיין לעבן איז געגליכן צו אַן אומענדלעך לאַנגן שלאָף, און אין שלאָף פארקניפט ער די עקן פון די פעדים.

אייניקע אינגלעך האָבן געפאַלשעוועט, און די מאשין האָט בא זיי אַ לאַנגע צייט ניט געאַרבעט, ווייל זיי האָבן ניט אומגעביטן די אָנגעוויקלטע קליינע שפולקעס אָף נייע. אַכטונג צו געבן אָף אַזעלכע קינדער איז געווען אַן אויפזעער. ער האָט איין מאָל דזשאָניס אַ שאָכן געכאַפט און אים די אויערן אָנגעדרייט.

— דו, טו אַ קוק אָף דזשאָנין. פאַרוואָס אַרבעסטו ניט אַזוי, ווי

ער?—האָט דער צעבייזערטער אויפזעער געפרעגט... באַ דזשאָנין האָבן זיך די שפּולקעס געדרייט, ווי אַ ווינטער. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער אַר־בעטער. ער האָט דאָס געוואוסט. מע האָט אים אַזוי אָפט וועגן דעם געזאָגט, ס'איז באַ אים געוואָרן פון די געוויינלעכע זאַכן. און אויסער דעם האָט זיך אים געדוכט, אז דאָס קאָן אים קיין באַזונדערע נוצן ניט ברענגען. דער אויסגעצייכנטער ארבעטער איז מעגולגל*) געוואָרן אין אַן אויסגעצייכנטער מאַשין. בעשאַס די אַרבעט פלעגט באַ אים ניט גוט גיין, פלעגט עס טרעפן צוליב דערזעלבער סיבע, ווי באַ אַ מאַשין, צוליב שלעכטן מאַטעריאַל. עס איז אים אַזוי ניט מעגלעך געווען צו באַגיין אַ פעלער, ווי ס'איז ניט מעג־לעך, אַז אַ טשוועקעס-מאַשין, בעשאַס זי איז אין אָרדענונג, זאָל אַרויסלאָזן אַ ניט גוט אויסגעאַרבעטן טשוואָק.

און ס'איז קיין כידעש ניט געווען. ער האָט שטענדיק, זיין גאַנצן לעבן געהאט צו טאָן מיט מאַשינעס. די מאַשינעס זיינען געווען קימאט זיינע איי־גענע און, יעדנפאַלס, איז ער אויפגעוואקסן און זיך דערצויגן צווישן זיי.

צוריק מיט צוועלף יאָר האָט זיך אין דערזעלבער פאַבריק אין דער וועב-אָפּטיילונג פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט געבראַכט אַ געוויסע צעררודערונג. דזשאָניס מאַמען איז ניט גוט געוואָרן. מע האָט זי אָף דער ערד אַוועקגע־לייגט, צווישן די רוישנדיקע מאַשינעס. צוויי עלטערע פרויען האָבן געמוזט אין מיטן דער אַרבעט צוגיין צו איר. דערביי איז אויך געווען דער אויפזעער. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אין דער וועב-אָפּטיילונג געפונען מיט אַ באַשעפעניש מערער, ווי אינדערפרי. דאָס איז געווען דזשאָני, וואָס איז גע־בוירן געוואָרן אונטערן רוישן און קלאַפן פון די וועב־מאַשינעס, און אין דער ערשטער רעגע, ווי ער איז נאָר אָף דער וועלט געקומען, האָט ער שוין איין געעטעמט אין זיך די וואַרימע פייכטע לופט מיט די שטיקלעך אָפּפאַל, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין וועב-שטוב. ער האָט גלייך אָנגעהויבן הוסטן, קעדיי צו ריין מאַכן די לונגען פון דעמדאָזיקן שטויב, און דעריבער טאַקע הוסט ער עס פון דעמאָלט אָן.

II

דאָס אינגל, וואָס האָט נעבן דזשאָנין געאַרבעט, האָט געכליפּעט און געסאַפּעט. זיין פּאָנים האָט אויסגעדריקט אַ סינע צום אויפזעער, וואָס האָט פון אים זיין בייזן בליק ניט אַראָפּגענומען; נאָר דערפאַר האָבן זיך די שפּול־קעס צונויפגעוויקלט אין אָרדענונג. דאָס אינגל האָט מיט שרעקלעכע קלאָלעס געשאָלטן די שפּולקעס, וואָס האָבן זיך פאַר אים געדרייט, נאָר זיין קאָל איז ביז צום אויפזעער ניט דערגאַנגען, ווייל ער איז געשטאַנען אַ פוס זעקס ווייטער פון אים; זיין שטים איז פאַרשטיקט געוואָרן אין גערויש פון דער מאַשין, וואָס האָט אים ווי מיט אַ וואַנט פאַרשטעלט.

עלף דעם זייגער האָט זיך אין דער פלעכט-שטוב פּלוצלינג אַלץ אַ רודער געטאָן. די סיבע פון דעם האָט זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן, און

*) פאַרוואַנדלט.

דאָך האָט זי טייקעף אַרייגעדרונגען אומעטום. דאָס איינפּיסיקע אינגל, וואָס האָט געאַרבעט פון דזשאָניס צווייטער זייט, איז גלעם געוואָרן, ווי ער וואָלט איינגעזונקען אין דעם וועגעלע פאַר די שפּולקעס, וואָס איז ליידיק געשטאַנען, פאַרשוואונדן אַהין צוזאַמען מיט דער קוליע. עס איז אַרייגעקומען דער פאַרוואַלטער פון פאַבריק און מיט אים איינער אַ יונגערמאַן. דאָס איז געווען דער אינספּעקטאָר.

ער האָט שאַרף געקוקט אַף די אינגלעך, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן זיי. טיילמאָל איז ער שטיין געבליבן און האָט פאַרגעבן פראַגן. צעפּרעגנדיק זיך, האָט ער געמוזט שרייען אַף אַ קאָל, דערביי האָט זיך זיין פּאָנים לעכערלעך אָנגעצויגן, בעשאַס ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, אַז מע זאָל אים דערהערן. זיין פלינק אויג האָט באַמערקט דאָס ליידיקע אָרט נעבן דזשאָנין, נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. דזשאָני האָט אויך צו זיך צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, און יענער האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט. ער האָט דזשאָנין פאַר אַ האַנט אָנגעכאַפּט און אים אַף אַ שפּאַן פון דער מאַשין אָפּגעשלעפּט, און נאָר פאַרוואונדערט גלייך זיין האַנט אָפּגעלאָזט.

— רעכט מאָגער טאַקע, — האָט דער פאַרוואַלטער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— ווי אַ שטעקעלע, — איז דער ענטפער געווען. — טוט נאָר אַ קוק אַף זיינע פיס. דאָס אינגל האָט ראַכיט, ס'הויבט זיך באַ אים ערשט אָן, נאָר ער האָט עס שוין. סאָפּקאָלסאָף וועט באַ אים שווינדזוכט ווערן.

דזשאָני האָט געהערט, נאָר ניט פאַרשטאַנען. דאָס, וואָס ס'קאָן זיך אַמאָל טרעפן, האָט אים ווייניק-וואָס פאַרנומען. געאַרט האָט אים די סאַקאַנע, וואָס שטייט אים איצט פאַר מיצאַד דעם אינספּעקטאָר.

— הער אויס, אינגל, נאָר איך וואָלט וועלן, זאָלסט מיר דעם עמעס זאָגן,—האָט דער אינספּעקטאָר אַרויסגערעדט צי אויסגעשריען, זיך צוטוליענדיק צום אינגלס אויער, קעדיי ער זאָל אים דערהערן,—ווי אַלט ביסטו?

— פערצן,—האָט דזשאָני אַ ליגן געזאָגט, מיטן גאַנצן קויעך פון די לונגען. ער האָט אַזוי הויך דעם ליגן געזאָגט, אַז עס האָט זיך אים אַרויסגעריסן אַ טרוקענער אָפּגעהאַקטער הוסט און אויפגעהויבן דעם גאַנצן שטויב, וואָס האָט זיך יעדן פרימאָרגן אין זיינע לונגען אָפּגעלייגט.

— און אויסזעען זעט ער אויס ווייניקסטנס פון אַ יאָר זעכצן, — האָט דער פאַרוואַלטער באַמערקט.

— אָדער זעכציק,—האָט דער אינספּעקטאָר אונטערגעכאַפּט.

— ער האָט שטענדיק אַזוי אויסגעזעען.

— פון ווען אָן?—האָט דער אינספּעקטאָר האַסטיק אַ פרעג געטאָן?

— שוין פיר יאָר, און ער האָט קיינמאָל ניט אויסגעזעען עטוואָס עלטער.

— אָדער אינגער,—קאָן מען זאָגן. ער האָט, מיסטאָמע, אַלע יאָרן דאָ געאַרבעט?

— אי געאַרבעט, אי אַוועק פון דער אַרבעט, נאָר דאָס איז געווען נאָך

איידער דער נייער געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן, — האָט דער פאַרוואַלטער געאיילט צוצוגעבן.

— די מאַשין אַרבעט ניט? — האָט דער אינספעקטאָר געפרעגט און אָנגעוויזן אַף דער פרייער מאַשין נעבן דזשאָנין, וואו די גלאָזענע שפּולקעס האָבן זיך געדרייט אין דער וועלט אַריין.

— וואס איז דאָס? —דער פאַרוואַלטער האָט צוגערופן דעם אויפזעער, אים אַ געשריי געטאָן אָפן אויער און אָנגעוויזן אַף דער מאַשין. —די מאַשין ארבעט ניט, —האָט ער געמאָלדן דעם אינספעקטאָר.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען ווייטער, און דזשאָני האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין ארבעט צופרידן, וואָס די געפאַר איז פאַרביי. נאָר דאָס אינגל מיטן איינציקן פוס איז ניט געווען אַזוי גליקלעך. דעם אינספעקטאָרס שארף אויג האָט אים פאַרט דערזען. די ליפן האָבן באַם אינגל געציטערט, און אַ פּאַ-ניק האָט ער געהאט פון אַ מענטשן, וועלכן ס'האָט געטראָפן אַ גרויסע צאָרע, צו וועלכער מע קאָן שוין גארניט העלפן. דער אויפזעער איז געבליבן פאַר-וואונדערט, ווי ער וואלט, אשטייגער, דאס אינגל צום ערשטן מאָל דערזען, בעשאַס דעם פאַרוואַלטערס פּאָנים האט אויסגעזעען אומצופרידן און פאַר-דראָסיק.

— איך קאָן אים, — האט דער אינספעקטאר געזאגט, — ער איז אלט צוועלף יאר. אין פאַרלויף פון איין יאר האב איך אים שוין פון דריי פאַבריקן אָפּגעזאגט. דאס איז שוין די פערטע.

ער האט זיך געווענדעט צום איינפיסיקן אינגל:

— האָסט דאך אָן ערנוואָרט געגעבן, אַז דו וועסט אין שול גיין.

— האט ראַכמאנעס, הער אינספעקטאָר, מיר זיינען שרעקלעך אָרים.

— און פאַרוואס הוסטו אַזוי? —האט דער אינספעקטאר געפרעגט, ווי ער זאָל אים אין אַ פאַרברעכן באשולדיקן.

און דאס איינפיסיק אינגל, ווי ער וואלט זיין אומשולד וועלן דערווייזן, האט געענטפערט:

ס'איז גאָרנישט, איך האב מיך יענע וואָך צוגעקילט, הער אינספעקטאר, ווייטער גארנישט.

סאָפקאָלסאָף איז דאס איינפיסיקע אינגל אַרויס פון וועב-שטוב צוזאָמען מיטן אינספעקטאר און מיט אים דער פאַרוואַלטער, וואס איז באַאומרואיקט געווען און האט פראטעסטירט.

III

דאַן האט זיך ווידער אָנגעהויבן די איינגעשטעלטע אַרבעט. דער לאַנ-גער פרימארגן איז פאַרביי, און דער נאָך לענגערער נאכמיטאג איז אוועק, און דאס פייפל האט אויסגעפייפט, אז די ארבעט איז געענדיקט. געווען איז שוין פארנאכט, ווען דזשאָני איז געגאנגען פון דער אַרבעט. די זון האט זיך געזעצט, באגילדט דעם הימל און געשיקט דער וועלט אירע לעצטע וואַרימע

שטראַלן און לעסאַף פארשוואונדן אַף מאירעוו-זייט הינטער דער ראָזער ליניע אַפן בלויען הימל, וואו ס'האבן זיך אַריינגעשניטן די דעכער פון די הייזער.

אַף מארגן אינדערפרי ווידער—דער קנאַפער פרישטיק, דאס גיין אין דער פינסטער און דער בלאַסער שטראַל פון הינטער די דעכער, ווען ער האט זיך צו זיי מיטן רוקן אויסגעדרייט און דורך דער קאַנטראַל-טיר אין דער פאַבריק אַריין. אַזוי זיינען געגאַנגען די טעג איינס נאָך איינס.

דאָך אָבער פלעגט אויך זיך עפעס ענדערן אין זיין לעבן—דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט איין אַרבעט אַף אַן אַנדערער פאַרביטן. צו זיבן יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַף דער פאַבריק גיין—שפולקעס צו וויקלען. אַז ער איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר, איז ער אַריבער אַרבעטן אין אַ נייער פאַבריק. זיין נייע אַרבעט איז געווען גאָר אַ גרינגע. דאָס איינציקע, וואָס מע האָט פארלאנגט פון אים, איז געווען—צו זיצן מיט אַ קליין שטעקעלע אין האנט און אַכטונג געבן אַפן לייוונט, וואָס איז פאַר אים געלאָפן. דערדאַזיקער לייוונט פלעגט אַרויסגיין פון אַ מאַשין, אַדורכגיין אַ הייסן וואַלק און זיך לאָזן ווייטער אין אַן אַנדער אָרט. נאָר דאָס אינגל איז שטענדיק אַף איין אָרט געזעסן אין יענער אָפטיילונג, וואו ער האט ניט אָנגעקוקט די שיין פון טאָג, און וואו ס'איז געווען נאר גאַז-באַלייכטונג, — ער איז געווען ווי אַ טייל פון דער מאַשין.

ניט געקוקט אַף דער פייכטער וואַרימקייט, פלעגט ער זיך פילן זייער גוט, ווייל ער איז נאָך יונג געווען און פאַרטאָן אין אוילאָם האדימיען*), און קאָלערליי זאכן האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט, בעשאַס ער האָט אכטונג געגעבן אַף דעם אומענדלעכן פאַס לייוונט, וואָס האט זיך פאַר אים געצויגן. נאָר באַ דערדאָזיקער אַרבעט איז אים קלאל ניט אויסגעקומען צו מיען זיך, און ער האָט אלץ ווייניקער און ווייניקער געטרוימט, אזוי לאַנג, ביז דער מויעך האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו אַרבעטן און איז איינגעשלאָפן. ער פלעגט פאַרדינען צוויי דאָלער אַ וואָך, און דאָס איז פונקט גענוג געווען אַף ניט צו שטארבן פון הונגער.

נאר אַז ס'איז אים געווארן ניין יאָר, האָט ער פאַרלאָרן די אַרבעט. ס'האבן זיך אונטערגעכאַפט מאָזלען. אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער באַקומען אַרבעט אין אַ הוטע. דער לוין איז געווען גרעסער און באַ דער ארבעט איז נויטיק געווען געשיקטקייט. די אַרבעט איז געווען פון שטיק, און וואָס פלינקער ער האט געאַרבעט, אַלץ מער האָט ער פאַרדינט. דאָס האָט געשטויסן צו אַרבעט און מאַכמעס דעם איז פון אים אַרויס אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער.

אַן אַרבעט איז עס געווען זייער אַן איינפאַכע. מע האָט געדאַרפט צובינדן גלעזערנע פראפנס צו גלעזערנע פלאקאנעס. באַם גאַרטל האָט ער געהאט אַ פאַק בענדלעך. ער האָט די פלאקאנעס געלייגט אַף דער ערד נעבן די פיס אַזוי, אַז ער זאל מיט ביידע הענט קענען אַרבעטן. און זיצנדיק איינגעהאָרבעט איבער די פלאקאנעס, איבערגעבויגן איבער די קני אזוי, אַז זיין

*) פאַנטאזיעס.

שמאָלע פלייצע איז איינגעהויקערט געוואָרן, האָט ער צען שאָ געאַרבעט און דעם רוקן ניט אויסגעגלייכט. דאס איז שעדלעך געווען פאר די לונגען, נאָר דערפאַר פלעגט ער באַווייזן צוצוגרייטן דריי הונדערט טוץ פלאַקאַנעס אַ טאָג.

דער פאַרוואַלטער פלעגט שטאָלצירן מיט אים און פירן זיינע באַזוכער אים אָנצוקוקן. אין פאַרלויף פון צען שאָ זיינען דריי הונדערט טוץ פלאַקאַנעס איבערגעווען אין זיינע הענט. ער האט געאַרבעט מיט דער גיכקייט און פּינקטלעכקייט פון אַ מאַשין. ער האָט געאַרבעט מיטן גרעסטן אָנשטרענג און סאָפקאָלסאָף איז ער נערוועז געוואָרן, און האָט אין דער הוטע דאס אָרט פאַרלוירן.

אַז ער איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך צוריקגעקערט אין דער דזשוטפאַבריק, וואו ער פלעגט אַמאָל שפּולקעס וויקלען. דאָס מאָל האט ער געזאָלט באַקומען אַ העכערע שטעלע. ער איז געווען אַ וואוילער אַרבעטער. צוערשט האָט מען אים אָפּגעגעבן אין דער קראַכמאַל-אָפּטיילונג, שפּעטער—אין וועבערייַ אַריין. פון דעמאָלט אָן האָט זיך שוין גאָרניט געענדערט און יעדן טאָג האָט זיך איבערגעכאַזערט דאסזעלבע, וואָס נעכטן.

---

1) ווי האָט געווירקט אָף דזשאָנין די אַרבעט אָף דער פאַבריק?
2) פאַרוואָס האָט דער פאַבריקאַנט דאַפקע אָנגענומען אָף דער אַרבעט קינדער?
3) וואָסערע געזעצן זיינען באַ אונז פאַראַן וועגן דער אַרבעט פון מינדעריעריקע?
4) טראַכט צו קעפּלעך צו יעדן קאַפּיטל פון דער דערציילונג און דערקלערט, פאַרוואָס גיט איר אַזוינע קעפּלעך.

מ. קאַץ

דער אַמעריקאַנער גאַניידן

מע איז אָפט געניגט צו מאָלן דאס אַרבעטער-לעבן אין אַמעריקע ווי אַ גאַניידן.

אַזוי דערציילט מען, לעמאָשל, אַז אין אַמעריקע קומט אויס איין אווטאָמאָביל אָף 6 איינוואוינער, און אַז שיר ניט יעדער אַרבעטער האָט זיין אייגענעם אַווטאָמאָביל.

אַוואַדע וואָלט אָף יעדע זעקס איינוואוינער פון אַמעריקע אויסגעקומען איין אַווטאָמאָביל, ווען די אַווטאָמאָבילן וואָלטן צעטיילט געוואָרן אָף גלייך. ליידער אָבער איז דער פאַקט אַזאַ, אַז אייניקע האָבן צו עטלעכע אַווטאָמאָבילן, און דער גרעסטער טייל קאָן זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס ניט נאָר צו האָבן, נאָר אָפילע צו פאַרזוכן דעם טאַם פון פאָרן אָף אַן אווטאָמאָביל.

די בורזשואזע פירער פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן ליב איבערצוכאַזערן דעם פיזמען, אַז דער אַרבעטער און דער קאַפּיטאַליסט זיינען

שוטפים אין די רייכטימער פון לאנד. איז עס אָבער, ליידער, אַ זייער אייגנ-אַרטיקע שוטפעס: איין צאד — דער ארבעטער, קאָן בלויז אריינלייגן אין קאסע, און דער צווייטער צאד — די קאפיטאליסטן — נעמען קעסיידער אַרויס פון דער קאַסע. ס'איז די מאַיסע מיט דער שוטפעס פון יענעם בער מיטן פויער, וואָס ווי זיי האָבן זיך ניט געטיילט, פלעגט די טוואָע אלץ בלייבן באַם פויער און דער בער האָט באַקומען קאַדאָכעס.

דאָס לעבן אין אַמעריקע איז ביכלאל רייכער, ווי אין אייראָפּע. אַ רעגירונגס-קאָמיסיע, וואָס האט געפּאָרשט די פראגע, האט פעסטגעשטעלט, אז דאָס קלענסטע, וואס אַן אַרבעטער דאַרף פאַרדינען, קעדיי צו לעבן אין אמעריקע, איז 2.400 דאָלאר א יאָר, אדער 50 דאָלאר אַ וואָך. אָבער אזעלכע פאַרדינסטן דערגרייכט בלויז א קליינער טייל ארבעטער.

דער נעגערישער ארבעטער אין אמעריקע ארבעט אויס פאר זיך און פאר זיין פאַמיליע העכסטנס פון 8 ביז 10 דאָלאר אַ וואָך, די טעקסטיל-ארבעטער פאַרדינען פון 12 ביז 18 דאלאַר אַ וואָך, שוין ווען זייערע פרויען און קינדער העלפן זיי. און די שטאָל-ארבעטער האָבן ביז דעם פאַריקן יאר געמוזט ארבעטן 12 שאָ א טאָג, זיבן טעג אין וואָך (דאָס הייסט איינגאנצן אָן אַן אָפּרו), קעדיי ווי עס איז צו פאַרדינען אף זייער לעבן. וואס איז שאַייך די קוילן-גרעבער און די גוט-אָרגאניזירטע נאָדל-ארבעטער, פאַרדינען זיי טאקע, עמעס, פון 40 ביז 65 דאָלאר אַ וואָך, איז אבער די צאָרע, וואס זיי ארבעטן בלויז קורצע סעזאָנען. ווען מיר זאלן צעטיילן די וואָכן, וואס זיי אַרבעטן און פאַרדינען, אף דעם גאנצן יאר, וואָס זיי מוזן לעבן, וואָלטן זייערע פאַרדינסטן געווען גאָר ניט קיין גרויסע.

אין אמעריקע זיינען נישאַ קיין פאַרזיכערונגס-קאסעס און ביכלאל קיין געזעצן, וואָס זאלן פאַרזיכערן דעם ארבעטער אפן פאל פון קראַנקייט, טויט און ארבעטסלאָזיקייט.

דעריבער מערקט זיך אין אמעריקע אַ קעסיידערדיקע און וואקסנדיקע אומצופרידנקייט פון די ארבעטער, וואס ווערט געהאלטן אין די גרעניצן בלויז מיט טעראָר*), וואס ווערט אָנגעווענדעט אנטקעגן זיי סאַי פון דער רעגירונג, סאַי פון די באלעבאטים און סאַי פון... זייערע אייגענע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאציעס.

דער רעזולטאט דערפון איז, ערשטנס, אַ גרויסע צאָל פאַרביסענע שטרייקן; צווייטנס, אַ וואקסנדיקע צאל פון אזוי גערופענע „אומגעזעצלעכע שטרייקן", וואס די ארבעטער פירן אנטקעגן דעם ווילן פון זייערע אייגענע פירער; און דער דריטער רעזולטאט איז, וואָס קימאַט אלע אמעריקאַנישע שטרייקן אָן אויסנאם קאסטן א מאסע קאָרבאָנעס און ענדיקן זיך זייער זעלטן אָן בלוט-פאַרגיסונגען.

און נאָך עפּעס ברענגען די „זיסע" באדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו אַרבעטן אין אַמעריקע: מאסן ארבעטער וואַרפן גערן אוועק בא דער ערשטער געלעגנהייט זייער אַרבעט און דרייען זיך בעדאַי ארום כאדאָ-

*) געוואלטאטן.

שימווייז ליידיק, אָבי צו האָבן כאָטש אַ שטיקל האָפענונג, ווי עס איז איבערצובייטן זייער אַרבעט.

מיר איז איינמאָל אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט מיינעם אַ באַקאַנטן אַרבעטער, וואָס האָט אַ צייט געאַרבעט אָף פאָרדס אווטאָמאָבילן-פאַבריקן. די ארבעט-באַדינגונגען באַ פאָרדן האָבן זיך א שטיק צייט גערעכנט פאַר זייער גוטע: אַכט שאָ א טאָג, קימאַט קעסיידער געזיכערטע ארבעט, פינף דאָלאַר א טאָג לוין און אַזוי ווייטער. דערדאַזיקער ארבעטער האָט פאַרלאָזט פאָרדס פאַבריק און האָט זיך שוין אַרום אַ יאָר צייט ארומגעדרייט אדער אינגאַנצן ליידיק, אדער בלויז צייטנווייז באַשעפטיקט באַ וואָס עס מאַכט זיך.

— פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזן פאָרדס פאַבריק? האָט מען דיך עפּשער ארויסגעוואָרפן?

— ניין, מע האָט מיך ניט געוואָרפן, איך בין אַליין אוועק.

— וואָס איז, — האָב איך געפרעגט, — האָסט געהאַפט צו געפינען א פלאַץ, וואו מע אַרבעט ווייניקער, ווי אַכט שאָ אַ טאָג?

— ניט דאָס, — האָט מיר דער כאַווער געענטפערט, — אַכט שאָ אַ טאָג וואָלט שוין ניט אַזוי אויסגעמאַכט. די צאָרע איז אָבער, וואָס איך האָב באַ פאָרדן געאַרבעט ניט אַכט שאָ אַ טאָג, נאָר 480 מינוטן אַ טאָג, ס'איז ניט געווען קיין צייט אָפילע דעם שוויס אָפּצואווישן, און איך האָב עס שוין מער ניט אויסגעהאַלטן.

ווען איך האָב באַזוכט פאָרדס פאַבריקן און געזען, ווי מע אַרבעט דאָרטן, האָב איך פאַרשטאַנען: 480 מינוט איז אומגעהויער מער, ווי 8 שאָ, און זעלטן ווער עס קאָן דאָס אויסהאַלטן אַ לאַנגע צייט. שוין בעסער הונגערן, איידער אַזוי צו אַרבעטן.

שרייבט אָן אַ קורצן אינהאַלט פונם דורכגעלייענטן ארטיקל.

אופּטאָן סינקלער

אין די קוילן-שאַכטן

I

העל האָט פלוצלינג דערהערט א באַטויבנדיקן רויש; עס האָט אים געגעבן א מעכטיקן שטויס און אַ שליידער אָף דער ערד. די שויבן פון צימער־זייבען צעשמעטערט געוואָרן און אים פאַרשפּריצט מיט שטיקער גלאָז, און די שטויקאַטורקע פון דער סטעליע האָט זיך אָף אים געשאָטן פון אויבן.

ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האַלב באַטויבט, האָט ער געזען דעם שאַכט-אויפהייבער אויך ליגן אָף דער ערד. ווען זיי האָבן זיך באַמיט אויפצושטעלן, האָט איבער זייערע קעפּ אויסגעבראָכן נאָך א קראַך, און א האַלבע

סטעליע פונם צימער האָט זיך אַ טראָג געטאָן אנטקעגן זיי. זיי האָבן זיך מיט מאַטערניש געשטעלט אף די פיס, זיינען צוגעשפרונגען צו דער טיר און זי אויפגעריסן, אָבער אין דער רעגע האָט זיך פון אויבן אראָפּגעטראָגן אַ שטיק באַלקן און זיי פארשטעלט דעם וועג אין קאָרידאָר. זיי זיינען צוריק געשפרונגען.

— אין קעלער אריין! — האָט אויסגעשריען דער שאכט-אויפזעער און געלאָפן ארויס צו די הינטער-טרעפּ. אָבער איידער זיי האבן זיך אראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ, האבן זיי דערפילט, אַז די קראכן האָבן אויפגעהערט.

— וואס איז דאָס? — האָט העל אויסגעשטאמלט, ווען זיי האָבן זיך אפּגעשטעלט.

— א גרובן-אויפרייס, — האט יענער געענטפערט. אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען זיי ווידער צוגעלאָפן צו דער טיר. די ערשטע זאַך, וואָס זיי האָבן געזעען, איז געווען אַ ריזיקער זייל פון שטויב און רויך, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין הימל אַריין. איבערן דאָרף האָט זיך געטראָגן אַ האָגל פון שטויב און ברוכשטיקער. די געביידע פון שאָכט נומער איינס איז נעלעם געוואָרן.

— אויפגעריסן! — האָט דער שאָכט-אויפזעער אויסגעשריען, און ביידע האָבן זיך געלאָזן אין גאַס אריין.

דער האָגל פון די ברוכשטיקער האָט איצט שוין אויפגעהערט, אָבער עס האָבן זיך נאך געטראגן שטויב-וואָלקנס, וועלכע האָבן איינגאַנצן באדעקט די צוויי מענער.

העל האָט געזעען אַ שטראָם דערוואקסענע און איינגלעך אַרויסגיסן זיך פון דער שאָכט-געביידע. אין דערזעלבער צייט איז פון יעדער גאָס געלאָפן אַהער א שטראָם ווייבער—אַלטע און יונגע, וועלכע האָבן זייער געקעכץ געלאָזט אף דער גאז-קיך, זייערע קינדער — אין די וויגן. און די גרעסערע קינדער האָבן זיך געזאַמלט קופּעסווייז אַרום דעם צריינגאנג פון שאָכט, וואָס האָט אויסגעזעען, ווי א רויכערדיקער קראטער*) פון א וואולקאן.

דער שאַכטן-אינספּעקטאר איז אָנגעקומען און געלאָפן צום ווענטיליאַציע-הויז. קאטאן דער שאכט-מאַיסטער איז מיט אים מיטגעגאנגען און העל איז זיי נאכגעלאָפן.

דאָס ווענטיליאַציע-הויז איז געווען א כורווע. דער ריזיקער ווענטיליאַטאָר איז געלעגן אף דער ערד הונדערט פוס ווייטער, זיינע לונגען זיינען געווען צעשמעטערט. העל איז געווען צו ווייניק באַהאַוונט אין שאכטן-איניזשעניר אף צו פאַרשטיין די גאנצע וויכטיקייט פון דעמדאָזיקן פאַקט. נאָר ער האָט באמערקט, ווי דער שאכטן-אויפזעער און דער אינספּעקטאָר האָבן פאַרלוירן געקוקט איינער אַפן צווייטן, און ער האָט געהערט, ווי דער ערשטער האָט אויסגעברומט: „די זאַך איז פאַרטיק!"

די צוויי מענער זיינען איילנדיק צוריקגעלאָפן צום שאכטן-מויל, און

*) קראטער — עפענונג, לאך.

העל איז זיי נאָכגעלאָזן. דאָ איז שוין געווען א האמוין פון א פּאָר הונדערט פּרויען, וואס האָבן אלע אף אַמאָל געפאָדערט ענטפערס.

זיי האָבן זיך געשטויסן ארום דעם שאכטן־מאַיסטער, ארום די אויפ־זעער, שרייענדיק אף פּויליש, בעמיש און גריכיש. טייל האָבן געהאלטן אין איין אַריינקוקן אינם רויכערדיקן שאכטן־מויל.

בּיסלעכווייז האט העל אָנגעהויבן באנעמען די גאנצע שרעקלעכקייט פון א גרובן־אומגליק. ניט אין געפּילדער, רויך און פינסטערניש איז עס באשטאַנען, אויך ניט אין די קלאָגנדיקע פרויען. ניט אין דעם, וואָס עס האט זיך אָפּגעטאָן אויבן, אף דער ערד, איז געלעגן דאס אומגליק, — אונטן איז עס געלעגן, אינם רויכיקן, שוואַרצן גרוב. דאָרטן זיינען געווען מענטשן: מענטשן, וועלכע העל האָט געקענט, מיט וועלכע ער האט געארבעט צוזאַמען, מיט וועלכע ער האָט זיך געטיילט מיטן שמייכל. אסאָך פון זיי — עפּשער הונדערטער, ליגן זיי דאָרט אונטן, אונטער זיינע פיס — א טייל טויט, אנ־דערע — פאַרוואונדעט, צעמאזיקט.

וואס וועלן זיי טאָן? וואס ווערן טאן פאר זיי די, וואָס זיינען אין דער הויך? העל האָט פּרובירט צוגיין צום שאכט־מאַיסטער, פרעגן אים עטלעכע פראגן, נאָר יענער איז געווען באלאַגערט, אַרומגערינגלט. ער האט צוריק־געשטויסן די פרויען, שרייענדיק: „גייט אוועק! גייט אהיים!"

— וואס גייט אהיים? — האָבן זיי געשריען, — ווען אונזערע מענער זיינען אין גרוב! — זיי האבן זיך נאך ענגער געשטופּט ארום אים מיט געבעט און געשריי.

II

דער גרוב האט אנגעהויבן אַרויסגעבן זיינע סודעס. די ווינדע האָט קעסיידער געארבעט, און אָנגעלאדענע קוישן זיינען אַרויפגעקומען איינער נאכן צווייטן ערשט דעמאלט, ווען מאשינעס האָבן געהאַט אריינגעפּאַמפּעט לופט אין זיי.

און וואָס פאַר א מאַיסעס עס האָבן זיך געטראָגן דורכן קוילן־באַ־צירק, — מאַיסעס, אַרויפגעבראכטע פון דער אונטערערדישער וועלט, מאַיסעס וועגן אומגלויבלעכע ליידן און פון נאך מער אומגלויבלעכן העראָיזם!

מענטשן, וואס זיינען פיר טעג געווען אָן שפּייז און אָן וואַסער, און האָבן זיך דאָך אָפּגעזאגט אַרויסצוגיין פון גרוב, ווילנדיק בעסער בלייבן און העלפן אנדערע אַרויסראַטעווען! מענטשן, וועלכע זיינען געלעגן צוזאַמען אין פינסטערניש און שטילקייט, דערהאלטן זיך באם לעבן מיט די וואסער־טראָפּנס, וואס האָבן דורכגעטריפט פון די פעלזן אין דער הויך, האָבן אָרגאַ־ניזירט יעדער נאָך דער ריי זיך געלייגט מיטן פּאָנים ארויף, אַז די טראָפּנס זאלן פאלן אין מויל אריין. אָדער געוויקסטע שטיקלעך פון זייער קליי־דונג און אויסגעזויגן די פייכטקייט! מיטגלידער פון דער רעטונגס־מאנשאַפט האָבן דערציילט, ווי זיי האָבן געקלאפּט אין די ווענט און דערהערט די

שוואַכע ענטפער-סיגנאַלן פון די פאַרשלאָסענע: ווי זיי האָבן געאַרבעט, ווי מעשוגאים, זיך דורכצושלאָגן אַ וועג און זיי האָבן ענדלעך אויסגעהאַקט אַ שטיקל לאָך, וואָס פאַר א פרייד-געשרייען זיי האָבן עס דערהערט און וואָס פאַר א לויכטנדיקע אויגן זיי האָבן עס דערזועען דורכשיינען דורך דער פינסטערניש אין דערוואַרטונג, אַז די עפענונג זאָל ווערן גרויס גענוג, אַז עס זאָל קאָנען דורכגיין וואַסער און שפּייז!

אין עטלעכע ערטער האָט מען געקעמפט מיטן פייער. עס זיינען אַראָפּ-געשיקט געוואָרן לאַנגע לעש-קישקעס, און מענטשן האָבן זיך באַוועגט פאָרויס טראָט בײַ טראָט, אין דער צייט, וואָס דער פּעכער אין דער הויך האָט אויס-געזויגן דעם רויך און די פּאַרע. די, וואָס האָבן געטאָן דידאָזיקע אַרבעט, האָבן זייער לעבן געשטעלט אין קאָן, און דאָך זיינען זיי געגאַנגען אָן וואַק-לעניש, פאָרויס, באַוועגט פון דער האָפענונג, אַז מע קאָן עפּשער געפינען נאָך מענטשן הינטער פאַרבאַריקאַדירטע ערטער.

III

העל איז ווידער אַרויס אין גאַס. ס'איז געווען די צייט, ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. די בערג-שפּיצן זיינען געווען באַשפּריצט מיט א פּורפּור-ליכט, און די לופט האָט געהאַט אין זיך די פרישע קילקייט פון פרי-האַרבסט. ער האָט געזעען, ווי איבער די פאַרנאַכטיקע גאַסן קלייבן זיך מענטשן. ס'האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען, און אַן אוילאָם האָט געאיילט אין א געוויסער ריכטונג. ער האָט אויך גענומען איילן אַהין מיט אַן אומ-רואיקן געדאַנק: „וואָס איז ווידער געשעען?“ אַ מאַן הונדערט אַן ערעך האָבן געשריען. און זייערע קוילעס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן, ווי די כוואַליעס פון יאָם. ער האָט דערהערט די ווערטער: „פאָרויס! פאָרויס! גענוג דערמיט! הוראַ!“

— מיר וועלן ניט צוריקגיין אין די גרובנס, ביז זיי וועלן ניט גע-מאַכט ווערן זיכער פון געפאַר! אויב ניט, האָבן מיר די גאַנצע אַרבעט זייערע אין דער ערד.

— און זאָלן זיי אונז צאָלן פאַר דער עמעסער וואָג! — האָט נאָך איינער געשריען. — מיר ווילן אַ וואָג-קאָנטראָליער, מע זאָל אונז באַצאָלן, וואָס מיר אַרבעטן אויס.

— דאָס איז א קאָמפּאַניע פון רויבער און מערדער! — האָט איינער אויסגעשריען, — זיי באַראַבעווען אונז אַף טריט און שריט! מיר איז עס שוין נימעס אומאָעס! און אייך?

א דונער פון קוילעס האָט געענטפערט:

— הוראַ! הוראַ! מיר וועלן זיך נעמען אונזערע רעכט!

דער שאַכט-מאַיסטער איז געקומען צו לויפן, באַגלייט פון צוויי, דריי וואַך-לייט. דער האַמוין האָט זיך אויסגעקערעוועט צו זיי. די, וואָס זיינען געשטאַנען פון פאָרנט, האָבן צונויפגעפרעסט די פויסטן און געקריצט מיט די ציין, ווי אויפגערייצטע כאַיעס. דעם מאַיסטערס פּאָנים איז רויט געווען

פון קאָעס, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט ער צו טאָן מיט אַן ערנסטן איניען. ער האָט זיך אומגעדרייט און איז אַוועק נאָך פאַרשטאַרקערונגען. דער האַמוין האָט דערויף געענטפערט מיט אַן אויסגעשריי פון צופרידנקייט. דער קאַמף האָט זיך שוין אָנגעהויבן! דער ערשטער זיג איז שוין געוואונען געוואָרן!

דער האַמוין האָט זיך געלאָזט אַראָפּ-גאַס מיט געשרייען און קלאָלעס. עמיצער האָט גענומען זינגען די מאַרסעליעזע, די איבעריקע האָבן אונטער-געכאַפּט. און דער געזאַנג האָט זיך דערהויבן צו אַ ברויזנדיקן ענטוזיאַזם.

צו וואָפן! צו וואָפן! מוטיקע לייט!
פאָרויס, פאָרויס, מיט אַנטשלאָסענע הערצער!
ניצאָכן אָדער טויט!

אין האַמוין האָבן זיך געפונען אונטערדריקטע פון פאַרשיידענע נאַציעס; זיי האָבן געזונגען אין אַ מאַסע פאַרשיידענע שפּראַכן, נאָר געווען איז עס איין געזאַנג. אייניקע פלעגן אויסזינגען עטלעכע טאַקטן און די איבעריקע האָבן זיי דערויף מיט זייערע קולעס אַרויסגערופן: „פאָרויס! פאָרויס! מיט אַנטשלאָסענע הערצער!" טייל זיינען אַוועק אין פאַרשיידענע ריכטונגען, אָף צו פאַרשפּרייטן די נייס, און גאָר שנעל האָט זיך דאָ געפונען די גאַנצע באַפעלקערונג פונם שטעטל. די מענער האָבן געוויגט אין דער לופטן די היט זייערע, די פרויען האָבן געהויבן זייערע הענט אין דער הויך און געשריען, אָדער זיינען געשטאַנען מיט צעשראָקענע פּנימער, טראַכטנדיק וועגן דעם, אַז מיט רעוואָלוציאָנערע לידער קאָן מען די קינדער ניט אָנקאָרמענען.

באַלד האָט זיך ווידער באַוויזן דער שאַכט-מאַיסטער. און העל האָט געהערט, ווי ער האָט זיינע לייט באַפוילן, זיי זאָלן אַוועק אין קאָנטאָר און נעמען מיט זיך רעוואָלווערן. ס'איז אָנגעקומען אָט דער אויפשטאַנד, אָף וועלכן מע קוקט שוין אויס אַזוי פיל יאָרן! פאַרוואָס האָלט מען ניט קיין רעדעס? פאַרוואָס ווערט ניט געשאַפן די נויטיקע דיסציפּלין, און די אַר-בעטער ווערן ניט אָרגאַניזירט?

מערי בערק, די טאָכטער פון אַ קוילן-גרעבער, — דאָס האָט זי דעם האַמוין געבראַכט אין אַזאַ צושטאַנד. זי האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט די מאַסע געענטפערט מיט אַ געבריל; זי האָט אַרויסגערעדט נאָך אַ וואָרט, האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ געבריל:

— גלויבט איר, אַז זיי וואָלטן זיך אַליין אַראָפּגעלאָזט אין די גרובן?

— געוויס ניט!

— און ווען יאָ, וואָלטן זיי זיך געקליידט אין זייד און אין גאָלד?

— געוויס ניט!

— וואָלטן זיי דאַן געהאַט אַזעלכע איידעלע, צאַרטע הענט?

— געוויס ניט!

— וואָלטן זיי דאַן זיך געהאַלטן פאַר צו פיין אָף אַ קוק צו טאָן אָף אייך?

— ניין! זיי וואָלטן ניט!

און מערי האָט ווייטער געשטורעמט:

— וואָלט איר זיך נאָר געהאַלטן פאַרייניקט, וואָלטן זיי דעמאָלט געקראָכן פאַר אייך אָף זייערע קני און בעטן שאָלעם! אָבער איר זייט פאַכדאָנים, און אָף אייער שרעק שפּילן זיי! זיי צעפּיצלען אייך. זיי טוען מיט אייך אַלץ, וואָס זיי ווילן, זיי טרעטן אָף אייערע פּנימער! ווי לאַנג וועט איר דולדן אַזעלכעס? ווי לאַנג?

דער ראַעש פונם האמוין האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבער דער גאַס און צוריק געקומען:

— מיר וועלן מער ניט דולדן! מיר וועלן ניט דולדן!

מענער האָבן געפּאַכט מיט פאַרקוועטשטע פויסטן, פרויען האָבן געשריען, אַפילע קינדער האָבן אויסגעשריען קלאָלעס.

— מיר וועלן קעמפן מיט זיי! מיר זייגען מער ניט קיין קנעכט באַ זיי!

און מערי האָט אַ וואָרט געפונען:

— מיר וועלן האָבן אַ פאַריין! — האָט זי אויסגעשריען. — מיר וועלן זיך האַלטן צוזאמען, מיר וועלן זיין פאַרייניקט! אויב זיי ווילן אונז אָפּזאָגן אין אונזער רעכט, וועלן מיר וויסן מיט וואָס צו ענטפערן.

— מיר וועלן מאַכן אַ שטרייק!

עס האט אַ בריל געטאָן, ווי דער קראַך פון אַ דונער צווישן בערג. יאָ, מערי האָט געפונען דאָס וואָרט! פיל יאָרן איז עס ניט הויך אַרויסגעזאָגט

געוואָרן אין צאָפּן-טאָל, איצט איז עס דורכגעלאָפן דורכן האַמוין, ווי דער בליץ פון אַ פּולווער-אויפרייס.

— שטרייק! שטרייק! שטרייק!

עס האָט זיך געדוכט, אז זיי קאָנען זיך גאָרניט אָנזעטיקן מיט דעמדאָזיקן וואָרט. ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען מעריס רעדע, אָבער אַלע האָבן זיי פאַרשטאַנען דאָסדאָזיקע וואָרט — שטרייק! זיי האָבן דאָס איבערזעצט און פראָקלאַמירט אויף פּויליש און טשעכיש, איטאַליעניש און גריכיש. מענער האָבן געפאָכעט מיט די היט, פרויען האָבן געפאָכעט מיט די טיכער — אינם האַלב-פינסטער האָט עס אויסגעזעען, ווי עפּעס מעשוגעדיקע געוויקסן, וואָס ווערן געריסן פון אַ שטורעם. מענטשן האָבן געדריקט איינער דעם צווייטנס האַנט, און די גאָר היציקע נאַטורן זיינען זיך געפאַלן אויף די העלדזער: „שטרייקן! שטרייקן! שטרייקן!"

— מיר'ן ניט זיין מער קיין שקלאַפן, — האָט אויסגעשריען די רעדנע-רין. — מיר זיינען מענטשן, און מיר'ן לעבן, ווי מענטשן! מיר וועלן אָדער אַרבעטן, ווי מענטשן, אָדער אינגאַנצן ניט אַרבעטן! מיר'ן מער ניט זיין אַ סטאַדע פיך, וואָס זיי קאָנען זי טרייבן, וואוהין עס ווילט זיך זיי! מיר'ן זיך אָרגאַניזירן, האַלטן אַבדעס — אַקסל צו אַקסל! מיר'ן זיגן צוזאַמען, אָדער פאַר-הונגערן און שטאַרבן צוזאַמען! קיינער פון אונז וועט ניט אָפּטרעטן, קיינער פון אונז וועט ניט פאַראַטן! געפינט זיך דאָ עמיצער, וואָס וועט שטרייק-ברעכן קעגן זיינע כאַווײרים?

עס האָט זיך דערהערט אַ געהויל, ווי פון אַ מאַכנע וועלף. זאָל ער נאָר באַווייזן זיין שמוציקן פאַרצעף, אָט דער פאַרשוין, וואָס וועט וואַגן צו שטרייקברעכן קעגן זיינע כאַווײרים!

— וועט איר זיך האַלטן פעסט?

— וועט איר שווערן?

— מיר וועלן שווערן!

מערי האָט אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס.

— שווערט בײַ אייערע לעבנס! שווערט, אַז קיינער פון אייך וועט ניט אָפּטרעטן, ביז דער ניצאָכן וועט דערגרייכט ווערן! שווערט!

דער עולאָם האָט נאָכגעטאָן איר זשעסט, אויסגעשטרעקט די הענט אין דער הויך.

— מיר שווערן! מיר שווערן!

די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד, און מערי בערק שטייט אין שפּיץ!

---

1) איבער וואָסערע סיבעס איז פאָרגעקומען דער אויפרייס אין שאַכט?
2) פאַרוואָס איז די באַלעבאַטים געווען גרינג צו באַשווינדלען און עקספּלואַטירן זייערע אַרבעטער?
3) פאַרוואָס האָבן מערי בערקס רייד אַזוי געווירקט אויף די אַרבעטער?
4) פרואווט פאָרשטעלן דעם אויפשטאַנד פון די אַרבעטער. שרייבט איבער אין העפט די באַשרייבונג פונם אויפרייס און פונם אויפשטאַנד.

אין רורער געגנט (אין דייטשלאַנד)

אינדערפרי האָט געאָרג צו מיר געזאָגט:

— איידער איר פאַרלאָזט אונז, וויל איך אייך ווייזן אונזער רורער געגנט בײַ דער שיין פון באַנאַכטיקער באַלײַכטונג. דאָס איז אַ בילד, וואָס פאַרגעסט זיך ניט אַזוי גרינג.

ווען דער פריער ביין-האַשמאָשעס האָט אַרומגעהילט די ערד און אין הימל האָבן אָנגעהויבן צו פלאַקערן העלע שטערנדלעך, האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן.

נאָך די לאַנגע גאַסן פון דעם אַרבעטער-שטעטל זײַנען מיר צוגעקומען צו אַן אײַזנבאַן-ליניע און, אויסמײַדנדיק די שווערע געבײַדעס פון אַ קוילן-שאַכטע, האָבן מיר גענומען קלעטערן אויף אַ הויכן בערגל שוואַרצער ערד, וואָס איז געלעגן הינטער די געבײַדעס. דאָס שוואַרצע בערגל האָט זיך אָנ-געזאַמלט פון דער ערד, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די שאַכטעס. ערטערווייז האָט עס שוין אָנגעהויבן באַוואַקסן ווערן מיט מאַגערע גרינוואַרג און קליינע בוימעלעך.

אַ מינוט 15 זײַנען מיר געקראָכן אויפן שוואַרצן בערגל, ביז מיר זײַנען צוגעקומען צום שפּיץ. ווען די שאַכטן-רער איז געבליבן ערגעץ ווײַט אונטער אונז און אין פּנים האָט אונז געטאָן אַ בלאָז אַ קיל ווינטל, האָט געאָרג זיך אָפּגעשטעלט און זיך געווענדעט צו מיר:

— נו, איצט קערט זיך אום און קוקט.

איך האָב זיך אומגעקערט און קוים זיך געקאָנט אײַנהאַלטן פון גרויס פאַרוואונדערונג.

פאַר אונז האָט זיך צעגאָסן אַן אומענדלעכער ים פון פײַערן. ווײַסע, געלע, רויטע, בלויליכע פײַערלעך האָבן זיך געצויגן אין דער אומענדלעכער נעפּלדיקער ווײַטקייט.

פון רעכטס און פון לינקס האָבן זיך מיליאָנען פײַערן צונויפגעגאָסן אין פײַערדיקע אינזלען, וואָס האָבן פון זיך אָפּגעשלײַדערט גאַנצע כוואַליעס בלויע פלאַמען: דאָס זײַנען געווען ב א כ ו ם און ע ס ע ן. אין דער נאַכטיקער פינסטערניש האָבן אַרויסגעשטאַרצט די סילועטן פון די פאַבריק-געבײַדעס, די שוואַרצע קוימענס, פון וועלכע ס'האָבן אַרויסגעשפּאַרט גרויסע קנוילן רויט-לעכער רויך. לאַנגע צוגן האָבן זיך דורכגעשלענגלט מיט אַ געקלאַפּערײַ. די דאַמנעס האָבן פון ווײַטן געגליט, ווי פּעך-פאַקלען. פון צײַט צו צײַט פלעגט דאָס פײַער ווערן אַביסל שוואַכער, נאָר אײַנגיכן פלעגט עס מיט נאָך אַ שטאַרקערער קראַפט זיך צעפלאַקערן. אין אַזוינע מאָמענטן פלעגט זיך אויס-ווײַזן, אַז זיי לעקן דעם הימל מיט זייערע צינגער.

— אין די פרײַע שעהן אין אָוונט, — האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם דערציילן מײַן באַגלייטער, — קלעטער איך אָפט אַרויף אויפן בערגל. אין דעם בילד, וואָס צעשפּרייט זיך פאַר מײַנע אויגן, זע איך, וואָס דער מענטש קאָן אויפטאָן, און איך הויב אָן גלויבן, אַז ס'וועט קומען אַזאַ מאָמענט, ווען דער גאַנצער פלײַן, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט און טרערן פון מיליאָנען קנעכט-פּראָלעטאַריער,

וועט ווערן פאַרוואנדלט אין אַן אָרט פון פרייהייט, גלייכהייט און מענטשלעכן גליק. יאָ, איך בין אין דעם איבערצייגט.

— איך גלויב אויך,—האָב איך געזאָגט,—דאָס וועט מעקויעם ווערן!

---

1) שרייבט איבער צו זיך אין העפט די באַשרייבונג פון רורער געגנט באנאכט.

2) וואָסערע געדאַנקען רופט אַרויס באַם ארבעטער דאָס בילד פון דער רורער געגנט?

ב. גלאזמאן

אפן אקעאן

I

די שיף פון ניו-יאָרק האָט זיך געטראָגן גיך איבער די וואַסערן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. די וואסערן פון אָקעאַן האָבן זיך געהויבן. זייער ראכוועס און קראַפּס האָבן זיך אַלץ מער אנטפּלעקט, וואָס מער די יאבאַשע איז פון אויג פאַרשוואונדן.

די געמיטן פון די פּאַסאזשירן האָבן זיך צוערשט פאַרצויגן מיט א פריידיקער פייערלעכקייט. אָבער מיטן אָנקומען פון דעם אָוונט איז דאָס יאָגעוודיקע געפיל פאַרשוואונדן געוואָרן. עס האָט איצט אָנגעפילט די פּאַסאַזשירן בלויז אַן אומעטיקייט און אַן אומהיימלעכקייט. איצט איז שוין דעם ברעג לאַנג ניט געווען צו זען, די שיף איז שוין געווען אין די אינטערנאַציאָנאַלע *) וואַסערן.

צו אָוונט צו איז די שיף פארבייגעפאָרן די לעצטע יאם-שטאָט.

אַפן אויבערשטן דעק האָבן זיך צונויפגעקליבן אלע פּאַסאַזשירן און באַקוקט די באַלייכטונג פון שטאָט.

ס'האָט אויסגעזעען פון דערווייטנס: דאָרט בא די ברעגן פון א פייערדיקער שטאָט זיינען פון אָוונטיקן וואַסער ארומגעשוואומען גאַנצע קאַנאַלן און שליאכן פון ליכט און פייער. ס'האָט זיך געדוכט, דאָרט מוז זיין א גרויסער יאָנטעוו, א יאָנטעוו אין א שטאָט פון נאכאנאנדיקע פייערונגען און טאַמידער פרייד אין די גאַסן.

דערנאָך איז געוואָרן טונקעלער, און עס האָט זיך שוין מער גאָרנישט ניט געזען, ווי אָקעאַן, אָקעאַן, אָקעאַן... ריזיק גרויסע וואַסערן, וואָס ווערן וואָס אַמאָל אַלץ רוישיקער און אומהיימלעכער; כוואַליעס, וואָס ווערן געבוירן אין דער מיט פון אָקעאַן מיט א רעווען. אָבער דאָס רעווען איז געווען אַלץ בייזער און אימפּעטיקער—מיטן אנשטייגן פון דער נאַכט.

פוסט און ליידיק אַפן יאָם, ווארום סאַי די באַרקעס, יאַכטעס און מאָטאָר-שיפלעך, און סאַי די זעגל-שיפן פון די פישער-לייט, וואָס זעען זיך טאָ-

*) ווייטער פון ברעג, אין אָפענעם יאם.

מיד אָן נאָך היפּשע עטלעכע מײַלן אין יאַם אַרויס הינטער יעדן האָפן און יאַם-שטאָט, זײַ זײַנען שוין אַלע לאַנג פאַרשוואונדן פון אויג. בלויז פון צײַט צו צײַט, און וואָס אַמאָל אַלץ זעלטענער, פלעגט זיך נאָך אַ גרויסער אַטלאַנטישער אקרענט ערגעץ אין דער אַרומיקער טונקלקייט דורכטראָגן. די שיף גופא האָט מען קימאט גאָרניט ניט געזעען: דורך דער געפלדיקער מילכיקייט האָבן זיך קוים געזעען די שיפס-פײַערן, ווי אויגן פון אומגעהויערע יאַם-אקסן.

וואָס אמאָל איז אַלץ געוואָרן שטורעמדיקער. פון אַלע זײַטן האָבן געבלאָזן די סירענעס *)—דאָס האָבן די שיפן געדעוועט...

און אַלע פּאַסאַזשירן האָבן געהאַט אַלע אַזאַ מין געפיל: די יאַבאַשע איז איצט ווײַט, ווײַט פון דער שיף...

פון איצט אָן און ווײַטער הויבט זיך אָן אַ גאָר נײַ לאַנג לעבן אַמקעאַן, אויף וואסערן טונקעלע, פײַנטלעכע און אומזיכערע.

ס'האָט זיך קיינעם ניט געטראַכט, אַז שוין מאָרגן אינדערפרי האָט די שיף געדאַרפט אָנקומען צו איר ענד-ציל קיין נארפאלק, דער האפן-שטאָט.

II

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט האָט מען אין דעם פּרעכטיקן שפּײַז-סאַלאָן—אַ הויכן סאַלאָן, אין דער הויך פון צוויי דעקן, מיט צוויי רייען פענסטער איינע איבער די אַנדערע. וואו ס'האָט פונדעסטוועגן אַ גאַנצן טאָג געברענט די עלעקטריע און מע האָט זיך דאָרט דעריבער געפילט, ווי אין אַ טעאַטער בעשאַס אַ באַטאַגיקער פאָרשטעלונג—אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט, און אויך אַ היפּשן טייל פון דער נאַכט,—געהאַלטן אין איין עסן, אין איין טרינקען און אין איין טאַנצן. און ערשט העט-ווײַט נאָך האַלבער נאַכט איז מען זיך צעגאַנגען איבער די קאַיוטעס שלאָפן. און דורך אָט דער גאַנצער צײַט, וואָס מע האָט אויבן געזויפט און געשיקערט און לוסטיק פאַרבראַכט בײַ די רײַכע, שווער באַלאָדענע טישן, און אויך דערנאָך בעשאַס די טענץ,—דורך אָט דער גאַנצער צײַט האָבן די שוואַרצע באַדינער, קנעכט און שקלאַפן פון דער שיף, אַרומפויזענדיק און אַרומקריכנדיק אין זײַנע געדערים, ווי ווערים אונטער דער ערד-אויבערפלאַך, אָפּגעטאָן די גאַנצע אַרבעט. גאָר קיינער פון די ווײַסע פּריצים אין דער הויך האָט זיי ניט גאָר ניט באַמערקט, נאָר אויך ביכלאַל ניט אַ קלער געטאָן וועגן אָט די טונקעלע, שוואַרצע, פאַרשטויסענע, מיט די פינקלדיקע אויגן.

עס האָט איצטער געמוזט שוין זײַן זייער שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. מיסטאמע אַרום 3—4 אזייגער. די פּאַסאַזשירן, אויסגעפּוצטע אין פראַקן און צילינדערס, אין שורשנדיקע זיידענע קליידער, זײַנען נאָך מיט אַ שאַ צוויי צוריק געגאַנגען שלאָפן. מידע און אויסגעמאַטערטע פונם באַל, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז נאָך האַלבע נאַכט, זײַנען זיי באַלד פאַרזונקען אין אַ טויט-שלאָף.

*) סיגנאַל-פײַפלעך.

אין באַל-צימער איז געבליבן ליגן א שטילע ליכטיקייט פון די פולע, שימערירנדיקע לוסטרעס און וואַנט-לאמפן, פון די פילע הענגלעך עלעקטרישע לעמפלעך, ווי פייערדיקע ווייַנטרויבן. ביז אַזייגער צוויי באַנאַכט איז דער אקעאַן געווען שטיל, און די טאַנצנדיקע אינם באַל-סאלאָן האָבן גאָר פאַרגעסן, אז זייַנען אַפן אקעאַן, ערגעץ אין אומבאשטימטע און אומהיימלעכע וואסערדיקע מידבאריעס און ניט אין א גרויס-שטאָטישן טאַנץ-גאָרטן. נאָר איצט, אין דער שטילער, לייַדיקער ליכטיקייט, נאָך זייער אָוועקגיין, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן הערן דאָס געמורמל און רוישן פונם יאָם אָף יענער זייט שיף-ווענט.

III

פארנעמען האָט איצט געקאָנט דאָס רוישן פונם יאָם בלויז דער יונגער נעגערישער באָכער, דער אָנגעשטעלטער פיאנאָ-אקאָמפאניסט פון דער שיף, וועלכער איז נאָך ניט געגאַנגען שלאָפן. אָבער ער איז געווען צו דעם גלייכגילטיק. ער איז שוין לאַנג צוגעוואוינט געוואָרן צום דאָזיקן יאָם-רוישן, ווייל שוין פון לאנג, אַז ער פאָרט מיט דער שיף הין און צוריק אף איר יעדער רייזע. איז ער געבליבן זיצן אזוי אף זייַן ארויפגעדרייטן פיאנאָ-שטול, אָנגעשפאַרט אָן די קלאַווישן, און אין דער שטילער ליכטיקייט געטראַכט:

— א גאנצן אָוונט איז דאָך זייַן בלוט געווען אזוי אויפגערעגט, אזוי קאָכעדיק, אַז ער האָט זיך פאַר זיך זעלבסט שטאַרק געשראָקן. ער זאָל נאָך די נאָענטסטע מינוט ניט אויפשטיין, א זעץ טאָן מיט סינעדיקן קויעך אף דער פיאַנאָ און לאָזן אזוי די איבערגעשראָקענע, בלייכע, ווייסע פאָרעלעך מיט פאַרגליווערטע פאָזעס אין מיטן טאנצן. ער האָט עס אי געוואָלט טאָן, אי זיך מיט קויעך אָפגעהאַלטן דערפון, און סאָפּקאָלסאָף האָט ער עס טאקע ניט געטאָן,—עס האָט אים ניט געקלעקט דערויף קיין מוט...

און איצט איז ער געזעסן אין דער שטילער, לייַדיקער ליכטיקייט אינם פוסטן סאַלאָן—א מידער, אן אויסגעוועבטער, מיט א שטילן פארדרוס, מיט א באהאלטענעם פיין קעגן עמיצן—קעגן זיך אליין. ער האָט ניט געהאַט קיין מוט.

עס האָט זיך פאַסירט אָט וואָס:

דורכן אָוונט, בעשאַסן שפּילן, האָט ער אייניקע מאָל באַמערקט, ווי פּארוקט אין א ווינקל זייַנען געזעסן שווייַגנדיק א געזאַנג-גרופּע, זייַנע ברידער— סטודענטן פון א באקאנטן אמעריקאַנישן נעגערשן אוניווערסיטעט. פון אָט יענעם נעגערשן אוניווערסיטעט, וואָס איז בארימט מיט זייַן געזאַנג-קלוב איבערן גאַנצן לאַנד, און דערהויפּט צווישן דער נעגערשער יוגנט. איצט האָבן זיי זיך אומגעקערט צו זיך אהיים, פון א דערפאָלגרייכן קאָנצערט-טור*) איבער די אוניווערסיטעטן פון די מיזרעך-שטאַטן.

דאָס אַלץ האָט דער פיאַנאָ-שפּילער פון דער שיף געוואוסט פון די צייטונגען. זייערע בילדער האָט ער אויך געוואוסט פון די פאָטאָגראַפיעס.

*) ארומפאר.

וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די אילוסטרירטע צייטונגען. ער האָט זיי גלייך דערקאָנט, ער איז אמאָל אויך געווען א סטודענט אין די צאָפן-שטאַטן, צווישן ווייסע. אין דעם געזאַנג-קלוב פון דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט האָבן אים די ווייסע סטודענטן ניט דורכגעלאָזט, כאָטש ער האָט נאָך דעמאָלט געהאַט אזעלכע מוזיקאַלישע פעאיקייטן און א פיינע טענאָר-שטים. און צוליב פאַרדרוס האָט ער דעמאָלט געוואָרפן זיין קורס אין מיטן.

צווישן איין טאַנץ און דעם צווייטן, דורך דעם גאַנצן אָוונט, האָט ער מיט ווייטיק און פון דער זייט צוגעקוקט, ווי עס זיינען געזעסן זיינע כאַווירים, פאַררוקטע אין א ווינקל—פאַרשטויסענע, אָפּגעזונדערטע, שווייגנדיקע, פאַרשעמטע. מיט קינע האָבן זיי צוגעקוקט, באַטראַכט די יונגע און אַלטע פאַרלעך ווייסע, וועלכע האָבן געשוועבט איבערן געוועקסטן דיל פונם טאַנץ-סאַלאָן. די יונגע נעגערס האָבן זיך געריסן צו פאַרייניקן זיך מיט די טאַנצנדיקע פאַרלעך. עס האָט זיי געהויבן פון די ערטער, עס האָט זיי געריסן אין דער הויך. וואָס, וואָס—אין שפּילן, אין זינגען און אין טאַנצן האָבן זיי זיך זיכער ניט געפילט נידעריקער פון די ווייסע, אויב ניט נאָך העכער...

די רייכע, טאַנצנדיקע פאַרלעך האָבן באַמערקט אָט דעם נעגערשן כיישעק זיך אין טאַנץ אַריינגעוואָרפן. די האָזע פון די שוואַרצע האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן, די פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען געווען מערסטנטיילס סאָכרים אָדער סטאַם ליידיקגייער, האָט שטאַרק פאַרדראָסן דער בלויזער פאַרלאַנג פון די שוואַרצע, ווי קאָנען זיי זיך עס דערלויבן אזוינס אין דער אָנוועזנהייט פון ווייסע „זשענטלמענס". אך... אך...

אַז אַלע זיינען שוין געווען אין זייערע קאַיוטעס און האָבן פעסט צוגעשלאָסן די טירן הינטער זיך, האָט א ווײַלע געהערשט אַ שטילקייט.

פאַר די נעגערן איז דאָס געווען א שטילקייט פון באַפרייאונג. דער שווערער דרוק פון די פונאויבנאַראָפּיקע בליקן זיינען דערווייטערט געוואָרן. די קופּקע נעגערס אינם ווינקל האָט אָפּגעאָטעמט ברייטער, די ברוסטן האָבן זיך העכער געהויבן, די אויגן האָבן געקוקט פרייער, פרייער און ברענענדיקער.

דער פּיאַנאָ-שפּילער איז דער ערשטער צוגעגאַנגען צום קופּקעלע נעגערשע סטודענטן.

אין א קליינע ווײַלע אַרום האָט די גרופּע שוואַרצע סטודענטן שוין אַרומגערינגלט די פּיאַנאָ. זיי האָבן אַרויסגענומען פון די שיידן זייערע פאַרשיידענע סטרונע-אינסטרומענטן, זיי אָנגעשטימט ציטערדיק שטיל, און באַלד האָבן אָנגעהויבן די סטרונעס פון מאַנדאָלינעס און באַנדזשאָס אויסקלינגען אַלטע, וויינענדיקע, נעגערשע פּלאַנטאַציע*)-מעלאָדיעס. שטיל, אומזיכער, איינגעהאַלטן-ברומענדיק, ווי דאָס זשומען פון בינען אין א זומער-באַגינען.

זיי האָבן מוירע געהאַט אויפוועקן די פּאַסאַזשירן.

*) די אמעריקאַנישע פּריצים פּלעגן באַאַרבעטן זייערע פּלאַנטאַציעס מיט נעגערשע קנעכט.

IV

אַרום דער פּיאַנע איז געשטאַנען א געזעמל שווארצע, ברוינהויטיקע, שאָקאָלאדהויטיקע נעגערס. דאָרט זיינען געווען פּענימער מיט אלערליי שאטירונגען צווישן שווארץ און ווייס. נאָר אזוי ווי אָף די פּענימער איז בא זיי געווען דיזעלבע גראָבע שטריכן, דיזעלבע צוגעפּלעטשטע נאָז און פליישיקע פארקאשערטע ליפּן, האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אָט די אַלע זיינען געקנאָטן געוואָרן פון איין טייג. גאָר נאָענט צו דער פּיאַנע, אָף בענקעלעך, וואָס זיינען, ווייזט אויס, אָקאָרשט ניט לאַנג צוגערוקט געוואָרן, זיינען געזעסן שפּילער: זיי האָבן זיך געהאַלטן זייער שטייף און סטאַטעטשנע. די דאָזיקע מוזיקאַנטן האָבן מיט א קינסטלערישער פּאַרטיפּטקייט און וויכטיקייט געשפּילט אָף זייערע אינסטרומענטן—מאַנדאָלינע און מאנדאָלע, גיטארע און באנדזשאָ—די סאַמע לעצטע און נייסטע מאָטיוון.

ארום און ארום זיי האָבן זיך געשטויסן און געשטופּט די שווארצע באַדינער פון דער שיף, שווערע פיגורן זיינען געקראָבן קאָפּ אָף קאָפּ, ארויפגעלייגט קאָפּ אָף אַקסל, ברוסט אַף רוקן. זיי זיינען, אַפּאַניב, אַלע אָקאָרשט פּאַרטיק געוואָרן מיט זייער אַרבעט: ווער אין שיף-קיך, ווער אין בופעט, ווער אין די אָפּטריט-צימערן, אין די באָד-צימערן, אונטן אין די שיף-לעכער, בא דעם גרויסן פייערדיקן אויוון, און ביכלאַל אין די אלע שפּאַלטן, לעכער און געדערים פון דער שיף, וואו זיי פלעגן אין דער גאַנצער צייט פון זייער נעסיע אָפּן יאַם אַרומפּויזען און אַרומקריכן.

און איצט, אין דער שפּעטער נאַכט, זיינען זיי פון אומעטום, פון אלע ווינקעלעך און שפּאַלטן איילִיק ארויסגעקראָכן. ניט אלע פון זיי האָבן זיך נאָך באוויזן איבערצוטאָן,—זיי זיינען אַלע אַרויסגעלאָפן פלוצלינג, ווי צעפּלאָשעטע און באַאומרואיקטע, פון זייערע לעכער און שפּאַלטן, צוגעצויגענע דורך דער קישעף-מוזיק, וועלכע דער באַליבטער פּיאַנאָ-שפּילער פון דער שיף האָט אָנגעצונדן און וועלכע האָט געהאַלטן איצט, יעדע מינוט, אין רעכטן פאנאנדערפלאַקערן זיך. די קיך-ארבעטער האָבן נאָך געהאַט אָף זיך די ווייסע קיכערישע היטעלעך און פאַרטעכער. די אלטע אויפּזעער — די בלויע זשאַקעטעלעך מיט די קלינגענדיקע בינטלעך שליסלעך בא דער זייט. די קוילן-שאַרער און די הייצער פון דער מאַשינען-אָפּטיילונג אינם בויך פון דער שיף האָבן נאָך געהאַט אָף זיך זייערע קויטיקע, שוואַרצע קליידער, אָדער גאָר די צעריסענע און צעטראָטענע קאַרטאָפל-זעק, וועלכע זיי פלעגן געברויכן, ווי פאַרטעכער, אָדער ווי גרויסע קאַפּישאַנען איבער זייערע געקרייזלטע, קודלעוואטע קעפּ, און אלע, אַלע האָבן זיך געשטויסן און געטאַפּעט שווער איינער ארום דעם אַנדערן, האָבן געבלישטשעט מיט די ווייסע ציין זייערע, האָבן היסלאָוועסדיק געקייקלט די רויטלעכע אויגן-ווייסלעך זייערע, און אלע האָבן געשריען, געטומלט און ווילד געלאַכט.

און דאָס שפּילן האָט זיך וואָס אמאָל אלץ מער געשטארקט, איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער. די קופּקע איז וואָס אַמאָל אַלץ אויפגעשוואָ-

לענער געוואָרן. דער קרייז איז וואָס אמאָל אלץ גרעסער געוואָרן. צוליב די צונויפגעזאַמלטע געסט האָבן די באַנדושאַס, די גיטאַרעס און די יוקולייליעס ארויסגעקלימפּערט באַליבטע לידער. העצקערדיק, ווילד האָבן זיך ארונטערגעריסן פון די קלאַווישן זינגענדיקע, רעגנדיקע, צעטרייסלענדיקע טענער. און ס'איז געבוירן געווארן דער טאַנץ,—געבוירן געוואָרן פון דער געדיכט-אויפשוימענדיקער מוזיק...

איבער די רייכע טעפּיכער האָבן זיך געוואָרפן און געהוידעט אַף זייערע שווערע, קלאַציקע פיס, די אויוונהייצער אין די קויטיקע, אין קויל אויסגעשמירטע „קליידער", אין די צעריסענע זעק אַף די קעפּ. אין די געוועב-לעכעלעך פון די זעק האָבן נאָך געשטעקט שטיקלעך, ברעקלעך אַנטראַציט*) און געלויכטן און געשעמערירט האָבן די גרייפּלעך קוילן קעגן די עלעקטרישע פייערן, ווי די טייערע שטיינער.

דער קליינער אָרקעסטער האָט אויסגעשפּילט די דאַרדאַנעלע. מיט יעדן איווער, מיט די בליצנדיקע אויגן-ווייסלעך, מיט די שטאַרקע ציין האָבן די פאַרזאַמלטע זיך געריסן איינער אפן אַנדערן, איינער צום אַנדערן, געלאַכט, געטאָפּעט זיך איינציקווייז אַף איין אָרט, איבערגעקוליעט זיך אפן דיל אָדער אומגעוואָרפן געווארן פון דער איבעריקער מאַסע, אויפגעשטאַנען און ווידער געטאַנצט. איינער א שווארצער טייוול איז ארונטערגעלאָפן אין דער מאַשין-אָפּטיילונג, האָט ארויסגעבראַכט א לאַנגע קאָטשערע. באַלאַנסירנדיק דערמיט אין ביידע הענט, ווי א דראָט-גייער מיט זיין באַלאַנס-שטעקן, האָט ער אָנגעהויבן טאַנצן אַנטקעגן א נעגער אזא ברייטן, מיט אזא גרויסן ארויסטאַרטשנדיקן בויך. ניט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן זיך אלע געטאָפּטשעט און געשטויסן, זיך צעלייגט איבער די דיוואַנען, איבער די ווייכע שטולן, אַף די סאָפעס.

אין די זייטיקע דורכגאַנגען, אַף די אויבערשטע דעקן, וואָס האָבן ארומגערינגלט דעם טאַנץ-סאַלאָן, ווי באַלקאָנען, האָט זיך געעפנט א טיר פון איין קאַבינעט, פון א צווייטן. דערשראָקענע, פאַרשלאָפענע פאַסאַזשירן מיט באַנאַכטיק צעשויבערטע האָר: די מענער אין פּידזשאַקעס, די פרויען אין נאַכט-הייבלעך און אין לאַנגע שלאָף-העמדער, האָבן זיך איינציקווייז אָנגעהויבן ארויסרוקן פון די טירן. מיט פאַנאַנדערגעשרויפטע מיילער זיינען זיי געבליבן שטיין און אָנגעקוקט דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר זייערע אויגן.

דאָס אויסזעען פון הוליענדיקע כעוורע אונטן, פון דער מיטנאַכטיקער סימכע, האָט זיי אויסגעטשוכעט. די ווייסע, קיכערשע קעפּקעס אַף די שווארצע געקרייזלטע קעפּ; די זעק אין קוילן אויסגעשמירטע, די רויטלעכע ווייסלעך, וועלכע האָבן זיך געקאָלירט אָפּשרעקנדיק אינם עלעקטרישן ליכט; די צעוואָרפענע און פאַנאַנדערגעשפּרייטע שווארצע פיגורן אַף די טעפּיכער, אין די לענשטולן, אפן דיל, דאָס אלץ האָט זיי אויסגעזעען, ווי א שפּעט-נאַכטיקע סודע פון שיידים, פון יאַם-פאַרזעענישן, וואָס האָבן זיך ארייַנגעגאַנוועט פון

*) אזא מין סארט שטיינקויל.

די יאַם-אָפּגרונטן אהער אין שיף און באַהערשט זי, ווען די פּאַסאַזשירן זײַנען געשלאָפן.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך דערמאָנט אָן אלערליי מאַיסעס און פּאַסירונגען, וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעלייענט אין געשיכטעס,—געשיכטעס וועגן דעם, ווי מאטראָסן צעבונטעוועו זיך אפן יאם, דערהארגענען די העכערע באַאַמטע, באַראַבעווען די פּאַסאזשירן און דערטרינקען זיי... און איינאיינציקן פאַרלאַנג האָבן זיי איצט געהאַט, אז די נעגערס זאָלן זיי איצט בעסער גאָרניט באַמערקן, זאָלן זיך אײַנגאַנצן פאַרגעסן, אז עס איז דאָ אפן שיף, ניין, ביכלאַל אַף דער וועלט, אזא סאָרט מענטשן, ווי ווייסע הערשער און פּאַרשקלאַפער.

און דאָ, אין דער שטאַרקער ליכטיקייט, האָט א נעגער, וועלכער איז א מידער געלעגן שוין אָפּן דיל, צופעליק ארויפגעקוקט אין דער הויך און האָט זיי באַמערקט. ער האָט ארויסגעלאָזט א דערשראָקענעם קוויטש. באלד האָבן די איבעריקע נעגערס אויך באַמערקט די ווייסע. זיי האָבן זיך באלד אויסגעטשובעט און פון שרעק, וואָס זיי האָבן אויפגעוועקט די פּאסאזשירן, האָבן זיי זיך אַלע אײַנגייענדיק א לאָז געטאָן אַף צוריק. נאָר אזוי ווי די פיס זײַנען בא זיי געווען אונטערגעקאַשעט, און אײַנגאַנצן זײַנען זיי איצט געווען, ווי זאַנגען, וואָס שאָקלען זיך אין ווינט, האָבן זיי זיך ווידער געטאָן א לאָז אלע אײנייִנעם פאָרויס... און די פּאַסאזשירן זײַנען שוין געווען זיכער: דאָ קומט שוין זייער סאָף, די נעגערס גייען אַף זיי.

V

אינ דער הויך אַף די באַלקאָנען, אין אלע דורכגאנגען האָט זיך געלאָזט הערן א שרעקלעכע קוויטשערײַ, עס האָט זיך אָנגעהויבן א לויפעניש, א שפּרינגעניש פון די פּאַסאַזשירן איינער איבערן אנדערן, איינער אומוואַרפנדיק און אוועקשטויסנדיק דעם צווייטן, אָט ווי דערשראָקענע גראָז-שפּרינגער אנטלויפן פון א מענטשנס טראָט. אין אײַלעניש און באַגאָסענע מיט קאַלטן שווייס, האָבן זיך אַלע אַף גיך ארײַנגעלאָזט צוריק אין די קאַיוטעס ארײַן. און עס האָט זיך דערהערט א דערשראָקן פאַרקלאַפּן און פאַריגלען פון טירן, א זעצן, א שלעפּן און צושטעלן שטולן און קאַסטנס קעגן די טירן...

מע האָט זיך פון אינעווייניק פאַרבאַריקאַדירט. פון דעם געשראָקענעם געלויף פון די ווײַסע אין דער הויך האָבן זיך די נעגערס אײַנגאַנצן אויסגעניכטערט. די מערסטע שיף-באַדינער זײַנען זיך גלייך צעלאָפן. דער הויפּט-אויפזעער גופא, אויך א נעגער, האָט זיך אָפּגעטראָגן און אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט:

— שטיל זאָל מען זײַן!

און טאָמער וואָס ווען—זאָל מען לייקענען: מע איז די גאַנצע נאַכט גאָר געשלאָפן. האָבנדיק זיך באַרואיקט מיט דערדאָזיקער פאַרענטפערונג, איז מען זיך צעגאַנגען. בלויז די סטודענטן זײַנען ניט אוועק. זיי האָבן זיך נאָך ענגער צונויפגעקלעפּט ארום דער פּיאַנע, ווי א סטאַדע שעפּסלעך, וועלכע

שרעקן זיך פאַרן אַנקומענדיקן וואלף, ווי ס'האָט זיי ווײ געטאָן דער פּלוצימ-דיקער אוועקלויפן פון דעם אוילאָם!

— זיך דערשראָקן!
— אָט קנעכט!
— עמעסע שקלאַפן.

דערציילט, וואָסערע באַציאונגען האָבן געהערשט אַף דער שיף צווישן די נעגערס און די ווייסע. שרייבט איבער די אינטערעסאַנטע ערטער און טראַכט צו נעמען.

אונטערן אימפּעריאַליסטישן יאָך

דער אויסלענדישער קוואַרטאַל אין שאַנכאַי איז לויטן אויסזען אַ מין היינטצייטיקע אייראָפּעאישע שטאָט מיט פילשטאָקיקע געביידעס, מיט אַספאַלט-טראָטואַרן, רייכע האָטעלן, גרויסע קראָמען, קאַפע-הייזער, וואו עס גיסט זיך ווײַן און מוזיק שפּילט ביז שפּעט אינדערנאַכט. איבער די גאַסן טראָגן זיך ווי אַ וויכער, אַוטאָמאָבילן. אין זיי פאָרן, נאַטירלעך, די עמעסע באַלעבאַטים: ענגלענדער, אַמעריקאַנער, פראַנצויזן. און דאָ בא דער זייט, אונטער די הייסע שטראַלן פון דער גליענדיקער דאָרעם-זון, לויפט אַן אויסגעמאַטערטער ריקשע*) אָנגעטאָן אין שמאַטעס און באַגיסט זיך מיטן בלוטיקן שווייס. אינם וועגעלע זיצט אַ פינף—זעקס-פודיקער דזשענטלמען, גלאַט-געראַזירטער, אָנגעשמירטער מיט אַלערליי פּאַרפומען און שטופּט אַלע ווײַלע אונטער דעם ריקשאַ מיטן פוס אָדער מיט זיין טשעק. פאַר אָט דער אומענטשלעכער גענעט-אַרבעט באַקומט דער ריקשאַ 10—15 קאָפּיקעס קופּער-געלט, וואָס דער דזשענטלמען שטעקט מיט פאַראַכטונג אַריין אין זיין שמוציקער מאָזאָליעדיקער האַנט, אָדער ער טוט זיי אים פּאַשעט אַ וואָרף אַפן טראָטואַר. אויב דער ריקשאַ פּרוּווט זיך בעטן נאָך אַ פּאָר קאָפּיקעס פאַר אַ גרעסערן מעהאַלעך, באַקומט ער פונם אויפגעבראַכטן איידעלן אייראָפּייער פאַר אַזאַ האָזע אַ צו-גאָב—אַ פּאָר פּעטש אין באַק. אַזעלכע ריקשעס זיינען אין שאַנכאַי פאַראַן 15.000, אויסער די ריקשעס, וועלכע שלעפּן מאַסאָעס און פאַרבייטן אַ בינ-דיוהע אָדער אַ מאַסע-אויטאָמאָביל. זיי לאָדן אָן אַ 200 פּוד מאַסע און שלעפּן זיך עטלעכע מענטשן, קרעכצנדיק און אונטעררייסנדיק זיך אונטער דער שווערער לאַסט. אַזעלכע געפינט איר אויך אין שאַנכאַי אין די טויזנטער.

איצט וועלן מיר אַריין אין אַ טאַבאַק-פאַבריק. טאַבאַק-פאַבריקן זיינען אין שאַנכאַי פאַראַן עטלעכע צענדליק,—די לופט איז דאָ אַזאַ שטיקנדיקע, אַז דו כידעשסט זיך, ווי אַזוי קענען דאָ מענטשן אַרבעטן צו 12—15 שאָ אין מעסלעס. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען נאָך מינדעריעריקע און קינדער. זיי באַקומען פאַר זייער אַרבעט אַ נישטיקן לוין. דאָסזעלבע זעט איר אויך

*) אַ כינעזישער וועגעלע-פירער.

אַף די זייד,- טעקסטיל,- געוואַנט- און אַנדערע פֿאַבריקן. די גרויסע אַרבעטס-לאָזיקייט, די טויזנטער, וואָס שטייען באַ די פֿאַבריק-און זאַוואָד-טויערן בעטן אַרבעט און זיינען גרייט פֿאַר גראָשנס פֿאַרקויפֿן זייער שווערע מי,— דאָס צווינגט די אַרבעטער צו ליידן די שטראָפֿן, באַליידיקונגען און געשלעגן, איינ-האַלטן דעם ברוטאַלן דעם ברויזנדיקן צאָרן.

אָט האָט זיך געענדיקט דער אַרבעטסטאָג, גייט דער כינעזישער אַרבע-טער—אַ מידער, אַן אויסגעמאַטערטער אַהיים אַף רו. מע זאָגט, אַז אין אייראָפּע זיינען כאַזיירים-שטאַלן ציכטיק, ליכטיק, גראַם און איינגעאָרדנט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, קעדיי דעם כאַזער זאָל זיך גרינג לעבן. דער כינעזישער אַרבעטער מעג מעקאַנע זיין דעם אייראָפּעאישן כאַזער. אין אַ קליין צימערל פֿון 20 קוואַדראַטנע אַרשין וואוינען 10—12 מענטשן און אַמאָל נאָך מער. נאַטירלעך, באַ אַזעלכע וואוינונגס-באַדינגונגען זיינען שמוץ און שווערע לופֿט שטענדיקע באַגלייטער פֿון דעם כינעזישן אַרבעטער. פֿאַר די וואוינונגען צאָלן נאָך די אַרבעטער גרויסע דירע-געלט.

ווי אַזוי שפּייזט זיך דער שאַנכאַיער אַרבעטער? אויך דאָ קאָן מען אָן אַ גוזמע זאָגן, אַז ער וואָלט געמעגט מעקאַנע זיין דעם אַמעריקאַנער הונט. און אין די רייכע קוואַרטאַלן פֿרעסן און זויפֿן די, וועלכע זויגן אויס אַלע געזונטע זאַפֿטן פֿונם שאַנכאַיער אַרבעטער.

די געשעענישן פֿון דער לעצטער צייט אין כינע באַווייזן, אַז איבערן גאַנצן לאַנד האָט אויפֿגעוואַקסט דער פֿאָלקס-צאָרן, באַ די אַרבעטער-מאַסן וואַקסט דער קלאַסן-געפֿיל. די כינעזישע לערן-יוגנט האָט זיך אויך אַריינ-געגאָסן אינעם שטראָם פֿון דער פֿאָלקס-באַוועגונג. אַף מיזרעך האָט זיך אָנ-געצונדן אַ העל-רויטער שטערן, וואָס ווייזט דעם כינעזישן פֿאָלק דעם וועג צו באַפֿרייאונג.

פּאַריזער קאָמונע

I

אין 1870 יאָר האָט צווישן פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד אויסגעבראָכן אַ מילכאָמע. די פֿראַנצויזישע אַרמייען האָבן געליטן שרעקלעכע מאַפּאָלעס.

דעם 4 סענטיאַבער 1870 איז די פֿראַנצויזישע אַרמיי, בעראָש מיטן קייסער נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון די דייטשישע אַרמייען און גענומען געוואָרן אין געפֿענגעניש.

די דייטשישע אַרמיי האָט זיך ראָש אַ לאָז געטאָן אַף פּאַריז. דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק האָט אַראָפּגעזעצט דעם שולדיקן אין דער מילכאָמע און אין דער מאַפּאָלע נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, אויסגעקליבן אַ נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג און דערקלערט פֿראַנקרייך פֿאַר אַ רעפּובליק. די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג האָט פֿון אירע מיטגלידער אויסגעווײלט אַ רעגירונג. דערדאָזיקער רעגי-

רונג האָט מען א נאָמען געגעבן „די רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג". און איר האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק אָנגעטרויט די פאַרטיידיקונג פון פראַנקרייך.

נאָר פאַרטיידיקן זיך דאַרף מען מיט באַוואָפנטע ארמייען. די אַרמיי אָבער איז געווען טיילווייז אין געפענגעניש באַ די דייטשן און טיילווייז באַלאַגערט פון די דייטשן. האָבן די ארבעטער און באַלמעלאָכעס פון פּאַריז אָרגאַניזירט א נאַציאָנאַלע גוואַרדיע און זי באַוואָפנט אפן אייגענעם כעשבן מיט ביקסן און אַרטילעריע. אַז די „רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג", וואָס איז באַשטאַנען דורכויס פון קאַפּיטאַליסטן, האָט דערזעען פאַר זיך א באַוואָפנט פאָלק, האָט זי זיך פאַר אים דערשראָקן. א קאַשע אַף א מאַיסע, די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע קאָן נאָך אָפּהאַלטן א ניצאָכן איבער די דייטשן און דערנאָך זיך א קער טאָן מיט דעם געווער קעגן דעם רייכן קלאַס פון פראַנקרייך. וואָס טוט זי? נעמט זי און פאַרטיידיקט זיך אליין. מאַכט שאָלעם מיט דייטשלאַנד און גיט איר אָפּ די שטאָט פּאַריז מיט דער צוויימיליאָניקער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער עס געפינט זיך א האַלבער מיליאָן ארבעטער.

דעם 1 מאַרט האָט דאָס דייטשישע מיליטער, לויטן אָפּמאַך, פאַרנומען די עק שטאָט פון פּאַריז, וואו ס'איז דאָ אסאַך סטעדער און סקווערן. שפּאַצירן זיך דאָרט ארום די דייטשישע סאָלדאַטן אין די סקווערן, אָבער אין שטאָט גופע רוקן זיי זיך ניט.

די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, וואָס באַשטייט פון פּראָלעטאַריער, איז באַוואָפנט און פילט אויס מיט שטאָלץ איר פליכט, וואָס די באַפעלקערונג האָט אַף איר ארויפגעלייגט — פאַרטיידיקן פּאַריז. און דאָס דייטשישע מיליטער? 131 טעג האָבן זיי באַלאַגערט פּאַריז, אַרמיי נאָך אַרמיי געגומען געפאַנגען, נאָר איצט פילן זיי זיך אליין, ווי באַלאַגערט, גייען ניט ארויס אַף קיין איין טריט ווייטער פון די גרעניצן, וואָס די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיי געשטעלט. זיי פילן, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט א שטאָלצן סוינע, מיטן באַוואָפנטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט דאָס לאַנד ניט פאַראַטן.

די בורזשואַזע רעגירונג אָבער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג" האַלט אין איין זוכן מיטלען, ווי אַזוי פּאָטער צו ווערן פון דעם עמעסן נאַציאָנאַלן פאַרטיידיקער — פון דעם באַוואָפנטן פּראָלעטאַריאַט.

באַנאַכט אפן 18 מאַרט 1871 יאָר האָט די רעגירונג (אָנגעפירט מיט דער רעגירונג האָט טיער) ארויסגעשיקט סאָלדאַטן אָפּצונעמען באַ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע די האַרמאַטן און אָפּגעבן זיי די דייטשן. די ארבעטער און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָבן די האַרמאַטן ניט געוואָלט ארויסגעבן, און ס'איז אוועק א שיסעריי צווישן דעם רעגירונגס-כאַיל מיט דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. גאַנץ פּאַריז איז אויפגערעגט געוואָרן פון אזא פאַראַט מיצאַד דער רעגירונג און מע האָט זיך גענומען צום געווער. דער באַוואָפנטער פּראָלעטאַריאַט האָט געזיגט. די בורזשואַזע רעגירונג איז אנטלאָפן פון פּאַריז אין דער שטאָט ווערסאַל, 30 וויאָרסט הינטער פּאַריז.

II

פאַריז האָט אויסגעקליבן א קאָמונע. אין וועלכער ס'זיינען אריין פאָרשטייער פון ארבעטער, האַנטווערקער, אינטעליגענץ און קליינע הענדלער. דאָס איז געווען די ערשטע ארבעטער-רעגירונג אף דער וועלט. אָט די ארבעטער-רעגירונג איז באַוואוסט אונטערן נאָמען: פאַריזער קאָמונע.

די קאָמונע האָט זיך גלייך געווענדעט צו אלע ארבעטער פון די איבעריקע פראַנצויזישע שטעט, אז זיי זאָלן מיט געווער אין די הענט אראָפּווארפן די פאָרשטייער פון דער בורזשואזער רעגירונג, אויסקלייבן קאָמונעס און פאַרייניקן זיך מיט פאַריז.

אָבער פאַריז איז געווען באלאגערט פון די דייטשן און טיערס מיליטער, און פאַריזער קאָמונע האָט זיך ניט געקענט פארבינדן מיט די איבעריקע שטעט פון פראנקרייך, און אזוי איז פאַריז געבליבן אָן פאַרבינדונג, אָן הילף מיצאַד די ארבעטער פון אנדערע שטעט.

די קאָמונע, אַלס אן אַרבעטער-רעגירונג, האט ארויסגעגעבן א גאַנצע ריי דעקרעטן אף צו פארגרינגערן די לאַגע פון די אַרבעטער און איינשטעלן א נייע ארדענונג. אט זיינען אייניקע פון די דעקרעטן.

2/IV. א דעקרעט וועגן אויסגלייכן דאס געהאַלט פון די באַאַמטע און די מיטגלידער פון דער רעגירונג מיט דעם געהאַלט פון אן אַרבעטער.

3/IV. א דעקרעט, אז די קירכע ווערט אפגעטיילט פון דער מעלוכע. דאס הייסט, אַז אַף אויסצוהאַלטן די קלויסטערס מיט די גאלאכים און אנדערע קלייקוידעש גיט די מעלוכע קיין גראשן ניט. די הייליקע בילדער דאַרפן פון די שולן און פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן באַזייטיקט ווערן.

16/IV. א דעקרעט וועגן די פאַבריקן, וואס זייערע אייגנטימער זיינען אַנטלאָפן געווארן צוזאַמען מיט דער רעגירונג, אז זיי גייען איבער צו די ארבעטער, וועלכע האבן געאַרבעט אף זיי.

20/IV. א דעקרעט וועגן אפשאפן נאַכט-ארבעט בא די בעקער.

24/IV. רעקווירירן די ליידיקע דירעס פאַר די אַרבעטער.

אויסער דעם האט די קאמונע באַפרייט די אָרימע באַפעלקערונג פון צאלן דירע-געלט די באַלעבאַטים פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט פון אָקטיאבר ביז אַפּרעל. די קאמונע האט אויך אומגעקערט אומזיסט די זאַכן פון דער ארימער באַפעלקערונג, וועלכע זי האט פארזעצט אין די לאמבארדן און ניט געקאנט אויסלייזן צוריק. זי האט אויך באשטימט פענסיע פאַר אַרבעטסלאזע און פאר די קעמפער פון דער נאַציאנאַלער גוואַרדיע אין דער מאס פון א געוויינלעכן אַרבעטס-לוין.

מערער אויפטאן האט די קאמונע ניט געקאָנט. פאַריז איז פון אַלע זייטן געווען באַלאַגערט, און די גאנצע קויכעס אירע האט די קאמונע געמוזט פאַרשווענדן אין שלאַכט מיט די אַרמייען פון דער ווערסאַלער רעגירונג.

די ווערסאַלער רעגירונג האט באַמבאַרדירט פאַריז, האט צוגעזאגט די

דייטשן א גרויסע סומע געלט און גענומען פיר פראַנצויזישע פּאלקן, וועלכע זיינען געווען בא זיי אין געפענגעניש, און איז מיט זיי אַוועק אף פּאַריז. די דייטשישע סאלדאַטן, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום פּאַריז, האבן מיטגעהאלפן די ארמייען פון ווערסאַלער רעגירונג אריינגרייסן זיך אין שטאט.

דעם 21 מאַי איז אוועק א בלוטיקער שלאַכט צווישן די קאמונאַרן און די ווערסאלער אף די גאַסן פון פּאַריז. אַכט טעג נאכאנאנד האבן זיך די קאַ-מונארן געשלאגן מיט די ווערסאלער. די ווערסאלער האבן געהאַרגעט ווע-מען זיי האבן נאר געטראפן: יונג און אלט, קליין און גרויס, פרויען און מענער אָן קיין שום ראַכמאָנעס.

די קאָמונאַרן האָבן געליטן הונגער, אָבער העלדיש זיך פאַרטיידיקט. העכער 540 באריקאדן האָבן זיי אויפגעבויט. נאָר די קרעפטן פונם סוינע האָבן זיך אלץ פאַרגרעסערט. פון די ארומיקע פראָווינצן זיינען צוגעקומען אלץ נייע אַרמייען אף צו דערשטיקן די רעוואָלוציע, און די קאָמונאַרן האָבן קיין הילף פון קיינעם ניט געהאַט.

דעם 28 מאי זיינען די קאָמונאַרן צוגעשטופּט געוואָרן צו דער וואַנט פונם בייסאַלמען פּער-לאשעז און דאָרטן איז פאָרגעקומען די לעצטע שלאַכט צווישן די קאָמונאַרן און ווערסאַלער. די קאָמונע איז געפאַלן. און די בור-זשואזיע האָט זיך גענומען אָפּרעכענען מיט די ארבעטער. 3000 געשאָסן און 13.000 פאַרשיקט און פאַרזעצט אין די טורמעס.

72 טעג האָט די קאָמונע עקזיסטירט. בא 72 טויזנט קאָמונאַרן האָבן באַצאָלט פאַר איר מיט זייער לעבן, און ניט אומזיסט. אף זייער העלדישקייט און אף זייערע פעלערן האָט זיך געלערנט דער ארבעטער-קלאַס אין רוסלאַנד באַקעמפן די בורזשואזיע און האַלטן הויך די רויטע פאָן, די פאָן פון פאַריזער קאָמונע.

שטעלט צונויף א פּלאַן פון דעם איבערגעלייענטן.

קארל מארקס

די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן אָפּגעשטעמפּלט ,מיט גאָלד צוויי פאַרשטויבטע פענסטער אף דער וואַנט פון א טאַבאַק-וואַרשטאַט, וואו דער אַלטער האַנס פּריטשע האָט, אונטערזינגענדיק א פרייהייטס-ליד, געאַרבעט צו-זאַמען מיט נאָך א יונגן אַרבעטער. אפן וואַנט איז געהאַנגען א גרויסער פאָרטרעט. דער יונגער ארבעטער האָט זיך טיף פאַרטראַכט אפן פאָרטרעט און א זאָג געטאָן:

— אַך, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט עפּעס הערן וועגן אים!

— טייערינקער! — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער. — דאָס איז געווען א זעלטענער מענטש, איינער פון די זעלטנסטע מענטשן אף דער וועלט.

— און איר, האַנס, זייט געווען באַקאַנט מיט אים פערזענלעך, געדריקט זיין האַנט און גערופן כאַווער?

— אָ, טייערער! הונדערטער מאָל זיינען מיר געזעסן צוזאַמען און געשמועסט און פאַרבראַכט בא א גלעזל טיי.

— אַך, ווי גליקלעך וואָלט איך זיך געפילט! איך וואָלט, דאַכט זיך, פון זינען אראָפּ פון אזוי פיל גליק הערן אים, ריידן מיט אים, אָנרירן זיך צו דער האַנט, וועלכע האָט אָנגעשריבן אזעלכע ביכער, אזעלכע גרויסע עמעסן פאַרן ארבעטער-קלאַס! אַפילע איצטער גייט מיר דורך א פרייד-ציטער איבער מיין גאַנצן לייב, ווען איך ריר זיך אָן אָן אייער האַנט און דערמאָן זיך, אַז דידאָזיקע האַנט האָט געדריקט זיין האַנט!

געבוירן דעם 5-טן מאי 1818.
געשטאָרבן דעם 14-טן מארט 1883.

— נו, מיין אלטע האַנט איז דאָ גאָרניט, — האָט א שמייכל געטאָן האַנס. — געניאַליטעט איז ניט קיין אָנשטעקנדיקע קרענק און קלעפּט זיך ניט צו פון אָנרירן זיך מיטן האַנט.

— דערציילט עפּעס וועגן אים! — האָט אָנגעהויבן בעטן דער יונגער אַרבעטער, — דערציילט, ווי אַזוי האָט ער אויסגעזעען, ווי אַזוי האָט ער גע-רעדט, — דערציילט אַלץ!

— אויב דיר ווילט זיך שוין יאָ אַזוי שטאַרק, טאָ הער מיט קאָפּ. מיין טאַטע איז געווען א שוסטער, און איך פלעג אָפט אָפּטראָגן די פאַריכטע שיך צו זיי אהיים. און דעמאָלט האָבן מיר זיך באַקאַנט. קאַרל איז געווען א

קוטשעראַווער, אַ פּולינקס און אַ לעבעדיקס קינד. מיר האָבן זיך ביידע געלערנט אין איין שול. קאַרל איז געווען דער בעסטער שילער. אַלע האָבן אים ליב געהאַט. ווייַ, ווייַ, וואָס פאַר אַ מאַיסעס ער פלעגט דאָס אונז אָנדערציילן! היינט זיינע לידלעך, וואָס ער פלעגט שרייבן! אַלע אינגלעך און מיידלעך פלעגן זיי זינגען.

איך האָב די שול ניט פאַרענדיקט, ווייל איך האָב געמוזט גיין פאַרדינען. קאַרל אָבער האָט די שול פאַרענדיקט. אוועקגעפאָרן אין בערלין און אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט.

ס'איז דורך עטלעכע יאָר, און איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אויף אַ מיטינג. קאַרל מאַרקס איז ניט געווען פון די גרויסע רעדנער. נאָר גערעדט האָט ער דייטלעך, איינפאַך און צו דער זאַך. זיין רעדע איז קיין איינמאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַפּלאָדיסמענטן. מע האָט אים אויסגעהערט אין אַ טיפן שווייגן. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיין רעדע איז געווען ניט קיין געלונגענע.

נאָר אויף מאָרגן, אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, וואָס ס'איז געווען אויפן מיטינג, האָב איך פון אַלע רעדעס פאַרגעדענקט בלויז קאַרל מאַרקס רעדע. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט די איבעריקע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר אין וואַרשטאַט. אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו ריידן וועגן מיטינג, האָבן זיי נאָר געדענקט און באַהאַנדלט די רעדע פון קאַרל מאַרקס. אַזאַ טיפן איינדרוק האָט קאַרל מאַרקס געקאָנט מאַכן מיט זיינע איינפאַכע ווערטער.

אַז דער מיטינג האָט זיך געענדיקט, האָב איך שוין געקלערט אוועקגיין אַהיים. איך האָב זיך עפּעס געשעמט און עפּעס ווי מוירע געהאַט צוצוגיין צו אַזאַ גרויסן און וויכטיקן מאַן, ווי דאָקטאָר קאַרל מאַרקס. אָבער ער האָט מיך באַמערקט און אַ רוף געטאָן באַם נאָמען: „וואַרט צו אַ ווייַלינקע, האַנס!" און דערנאָך צוגעגאַנגען און דערלאַנגט מיר ביידע הענט, און גלייך מיך פאַרגעשטעלט פאַר די פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: „אָט דאָס איז מיין טייערער כאַווער, האַנס פּריטשע".

מיר זיינען אַלע אַוועק אין אַ רעסטאָראַן צובייסן. איך האָב זיך אַפילע אַביסל אונטערגעשעמט, מוירע געהאַט ניט אויסזעען ווי אַ נאַר צווישן אַזעלכע קלוגע און געלערנטע מענטשן. נאָר איך בין פונדעסטוועגן מיטגעגאַנגען.

אַך, ווען דו וואָלסט, טייערינקער, געהערט, ווי אַזוי קאַרל מאַרקס האָט מיט זיי גערעדט! ווי אַזוי ער האָט דאָס דערוויזן, אַז די בורזשואַזע אָרדענונג מוז פאַלן!

איינער פון זיי האָט אַלץ געהאַלטן אין איין טאַינען, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט פון אַן ענדגילטיקער רעוואָלוציע: „נאָר אַ בלוטיקע און באַלדיקע רעוואָלוציע וועט באַפרייען דעם אַרבעטער-קלאַס" — האָט ער געזאָגט.

קאַרל מאַרקס האָט אַ שמייכל געטאָן און רואיק געענטפערט:

— יאָ, אַ רעוואָלוציע וועט זיין, זי מוז זיין, ווייל אַנדערש קאָן ניט זיין, אָבער נאָך ניט אזוי גיך, יאָ, נאָך ניט אזוי גיך: דער אַרבעטער-קלאַס מוז פריער שאַפן אַ פעסטע אָרגאניזאציע, אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי, די רעוואָלוציע זאָל האָבן אַ פעסטן פונדאַמענט און זאָל ניט זיין קיין געביידע אַף זאַמד. נאָר שוועמלעך וואַקסן אויס פאַר איין נאַכט. אָבער זיי לעבן טאַקע מער ניט ווי איין טאָג. אַ דעמב, פאַרקערט, וואַקסט הונדערטער יאָרן, און דערפאַר אָבער לעבן דעמבעווע וועלדער טויזנטער יאָרן. מיר דאַרפן זיין ענלעך אַף אַ דעמב און ניט אַף אַ שוואם.

ווען אַלע זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז ער מיט מיר אַוועק אין דער רעדאַקציע פון דער „ריינישער ציימונג”. דעמאָלט האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, אַז ער איז דער רעדאַקטאָר פון אָט דער ציימונג, און אז ער שרייבט אין איר אַרטיקלען, אין וועלכע ער פאַרטיידיקט די ארבעטער און אלע אונטערדריקטע און פאַלט אָן אַף דער רעגירונג. מיט פאַרוואונדערונג האָב איך געקוקט אַף אים, ווי פון אַ קליין אינגל, מיט וועלכן מיר האָבן זיך צוזאַמען געשפילט, איז אויסגעוואקסן אַזאַ געלערנטער און געבילדעטער מענטש, און איך האָב זיך אָנגעהויבן שעמען און פילן עפּעס אַ מין פאַרכטיקייט פאַר אים. נאָר אינגיכן האָט מאַרקס מיט זיין כאַווערשן האַלטן זיך מיט מיר פאַר-טריבן מיין שעמעוודיקייט און פאַרכטיקייט, און מיר האָבן, ווי גלייכע כאַ-ווירים, מיט גרויס פאַרגעניגן פאַרבראַכט די צייט אין ערינערונגען פון אונ-זערע קינדערשע יאָרן.

פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך אָנגעהויבן באַגעגענען מיט אים גאַנץ אָפּט.

שפּעטער, אז די רעגירונג האָט פאַרמאַכט די „ריינישע ציימונג” פאַר אירע רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען, איז קאַרל מאַרקס אַרויסגעפאָרן פון דייטשלאַנד אין פראנקרייך און זיך באַזעצט אין פאַריז. דאָס איז געווען אין 1843 יאָר.

פון צייט צו צייט פלעג איך באַקומען ווענן אים יעדיעס, און דערנאָך האבן מיר אָנגעהויבן באַקומען די ציימונג „פאָרווערטס”, אין וועלכער קאַרל מאַרקס און אנדערע באוואוסטע שרייבער און רעוואָלוציאָנערן האבן געשריבן. אינגיכן אָבער האט די רעגירונג אויך דידאָזיקע ציימונג פאַרמאַכט און מאַרקסן און נאָך אייניקע זשורנאליסטן אַרויסגעשיקט פון פראנקרייך פאַר זייער רע-וואָלוציאָנערער טעטיקייט.

קארל מאַרקס האט זיך באזעצט אין בריוסעל (בעלגיע).

אין א קורצער צייט ארום האבן אין אונזער קלוב געגומען אָנקומען בריוו מיט א בימע צושיקן קארל מאַרקס אדרעס. די בריוו זיינען געווען פון פרידריך ענגעלס, נאָר איך האָב דעמאָלט ניט געוואוסט, ווער ער איז, און מיר האָבן, געוויינלעך, מאַרקס אדרעס ניט אויסגעזאָגט, ביז מיר האָבן זיך ניט דערוואוסט, אז ענגעלס איז מארקס א כאווער.

די מאטעריעלע לאגע פון קארל מארקסן איז דעמאָלט געווען זייער א געדריקטע, נאָר קיינער פון אונז האט ניט געוואוסט. ער האט ניט ליב

געהאט, מע זאָל וועגן דעם וויסן. נאָר ענגעלס, דערוויסנדיק זיך זיין אַד־רעס, האָט אים אַרויסגעשיקט אַביסל געלט, וועלכע איז אים גאַנץ גוט צונוץ געקומען.

אין 1847 יאָר האָבן מיר זיך ווידער באגעגנט. נאָר דאָס איז שוין פאָר־געקומען אין לאָנדאָן.

אין די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס האט זיך דעמאָלט געפירט אַן אַגיטאַ־ציע פאָר שאַפן אַ צווישנפעלקערלעכע פאַריייניקונג פון אלע ארבעטער, דאָס הייסט, אַן ארבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, און קאַרל מאַרקסן האט מען איינגע־לאַדן אויסארבעטן די פּראָגראַם פון אָט דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין לאָנדאָן איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנגרעס (צוזאַמענפאָר) אויף צו באטראַכטן די פּראָגראַם, וואָס מאַרקס האט אויסגעאַרבעט. מיינע כאַווערים האָבן מיך דע־לעגירט אהין צו באטייליקן זיך אין דעם קאָנגרעס. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טייערינקער, קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן די צען טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אַפן קאָנגרעס!

קאַרל מארקס האט געלייענט די פּראָגראַם, וואָס איז דערנאָך אָפּגע־דרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט". מאַרקס איז געווען פול מיט באגייסטערונג. מיר אַלע זיינען געזעסן, ווי פאַרקישעפטע. טרערן האָבן זיך געקייקלט בא מיר פון די אויגן פון אַנטציקונג. און ניט נאָר בא מיר אליין. און אז ער האָט פאַרענדיקט לייענען די לעצטע שורע: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַרייניקט זיך!", האָט אַ דונער פון אַפּ־לאַדיסמענטן גענומען טרייסלען די שויבן. מיר האָבן געפּאַטשט ביז מע־שוגע צו ווערן. איך בין ניט בעקויעך געווען צו באַהערשן מיין אנט־ציקונג און האָב זיך אַ וואָרף געטאָן מאַרקסן אַפן האַלז און הייס גענומען אים קושן.

מאַרקס האָט דאָס ניט ליב געהאט און פלעגט זיך שטענדיק פילן ניט גוט, ווען מע האט אים אָפּגעגעבן קאָוועד.

קאַרל מארקס האָט אונז אין יענעם טאָג באוויזן, ווער ער איז און וואָס ער איז. אַלע אַרבעטער פון אלע לענדער דאַרפן זיך פאַרייניקן און דער־הויפּט—פאַרייניקן. און אז מיר זיינען זיך אינאווונט פאַנאַנדערגעגאַנגען פון קאָנגרעס, האָבן מיר נאָר געהאלטן אין איין ריידן וועגן דעם, אז די ארבע־טער מוזן זיך פאַרייניקן.

געווען זיינען דאָרטן אויך אייניקע היציקע קעפּ אָן אַ קאָפּ געדולד, וואָס האָבן זיך געקאָכט און געטאַינעט, אז מע מוז שוין אַרויספירן די אַרבעטער אין שלאַכט און טאקע שוין מאַכן אַ רעוואָלוציע.

נאָר מאַרקס איז געווען צו קלוג און האָט צו גוט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט „מאַכן אַ רעוואָלוציע", וואָס הייסט צונעמען די מאַכט בא איין קלאַס, בא דער בורזשואזיע, און איבערגעבן זי אַ צווייטן קלאַס, דעם פּראָלעטאַריאַט. און ער האָט דעריבער געהאלטן, אז ס'איז זייער שווער זיך פאַרצושטעלן, אז אַ קליין הייפעלע ניט קיין אָרגאַניזירטע אַרבעטער זאָלן צעקלאַפּן אין אַן אָפענעם שלאכט אַן אָרגאַניזירטן פיינט, גוט באוואָפנטע, געמושטירטע און דיס־

צופּליגירטע גרויסע מאַסן אַרמייען פון די קאַפּיטאַליסטן און זיך דערשלאָגן צו עפּעס. ווער עס מיינט אזוי, הייסט, אז ער האָט אַ קנאַפּע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס רעוואָלוציע.

דער אַלטער האנס איז אנטשוויגן געוואָרן. די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך אויסגעלאָשן און די גאָלדענע פענסטער אָפּן וואַנט זיינען פאַרשוואונדן. אין ווארשטאַט איז געוואָרן טונקל.

דער אַלטער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און מיט אַ באזונדער ליבע פאַרקוקט זיך אָפּן קליינעם פּאָרטרעט, וואָס איז געשטאנען אָפּן טיש.

— דו, טייערער, — האט דער אַלטער איבערגעריסן די שטילקייט, — האָסט געהערט וועגן אינטערנאציאָנאל. אָט אָף דער קאַרטע איז מאַרקס אַראָפּגענומען אקוראט דעמאָלט, ווען דער אינטערנאציאָנאל איז געגרינדעט געוואָרן.

מאַרקס האט די גאנצע צייט זיינע אָפּגעגעבן דעם אינטערנאציאָנאל. גענומען אַן אקטיוון אָנטייל אין אלע מיטינגען. געוועזן פּאָרזיצער אָף די מיטינגען און אויסגעאַרבעט פּראָגראַמען און פאָדערונגען.

די לעצטע יאָרן פלעג איך זיך זייער אָפּט זען מיט מאַרקסן.

— איך מוז פאַרענדיקן מיין בוך „קאַפּיטאַל“, — האָט מיר איינמאָל מאַרקס געזאָגט אָפּן שפּאַציר. — קיין מער וויכטיקערע זאַך פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, האַלט איך, האָב איך ניט געטאָן, און אויב איך וועל מיין ווערק ניט פאַרענדיקן, וועט קיין אַנדערער פאַר מיר די אַרבעט ניט אָפּטאָן. און צוליב דעם אַליין ווילט זיך מיר אזוי לעבן, ווי שמערצלעך עס זאָל מיר ניט זיין יעדער אָטעם מיינער.

איך דאַרף דיר זאָגן, אז די לעצטע יאָרן זיינע האָב איך אים געזען קימאט שטענדיק אַ קראַנקן, אין בעט. און קראַנקערהייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט שרייבן זיין „קאַפּיטאַל“. אָבער דער טויט האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט (דעם 14 מאַרט 1883 יאָר).

נאָך זיין טויט האָט זיין בעסטער כאַווער און פריינט פרידריך ענגעלס געבראַכט אין אָרדענונג דעם II און III באַנד „קאַפּיטאַל“.

דו ווייסט גאָרניט, טייערער, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַרן אַרבעטער־קלאַס, וואָס ענגעלס האָט זיך גענומען פאַר דערדאָזיקער אַרבעט. קיין אַנדערער וואָלט דאָס ניט געווען בעקויעך צו טאָן. מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען אַזוי ווי אַ צווילינג. אייניקע כאַווירים פלעגן זיי אין די אויגן רופן: „דער צווילינג“. אָבער ניט מאַרקס און ניט ענגעלס האָבן זיך קיינמאָל ניט געפונען באַליידיקט פון דעם.

מאַרקס גוטע פריינט האָבן זיך געקליבן שטעלן אים אַ דענקמאָל פון בראָנזע. נאָר דאַרף דען מאַרקס אַ דענקמאָל? זיין שאַפונג איז אים דער בעסטער דענקמאָל. און קאָלזמאָן עס וועט זיך פירן דער גרויסער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונם אַרבעטער־קלאַס, וועט שטענדיק באַ יעדערן אין האַרצן לעבן דער נאָמען פונם גרויסן מענטשן און גרויסן כאַווער — קאַרל מאַרקס.

א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל

שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט,
דער גייסט ער קאָכט, ער רופט צו וואפן,
אין שלאַכט אונז פירן איז ער גרייט.

די וועלט פון גוואַלטהייטן און ליידן
צעשטערן וועלן מיר, — און דאַן
פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גאַניידן
באַשאַפן וועט דער אַרבעטס=מאַן.

דאָס איז שוין אונזער לעצטער
און אנטשיידענער שטרייט,
מיט דעם אינטערנאציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטס=לייט.

ניין, קיינער וועט אונז ניט באַפרייען,
ניט גאָט אליין און ניט קיין העלד,
מיט אונזער אייגענעם קלייזאַיען
אַ רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.

אַראָפּ דעם יאָך, גענוג געליטן,
גענוג פאַרגאָסן בלוט און שווייס.
צעבלאָזט דאָס פייער, לאָמיר שמידן,
קאָלזמאַן דאָס אַייזן איז נאָך הייס.

דאָס איז שוין אונזער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט,
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר ארבעטס-לייט.

דער אַרבעטס=מאַן וועט זיין מעמשאָלע
פאַרשפרייטן אף דער גאַנצער וועלט,
און פאַראַזיטן די מאַפאָלע
באקומען וועלן פון זיין שווערד.

די גרויסע שטורעם-טעג זיי וועלן
נאָר פאַר טיראַנען שרעקלעך זיין,

זיי קאָנען אָבער ניט פאַרשטעלן
פאַר אונז די העלע זונען-שיין.

דאָס איז שוין אונזער לעצטער
און אנטשיידענער שטרייט,
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף, איר אַרבעטס-לייט.

א. פעפער

קאָמסאָמאָלעץ

סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפּאָליע,
מיט הייסן בלוט און הייסן לייב צעבליט —
כ׳בין אומעטום אַ הייסער קאָמסאָמאָלעץ
מיט יונגע
זינגענדיקע טריט.

אין פעלד, אין דאָרף, אין רויכן און אין שאַכטן,
וואו יעדער שאָ איז גרייט פאַר נייעם גליק —
דער הייסטער מיטן שווערד אין יונגע שלאַכטן,
דער הייסטער —
מיטן האַמער אין פאַבריק.

אין טעג אַזוינע יונגע,
אין טעג פון פראָסטן וואונדער,
אין יעדן שפּאַן אף אונזער גרויסער ערד —
נאָר מיר, נאָר אונז, נאָר באָרוועס גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע
צעשיסן איז באַשערט.

סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפּאָליע,
מיט הייסן בלוט און הייסן לייב צעבליט —
כ׳בין אומעטום אַ הייסער קאָמסאָמאָלעץ
מיט יונגע
זינגענדיקע טריט.

יאַם-קאַנאַלן

I. סועצער קאנאל

אַלע ווייסן, אַז ס'איז בעסער צו פאָרן מיט אַ נאָענטערן, ווי מיט א ווייטערן וועג. האָבן די יאַם-פאָרער טאָמיד געזוכט דעם קורצסטן וועג פון איין לאנד אין אַ צווייטן. אזעלכע קורצע וועגן האָבן זיי געפונען אַסאַך, אָבער ניט אלעמאל לאָזט זיך פארן מיט אַזא וועג.

איין וועלט-טייל — אַזיע — איז פארייניקט מיט אן אַנדער וועלט-טייל — אַפריקע — דורך אַ שמאָלן לאַנד-פּאַס, וועלכער האָט געהייסן סועצער לאַנד-פּאַס (געפין אף דער קאַרטע).

נאָך פארצייטנס האָבן די לענדער בא די ברעגן פון מיטלענדישן יאַם טאָמיד געהאַנדלט מיט די לענדער באַ די ברעגן פון אינדישן אָקעאַן, אָבער דער סועץ-לאנדפּאַס האָט זיך, ווי אומישנע, אוועקגעשטעלט אַפן וועג פון די האַנדלס-שיפן. קעדיי אַריבער צו פאַקן זיך פון מיטלענדישן יאַם אין אינדישן אקעאַן האָט מען געמוזט אַרומפאָרן גאנץ אַפריקע, אָדער פאָרן מיט דער יאַבאָשע איבערן לאַנדפּאַס — דאָס הייסט, אויסלאָדן און אָנלאָדן צוריק די סכוירעס, וואָס ס'איז, נאַטירלעך, פארבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן (באטראַכט אף דער קאַרטע דעם וועג).

אין XIX יאָרהונדערט האָט זיך דער האַנדל צווישן אייראָפּע און אַזיע שטאַרק פארגרעסערט, און דעמאָלט האָט מען זיך גענומען צו דעם סועץ-לאַנדפּאַס, וואָס וואָלט געקאָנט עפענען א וועג פאר שיפן פון אייראָפּע דירעקט קיין דאָרעם-אַזיע. דאָס האָט זיך אָבער ניט געלאָזט אזוי גלייך אויספירן. דער סועץ-לאַנדפּאַס האָט געהערט צו מיצראַים, און דער דאָרטיקער סולטאַן האט ניט דערלויבט צו גראָבן אַ קאַנאַל אף זיין ערד.

צולעצט האָט דער פראַנצויזישער אינזשענער לעסעפּס דאָך אַרויסבאַקומען א דערלויבעניש פון סולטאַן. מע האָט אים דערלויבט צו גרינדן אַ געזעלשאפט, וועלכע זאָל געבן די נויטיקע געלט-מיטלען, און אויסצופאָרשן געגנטן, וואו דער קאַנאַל האָט געזאָלט געגראָבן ווערן. פיר יאָר נאָכאנאַנד האָט לעסעפּס פאַרבראַכט אין אַ טרוקענעם מידבער און האָט אלץ געזוכט מער פאַסיקע ערטער פאַרן קאַנאַל.

צולעצט האָט ער באשטימט דאָס אָרט.

די לענג פון קאַנאַל האָט געזאָלט זיין 160 קילאָמעטער, די ברייט 98 מעטער און די טיף 8,5 מעטער. דאָרט, וואו דער קאַנאַל האָט זיך אָנגעהויבן באם מיטלענדישן יאַם, האָט מען געמוזט אויסבויען אַ נייעם פּאָרט, וועלכער איז אנגערופן געוואָרן פּאָרט-סאַאיד. דער צווייטער עק פון קאַנאַל האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיקן פּאָרט סועץ, וועלכן מע האָט גענדאַרפט ברענגען אין אָרדענונג. נאָך איין סטאַנציע האָט מען געזאָלט בויען באם קאַנאַל גופע (געפין די פּאָרטן אף דער קאַרטע).

דעם 26-טן אווגוסט 1859 האָט לעסעפּס געגעבן דעם ערשטן קלאַפּ

מיט דער לאָפּעטע אף יענעם אָרט, וואו ס׳גפינט זיך איצט דאָס שטעטל פּאָרט-סאַאיד. דאס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט: מע האָט געדאַרפט גראָבן און גראָבן אין דעמדאָזיקן מידבער אזוי, אז זיין איבערפלאַך זאָל זיין נידעריקער ווי די איבערפלאַך פון יאַם, און די וואַסערן זאָלן קאָנען אריינגיין אין קאַנאַל.

ארבעטער פון אייראָפּע וואָלטן זיכער ניט געקאָנט פאַרטראָגן אַזא שווערע אַרבעט אין אַזאַ אומגעווינלעכן הייסן קלימאַט. האָט דער עגיפּטישער סולטאַן, לויטן אָפּמאַך מיט לעסעפּסן, געשיקט ארבעטער פון מיצראַים, וועלכע האָבן אָפּגעצאלט זייערע שטייערן דורך אַרבעט.

דידאָזיקע אַרבעטער, וועלכע זיינען באשטאַנען פון מיצראַים-פּויערים, אדער פעלאכן, זיינען געוואוינט געווען צום הייסן קלימאט און צו דער שווערער אַרבעט, אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט אַרבעטן מיט די אייראָפּעאישע געצייג און מאשינעס. זיי האָבן פּאָשעט געגראָבן די ערד מיט זייערע אַלט-פרענקישע לאָפּעטעס, און די אויסגעגראָבענע ערד האָבן זיי אוועקגעטראָגן אף די פּלייצעס אין קארבן.

די פעלאכן האָבן יעדן כוידעש איבערגעוואָרפן מיט זייערע לאָפּעטעס 6,5 מיליאָן קובישע מעטער ערד. אַזוי אז די אַרבעט איז צוגעגאנגען זייער געשווינד. קעדיי צו פאַרזאָרגן די אַרבעטער מיט טרינק-וואַסער, האָט מען צוגעפירט וואַסער פון ניל דורך אַ קאַנאַל און רערן. דערווייל איז אויסגעשטאנען אַ נייער מיילען אין מיצראַים, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן אַרבעטער פון מיצראַים. האָט לעסעפּס געמוזט אראָפּברענגען מאשינעס, וועלכע זאלן פאַרבייטן די פעלאכן. איין מאשין האט געשעפּט ערד און אריינגעווארפן אין קאסטנס און אן אַנדערע האָט אויפגעהויבן די קאסטנס צו די ברעגן פון קאנאַל.

נאָך צען יאָר אַרבעט האָט מען דעם 15 אווגוסט 1869 יאָר געעפנט דעם קאַנאַל און אַריינגעלאָזט אין אים דאָס וואַסער פון יאַם. אַזוי אַרום זיינען פאַרייניקט געוואָרן צוויי יאַמים — דער מיטלענדישער מיטן רויטן, און צוויי ערדטיילן — אַזיע און אַפריקע — זיינען צעטיילט געוואָרן.

אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען שיפן פון אלע עקן וועלט זיך צונויפגעקומען באַם סועץ-קאנאַל און געפייערט די עפענונג פון דער שיפערייאיבערן קאַנאַל. דער סועץ-קאַנאַל איז איינע פון די וויכטיקסטע סטאנציעס אַפן וועג פון אייראָפּע קיין אינדיע און ער געהערט צו ענגלאנד, וואָס געוועלטיקט איבער אינדיע. אדאַנק דעם סועץ-קאַנאַל, גייען איצט די שיפן פון אייראָפּע קיין אינדיע מיט 20—30 טעג גיכער ווי פריער.

1) ווייזט אָן אף דער קארטע דעם וועג פון אונזערן א האפן קיין אינדיע דורכן סועץ-קאנאל.

2) ווייזט אן דעמזעלבן וועג, איידער מע האט דורכגעגראבן דעם קאנאל.

II. פאנאמע-קאנאל

אמעריקע צעשיידט די גרעסטע צוויי אָקעאַנען: דעם שטילן און דעם אַטלאַנטישן. אַמעריקע אליין באַשטייט אויך פון צוויי העלפטן: פון צאָפן-און דאָרעם-אַמעריקע, וועלכע זיינען פאַרייניקט דורך אַ שמאָלן לאַנדפּאַס— פּאַנאַמער לאַנדפּאַס. אויב מע זאָל דורכגראָבן דעמדאָזיקן שמאָלן לאַנדפּאַס— וואָלטן די שיפן געקאַנט גיין דירעקט פון אַטלאַנטישן אין שטילן אָקעאַן און מע וואָלט דורך דעם געוואונען פיל צייט און געלט.

באַלד ווי אַמעריקע איז אַנטדעקט געוואָרן, האָט מען שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אַזוי דורכצוגראָבן דעם פּאַנאַמער לאַנדפּאַס.

אָבער אין יענע צייטן האָט מען נאָך אַפילע ניט געקאָנט אויספאָרשן די געגנט ווי געהעריק.

ערשט אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז אַנטשטאַנען אַ קאָמפּאַניע קאַפּיטאַליסטן מיט לעסעפּס, דעם בויער פון סועץ-קאַנאַל, בעראָש, און אין יאָר 1880 האָט זיך אָנגעהויבן די ארבעט דורכצוגראָבן דעם פּאַנאַמער לאנדפאס. בויען דעם פּאַנאַמער קאַנאל איז געווען נאָך שווערער, ווי דעם סועץ-קאַנאַל, מאכמעס די געגנט איז געווען אַן אומגעזונטע, און די אַרבעטער האָבן שטאַרק געליטן פון פאַרשיידענע קראַנקייטן

אין אייניקע יאָר אַרום איז די אַרבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין דער קאָמפּאַניע האָט מען געמאַכט גרויסע גנייווע און ס׳האָט אויסגעפעלט געלט צו פאַרענדיקן די אַרבעט.

אין אַ צייט ארום איז די ארבעט דאָך באַנייט געוואָרן, אבער שוין ניט דורך די פראַנצויזן, נאָר דורך א נייער אַמעריקאַנישער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט אריינגענומען די זאַך אין אירע הענט.

די אַמעריקאַנער האָבן באַנוצט די בעסטע מאַשינעס צו דער אַרבעט, און די ארבעט האָט זיך זייער שנעל גערוקט פאָרויס.

אין יאָר 1913, בעשאַס דער קאַנאַל איז שוין געווען אינגאַנצן דורכגעגראָבן, און די וואַסערן פון ביידע אָקעאַנען זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ שטיינערנער דאַמבע, האָט דער פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן, זיצנדיק אין וואַשינגטאָן, אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל און דורך דער קראַפט פון דעם עלעקטרישן שטראָם, וואָס האָט זיך געטראָגן אַף אַ מעהאַלעך פון 4.300 קילאָמעטער, האָט ער אָנגעצונדן דעם דינאַמיט, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער דאַמבע. די שטיינערנע וואַנט איז דורכגעריסן געוואָרן, און די וואַסערן פון ביידע אָקעאַנען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן. איצט גייען איבערן פּאַנאַמע-קאַנאַל די גרעסטע שיפן און שפּאָרן זיך איין אַ וועג פון טויזנטער מיילן.

אונטערוואסער־טעלעגראף (קאַבעל)

אז מע האָט זיך איבערצייגט אין די גרויסע מאַלעס פון עלעקטרישן טעלעגראף, האָט מען געוואָלט דורכפירן אַזא טעלעגראף צווישן פראנקרייך און ענגלאנד, וועלכע זיינען אָפּגעטיילט דורכן יאַם-דורכגאנג לאַ-מאַנש. אַזוי ווי פירן דעם דראָט איבערן יאַם איז געווען אומעגלעך, האָט מען אים גע- פּראוווט לייגן אונטערן וואַסער. די ערשטע פּראָבע האָט זיך ניט איינגעגעבן. אָבער אין א יאָר אַרום האָט מען ווידעראמאָל געמאכט אַ פּראָבע אריינצו- לייגן אף א טיפקייט פון 28 קלאפטער אַ גומען רערל מיט א מעשענעם דראָט אינעווייניק, דעם אזוי גערופענעם קאַבעל, וואָס באַדארף האלטן העכער 38 וויאָרסט די לענג און אַ געוויכט פון 1.200 פּוד.

דידאָזיקע פּראָבע איז געלונגען, און דער קאַבעל עקזיסטירט אדהאַיאָם.

דער אונטערוואַסער-טעלעגראף צווישן ענגלאנד און פראנקרייך האט אַרויסגעפירט אפן געדאַנק צו פאַרייניקן דורכן טעלעגראף אייראָפּע מיט אמעריקע. צוערשט איז עס אויסגעקומען מעשוגע-ווילד צו לייגן א דראָט אַפן דעק פון אָקעאן פון עטלעכע טויזנט וויאָרסט. דאן האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס זיינען צוגעטראטן צו דערדאָזיקער ריזיקער אונטערנעמונג און געפּראוווט לייגן א קאַבעל אין א פאָרם פון אן אייזערנעם שטריק. אָבער פיל מאל האָט זיך דער קאבעל צעריסן. די אונטערנעמער האָבן דאך ניט פארלוירן דעם מוט, און אין יאָר 1858 האט זיך איינגעגעבן צו לייגן א נייעם קאַבעל צווישן ענגלאנד און צאָפן-אַמעריקע. און דער טעלעגראף האָט, צו דער גרויסער פרייד פון דער גאַנצער קולטורעלער וועלט, פאַרייניקטביידע וועלט-טיילן. אין 23 טעג ארום איז אָבער דער טעלעגראף קאַליע געוואָרן און דער דעפּעשן-אויסטויש האָט אויפגעהערט. דערדאָזיקער פאל האָט די אונטערנעמער ווידעראַמאָל ניט אָפּגעשוואַכט אין זייער ארבעט און אין עט- לעכע יאָר ארום האָבן זיי אַוועקגעלייגט אַ נייעם קאַבעל, וועלכער האָט גע- וואויגן איבער א מיליאָן פּוד.

די שיף מיטן קאבעל איז אָפּגעשוואומען אין יאָר 1865 און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ס'איז אָבער ווידער געשען אן אומגליק. אַ גרויסער שטורמווינט האט איבערגעריסן דעם קאַבעל, און איין טייל איז אַראָפּגעפאלן אף אַ טיפעניש פון 3 וויאָרסט און 180 קלאַפטער. אַרויסנעמען דעם קאַבעל פון אָפּגרונט איז געווען א צו שווערע מעלאָכע. האָט מען אין יאָר 1866 ווידער געבראכט א פרישן קאבעל און איין עק פאַרלייגט אף דעם אינזל ביופאַונדלענד, אין צאָפן-טייל פון צאָפן-אמעריקע, און דעם צווייטן עק — אין אירלאַנד.

די שטרעקע צווישן ביידע פונקטן איז אַרום 5.000 וויאָרסט. דאָס מאָל האָט די אַרבעט געהאט דערפאָלג, און די טעלעגראפישע יעדיעס זיינען ארי- בערגעפלויגן פון אייראָפּע קיין אמעריקע איבערן דעק פון אָקעאן מיט אַ בליץ-שנעלקייט.

שפּעטער האָט מען מיט גרויס מי אויפגעהויבן דעם פארזונקענעם קאַ-

בעל און געמאַכט אַ צווייטע טעלעגראַף-ליניע נעבן דער ערשטער. בא הייני-טיקן טאָג איז די אַלטע מיט דער נייער וועלט פאַרייניקט דורך אַכט טעלע-גראַף-ליניעס אין פאַרשיידענע ערטער. אַזיע מיט אַמעריקע זיינען אויך פאַר-בונדן דורך אַן אונטערוואַסער-טעלעגראַף. אייראָפּע מיט אַוסטראַליע זיינען פאַרבונדן דורך פיר קאַבעלן, וואָס איינער פון זיי האַלט 17.500 וויאָרסט די לענג. אייראָפּע מיט אַפריקע זיינען פאַרייניקט דורך צוויי און מיט אַזיע — דורך פיר קאַבעלן. די לענג פון די אונטערוואַסער-קאַבעלן דערגרייכט ביז הונדערט טויזנט וויאָרסט.

אַף דער יאַפּאַנשע און אין יאַם זיינען ביז אַהער געלייגט געוואָרן אי-בער דריי מיליאָן קילאָמעטער טעלעגראַף-דראָטן. זייער צאָל אָבער פאַרגרע-סערט זיך איצט גאַנץ ווייניק, ווייל זיי האָבן באַקומען אַ געוואַלדיקע קאָנ-קורענץ אין דראָטלאָזן טעלעגראַף (ראַדיאָ).

מ. גאָרקי.

טובעל

אַ בלוי, שטיל טייכל אין אַ טיפן ראַם פון בערג, באַדעקט מיט אייביקן שניי; פון די ברעגן קוקן אין וואַסער ווייסע הייזער. ס'דוכט זיך, אַז זיי זיינען פון צוקער געבויט—און אַלץ אַרום איז ענלעך צו אַ שטילן כאָלעם פון קינד.

באַגינען. פון די בערג ציט זיך צערטלעך דער בלומען-גערוך; נאָר-וואָס איז די זון אויפגעגאַנגען, און אַף די בלעטער פון די בוימער, אַף די שטענג-לעך פון גראָז שימערט נאָך דער טוי. די גרויע סטענגע פונם וועג ליגט אין שטילן שפאַלט פון די בערג, דער וועג איז געברוקירט מיט שטיין, נאָר ער זעט אויס ווייך, ווי סאַמעט, און עפּעס גלוסט זיך אים אַ גלעט צו געבן מיט דער האַנט.

נעבן אַ הויפן געהאַקטע שטיינדלעך זיצט אַן אַרבעטער, שוואַרץ ווי אַ זשוק; אַף דער ברוסט טראָגט ער אַ מעדאַל, דאָס פּאָנים איז ערנסט, דרייסט און צערטלעך.

די בראָנזענע הענט אַף די קני, עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ, קוקט ער אין פּאָנים אַריין דעם דורכגייער, וואָס שטייט אונטערן קאַשטאַנבוים, און זאָגט אים:

— דאָס איז פאַר סימפּלאָן, סיניאָר, דאָס איז אַ מעדאַל פאַר דער אַר-בעט אין סימפּלאָנער טונעל*). און אַראָפּגעלאָזן די אויגן אַף דער ברוסט, שמייכלט ער ווייך צום שיינעם שטיקל מעטאַל.

— יעדע אַרבעט איז שווער נאָר ביז אַ צייט, ביז מע באַקומט זי ליב.

*) דער סימפּלאָנער טונעל שניידט דורך די אַלפּן-בערג, און פאַרייניקט שווייץ מיט איטאַליע. קעדיי צו פאַרגיכערן די אַרבעט, האָט מען אים איינצייטיק געגראָבן פון ביידע זייטן.

און דערנאָך מונטערט זי אויף און ווערט גרינגער. דאָך, יאָ, אָן אַרבעט געוועו!

ער האָט שטיל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, שמייכלענדיק צו דער זון; פּלוצים איז ער אויפגעמונטערט געוואָרן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, די שוואַרצע אויגן האָבן אים אויפגעפינקלט.

— ציימנגוויינז איז אַפּילע געוועזן אָן איימע*).

די ערד דאַרף דאָך אויך עפּעס פילן — ניט אזוי? בעאייס מיר זייגען אַריין אין איר טיף, דורכשניידנדיק אין באַרג אָט די וואונד — האָט די ערד אונז דאָרט אינעווייניק באַגעגנט שטרענג. זי האָט געאָטעמט אויף אונז מיט הייסן אָטעם, דערפון פלעגט דאָס האַרץ ווערן פאַרשמאַכט, דער קאָפּ שווער, און ס'האָבן ווי געטאָן די ביינער...

אַסאַך האָבן עס פאַרזוכט! דערנאָך פלעגט זי אַראָפּוואַרפן אויף די מענטשן שטיינער, אָפּגיסן אונז מיט זודיק וואַסער. יאָ... מורידיק געוועזן! וואָרום אָפּטמאָל, פאַרן פייער, פלעגט דאָס וואַסער ווערן רויט, און דער פאָטער מיינער פלעגט זאָגן: „פאַרוואונדעט האָבן מיר די ערד, און דער־טרינקען וועט זי אונז, פאַרברענען אַלעמען מיט איר בלוט, וועסט זעען!" אוודאי איז עס אַ פאַנטאַזיע, נאָר אַז דו הערסט אַזעלכע ווערטער טיף אין דער ערד, אין טייכטן שטיקנדיקן פינסטער, וואו דאָס וואַסער פאַלט מיט אַ כליופּען, און אייזן קריצט אָן שטיין, פאַרגעסטו אביסל אָן פאַנטאַזיעס. און דאָרטן איז אַלץ געוועזן פאַנטאַסטיש, טייערער סיניאָר**): מיר, מענטשן, אזעל־כע קליינינקע — און ער, אָט דער באַרג ביזן הימל, דער באַרג, וועלכן מיר האָבן דעם בויך געבויערט.

דאָס דאַרף מען זעען, קעדיי צו מאַסיגאַ***) זיין. מע דאַרף זעען דעם שוואַרצן שלונג, וואָס מיר האָבן דורכגעשניטן, די קליינע מענטשעלעך, וואָס גייען אין אים אריין באַגינען, באַם זון־אויפגיין, און זי קוקט, די זון, טרויער־ריק נאָך די, וואָס גייען פון איר אוועק אין טיפעניש פון דער ערד... מע דאַרף זעען אונזערע מאַשינעס און די כווישעכדיקע מאַרע פּונעם באַרג... און הערן דעם פינסטערן געהילך טיף אין באַרג און די אויפרייסן, נאָר ווי אַ גע־לעכטער פון אַ מעשוגענעם.

ער האָט באַקוקט זיינע הענט, פאַריכט דעם זשעטאָן אויף דער בלויער קורטקע און האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן.

— דער מענטש קאָן אַרבעטן! — האָט ער ווייטער גערעדט מיט אַן אָפענעם שטאָלץ.

— אָ, סיניאָר, דאָס קליינע מענטשעלע, וויל ער נאָר אַרבעטן, איז ער אַ קויעך, ניט צו באַזיגן. און גלויבט: סאָפקאָלסאָף וועט דאָס קליינע מענ־טשעלע אָפּטאָן אַלץ, וואָס ער וויל. מיין פאָטער האָט פון אָנהויב אָן אין דעם ניט געגלויבט.

---

*) אַ שרעק **) הער.

***) פאַרשטיין.

„אדורכשניידן דעם בארג אף דורך און דורך פון איין לאנד אין צווייטן, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז קענן גאָט, וועלכער האָט די ערד צעטיילט מיט וועגט פון בערג—איר וועט זעען, גאָט וועט זיין ניט מיט אונז!״— ער האָט א טאָעס געהאט, דער אלטער. שפעטער האָט דער פּאָטער אויך אָנגעהויבן טראכטן קימאט אָט אזוי, ווי איך זאָג אייך, ווייל ער האָט זיך דערפילט העכער, שטאַרקער פאַרן באַרג; נאָר ס׳איז געווען אַ צייט, ווען אין אַ יאָנטעוו, זיצנדיק באַם טיש פאַר אַ פלאַש וויין, פלעגט ער טאָיגען צו מיר און צו אַנדערע:

— גאָטס קינדער,—דאָס איז געווען זיין באַליבט ווערטל, ווייל ער איז געווען אַ גוטער און אַ גאָטספאָרכטיקער מענטש,— גאָטס קינדער, אזוי טאָר מען זיך מיט דער ערד ניט באַגיין; זי וועט זיך נויקעם זיין פאַר אירע וואונדן און זי וועט בלייבן אומבאַזיגט! אָט וועט איר זעען: מיר וועלן דורכבויערן דעם באַרג ביזן האַרצן, און אז מיר וועלן זיך אָן האַרצן אָנרירן, וועט עס אונז פאַרברענען, וועט עס אַף אונז וואַרפן מיט פייער, ווייל דאָס האַרץ פון דער ערד—איז אַ פייערדיקס. דאָס וויסן אַלע! באַאַרבעטן די ערד—דאָס יאָ; העלפן איר געבוירן—דאָס איז אונז געבאָטן; מיר אָבער צעשעדיקן איר פּאָנים, איר געשטאַלט. זעט נאָר: וואָס ווייטער מיר רייסן זיך אַריין אין באַרג, אַלץ היציקער איז די לופט, און ס׳איז שווערער צו אָטעמען.

דער מענטש האָט זיך שטילינקערהייט צעלאַכט, קרייזלענדיק די וואָנצעס מיט די פינגער פון ביידע הענט.

— ניט ער איינער האָט אזוי געטראַכט; און ס׳איז געווען עמעס — וואָס ווייטער, איז אין טונעל געוואָרן אַלץ הייסער, אַלץ מער מענטשן האָבן געקרענקט און זיינען געפאַלן אין דער ערד. און אַלץ שטאַרקער האָבן געפלאָסן הייסע קוואלן, ס׳האָט זיך געשאָטן די האַרטע שטיין-ערד, און צוויי אונזעריקע, פון לאגאנאָ, זיינען אַראָפּ פון זינען. און באנאכט אין קאזארמע בא אונז פלעגן אַסאַך ריידן פון הייך, קרעכצן און אויפשפרינגען פון די בעטן אין איימע...

— בין איך ניט גערעכט? — פלעגט זאָגן דער פאָטער מיט שרעק אין די אויגן, הוסטנדיק אַלץ אָפטער און פאַרשטיקטער... יאָ... בין איך ניט גערעכט? — פלעגט ער זאָגן. — דאָס קאָן מען ניט גוויוער זיין! ס׳איז די ערד!

און לעסאָף—האָט ער זיך אַוועקגעלייגט, שוין קיינמאָל ניט אויפצושטיין. ער איז געווען אַ שטאַרקער, מיין אַלטער. מער ווי דריי וואָכן האָט ער זיך געראַנגלט מיטן מאַלכאַמאָוועס און אזוי איינגעשפּאַרט זיך ניט געקלאָגט, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט זיין ווערט.

— מיין ארבעט איז געענדיקט, פּאאָלאָ, — האָט ער מיר איינמאָל באנאכט געזאָגט. — שאַנעווע זיך און קער זיך אום אַהיים. זאָל גאָט זיין מיט דיינע טריט.

דערנאָך האָט ער לאַנג געשוויגן, פאַרמאכט די אויגן.

דער מענטש האָט זיך אַוועקגעשטעלט, האָט באַקוקט די בערג און גע

טאָן זיך אַ צי אויס מיט אַזאַ קויעך, אַז ס'האָט געגעבן אַ קנאַק. ער האָט מיך פאַר דער האַנט גענומען, צוגעצויגן צו זיך און געזאָגט:

— ס'איז אַ הייליקער עמעס, סיניאָר!

דער מענטש האָט ליכטיק אַ שמייכל געטאָן.

— דו ווייסט, פּאַאָלאָ מיין זון — האט ער געזאָגט, — איך מיין פונדעסט-וועגן, אז דאָס וועט אויסגעפירט ווערן: מיר און די, וואס גייען פון דער צווייטער זייט, וועלן געפינען איינע די אנדערע אין באַרג. מיר וועלן זיך באַ-געגענען — דו גלויבסט אין דעם?

— כ'גלויב.

— גוט, זון מיינער! אזוי דארף זיין! אַלץ דאַרף מען טאָן מיט גלויבן אין אַ גליקלעכן סאָף. איך בעט דיך, זון, אויב דאָס וועט געשעען, אויב די מענטשן וועלן זיך צונויפגיין — קום צו מיר אַפן קייווער און זאָג: טאַטע, פּאַרטיק! איך זאָל וויסן!

דאָס איז געווען שיין, טייערער סיניאָר, און איך האָב אים צוגעזאָגט. ער איז געשטאָרבן אין פינף טעג ארום נאָך די ווערטער, און צוויי טעג פאַר זיין טויט האָט ער געבעטן מיך און אנדערע, מע זאָל אים באהאלטן דאָרטן, אַף דעם אָרט, וואו ער האָט געארבעט אין טונעל. ער האָט זייער געבעטן, נאָר דאָס האָט ער שוין גערעדט פון היץ, מיין איך...

מיר און די, וואָס זיינען געגאַנגען פון יענער זייט, האָבן זיך באַגעגנט אין דרייצן וואָכן אַרום נאָכן פאָטערס טויט.

דאָס איז געווען אַ מעשוגענער טאָג, סיניאָר! אָ, אַז מיר האָבן דער-הערט דאָרטן, אונטער דער ערד, אינם כוישעך, אַ טומל פון דער צווייטער זייט, אַ גערויש פון מענטשן, וועלכע גייען אונז אַנטקעגן אונטער דער ערד, וועלכע וואָלט געקאָנט, ווען זי זאָל נאָר קאָנען, צעקוועטשן אונז, קליינינקע, אַלע מיטאַמאָל!

פיל טעג האָבן מיר געהערט אָט די קלאַנגען, אַזעלכע הילכיקע. מיט יעדן טאָג זיינען זיי געוואָרן פאַרשטענדלעכער, דייטלעכער, און אונז פלעגט אַרומכאַפּן אַזאַ ווילדע פרייד פון זיגער. מיר האָבן געאַרבעט, ווי שיידים, ווי די רוכעס, ניט פילנדיק קיין מידקייט, ניט פאָדערנדיק קיין אָנווייזונג. דאָס איז געווען אזוי גוט, ווי אַ טאַנץ אין אַ זוניקן טאָג, ערן וואָרט; און אלע זיינען מיר געוואָרן מילד און גוט, ווי נאָר קינדער קאָנען זיין. אָך, ווען איר וואָלט וויסן, ווי שטאַרק, ווי אומגעהויער איז דער באַגער צו באַגעגענען אַ מענטשן אין דער פינסטער, אונטער דער ערד, וואו דו האָסט, ווי אַ מויל-וואָרף, זיך אריינגעגראָבן לאַנגע כאָדאָשים! — ער האָט זיך איינגאַנצן אָנגעצונדן, צוגעגאַנגען האַרט צום צוהערער און, אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן אַריין מיט זיינע טיפע מענטשלעכע אויגן, האָט ער שטיל און פריידיק ווייטער גערעדט:

און ווען ס'איז ענדלעך איינגעפאלן דער לעצטער שיכט פון דער באַרג-מאַסע, און אין לאָך האָט אַ שיין געטאָן אַ רויטער פייער און עמיצנס אַ

שווארץ פּאָנים, באַגאָסן מיט שווייס און טרערן פון פרייד, און נאָך פייערן, און נאָך פּענימער, און ס'האָבן אַ דונער געטאָן געשרייען פון ניצאָכן, פרייד-געשרייען—אָ, דאָס איז דער בעסטער טאָג אין מיין לעבן, און אַז איך דערמאָן זיך אָן אים, פיל איך—גיין, ניט אומזיסט האָב איך געלעבט!

ס'איז געווען אַן ארבעט, מיינע אַן אַרבעט, אַ הייליקע אַרבעט, זאָג איך אייך, סיניאָר, יאָ! און אַז מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אונטער דער ערד אויפן זון, האָבן אסאך זיך געלייגט אויף דער ערד מיטן ברוסט, זיך געקושט און געוויינט—און דאָס איז געווען אזוי שיין, ווי אַ מאַיסע איז שיין.

יאָ, מע האָט געקושט דעם באַזיגטן באַרג, געקושט די ערד — אין יענעם טאָג איז זי מיר באַזונדערס נאָענט און צום האַרצן געוואָרן, סיניאָר, און ליב געקראָגן האָב איך זי, ווי אַ מאַמע.

אַוואַדע בין איך צום פאָטער געגאַנגען, אָ יאָ! אוואדע... כאָטש איך ווייס, אַז טויטע קאָנען גאָרניט הערן. נאָר איך בין געגאַנגען: מע דאַרף טייער האַלטן דעם ווילן פון די, וואָס האָבן פאַר אונז געהאָרעוועט און האָבן ניט ווייניקער ווי מיר געליטן—ניט אזוי?

איך בין אוועק צו אים אויפן קייווער, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס אָן דער ערד און געזאָגט, ווי ער האָט עס פאַרלאַנגט:

— טאַטע, אָפּגעטאָן! די מענטשן האָבן געזיגט!

אַביסל אַסטראָנאָמיע

די ערד איז אַ קויל. געלערנטע האָבן אפילע אויסגערעכנט, ווי גרויס דער קויל איז. די לענג אַרום עקוואַטאָר איז ביז 40.000 קילאָמעטר. ווען מיר זאָלן פאָרן אַרום דער ערד אין אַ באַן צו 40 קילאָמעטר אַ שאָ, וואָלטן מיר זי אַרומגעפאָרן אין 42 מעטלעס. ס'איז שווער אפילע זיך פאָר-צושטעלן, ווי גרויס איז דער קויל. ווען מיר זאָלן זיך מעשאער זיין, אַז מיר האָבן אַזאַ שפּיז, מיט וועלכן מיר קאָנען דורכשטעכן די ערד, וואָלט ער באַ-דאַרפט זיין 12.750 קילאָמעטר די לענג.

איצט באַטראַכט זיך, פאַרוואָס באַמערקן מיר ניט, אַז די ערד איז קיי-לעכדיק. אַז איר שטייט אויף אַ גלייך אָרט, זעט איר ניט אויף קיין ווייטער שטרעקע: אייער ריע דערגרייכט נאָר ביזן האָריזאָנט. ווען איר שטייגט אַרויף אויף אַ הויכן ביניען, פאַרברייטערט זיך שוין דער האָריזאָנט אויף 30—40 קי-לאָמעטר. ווען מע הויבט זיך אויף אויף אַן אַעראָפּלאַן אויף אַ 85—100 מעטער, פאַרברייטערט זיך שויך דער האָריזאָנט אויף 150 קיל. איר זעט אויף די 150 קילאָמעטער וועלדער, דערפער, וועלכע איר האָט פריער ניט אָנגעזעען. וואָס האָט זיי פאַרשטעלט? די שיפּועדיקייט פון דעם ערד-קויל.

טאָג און נאַכט. אַלעמאָל, ווען די זון גייט אויף, באַמערקן מיר, ווי זי ווייזט זיך פון הינטערן האָריזאָנט אין מיזרעך-זייט און הויבט זיך אויף אַלץ העכער און העכער. באַטאָג-צו שטייט זי קימאַט איבער אונזערע קעפּ,

און נאָכדעם הויבט זי זיך אָן אַראָפּלאָזן אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו מאירעוו-זייט, ביז זי פאַרגייט אונטערן מאירעוו-האָריזאָנט. אַסאַך הונדערטער יאָרן האָבן מענטשן געגלויבט, אז די ערד שטייט אף אָן אָרט, און די זון דרייט זיך אַרום איר. מע האָט אַפילו געזאָגט, אַז די זון גייט אף באַנאַכט שלאָפן.

בא די מער פאַרשטאַנדיקע מענטשן איז ארויסגעשוואומען די פראַגע, וואוהין קומט אַהין די זון אף באַנאַכט? ווי אזוי פאַרגייט זי אין מאירעוו-זייט און באַווייזט זיך צוריק אין מיזרעך?

מע האָט באַמערקט אזא מין דערשיינונג: ווען מיר פאָרן אין אַ לאָדקע. אַף אַ שיף, אָדער אין אַ וואַגן ווייזט זיך אונז אויס, אז די זאַכן, וואָס מיר באַגעגענען: בוימער, הייזער, לויפן אף צוריק. ציַ קומט ניט פאָר דאָסזעלבע מיט דער ערד און מיט דער זון? עפשער באַוועגט זיך גאָר די ערד אַרום דער זון און ניט פאַרקערט?



נאָך צוריק מיט אַ יאָר 400 האָט דער געלערנטער קאָפּערניק דערוויזן, אַז די ערד דרייט זיך אַרום זיך מיט אַלעמען, וואָס געפינט זיך אַף איר, נאָר אונז ווייזט זיך אויס, אז די זון דרייט זיך.

די שטראַלן פון דער זון באַלייכטן נאָכאַנאַנד איין העלפט ערד, און די אַנדערע איז אין שאָטן. בעשאַסן באַוועגן זיך, רוקט זיך איבער דער באַלויכטענער טייל פון מיזרעך אף מאירעוו. אין דעם מאָמענט, ווען דער טייל פון דעם ערד-קויל, וואו ס'געפינט זיך אונזער אָרט, דרייט זיך אויס צו דער זון, און ס'הויבן אָן אַף אים פאַלן די זון-שטראַלן, זאָגן מיר, אז ס'איז געוואָרן טאָג. נאָר די ערד באַוועגט זיך אַלץ ווייטער, אונזער אָרט דרייט זיך אַלץ מערער אויס קעגן דער זון, ביז עס געפינט זיך פונקט אין דער מיט פון דעם באַלויכטענעם ערד-טייל—דעמאָלט איז באַטאָג. די ערד באַוועגט זיך אַלץ ווייטער און אונזער אָרט רוקט זיך אָפּ אלץ ווייטער פון דער זון, ביז עס קומט אין דעם טייל, וואָס די שטראַלן פון דער זון קומען ניט צו—זאָגט מען: ס'איז נאָכט געוואָרן. ביז די זון דרייט זיך איינמאָל איבער, געדויערט 24 שאָ. דאָס רופט זיך מעסלעס.

פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער

פון אייערע באַאָבאַכטונגען האט איר געקאָנט באַמערקן, ווי אזוי ס'וואַרימען די שטראַלן, ווען זיי גייען ווערטיקאַל, און ווי אזוי זיי וואַרימען, ווען זיי גייען מעשופּעדיק.

דאָס קאָן מען זעען אין מעשעך פון יעדן טאָג און אין פאַרשיידענע צייטן פונם יאָר. פאַרוואָס בייט זיך דער ווינקל פון די זונען-שטראַלן אין מעשעך פונם טאָג, ווייסט איר שוין פונם פריערדיקן אַרטיקל. דאָס בייטן זיך פון דעם ווינקל פון די שטראַלן אין די צייטן פון יאָר נעמט זיך דערפון, וואָס די ערד דרייט זיך ניט נאָר ארום זיך, נאָר אויך ארום דער זון. דאָס געדויערט אביסעלע מער ווי 365 טעג. דאָס הייסט אַ יאָר. באם דרייען זיך איז דער ערד-קויל אַביסעלע אָפּגענויגט אַף אַ זייט. דעריבער פאַלן ניט די שטראַלן טאָמיד אונטער איין ווינקל: אין אַ געוויסער צייט שטייט די ערד קעגן דער זון אין אזא לאגע, אז די שטראַלן פאַלן אַף אַ טייל פון ערד-קוגל ווערטיקאַלער און ווארימען דעריבער שטאַרקער—דאַן איז זומער. באַוועגנדיק זיך אַלץ ווייטער ארום דער זון, קומט דער אייגענער טייל אין אזא לאגע, אז די שטראַלן פאַלן מער מעשופּעדיק און ווארימען ווייניקער — דאַן איז דאָרט ווינטער. דער 22 יוני איז דער לענגסטער טאָג, די זון שטייט דעמאָלט באַ אונז העכער, ווי טאָמיד. נאָכדעם הויבט אָן די זון צו גיין אַלץ נידעריקער און נידעריקער, די טעג ווערן קירצער. ס'ווערט האַרבסט, נאָכדעם ווינטער. דער 22 דעקאַבער איז דער סאַמע קירצסטער טאָג, די זון שטייט נידעריקער ווי טאָמיד. נאָכדעם הויבט אָן די זון צו גיין אַלץ העכער, די טעג ווערן לענגער, ס'ווערט פרילינג און נאָכדעם זומער. דערפאַר הייסן די צוויי טעג זון-אומווענד. דעם 23 סעפּטיאַבער און דעם 23 אַפּרעל איז דער טאָג מיט דער נאַכט גלייך. דערפאַר הייסן די טעג טאָג-גלייך. אזוי דרייט זיך טאָמיד די זון ארום דער ערד און טאָמיד בייטן זיך די צייטן פון יאָר.



געאָגראַפישע אויפגאַבן

1) לייענט דורך און באַאַרבעט די מאַטעריאַלן פון אייערע באַאָבאַכטונגען איבער דער זון. מאַכט פון די באַאָבאַכטונגען אַזעלכע אויספירן:

אונטער וואָסער ווינקל איז געווען די זון באַטאָג אין פאַרשיידענע צייטן פון יאָר?

וואָסערן טייל האָריזאָנט גייט די זון ארום אין פאַרשיידענע צייטן פון יאָר?

וואַסערע ווירקונג האָט די הויך פון דער זון אף דער טעמפעראַטור און אף דער לענג פונם טאָג?

אין וועלכע טעג הויבן זיך אָן די פיר צייטן פון יאָר? (דערמאָנט זיך די טעג פון זון-אומווענד און טאג=גלייך).

2) לייענט איבער אין איוואַנאָווס געאָגראַפיע וועגן מאגעלאנס רייזע.

3) באטראכט דעם גלאָבוס און מאָלט אים אָפּ (איין זייט, דערנאָך די צווייטע זייט).

4) באטראכט די קאַרטע פון האַלב=קיילעכן און דערקלערט, פאַרוואָס הייסט זי אזוי.

5) באטראכט אף דער קאַרטע דאָס וואַסער און די יאַבאָשע. וויפל טיילן יאַבאָשע זעט איר? (זיי רופן זיך קאָנטינענטן).

6) די גרויס פון די וועלט=טיילן און פון די אָקעאַנען

	שעטעך		באפעלקערונג
אַזיע	43.865.000	קוו. קיל.	1.027.000.000
אַמעריקע	42.631.000	„ „	223.000.000
אַפריקע	30.312.000	„ „	136.000.000
אייראָפּע	10.032.000	„ „	471.000.000
אווסטראליע	8.973.000	„ „	10.000.000
דער גרויסער אָקעאַן	180	מיליאָן קוו. קיל.	
דער אַטלאַנטישער אָקעאַן	106	„ „ „	
אינדישער אָקעאַן	75	„ „ „	

מאַכט אַ דיאגראם דערפון.

7) מאכט אף דער קארטע רייזעס פון איין וועלט-טייל אין אנדערן: נעבן וואַסערע לענדער וועט איר דורכפאָרן? דורך וואַסערע יאַמים, קאַנאַלן, דורכגוסן? אין וועלכע האַפנס וועט איר זיך אָפּשטעלן?

8) לייענט איבער אין קאמענעצקיס ביכל: „די ערד — אַ ווערק-שטוב פאַרן מענטשן" (2=טער טייל) דעם אַרטיקל: „איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן".

9) קוקט אף דער קארטע, וועלכע לענדער גרעניצן מיט פ. ס. ס. ר.: פון מאירעוו-זייט, פון מיזרעך-זייט, פון דאָרעם-זייט.

10) דערוויסט זיך פון די צייטונגען, מיט וועלכע לענדער פירט אונזער לאַנד האַנדל. ווייזט אָן, אף וועלכע וועגן.

11) ווייזט אָן אף דער קארטע די גרעסטע מעלוכעס אין אייראָפּע, אין אַמעריקע, אין אַזיע.

12) שעטעך און באפעלקערונג פון די גרעסטע מעלוכעס

	שעטעך	באפעלקערונג
ענגלאנד (מיט די קאָלאָניעס)	34,8 מיל. קוו. קיל.	450 מיל.
פ. ס. ס. ר.	21,2 „ „ „	134 „
כינע (קיטאַי)	8,4 „ „ „	438 „
פאַראייניקטע שטאַטן	9,4 „ „ „	121 „
דייטשלאנד	0,47 „ „ „	60 „
ענגלאַנד (אָן די קאָלאָניעס)	0,2 „ „ „	44 „

מאכט דערפון דיאגראמען.

אינהאַלט

א. אונזער קאַנט.

1. א שטילע פרייד—י. שווארץ 3
2. אין דאָרף—ש. אַש 3
3. גוטע ערד—פּ. ראמאַנאָוו 5
4. לאַנדוו. מאכשירים 8
5. לעצטע טעג—ד. האָפּשטיין 11
6. דער יארמארק—ש. אַש 12
7. די פּענקע —ריוּוקין 14
8. אויפנאַבן וועגן לאַנדווירטש.-פּראָדוקציע 14
9. האַנדל און קאָאָפּעראַציע 15
10. דאָס שטריימל—י. ל. פּערעץ 18
11. צוויי וועלטן—לויט שאָלעם-אַלייכעם . 20
12. שטאָט—ד. האָפּשטיין 32
13. שאַרפע באָרלען—א. פעפער 33
14. אויפגאַבן וועגן קולטור-ארבעט . . . 33
15. דאָס בעקער-אינגל—א. רייזין 34
16. ארבעט-שוץ 35
17. בא דאקטוירים—א. רייזין 37
18. פּראָשקעס—שאָלעם-אַלייכעם 42
19. אויפגאַבן וועגן ארבעט-שוץ 46
20. דער מענטשלעכער קערפּער (אויפגאַבן) 47

ב. דער וועג צו אָקטיאַבר.

1. פּאָפּליאשקע—ערטעל 55
2. פון אמאַליקע יאָרן—י. קאַטיק . . . 57
3. פון אַן אַלטן פּאַוויט—א. פעפער . . 62
4. ווי אַזוי האָבן די פּויערים געקעמפט
פאַר א בעסער לעבן 64
5. דער מאַניפעסט—י. קאַטיק 67
6. א פּאַרוואַגלטער געווּרס—א. גורסקי . 69
7. פּיניע—אי. כאַריק 76
8. יוינע דער בעקער—שאָלעם-אַלייכעם . 78
9. מאַשינעס—שאָלעם-אַלייכעם 80
10. הירש לעקערט—עסטער 83
11. צום 9-טן יאַנוואַר—א. פעפער 86
12. די וואַנט—א. רייזין 87
13. פאָטער און זון—ש. אַנ—סקי 87
14. ארעסט פון ראַט—ד. סווערטשקאָוו . 95
15. אפן זאַוואַד 97
16. לענין 99
17. איליאיטש—א. פעפער 109
18. פעווראַל—אקונעוו 110
19. אין דאָרף—א. נעווערא‎וו 112
20. בענדריק—ד. וואָלקשטיין 115
21. באַם דניעפּר—פיינבערג 118
22. בערל בעקער—ש. ראַסין (קאָלעקטיווע
דעקלאַמאַציע 120
23. האַנט צו האַנט—א. פעפער 124
24. דער יונגער מאַשיניסט 124
25. דער רייטער מיטן פערד (קאָלעקטיווע
דעקלאַמאַציע) 128
26. פון אמאָל—י. קאַטיק 134
27. טעוויע דער מילכיקער — שאָלעם-
אַלייכעם 136
28. אויפגאַבן וועגן אידן אמאָל 141
29. * * *—ש. ראַסין 142
30. אויפגאַבן וועגן דער רעוואָלוציע . . 142

ג. פ. ס. ס. ר.

1. דער אומקער אין היימלאַנד—ב. גלאַזמאַן 144
2. אין די סטעפּעס—טשעכאָוו 149
3. אין א צוקער-פאַבריק 151
4. פון אוראל קיין דאָנבאַס—סוראַזשסקי . 155
5. אף די ברעגן פונם טייך סוויסלאַטש . 161
6. מינסק—אי. כאַריק 163
7. ווי אַזוי ווערן אויסגעטריקנט זומפּן . 165
8. אין וואַלד—י. י. זינגער 166
9. אף די פּליטן 171
10. אין וועלדער געדיכטע—אי. כאַריק . . 173
11. אידן אין ראַטנפאַרבאַנד 173

12. אידישע גליקן—שאָלעם-אַליכעם . . . 174
13. די שטאָט פון קליינע מענטשעלעך—שאָלעם-אַלייכעם 178
14. ברויט—אי. כאריק 180
15. אף די נייע ערדן 182
16. דאָס ליד פון ישואוויקעס—אי. כאריק . 185
17. נאָוואָראָסייסק—קאמענעצקי 185
18. אויפגאבן געאָגראפישע 187
19. צענטראל-אינדוסטר. ראיאָן 189
20. אין לאַנד פון די וועבער 190
21. לאָקאָמאָטיוו נומ. 100 192
22. אויפגאַבן וועגן לייענען און צייכענען קאַרטעס 194
23. אין שניי—לייוויק 195
24. ווי לעבן די סאַמאָיעדן 197
25. וואָס טוט די סאָוועטן-מאַכט פאַר די פעל-קער פון צאָפן—מ. טייטש 200
26. אויפגאבן געאָגראפישע 203
27. אין לאַנד פון די פאַסטוכער 203
28. אַישע 207
29. באוול 207
30. באוואסערט א מידבער—סאסנאוויטקי . 209
31. ראסן-מיזרעך—ראפעס 211
32. אלי-בען—א. פעפער 211
33. נאטירלעכע ראיאָנען אין פ. ס. ס. ר. . 213
34. אויפגאבן וועגן די נאט.-ראיאָנען . . . 216
35. אין לאַנד פון שווארצן גאָלד 218
36. דנעפּרבוי 223
37. פון באַלטישן אין קאספישן יאם . . . 224
38. אונזערע נאטור-רייכטימער (יונגוואלד) . 225
39. עלעקטריפיקאַציע 229
40. אויפגאבן וועגן פראָדוקציע 230
41. א לאנד א גרויס 231
42. פ.ס.ס.ר. 231
43. ווי אזוי איז געבויט די סאָוועטנמאכט . 232
44. מע קלייבט אויס א פרעזירענט—י. זעווין 235
45. אויפגאַבן וועגן סאָוועט 239

ד. פ.ס.ס.ר. און אנדערע לענדער.

1. אין ניו-יאָרק—שאָלעם-אַלייכעם . . . 240
2. אנקל מאזעס—שאָלעם אש 243
3. אַן אַרבעטער-קינד—דזשעק לאנדאָן . . 249
4. דער אמעריקאנער גאַניידן מ. קאַץ . . 255
5. אין די קוילן-שאַכטן—א. סינקלער . . 257
6. אין רורער געגנט 264
7. אפן אקעאן—ב. גלאזמאן 265
8. פאריזער קאמונע 273
9. קארל מארקס 276
10. אינטערנאַציאָנאַל 282
11. קאמסאמאלעץ—א. פעפער 283
12. יאַם-קאנאלן 284
13. אונטערוואסער-טעלעגראַף 287
14. טונעל—מ. גאָרקי 288
15. א ביסל אסטראנאמיע 292
16. אויפגאבן וועגן ערד-קיילעך 297